STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01987

VELTEN UN TSAYTN

M. Samuelsohn

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וועלטען און צייטען

ערצעהלונגען און סקיצען.

1917 — 1903.

פון מ. שמואלזאהן

מאקס נ. מייזעל
אידישער פערלאג פאר ליטעראטור און וויסענשאפט
424 גרענד סטריט, ניו יארק.

Copyright 1918,
by MAX N. MAISEL

מיין פריינד און לעהרער
ש. יאנאָווסקי אַ מתנה

אינהאַלטס פערצייכנים

I

פון דער אַלטער היים.

זייטע

יוסעל דער בעל־עגלה — — 9

אין אַ שטורעמדיגער נאַכט — 27

„ניטקע" — — — — — — — 32

אַ חנוכה אויפדערנאַכט — — 36

דאַס לעצטע פינפערעל — — 42

אַ טרויעריגער סדר — — — 48

II

פיטשערער בילדער.

זייטע

ווען פיטשערי כאַפט זיך אויף 57

אַ דיפּלאָמאַטקע — — — — 58

צוויי שעווגעריגס — — — — 61

זיין נקמה — — — — — 64

יום טוב אין חדר — — — — 65

„כתיבה" — — — — — — 67

ירוחם דער ארץ־ישראל בעל־עגלה — — — — — 71

חול־המועד פסח —— אַ פריה מאָרגען — — — — 79

חול־המועד פסח — אין בית המדרש — — — — 83

חול־המועד פסח — דער מלמדים יאַריד — — — — — 88

III

אין דער נייער היים.

זייטע

רבי ישראל'יק — — — — 95

אַ שבת — — — — — — 108

אַן אומזיסטע פרעסערען — — 112

זאָל ער פרעגען ? — — — — 115

אַרונטער געשלאָגען פון וועג 118

נאָך אַלעמען — מע ! — — 124

אברהם בער עקשן — — — 129

אַ מאַמעס בילד — — — — 132

דער אַמעריקאַנער — — — 139

עם חלומ'ט זיך איהם — — — 142

אַ גוט געשעפט — — — — 146

אַ פאַרטיי־מאַן — — — — 152

IV

פון ארבייטער לעבען.

זייטע
אַ שטאָלצער טאַטע — — — — 157
אַן אינערליכער קאַמפּף — — 164
פערלאָרען דעם קאַמפּף — — 169
איך, און ער — — — — — — — 173

זייטע
איבער אַ פענסטער — — — — 178
ר׳ יצחק משה — — — — — 184
צוויי נפשות מחיה געווען — 187
אידיאָט — — — — — — — 189

V

ליעבע און פאַמיליע.

זייטע
די הארבאַטע — — — — — 193
נקמה — — — — — — — — 212
אין צוועלף יאָהר אָרום — — 215
יונגע בעל הבית׳לעך — — 219
אַ נייע דירה — — — — 224
זי קריגט חרטה — — — — 228
מאַן און ווייב — — — — — — 233
אַ הפקר מדינה — — — — 242
דוואָרקינ׳ס זונטאגס — — 245
אין אַן אַנפאַל פון ליעבע — 248

זייטע
קאָרטען — — — — — — — 251
געפונען אַ כאַראַקטער — — 257
סוזשעטען — — — — — — — 261
„עפּאָכע מאַכענדע״ זאַכען — 265
אַ חלום — — — — — — — 270
אַ פּראָבלעמע — — — — — 275
אַ מאָדנע חשבון — — — — 279
אייפערזוכט — — — — — — 281
זיין וואַפע — — — — — — 288

VI

קינדהייט און קינדער.

זייטע
איבער אַ גע׳שמד׳טען טאַטען 299
אַ קינדערשע תפלה — — — 306
רחל׳ע — — — — — — — — 310
שלח מנות — — — — — — 315
די קליינע סוחר׳טע — — — 320

זייטע
משה׳לע און שלמה׳לע — — 327
איזי, טשאַרלי און ביל — — 334
ווילי — — — — — — — 338
זי פערשטעהט איהם ניט — — 342

I. פון דער אַלטער היים

יוסעל דער בעל עגלה.

אונטער „די סקאַלעס״, נעבען דער קצב'עשער גאַס, ניט ווייט פון די יאַטקעס, שטעהט אַ זעמליאַנקע, די גרויס ד' על ד'. ביידע זייטיגע אויסגעבויגענע ווענט, וועלכע זיינען אויסגעפּלאַכטען פון כוואַראַסט, און אָנגעטינקעוועט מיט ליים און בלאָטע, אויף איין אָרט דינער און אויף איין אָרט גרעבער — זיינען צוגעשפּאַרט צום באַרג, וועלכער דיענט פאַר דער דריטער וואַנד און האַלט צוזאַמען די געביידע זי זאָל ניט צופאַלען.

פון ביידע זייטען ווענט, גאַנץ אויבען, אונטער'ן משופע'דיגען ערדערנעם דעכעל, וואָס איז בעוואַקסען מיט גראָז, זעהען זיך צוויי פענסטערלעך, צו פיער פערשטויבטע, פערגרינטע, צובראָכענע שויבלעך, ערטערוייז פערשטעלט מיט בובולע פאַפּיער, און מיט שמאַטעס.

פון פאָרענט איז אַ טיר פון דינע צוטריקענטע ברעטלעך, די שפּאַרונעס בעשלאָגען מיט לייסטלעך און מיט „סקריטלים״ שטרוי; אין דער טיר איז דורכגעצויגען דורך אַ לעכעל אַ שטריקעל מיט אַ קנופּ פון יענער זייט, מיט דעם שטריקעל ווערט צוגעצויגען די טיר און פערבונדען אויף אַ צוואַק.

אין זעמליאַנקע איז פינסטער, קאַלט און נאַס ווי אין אַ קבר. אַ צובראָכען טישעל מיט אויסגעבויגענע צוטריקענטע ברעטער, צוויי הילצערנע שטוהלען און אַ בעטעל צונויפגעבונדען מיט שטריקלעך. — דאָס איז גאַנצע מעבעל.

אויף דעם בעטעל אָהן אַ קישעלע אונטער דער זייט, ליעגט די פרוי, אַ קימפּעטאָרין, בלאַס, מיט פערטריקענטע ליפּען, און קרעכצט. ביי דער זייט איינגעגראָבען אין איהר דאַרען קערפּער, ליעגט אַן אויסגעטריקענט קינד, אַ מיידעלע פון אַ יאָהר פינף און הוסט פון זיך אַרויס די נשמה. די קראַנקע מוטער שטרעקט אַלע ווייַלע אויס איהר דאַרע האַנד, דעקט אַרום דאָס קינד, מיט דער אַלטער צוריסענער קאָלדרע, פון וועלכער עס שלעפּען זיך נאָך

קויטיגע שטיקער וואַטע, און דאָס קינד קאָרטשעט זיך, דרעהט זיך צוזאַמען ווי אַ קנויל און הוסט ווי פון אַ לעערער פאַס....

די איבעריגע קינדער נאַקעט, באָרפיס, ליגען צוזאַמענגע־פרעסט אין אַ ווינקעל, טוליען זיך איינס צום צווייטען און וויינען עסען.

יוסעל דער בעל עגלה, דער בעל־הבית פון דער זעמליאַנקע, שפרייזט אַרום הין און צוריק. בייסט די אונטערשטע ליפּ, גייטשט דעם ברוין פערברענטען שטערען, וואַרפט אַלע מאָל אַ פערצווייפעלטען בליק אויף דער פרוי מיט די קינדער, און עס עקט זיך איהם דאָס לעבען, עס ווערט איהם ענג די זעמליאַנקע און ער קען זיך קיין אָרט ניט געפינען.

ער כאַפּט די בייטש אין דער האַנד און לאָזט זיך געהן. וואָר־הין, ווייסט ער אַליין נישט, אַבי אין שטוב ניט זיין. אַבי ניט צוזעהן די צרות.

אין דרויסען איז שוואַרץ, פערכמאַרעט. אַ קאַלטער רעגען וואָס עסט זיך איין אין די ביינער, שמייסט אין געזיכט. די בלאָטע פּייפּט דורך די לעכער פון די צוריסענע שטיוועל, זיין גאַנצער קערפּער ווערט דורכגעווייקט און ציטערט פון קעלט. ער שלעפּט זיך, און קוקט אויף אַלע זייטען טאָמער וועט ער בעמערקען אימיצען פאָר וועמען אויסצוגיסען זיין ביטער האַרץ, אָבער מען זעהט ניט קיין לעבעדיגען נפש...

אַך, יוסעל, יוסעל, — טענה'ט ער צו זיך אַליין —וואָס עס איז פון דיר געוואָרען. שוין זעקס וואָכען אז דו שלעפּסט זיך אַזוי אַרום מיט'ן בייטשעל. זעקס וואָכען...

און ער מאַכט ביי זיך אַ חשבון, קבצן'ען קבצן'ט ער שוין, נאָך אַ היבש שטיקעל צייט פריהער שוין באַלד 3 יאָהר אין דעם. זינט די אייזענבאַהן איז געוואָרען. — הלואי וואָלט איהם דער רוח געוועןן געקענט — איז פערדיענען אַ גראָשען באַלד געוואָרען מיט'ן טויט צוגלייך. נאָר אז עס האָבען נאָך געזשיפּעט די פּאָר קליאַטשעס איז נאָך געוועזן אַ האַלבע צרה. מען האָט אַמאָל אַראָבגע'גנב'עט פונ'ם טאָפּ האָבער און מען האָט געקויפט ברויט פאַר די קינדער. וואָס ווייסט אָבער אַ קליאַטשע פון חכמות? אַ מענש, איז מיט וואָס מען שטאָפּט איהם אָן, איז גם זו לטובה. דער מאָגען, זאָגט מען,

האָט קיין פענסטער נים... קליאַטשעס אָבער, אַז מען האָט זיי גע־נומען שטאָפּען מיט „שמות" האָבען זיי זיך אָבגעזאָגט פון צו שלע־פען. און אַז זיי האָבען נים געשלעפּט, איז קיין „שמות" אויך נים געווען. האָבען זיי זיך אָנגע'ברוגז'ט און האָבען גאָר אָבגע־דאַנקט...

איך וואָלט שוין אוועקגעלעגט די בושה אָן א זייט — רעכט־פערטיגט ער זיך — איך וואָלט געגאַנגען פאַר א שמייסער ביי יע־נעם, אַבי פערדיענען אויף ברויט. אָבער ווער דאַרף היינט שמיי־סערס? די שעהנע יאַזדעס, וואָס מען מאַכט היינט, אומשטיינס געזאָגט? ווייטער געמיראָוו, און ווייטער טולטשין. עס קריכען שוין פּראָסט פון גאַרגעל אַזעלכע יאַזדעס: זיך שלעפּען מיט „פּאַר־שוינען" פאַר א פערציגער. עס טראָגט אפילו נים קיין קליאַטשעס צו קאַרמענען...

— אך, גיטאָ אַמאָליגע יאָהרען! — זיפצט ער אָפּ.

— אַמאָליגע יאָהרען, איידער מען האָט אויסגעטראַכט אָט די וויסטע אייזענבאַהן, האָט זיך עפּעס געלעבט. אַמאָל, אַז יוסעל פלעגט זיך דאַרפען פערקלייבען אויף א יאַזדע קיין אדעס, פלעגט ער אַריינקריכען אין דעם גוטען צעהן־רובעלדיגען פּאָלושובאָק, אויף דעם פּאָלושובאָק א גוטע געוואַנטענע בורקע, מיט א גוטען באַש־ליק, אָנטהון זיך די צוויי הויכע שטיוועל, די גוטע שמויסענע קוטשמע און די וואַרעמע גוטע הענדטשקעס, פלעג איינשפּאַנען ביי־דע מאַרגעס אין דישעל און דעם „באַלאַנעס" אויפ'ן בראַנזשיק, פלעג זיך אוועקזעצען מיט'ן „חצי־פּאַרשויניק" אויף דער קעלניע און האָט נעגעבען א קנאַק מיט דער לאַנגער בייטש, און די „אָד־לערס" האָבען זיך צולאָזט, עך, בראַטיץ! עס האָט זיך געפיהלט אַז מען איז עפּעס...

— ווער האָט זיך געזאָרגט פאַר „פּאַרשוינען" אַמאָל? אַרויסגעפאָהרען פון שטעדטעל איז יעדע קרעטשמע געווען א סטאַנ־ציע. אויף נעמיראָווער ראַגאַטקע, נעבען דער רויטער קרעטשמע, ביי ראָזע־ביילע, די אלמנה, איז מען זיך צוזאַמענגעקומען און מען האָט געמאַכט א לחיים, פערביסען מיט א צווייטען, און מיט א דריטען. די „פּאַרשוינען" פלעגט ווערען אין האַלז טרוקען שריי־

ענדיג „יוסעל״ — און יוסעל האָט זיי געהערט ווי טרייטעל׳ס קאָטער.

אונטער א בערגיל, פלעגט יוסעל א פראווע טהאָן: אנו, רע־ביאטא, ארונטער פון דער עגלה וועלען מיר אָנהויבען פאָהרען... און דער עולם האָט געפּאָלגט. א ברירה האָט מען געהאט? ...

— עך, אמאָליגע יאָהרען — קען ער זיך ניט אָפּרייסען פון יענער צייט.

אמאָליגע יאָהרען, אז גאָט האָט געהאָלפען יוסלען עפּעס א קערמישעל, אז דאָס ווייב פלעגט געלעגען ווערען, א שטיינער, ווער האָט דאָס ניט געוואוסט? גאָט און לייט דאַכט זיך. די גאַנצע וואָך פון ברית איז יוסעל ארומגעגאַנגען זוכען גוטע ברידער אויף לחיים, א קליינינקייט, א בעלברית עפּעס! זאָל מען וויסען אז ביי יוסלען האָט זיך פערגרעסערט דאָס געזינדעל, אז יוסעל וואַקסט... היינט דאָס קריאת־שמע לייענען אין דעם טאָג פון ברית!...

— וואו זיינען גאָר איצט די גוטע ברידער? א ווערדע געהאט אמאָל צו פער׳שכור׳ען א רובעל מיט א גוטען ברודער, ווי א שפּיי... הושענא רבה ביינאַכט פלעגט מען זיך פערקלייבען צו חיים וויינ־שענקער אין אונטער־שטיבעל, הייסען ארויפברענגען א ביסעל גור־טען „ווימעראזיק״ מיט פערבייסען, און א לעב טהאָן, ביז מען איז נעקומען רופען אין שוהל׳בעל צו דער „קלפי״, אויסצוקלויבען גבאים. האָט מען אויסגעקליבען די גבאים, איז ווידער געווען אביסעל משקה...

— אבי א פּיסק מיט א גאָרגעל, א דאגה געווען מיט א ביסעל משקה אמאָל. פאַר אלע נויטען פלעגט מען זיך אריינכאַפּען צו דער ישעיה גרשונ׳קע די גביר׳טע, איז מען אויך ניט ארויס ניכ־טער. אָה, אביסעל ספּירט האָט זי געהאט די אלטע מכשפה, ניינציג גראַדאָווע! עס האָט זיך געפיהלט אין אלע רמ״ח אברים איהר ביסעל ספּירט, אָבער הארט צום שטעקען, אז דער רוח פלעגט זי צונעהמען, איידער מען פלעגט ארויסקריגען, פלעגט אָנקומען מיט גרינגע ווערים. אָבער ניט יוסלען. יוסל׳ען האָט זי שוין גע־נתן׳ט, די כאַלערע. זי האָט געציטערט א זיבען יאָהריגען קדחת פאר יוסלען. אז זי פלעגט דארפען אריבער שיקען איהרען א הונדערטער קיין אדעס, פלעגט זי ווערען כאָטש צו א מכה זי צו־

צולעגען. זי האָט געציטערט די אַלטע כלב׳טע איבער די „הראַ־שעס" אז די נשמה פלעגט זיך אין איהר טרייסלען, זיעבצעהן מאָל אַנזאָגען: יוסעל, היט דאָס געלד! יוסעל, למעה"ש, דאָס געלד! און יוסעל האָט זיך דאָס געמאַכט א צימעס פון איהרע „הראָשעס", ער פלעגט זיי אריינכמאַליען אין כאַליווע, אָט ווי מען וואָלט איהם געגעבען א קאָץ אין א זאַק צו פערפיהרען... די צרה איז נאָר געווען וואָס צום בעצאָהלען פלעגט זי זיך מאַכען גע׳פגר׳ט, אָבלעגען פון מאָנטאָג אויף דאָנערשטאָג און פון דאָנערשטאָג אויף מאָנטאָג, אָבער, מיט יוסלען האָט מען ניט געמאַכט אזעלכע שטיק. — משלם׳סט ניט? אָט האָסטו דיר מיין אדרעס: איך וואויז נעבען די יאַטקעס און א גוטען טאָג מומעניו, און זי האָט איהם געבראַכט אהיים די קליגנערס, אין הויז האָט זי געבראַכט. שיקען איהרע „הראַ־שעס" מיט אַן אַנדערען, זי זאָל געווען וויסען אז אָט כאַפּט זי דער רוח, אז אָט קראַפּירט זי, וואָלט זי ניט געטרויעט... אך, אַנדערע, נאָר אַנדערע צייטען געווען אמאָל!...

און יוסעל ווערט אזוי בעגייסטערט טראַכטענדיג פון יענע גליקליכע צייטען, אז ער וואָלט געוואָלט אז עס זאָל זיך איהם אזוי טראַכטען און טראַכטען אָהן אַן ענדע.

אָבער די פינסטערע זעמליאַנקע, די קראַנקע פרוי מיט די קינ־דער וואַקסען פלוצלונג אויס פאַר זיינע אויגען, און א סוף. ער דערפיהלט א קאַלטקייט, א שוידער אין אַלע אברים, ער קוקט זיך ארום ווי ער איז דורכגעווייקט פון רעגען, ווי ער „כליאָפּעט" מיט די צוריסענע שטיוועל אין די בלאָטע. אויף אַלע זייטען זעהט ער פינסטערנים, א מרה־שחורה, און די געדאַנקען ווערען פערצווייגען מיט א שוואַרצען וואָלקען. ער בריה׳ט זיך מיט אַלע כחות צו פערטרייבען די מרה־שחורה פון זיך, ער זוכט אין וואָס זיך אָנצו־כאַפּען. מיט וואָס זיך צו צושטרייען, אָבער ער קען ניט געפינען.

ענדליך רוקט זיך ערגיץ וואו פון דער פינסטערניש ארויס א שיינענדער געדאַנק. ער פערטראַכט זיך אביסעל. עס בעווייזט זיך א פרעהליכערע מינע אויפ׳ן געזיכט. און ער שפרינגט כמעט אויף פאַר שמחה.

— א פּלאַן, מנאמנות, א פּלאַן! ביזט ווערט א טרונק, יוסעל, אויף מיין אידישקייט, ביזט ווערטה א טרונק. מאַלאַדיעץ, יוסעל!

דער רוח האָט דיך נאָך ניט גענומען. זי וועט געבען, יוסלען וועט זי געבען. זי ווייסט, די קליפּה, אַז יוסעל כאַפּט ניט. גענוג טויזענדער איהרע איבערגעפיהרט. זי קען יוסלען, אַז יוסלען מעג מען געטרויען 50 רובעל. ער וועט בעצאָהלען, צו דער קאָפּיקע בעצאָהלען!

און די פיס נעהמען זיך איהם הויבען פאַר שמחה. עס שטעלט זיך פאָר ווי ער קריגט געבאָרגט פון דער ישיעה גרשנ'קע פופציג רובעל.

פאַר'ן פופציגער וועט ער זיך קויפען א שפּאַן.

געווים, צו די אַמאָליגע „מארגעס" וועלען זיי ניט קומען. ווארום וואו זעהט מען גאָר היינט אַזעלכע ביי א בעל עגלה. דאָס איז דאָך געווען א פּאָר בריטענעס! אָבער דאָך, פאר א פופציגער וועט ער קריעגען א פּאר „פּאכאזשע" סוסים. א וואָגען דארף אפילו אויך קאָסטען א צוואַנציג רובעל, אבער אויף א וואָגען האָט ער שוין א קוק, משה מרדכי קאָוועל וואלט איהם פערקויפט דעם וועגעל וואָס שטעהט ביי איהם נעבען דער קוזשנע אויף אָבצוצאָה־לען. אפילו א צודרינזשעטעם אביסעל, א שברי כלי שוין, אָבער עס קען נאָך שלעפּען א שטיקעל צייט. און אז מען האָט שוין א שטי־קעל שפּאַן, גוטער ברודער, הע! הע! הע!

און עס שטעלט זיך איהם פאָר ווי ער פאָהרט איבער'ן מאַרק נעבען דער וואָלף ליבעכעס איינפאָהר מיט דעם נייעם שפּאַן און קנאַקט מיט דער בייטש און פארשווינען יאָווען זיך פון אלע זייי־טען, ביי דעם נעהמט ער האַנד־געלד, ביי דעם טשעמאָדאַן א משכן, דער גיט איהם מיט בריעף, יענער געלד... פינף און צוואַנציגער... הונדערטער און אָט פאָהרט ער ארוים פון יענער זייט פאראם, מאַכט א לחיים ביי דער רויטער קרעטשמע, אונ־טערגעפּאַשעט די „פּרנסה געבערס" און וויאָה רעביאַטא! אויף דער נאַכט קומט ער אהיים, פערפיהרט די פערד אין שטאַל, גיט זיי א גוטען „אָברוק". אין דער היים טרעפט ער די פרוי, פרעהליך, לעבעדיג, אין זעמליאַנקע איז ליכטיג, ווארעם. די קינדער זייי־נען זאַט, טאַנצען, שפּרינגען און כאַפּען איהם ארום קושען. „אַך, דער קליינער „פּעמפּיק", דאָס וואַקסט א ממזר, וואַקסט דאָס. א קינד זאָל אַזוי ליעב האָבען א טאַטען! אז ער טשעפּעט זיך אָן

איז ווי א קליעשטש ניט אפצורייסען זיך". און ער זעצט זיך מיט דעם קליינעם „פעמפיק" צום טיש. דער טיש איז געגרייט מיט א ווייסען טישטוך, און מיט א גוט ביסעל שנאפס, ווי אין די אמאליגע גוטע צייטען.

מיט אמאל אבער און ער דערפיהלט אונטער די פיס די גע־ברוקירטע שטיינער, ער קוקט זיך אום — ניטא דער וואלף לייבעכעס איינפאהר, ניטא קיין פערד און וואגען, ניטא קיין פאר־שווינען. און ער דערזעהט פאר זיך די פאראדנע גאס, צוויי לאנגע שורות הייזער פוןביידע זייטען מיט בוימער, און אט איז דער ישעיה גרשונ'קעס דירה.— א גרויסער הויף ארום מיט א הויכען פארקען אויבען בעשלאגען מיט צוועקעס מיט די שפיצען ארויף...

ער רייבט זיך אוים די אויגען, גלויבט זיך ניט, און ער דער־מאנט זיך וואו ער איז אין דער וועלט, וואס פאר א געדאנק עס האט איהם אהער פערשלעפט...

— משוגע צי וואס ? ! — זאגט ער זיך, און עס ווייזט זיך איהם אוים ווי די צוועקעס וואלטען איהם גענומען קריכען אין הארצען — מיט וואס פאר אן אויסרייד ? ווי אזוי קומט מען אריין ? און ער וויל זיך אומקעהרען צוריק, ער קען ניט ! ער זאל אפילו דא באלד שטארבען, ער קען ניט !...

עס דערהערט זיך א הייזעריג בילען פון א הונד.

— דאס איז „וואסקע" דער קודלעוואטער הונד — דערמאהנט ער זיך, געווען אמאל א גוטער ברודער וואסקע, אז ער פלעגט איהם דערזעהן, פלעגט ער זיך ארויפווארפען מיט די לאפעס אויף איהם איהם אפגעבען „שלום עליכם" ווי אן אלטען בעקאנטען.

און עס פערגלוסט זיך איהם כאטש א קוק טהאן אויף „וואס־קען", זעהן וואס ער מאכט...

ער געהט צו צום פארקען, קוקט זיך איין דורך די שפארינעס, און ער דערזעהט וואסקען, ליגענדיג אין א בודקע גריזשענדיג ביי־נער פון א שיסעל.

— שוין פיער יאהר צייט ניט געזעהן — טראכט ער — אין די פיער יאהר איז פון יוסלען געווארען א שעהנער תכלית, און „וואסקע" איז אלץ דער זעלבער „וואסקע". ליעגט נאך אלץ אין דער זעלבער בודקע און גריזשעט נאך אלץ ביינער...

און ער גראָבט איין דעם קאָפּ בעסער אין די שפּארינעס פון דעם פּארקען, ער קען זיך ניט אָפּרייסען פון „וואסקען"...

ער דערהערט א גראגעריי פון געגז, צוזאמענגעמישט מיט א גמרא ניגון.

דער גמרא ניגון הערט זיך פון אונטערשטיבעל, דאָרט לערענט אברהם בערצי מלמד מיט די קינדער.

— א איד א חכם, אברהם בערצי. ער קען איהם גוט, ער איז בעל קורא אין בעל עגלה'שען שוהלכעל, שבת פאר נאכט זאָגט ער פאר די בעלי עגלות מדרש. אָבער... ווי די געגז פערגראגערען דעם קאָפּ!

און ער פיהלט ווי די געגז וואָלטען איהם וועלען ארייגהאקען עפּעס א שלעכטען געדאנק מיט זייער גראגערען...

— טפו, שפּייט ער אוים און וויל זיך אָפּרייסען מיט געוואלד פון דעם געדאנק.

— אָבער ווארט — כאַפּט ער זיך צוריק צום פריהערדיגען ענין. א למדן א איד אברהם בערצי מלמד, און א חכם, אמאָל האָט ער געלערענט מיט די קינדער אָט דאָ אין דעם שטיבעל, אצינד האָט מען פון דעם שטיבעל געמאכט א קאמער פאר האָלץ, און פאר מעהל. כל טוב איז אין דער קאָמער!

און ווייטער פיהלט ער ווי אימיצער וואָלט איהם עפּעס שרעק־ליכעס גע'סור'עט אין אויער.

— צו אלדי שווארצע יאָהר! — גיט ער אזש א טופּע מיט דעם פוס פאר כעס.

— הם... אט... גלאט עס וואָלט ניט אויסגעמאכט ארייגצור־געהן, האלטען זיך אן עצה מיט אברהם בערצי מלמד — רעדט ער אימיצען אין זיך איין, פיהלענדיג ווי עס ציהט איהם פאָרט אריינ־צוגעהן — א קלוגער איד אברהם בערצי, א בעל עצה...

און עס עפענט זיך דאָס טירעל, ער ווייסט ניט ווי אזוי... עפּעס ווי אימיצער וואָלט איהם אונטערגעשטופּט, און אָט שטעהט ער שוין אויף יענער זייט... און אינסטינקטיוו גיט דאָס איהם א טראָג צו דער קאָמער...

— וואָס ווילסטו טהאָן? דו דומקאָפּ, דו פערד! — פּראַל ער זיך אליין און שפּרינגט אָפּ צוריק מיט כעס.

עס דערהערט זיך ווידער דאָס גראַנערען פון די געגז, און יוסעל בלייבט שטעהען ווי צוטומעלט. עס ווייזט זיך איהם אויס, ווי ער וואָלט אין דעם גראַנערייי, צוזאמענגעמישט מיט דעם גמרא ניגון, הערען אצינד דאָס קרעכצען פון דער פערשמאַכטער קימפּעטאָרין, דאָס וויינען פון די פערפרויערענע קראַנקע, הוסטענדיגע, און הונגעריגע קינדערלעך: אביסעל זופּ, האָליע, מעהל, עסען, עסען... און מעכאַניש שטרעקען זיך אויס די הענד און... און ער דערפיהלט ווי עס ראַנגעלט זיך א גאַנז אין דער האַנד... א ביסעל האָליע... און מעהל אין א זעקעל. און אָט איז ער שוין א שטיק וועג פון דער ישעיה גרשונ׳קע, אריינגעדרעהט אין א זייטיגען געסעל, און אָט... שטעהט ער שוין ביי דער זעמליאַנקע, אין מח טומעלט, דער גאַנצער קערפּער איז ווי פּאַראַליזירט, די אויגען זיינען צומישט, מטושטש. די הענד נעהמען פּאַרפּלען, זוכען נערוועז דאָס שטריקעל פון דער טיר. און עס וואַרפט איהם אריין אָנגעלאָדען מיט דער משא, אין דער זעמליאַנקע.

צווישען די קינדער ווערט א שמחה. עסען, עס וועט ווערען וואַרעם. אפילו דאָס הוסטענדיגע קינד, רוקט זיך מיט די לעצטע קרעפטען ארויס פון אונטער דער קאָלדרע, כאַפּען א קוק. נור די קראַנקע קימפּעטאָרען בלייבט אונבעוועגט. א קוק טהועענדיג אויף יוסלען, ווי ער שטעהט אין מיטען זעמליאַנקע, א דורכגעווייקטער פון רעגען, א צומישטער, א צוטומעלטער, פערשטעהט זי שוין מיט וואָסערע צרות עס איז איהם אָנגעקומען די שמחה, און זי ליעגט און קרעכצט אויף איהם קוקענדיג, זי פערגעסט שוין אין זיך.

אַלטער סטאָליערס ווייב, א נאָהענטע שכנה, און א שטיקעל קרובה, וואָס האָט אויף זיך גענומען די מצוה אויפצופּאַסען אויף דער קינבעטאָרין, קומט אריין און דערזעהט דאָס פרעהליכקייט צווישען די קינדער. און א גאַנז ארומגעהענדיג איבער דער זעמליאַנקע, וואַרפט זי א פערוואונדערטען בליק אויף יוסלען, און יוסלען ווערט פינסטער אין די אויגען. עס דאַכט זיך איהם אז זי דערקענט אויף איהם...

— א גאַנז ווי א „לעבעדר” — זאָגט זי — מוז אודאי קאָסטען פינף גולדען. און אפשר טאַקי א גאַנץ קערבעל. היינט איז געגז

גיט צו דערקויפען זיך, אנו — גיט זי אַ כאַפּ די גאַנז און נעהמט זי ארומטאַפּען און בלאָזען אין די פעדערען.

— גע־קויפט...— שטאַמעלט יוסעל — און עס טהוט איהם אויפ'ן פּלאַץ באַנק נאָך וואָס ער האָט זיך ארויסגעכאַפּט מיט דעם וואָרט.

— ווער האָט דיך געשלעפּט ביי דער צונג ? גולם ! — האָט ער צו זיך טענות, עס ווייזט זיך איהם אויס אז פון דעם וואָרט פערשטעהט זי אלעס, גע'גנב'עט — זי ווייסט... זי ווייסט אז ער האָט גע'גנבעט...

— נו, וואָס זשע זיצסטו אזוי פערכמאַרעט ? — זאָגט זי איהם, נאָכדעם ווי זי האָט גוט ארומגעטאַפּט די גאַנז און זיך ניט געקענט אָפּ'חדוש'ען פון איהר — שיק מירלען און לאָז זי זי שעכטען וועל איך אָפּקאָכען אַ יאַכעל פאַר דער קינבעטאָרין און פאַר דעם קראַנקען קינד. — און זי נעהמט זיך זוכען אַ שטריקעל, צו בינדען די גאַנז.

יוסעל הויבט אָן זוכען אין די קעשענעס אַ זעקסער אויף שחיטה געלד. ער נעהמט ארויס פון די קעשענעס עטליכע צוועקעס, אָן אָבגעריבענע פּאַדקאָווע, אָן אלטע רימענע בייטש, און אַ פּאָר שטריקלעך, אלעס וואָס קומט צונוץ צום בעל עגלה'ריי, אָבער קיין זעקסער אויף שחיטה געלד איז ניטאָ...

„זאָל שוין זיין", זאָגט אלטער סטאָליערס ווייב, בעמערקענדיג זיין פערלעגענהייט. „הער שוין אויף צו זוכען". זי נעהמט זיך פּארפלען אין אונטערשטען קליידעל. זי פּארפּעלט אויס צוויי גראָבע דרייערס. „נאַ מירעל", זאָגט זי צו יוסעל'ס עלטערע מיידעל, „געה שעכטען די גאַנז, אָבער גיך"!...

„זי... זי געהט באָרפוס", שטאַמעלט יוסעל, און נעהמט צו דעם זעקסער מיט די גאַנז פון מירלען, און האָרכט זיך בעת מעשה צו, צי האָט ער זיך מיט עפּעס ניט ארויסגעכאַפּט. „איך... איך וועל... איך וועל אליין געהן... זי קען זיך נאָך פאַרקיהלען"... און איז צופריעדען וואָס ער האָט אָן אויסרייד זיך ארויסצוכאַפּען...

אין דרויסען איז שוין פינסטער, דער רעגען האָט אויפגעהערט, נאָר אַ ווינד וועלכער צורייסט די וואָלקענס שטיקערווייז, וואָיעט צווישען די קוימענס און קלאַפּט מיט די לאָדענס, און מיט די דראָ־

ניצעס און בלעכען פון די אַלטע רעכער. יוסעל געהט און עס הערט זיך איהם אַ טייפעלשע יללה מיט אַ פליעסקעריי פון אַלע זייטען. ער נעהמט מאַכען ברייטערע שפאַן, די אָנגענעצטע קאַפּאָטע פּלאָנטערט זיך איהם צווישען די פיס, און איהם דאַכט זיך ווי אימיצער פערלויפט איהם דעם וועג. און וואָס שנעלער ער שפּאַנט, פערשטעלט מען איהם אַלץ מעהרער דעם וועג. עס זעצט אויף איהם ארויס אַ קאַלטער שווייס און ער האָט זיך מורא אומצוקוקען.

— וואס איז מיט מיר געוואָרען? — פרעגט ער זיך. קיין בעל פּחד, ווייסט ער, איז ער קיין מאָל ניט געווען. דורך האריוועריוואַלד, פון וועלכען אַלע בעלי עגלות דערצעהלען זיך אָן אַזוינעשוידערליכע מעשיות, פון אַ באַנדע גזלנים, הויכע, געזונדע, מיט בעוואַקסענע בערד און רויטע העמדער, איבער די ברייטע שאַראַווארעס, מיט רויטע גאַרטלען אָנגעשטעקט מיט העק און מיט מעסערס — פלעגט ער ניט מורא האָבען צו פאָהרען איינער אַליין ביינאַכט. און וואס האָט ער מורא? וואס ציטערט ער? טאָמער וועט מען איהם כאַפען? און וואס איז אַז מען וועט איהם כאַפען?...

וואָס קומט אַ גנב, אַז מען כאַפּט איהם? — טורמע. ניט שעהנער אַ ברירה די טורמע פון זיין זעמליאַנקע. און עסען גיט מען אויך. אָבער די ווייב, די קינדער!... און... די גנבה... דער עצם גנבה... ער ווייסט עס ניט ווי אויסצודריקען. אָבער ער מיינט די גנבה אַליין... אַ גנב זיין, יוסעל אַ גנב!

און עס דאַכט זיך איהם אויס: אַז פון אַלע הייזער האָבען זיך מיט אַמאָל, פּלוצים, געעפענט טיר און פענסטער און אַלע קוקען אַרויס, אַלע טייטלען מיט די פינגער, אַלע פערלויפען איהם דעם וועג. און אַלע שרייען פון אַלע זייטען: גנב... יוסעל גנב!...

ער קומט צום שוחט, דערלאַנגט איהם מיט ציטערדיגע הענד דעם זעקסער מיט דער גאַנז, און עס ווייזט זיך איהם אויס, אַז דער שוחט קוקט אויף איהם...

„ער דערקענט", טראַכט ער, „אַז דער גאַנז אַז זי איז ניט מיינע... אַזאַ פעטע גאַנז... מסתמא אַ גע'גנב'עטע..."

„וואָס קוקט איהר אַזוי?... איך האָב... געבאָרגט... בלויז געבאָרגט... איך וועל צוריקצאָהלען... אַ קראַנקע פרוי... קראַנקע קינ־

דער... איך וועל בעצאָהלען מיט פּראָצענט..." ווייל ער זאָגען דעם שוחט.

ער זאָגט אָבער ניט. ער גיט בלויז אַ בורטשע. און די ווער־טער בלייבען איהם שטעהן אין האלז...

דער שוחט גיט אַ וואָרף די געקוילעטע גאַנז. די גאַנז וואַרפט זיך, פּרובירט אויפצושטעהן, און זי פאַלט צוריק. דאָס בלוט רינט פון איבערגעשניטענעם העלזעל, און זי כאָרכעלט...

אויף יוסלען פאַלט אָן אַן אימה...

קיין געקוילעטע גאַנז כאָרכעלט ניט אַזוי, דאַכט זיך איהם. עפּעס אַ משונה כאָרכלען... און עס ווייזט זיך איהם אויס, אַז אין דעם כאָרכלען הערט ער אַ פאָרוואורף: גנב... גנב!... גנב!... כאָרכעלט ארויס פון'ם העלזעל פון דער גאַנז. און ער נעהמט זיך בעטען, מתודה זיין פאַר דער געקוילעטער גאַנז, אַז ער וועט תשובה טהאָן, אַז ער וועט אומקעהרען, אָפּצאָהלען די גנבה.

עס איז ניט קיין נייעס, ווייסט ער, ער האָט שוין געהערט פון אזעלכע זאכען, אַז אַ געקוילעטע עוף נעהמט זיך אַמאָל וואַרפען און קרעכצען אויפ'ן זאַלץ־ברעטעל, און דער רב דאַרף זי „מתקן" זיין... „מתקן" זיין, ווייסט ער אפילו ניט וואס דאָס איז, אָבער ער פערשטעהט אַז דאָס איז אַ מין איבערבעטען, מחילה בעטען... אַ טוידטען מענשען בעט מען מחילה, און אַ טוידט עוף איז מען, הפנים, „מתקן"...

אָבער דער „תקון" העלפט ניט. ער נעהמט זיך צוריהרען צו דער נאָך ווארעמער גאַנז, און זי וואַרפט זיך...

ער נעהמט זיך אָן מיט הארץ, כאַפּט די גאַנז און דריקט זי צו זיך און פאַנגט אָן לויפען. ער וויל זיך פערטראַכטען אין אַן אַנדער זאַך. ניט צוהערען זיך צו דער גאַנז. אָבער ניטאָ אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּען. פון וואָס ער פערטראַכט זיך גיט קומט ער אַלץ ארויף אויף דער גנבה, אויף דער גאַנז... און עס דאַכט זיך איהם אַז זי פּיקט איהם מיט'ן פּיסק אונטער'ן ארבע־כנפות, זי פּאַרפּעלט איהם אין בוזעם, און כאָרכעלט איהם אין הארצען... און ער פאַלט אריין אין דער זעמליאַנקע טויט ווי אַ מת...

אַלטער סטאָליערס ווייב, וואָס האָט שוין עטליכע מאָל גע־

שיקט מירלען אַרויס קוקען צי מען זעהט איהם ניט, האָט צו איהם גאַנצע טענות:

„צוויי זייגער שעה, אַז אַ מענש געהט אַוועק, געמיינט, מיינע שונאים, ווער ווייסט וואָס עס איז דאָרט".

אָבער יוסעל הערט ניט איהרע טענות. ער גיט אַ וואָרף די גאַנז, זעצט זיך סאָפּענדיג אַוועק אויף דער באַנק, און קוקט צו־מישט אויף אַלע זייטען. עס ווייזט זיך איהם אַלע מאָל אויס, אַז מען סקריפּעט מיט דער טיר. מען געהט, אָט געהט מען זוכען די גנבה... די פּאָליציי, די גאַנצע שטאָדט, אַלע שטעהען אַרום דער זעמליאַנקע, ער כאַפּט זיך אויף און לויפט אַריין אין דעם פינסטערען קאַמער.

ער גיט זיך אַ וואָרף אין ווינקעל אויף דער ערד, פערמאַכט די אויגען, אפשר וועט ער קענען איינשלאָפען. אָבער ער קען ניט. די גנבה פּלאָנטערט זיך איהם אין מח. ער איז געוואָרען אַ גנב! ... יוסעל איז געוואָרען אַ גנב!... און ער צואַוויינט זיך ווי אַ קליין קינד...

דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען וויינט ער. וויינען, פּלעגט ער זאָגען, פּאַסט פאַר אַ אידענע, אָבער פונ׳ם וויינען, פיהלט ער, ווערט איהם אַביסעל לייכטער.

„די וועלט געהט נאָך ניט אונטער", רעדט ער זיך אויס, „מאָר־גען שטעהט ער אויף גאַנץ פריה און געהט זוכען אַרבייט. ער וועט זיך אָנבאָטען צו וואָס פאַר אַן אַרבייט עס זאָל זיך ניט מאַכען, פערדיענען אַ פערציגער אַ טאָג, און ער מוז אָבצאָהלען, יוסעל בלייבט ניט קיין גנב, ניין!"...

און מיט דער האָפנונג מאָרגען צו געפינען אַרבייט דרעהט ער זיך אָב די גאַנצע נאַכט, פון איין זייט אויף דער צווייטער און קען ניט איינדרימלען.

ער מאַכט זיך אויס פּלענער, וואו צו געהן זוכען די אַרבייט. צום ערשטען טראַכט ער זיך, זאָל ער צוגעהן צו יעקעל סאַליטער־מאַן.

אין מיהל דאָרט, זאָגט מען, נעהמט מען אָן מענשען, צו טראָ־גען זעק מיט תבואה. עס איז אַ קאַטאָרזשנע אַרבייט, זאָגט מען.

אָבער מען צאָהלט דרייסיג קאָפּיקעס א טאָג, אויב מען דאַרף נאָר מענשען.

אויב ניט, וועט ער בעטען יקותיאל דעם סטאַראָסטע, ער זאָל איהם נעהמען יעדע נאַכט אויפ׳ן „אָפּכאַד". צוואַנציג קאָפּיקעס א נאַכט צאָהלט מען, און אפשר וואלט ער גאָר געקענט פּועל׳ן אז מען זאָל איהם צונעהמען פאר א היטער ביי די קלייטען. דערפאר צאָהלט מען, דאכט זיך איהם, 4 רובעל א מאָנאַט, ווען ער איז איין מאָנאַט נאָר א היטער ביי די קלייטען, נעהמט ער די ערשטע דריי רובעל און בעצאָהלט פאר דער גנבה...

אַט אזוי פּלאַנעוועט ער די גאַנצע נאַכט.

פאַרטאָג שטעהט ער אויף. די אויגען זיינען רויט פון ניט דערשלאָפען, דאָס געזיכט איז געל־בלאַס. ער גיט א קוק אין פענס־טערל צי עס איז שוין בלוי אין דרויסען, צי מען מעג שוין דאַווע־נען, און ער וויל זיך נעהמען צום טלית און תפילין.

אָבער די הענד ציטערען איהם. ער האָט מורא אָנצוריהרען דעם טלית־זאַק...

טמא הענד — טראַכט ער זיך — הענד וואָס האָבען גע־גנב׳עט, אונריינע, זינדיגע הענד, זיי טאָרען ניט אָנריהרען אזא היילִיגע זאַך...

אָבער תשובה, ער געהט דאָך תשובה טהאָן. ער געהט פער־דיענען, ארבייטען און בעצאָהלען, און תשובה, האָט ער געהערט פון אברהם בערצי מלמד אמאָל, איז א גרויסע זאַך.

ער טהוט אָן דעם טלית און תפילין, אין הארצען אָבער פיהלט ער עפּעס א ספק. וואו וועט ער פערדיענען? ער ווייסט וויפיעל ער דרעהט זיך שוין אַרום.

— אויסגעגנישטערט וואו א מויזען־לאָך, און עס איז ניטאָ, כאָטש לעג זיך און שטאַרב. ניטאָ וואו צו פערדיענען א גראָשען!

און ער פיהלט ווי עס גיסען זיך ביי איהם דאַוועגענדיג טרעה־רען פון די אויגען...

— וואָס איז מיט מיר געוואָרען? — מאַכט ער זיך פאַר־וואורפען... — בעקומען א טבע צו פּיעשטשען זיך.

דאָס דאַווענען, ווייסט ער, קען ביי איהם קיין טרעהרען ניט ארויסרופען, ווייל וואָס איז דאָס דאַווענען? וואָס פערשטעהט

ער דאַרט? אַט ער זאָגט. און זאָגען זאָגט ער דאָס אָפּ אין איין גאַנג, אָהן אן אָפּשטעל, און אברהם בערצי מלמד זאָגט, אז עס מאַכט טאַקע נישט אויס. וואָרים די מלאכים, זאָגט ער, שטעלען דאָס שוין אליין צוזאַמען.

— פרומע אידען, למדנים, זיינען מחויב צו וויסען וואָס זיי זאָגען, אָבער אונזערער א ברודער — אַט ער דאַרף צושטעלען א דאַווענען און מען פערשטעהט איהם שוין...

ווען ער זאָל פערשטעהן וואס ער דאַווענט — דאַכט זיך איהם וואלט ער זיך עפּעס אויסגע׳טענה׳ט מיט דעם רבונו של עולם, מיט טרעהרען — אָהן טרעהרען, אָבער ער וואָלט געהאַט וואָס צו זאָגען.

— אָבער עס קיין זיין, אז עס איז גאַר אן עבירה צו טראַכטען אזוי. ער, יוסעל בעל עגלה, וואָלט גע׳טענה׳ט מיט דעם רבש״ע! געוויס טאָר מען אזוי ניט טראַכטען.

און עס פערדריסט איהם אויף די גאַנצע מחשבות.

— אַט, דער טייפעל ווייסט וואס עס איז מיט מיר געוואָרען. באַלד פערטראַכט איך מיך, און עס פערטראָגט מיך קיין האָצע פּלאַצע!

און ער נעהמט זיך שאָקלען, און דאַווענען אָהן אן אָטהעם, אויף א קול. ער וויל פערטרייבען די מחשבות ער זאָל זיך חלילה נאָך אמאָל ניט פערטראַכטען...

אָבער עס העלפט ניט, איהם שטעלט זיך פאַר, אז די מלאכים וואָס אברהם בערצי מלמד זאָגט — אז זיי שטעלען צוזאַמען דאָס דאַווענען פאַר דעם רבש״ע ווילען זיך היינט צו זיין דאַווענען ניט צוריהרען. ער פיהלט אז זיין דאַווענען בלייבט היינט אַט דאָ, אין דער זאַמליאַנקע. די ווערטער, דאַכט זיך איהם, שוועבען אַט דאָ ארום ווי אויף דעם עולם התועה, ווי יתומים אָהן א טאַטען, און פון יעדער וואָרט הערט זיך שאַרף — „דו פּושע ישראל! דו גנב!"

ער טהוט אוים דעם טלית און תפילין, נעהמט די בייטש אין דער האַנד און וואַרפענדיג א צומישטען בליק אויף דער פרוי, לאָזט ער זיך געהן.

— וואוהין געהסטו, יוסעל? — פרעגט איהם די פרוי מיט א שוואַכער, קרעכצענדיגער שטימע, — ווארום „כאַפּסטו" עפּעס

ניט איבער? עס א פאַלקע, אַט איז פערבליבען פון דעם יאַכעל...

יאָסלען געהט איבער א קעלט איבער דעם לייב. מיט דער גנבה וויל זי איהם אַנשטאָפּען, גנב'שע גאַנז...

— איך וויל ניט עסען, עס הונגערט מיך ניט — זאָגט ער דער פרוי, — איך געה, אפשר וועט זיך מאַכען... עפּעס צו פערדינ־נען... מען דאַרף בעצאָהלען... איך האָב געבאָרגט נעכטען דריי רובעל ביי... אברהם שניידער...

און בעת מעשה פיהלט ער, ווי דאָס וואס ער האָט אציגד אָפּ־געזאָגט דער פרוי, וואָלט זיך אומגעקערט און אָפּגעקלונגען מיט א שרעקליכען ירגזון, ביי איהם אין האַרצען: ליגנער! גנב!

— איין עבירה שלעפּט די צווייטע — לויפט איהם דורך א געדאנק און ער כאַפּט זיך קוים ארויס פון זעמליאנקע.

דעם גאַנצען טאָג געהט יוסעל ארום מיט א ניכטערען מאָגען. די פּיס זיינען איהם שוין געשוואָלען געהענדיג, און וואוהין ער קומט דאַרף מען ניט, אזוי זאָגט מען איהם, אָבער איהם דאַכט זיך אז עס איז נור לפנים.

— זיי ווילען ניט קיין גנב, אַט דאָס וואס עס איז, זיי ווייסען הפנים אלע, די גאַנצע שטאָדט ווייסט שוין, אפילו שלום שמייסער, דאַכט זיך, תמיד א גוטער ברודער געווען, האָט זיך היינט אפילו ניט אָפּגעשטעלט... ער האָט פערדרעהט דעם קאָפּ אן א זייט.

און איהם דאַכט זיך אז עס קומט איהם טאַקע, אז מען זאָל איהם אויסמיידען, מען זאָל פון איהם ווייכען, א קליינינקייט גנבה! אזא עבירה, אזא שווערע עבירה!

אברהם בערצי מלמד — דערמאָנט ער זיך, האָט אמאָל, שבת צו מנחה, דערצעהלט פון א ספר, אז פאַר גנבה קומט מען אויף יענער וועלט שרעקליך אָפּ, אז מען גנב'עט עפּעס, האָט ער גע־זאָגט, צושמעלצט מען אויף יענער וועלט די מטבעות, וואָס די גנבה האָט די ווערטה געהאַט, און צוויי טייוואָלים האַלטען צו מיט ברענענדיגע צוואַנגען, און גיסען מיט א פייערדיגען לעפעל אין האַלז אריין. — און אמאָל קומט מען נאָך דערמיט ניט אָפּ, מען מוז מגולגל ווערען נאָך אמאָל געבוירען ווערען, און אָפּאַרבייטען פאַר דער גנבה... מען ווערט מגולגל אין א הונט, אין א חזיר, אין א פערד...

ווער ווייסט, טראַכט ער זיך, עס קען זיין אַז זיינע קליאַטשעס זיינען אויך געווען גלגולים, נשמות פון די זינדיגע נפשות, וואָס זיינען געקומען אָפּקומען פאַר זייערע זינד. און ווי זיי זיינען אָפּ־געקומען, ווי זיי האָבען געליטען נעבעך! אַ קלייניגקייט, ניט עסען דורך די טעג, און שלעפּען פאַרשווינען אין דער גרעסטער בלאָטע, און וויפיעל שמיץ, וויפיעל בייטשען זיי האָבען אויסגעכאַפּט אונ־טער אַ באַרג, געשניטען מיט דער פּוזשאַלנע, אַז די פעל פלעגט לאָפּען...

און נאָכדעם, ביי דער גסיסה שוין געדענקט ער, ווי ליגענ־דיג אין שטאַל, געשוואָלען ווי אַ באַרג, אָהן אַ ביסעל שטרוי אפילו, האָבען זיי געהויבען אַלע מאָל די קעפּ, געפּראַסקעט מיט די נאָז־לעכער, אַ פּיענע האָט געזעצט פון די מאָרדעס, און זיי האָבען גע־קוקט מיט די גרויסע אויגען, עפּעס מיט אַ מין רחמנות, ווי זיי וואָלטען זאָגען — דו ביסט אונזער מלאך המות... דו!

מיעד, צובראָכען, ניט פיהלענדיג קיין גאַנצען אבר אין זיך, קומט ער אבענדס אריין אין דער זעמליאַנקע, אויף דער פרוי׳ס פראַגע, וואו ער איז געווען אַ גאַנצען טאָג, ענטפערט ער מיט אַן אַנפערשטענדליכען בורטשע.

די פרוי ווייסט שוין, וואָס אַזאַ בורטשע בעדייטעט ביי יאָסלען, און זי קרעכצט, זי פרעגט שוין מעהר ניט.

ער זעצט זיך אַוועק, מיט ביידע עלענבויגענס אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן טיש, דעם קאָפּ אַראָפּגעזונקען, און טראַכט.

דער „פּעמפּיק", יאָסעל׳ס ליעבלינג, כאַפּט איהם אַרום, און נעהמט זיך דראַפּען אויף די הענד און ער שטופּט איהם אָפּ פון זיך. ער שטופּט אָפּ דאָס קינד אָהן כונה, ער ווייסט אַליין ניט פאַר וואָס. די גאַנצע וועלט איז איהם איצט איבעריג. ער פיהלט אַזוי ענג, אַזוי צוזאַמענגעפּרעסט, אַזוי ווי אַלע אברים וואָלטען געווען אריינגענומען אין קלאַמערס. עס שטיקט, עס דריקט, און ער וואָלט געוואָלט אַלעס, אַלעס אָפּשטופּען פון זיך. צושטופּען די ווענטלאַך פון דער זעמליאַנקע, אָפּראַמען, אַלעס אָפּראַמען וואָס עס ציינט זיך נור פאַר׳ן אויג.

אָבער אָפּשטופּענדיג דאָס קינד פיהלט ער, ווי ער וואָלט נאָך געמאַכט אַ גרעסערען פלאַץ פאַר דעם שטיקעניש. ער דערפיהלט

מיט אמאָל א בלייענע שווערקייט, זודיגע קאָכעניש, וועלכע אָט־אָט צושפּאַרט דאָס איהם די ברוסט. דעם שאַרבען פון דעם מח.

ער וואַרפט, צומישטע, שרעקליכע, בליקען אויף אַלע זייטען. די בליקען בעגעגענען זיך מיט דעם דונקעלען שיין פון דעם קליי־נעם פערדרייכערטען לעמפּעלע און עס פאַלט אויף איהם אָן א שרעק־ליכע מורא.

עס ווייזט זיך איהם אויס: אז פון דעם דונקעלען שיין, וואַק־סען ארויס ברענענדיגע בעשעפעניש, גרעסערע און קלענערע, פול מיט פייעריגע אויגען, און זיי שפּריצען אויף איהם מיט פייער פון זייערע שוואַרצע מיילער.

— ה־אי! — גיט ער פּלוצים א היכץ ניט מיט זיין קול, קאָרטשעט זיך צוזאַמען און שפּרינגט אָפּ אין א ווינקעל.

— וואס איז מיט דיר יוסעל? — דערשרעקט זיך די פרוי.

— אָט, זעהסט ניט? — צייגט ער מיט די הענד און קוקט מיט צומישטע בליקען אויף אַלע זייטען. — אָט, קוק! אָט!

די פרוי פערשטעהט ניט זיין ענטפער.

ער בעדענקט זיך אביסעל, שפּייט אויס, און געהט אריין אין דער פינסטערער קאַמער. ער גיט זיך א וואָרף אויף דער ערד, גראָבט איין דעם קאָפּ איןביידע הענד, און פערמאַטערט פון שרעק־ליכע פלאָגעניש, דרימעלט ער איין.

און עס ווייזט זיך איהם אויס אז ער איז געשטאָרבען, ער ליעגט אין דער זעמליאַנקע אויף דער ערד, אויסגעצויגען מיט די פיס צו דער טיר, צוקאָפּענס ברענען צוויי ליכט אין די מעשענע בענש לייכטער. די פרוי מיט די קינדער בעוויינען איהם, און עס קומען אָן די „חברה קדישה" איהם מטהר זיין. אָבער זיינע קליאַ־טשעס, מיט צוויאַטערטע, אויסגעקראָכענע פעל, שטעהען איבער איהם. א פּיענע זעצט פון זייערע מיילער, און זיי וואַרפען מיט די הינטערשטע פיס, לאָזען ניט צוקומען צו איהם. און גאַנצע פליהען איבער איהם. גאַנצע מיט לאַנגע שנאָבלען, טשודנע גאַנצע עפּעס, אַלע מאָל לאָזט זיך אראָפּ אָן אַנדערע, און גיט א פּיק אין מח. און א צוקיילטען, א צובייסטען, שלעפּען זיי איהם שטיקערווייז אריין אין א גרוב, נעבען דער ריטשקע, אין דעם זעלבען קבר וואו די קליאַטשעס ליגען בעגראָבען...

און עס יאָוועט זיך אַ גאַנצע מחנה טייוואָלים, שוואַרצע, ווייסע, פון פערשיעדענע קאָלירען, און הויכע, אפשר הונדערטער מיילען די הויך, פול מיט פייערדיגע אויגען, מיט ברענענדיגע צוואַנגען אין די לאַנגע פייערדיגע הענד. און עס שטעהט אַ קעסעל מיט צושמאָלצענע מטבעות, און מען גיסט איהם מיט אַ ברענענדיגען קאָך לעפעל די צושמאָלצענע מטבעות אין האַלז אריין.

און ער כאַפּט זיך אויף מיט גוואַלד און נעהמט לויפען ווילד איבער דער זעמליאַנקע.

— אַט, אַט, שטעהען זיי! אַט פליהען זיי! זעה נור די אויגען! די ברענענדיגע שנאַבלען!... אַט פיקען זיי אין מח! אַט דאָ! דאָ! און ער נעהמט זיך רייסען פאַר די האָר.

— וואָס רעדסטו? וואָס פּלוידערסטו, יוסעל, — שרייט אוים אַ פערציטערטע די פרוי.

— חאַ, חאַ, חאַ! ווי זיי בריקעווען! אַ פּאָר קאַשטאַנקעס! מיט דעם קאָפּ אַריינגעגראָבען אין דער ערד! וואַרפען מיט די הינטערשטע פיס!

די קינבעטאָרין שפּרינגט ארוים פון בעט, עס ווערט אַ גוואַלד צווישען איהר מיט די קינדער.

יוסעל שטעהט אַ צוזאַמענגעדרעהטער, מיט פערגאָסענע צומישטע און ווילדע אויגען. דאָס געזיכט איז פערענדערט, צוזאַמענגעצויגען, ער בעטראַכט אַ ווייל די ווייב מיט די קינדער, און פאַנגט ווידער אָן מיט משונה ווילדע קולות:

אַט, אַט גענז! בלוט! זיי כאָרכלען! גנב! גנב!...

אין אַ שטורעמדיגער נאַכט.

אין מיטען דער נאַכט.

איך וויים ניט וואָס עס האָט מיך אויפגעוועקט.

איך וויים נאָר, אז די אויערלעך האָבען זיך ביי מיר געעפענט פריהער פאַר די אויגלעך.

און עס האָט זיך דערטראָגען צו מיר פון דרויסען אַ וואויען פון אַ שרעקליכען ווינט, וואָס האָט מיט אַ מורא׳דיגער ווילדקייט

זיך געטראָגנען איבער'ן פרייען דאָרף, און האָט מיט אַ פּראָסטיגען שנעע געקלאפּט אָן די קליינע שויבען פון אונזער שטיבעל; אזוי ווי הונדערטער טאבונען היהנער וואָלטען אָן גלאָז מיט די פּיסקלעך געדזיאָבעט.

— האהוא! האהוא! דזין! דזין! דזין!

און די קליינע פענסטערלעך אין אונזער שטיבעל, האָבען זיך אונבעהאָלפען געטרייסעלט, אזוי ווי זיי וואָלטען פאר פּחד זיך וועלען פון די רעמלעך ארויסרייסען, און, דאכט זיך, די ווענט מיט'ן בעטעל וואו איך בין געשלאָפען, האָבען זיך געשאָקעלט פון מורא.

איך האָב צושראָקען אָן עפען געטהאָן די אויגלעך. און פון דער מאמעס אלקיר האָט זיך ארייגגעריסען אַ פּאַס שיין, וואס איז וואס אמאָל געווארען שמעלער, און איז ערגעץ וואו נעבען מיר פער־פאלען געווארען אין דער פינסטערניש.

איך האָב מיך אַ הויב געטהאָן פון מיין געלעגער און האָב אָנגעשטרענגט מיינע אויערלעך און די אויגלעך, אהין פון וואנען די שיין האָט זיך אָנגעפאנגען און איך האָב בעמערקט ווי מאריקע, אונזער שיקסע, מיט אַ צושויבערטען קאָפּ, מיט פערשלאָפענע אוי־גען, — טוקעט זיך אַ באָרוויסע אין דער שיין, און מיט אַ צושראָ־קען געזיכט קוקט זי זיך ארום אין אלע זייטען.

פונ'ם אלקיר האָט זיך דערהערט אַ פערשטיקטער קרעכץ אונ־טער פערקריצטע צייהן, וועלכען דער ווינט מיט'ן שנעע שטורעם האָבען מיט אַ מורא'דיגער יללה פערשריען.

די טיר פון דרויסען האָט זיך ראַפּטאָם אָן עפען געטהאָן, דער ווינט מיט'ן שנעע האָבען זיך ארייגגעריסען אין שטיבעל, און אזוי ווי זיי וואָלטען אימיצען זוכען אין דער פינסטערער נאכט, האָ־בען זיי זיך צולאָזט איבער אלע חדרים, פערקראָכען אונטער די טישען און בענק, אונטער די בעטען און אפילו ביי מיר אונטער דער קאָלדרע.

דער טאטע, אינ'ם לאנג האריגען שאָפּענעם טולעפּ, אין דער קאראקולנער קיטשמע, אַ ווייסער, אַ בעדעקטער מיט שנעע, האָט זיך בעוויזען מיט דער בייטש אין דער האנד, ער האָט אראָפּ־געצויגען די פוטערנע הענטשיקע פון דער רעכטער האנד, האָט אַ וויש געטהאָן איילענדיג איבער די פערשנעעטע באָרד און פּאות, און

האט מיט א צושראקען געזיכט עפעס מאריקען שטיל אנגעזאגט:

— הא־הא־אוי! הא־ה־א! — האט זיך ווידער דערהערט פון אלקיר א פערשטיקטער קרעכץ און דאס טייפעלשע וואויען פון׳ם שטורעם האט איהם ערגעץ וואו פערטראגען.

ביים טאטען האט דאכט זיך בעת מעשה די באָרד א ציטער געטהאן. ער האט דורכגעבראכען מיט זיין הויך, דעם פאס ליכט וואס האט זיך צו מיר געצויגען, האט מיט ציטערדיגע הענד צו אימיצען דארטען א רעד געטהאן און האט באלד וועגען עפעס גע־נומען איילען מאריקען.

מאריקע האט שנעל פון׳ם אונטערן בעט ארויסגעשלעפט איה־רע גרויסע שטיוועל, האט זיי איילענדיג ארויפגעצויגען אויף די בארוויסע פיס, האט געכאפט אויף זיך איהר רויטען קווייטענדיגען שאל.

ווידער האט זיך אריינגעריסען דער ווינט איבער אלע חדרים און מאריקע איז פערשוואונדען.

איך האב צושראקען ארויסגעשטעקט מיין קעפעל פון אונטער דער קאלדרע, אזוי ווי א טשערעפאכע פון דער שאלעכטס.

אין אלקיר איז געווארען א מין שטילקייט אזוי ווי מען וואלט עפעס וואס מיט א קישען פערשטיקט.

בלויז דער טאטע האט זיך געשארט מיט די שטיוועל ארום די מיט שנעע פערווארפענע פענסטער און האט אונגעדולדיג ארויס־געקוקט אין דער דרויסענדיגער פינסטערניש. און דער ווינט מיט׳ן שנעע האבען וועלטען געקעהרט ווי פון טויזענדער טייוואלים גע־טריעבען.

איך וויים ניט ווי לאנג דאס האט אזוי אנגעהאלטען, מיר האט עס אויסגעוויעזען מורא׳דיג לאנג, און אזוי מורא׳דיג לאנג האט עס אויך געמוזט אויסווייזען דעם טאטען. איך האב עס דער־קענט אין זיין נערוועזען ארומשפאנען איבער׳ן אלקיר און זיין אריינגראבען זיך אלע מאל אן אנ׳אנדער פענסטער.

ענדליך, האט זיך צוזאמען מיט׳ן שטורם, אריינגעריסען אין שטוב אריין מאריקע, און מיט זיך האט זי מיטגעפיהרט אנא׳ן, אונזער שכנה, — אן אלטע פויערטע, א ניעדעריגע, מיט א פנים צוקנייטשט ווי א געבאקטער עפעל.

ביידע, — אי מאַריקע אי אַנאַ — זיינען געווען פערשאָטען מיט שנעע, פון די מיילער ביי זיי, האָט געזעצט אַ פּאַרע, און ביידע האָבען געסאָפּעט, אַזוי ווי זיי וואָלטען מיט איבערגעשטרענגטע כחות קוים אין שטוב אריין זיך דערשלאָגען.

— האַ־האַ־אוי! — האָט אַ שרעקליכער קרעכץ פון׳ם אַלקיר זיך ווידער ארויסגעריסען.

די אַלטע אַנאַ, האָט איילענדיג אויפגעבונדען ביידע עקען פון איהר שווערען שאַל, און איידער זי האָט נאָך דעם שאַל פון זיך אראָבגעוואָרפען, האָט זי זיך גענומען צלם׳ען און טשעפּטשען אַ תפלה.

דער טאַטע האָט נערוועז עפּעס אַ זאָג געטהאָן, האָט באַלד גע־כאַפּט די בייטשט, האָט אַ קוש געטהאָן די מזוזה און איז ארויס פון הויז.

פאַר דער טיר האָט זיך דערהערט אַ ראַפּטאָווע סקריפּען פון אַ שליטען, וועלכער איז באַלד איבערגעריסען געוואָרען פונ׳ם ווינט, און האָט זיך דערטראָגען ווי אַ בראַך פון פייכטע בוימער, און פון אַלקיר האָט נאָכגעפאָלגט אַ פערשטיקטער קרעכץ, וואָס האָט דאַכט זיך, פון ענגשאַפט, אויף די ווענט ארומגעקלעטערט.

אין הויז איז באַלד אין אַלע חדרים געוואָרען ליכטיג.

מאַריקע, האָט פון קאַמער פערשנעעטע שייטלעך האָלץ מיט שפּענער געטראָגען, די אַלטע אַנאַ האָט די גרויסע מולטער מיט דער גלאַנציגער מעשענער „מיטאַצע" געשלעפּט. אין הרובע, און אין אויוועז האָט זיך דערהערט אַ קנאַקען פון פייער, און איבער דער שטוב האָט זיך באַלד צוטראָגען אַ פּאַרע, און אַ שיפען פון קאָכעדי־גע וואַסער.

— האהוא! האהוא! דזין! דזין! דזין! — האָט זיך דער ווינט מיט׳ן שנעע געריסען אין פענסטער, און פון אַלקיר האָבען זיך, פער־שטיקטע, מורא׳דיגע קרעכצען געהערט וואָס אַמאָל אָפטער, און שטאַרקער, אַזוי ווי זיי וואָלטען וועלען דעם ווילדען שטורם אי־בערשטייגען.

די אַלטע אַנאַ, האָט אין מיטען רייסען פּאַסען פון געוואַשענער ווייסער לייווענד, זיך גע׳צלם׳ט, געטשעפּטשעט תפלות, און איז אַ צושראָקענע ארומגעגאַנגען איבער די חדרים און געעפענט אַלע

פערמאכטע בלים, ארויסגעשלעפט די שופלאדען פון דער קאמאדע און די קאסטענס מיט די שאפעס צועפענט.

א ווילדער קרעכץ וואס האט דעם דרויסענדיגען שטורם פער־טויבט, האט זיך ארויסגעריסען פון אלקיר.

די אלטע אנא און מאריקא האבען זיך צושראקען א ווארף געטהאן, איך בין אראב א נאקעטער פון בעט, און האב גענומען לויפען, מאריקע האט אבער ניט געלאזט, זי האט מיך צוריק אין בעט אריינגעווארפען און מיך מיט דער קאלדרע איבער'ן קאפ איבערגעדעקט.

עפעס האט מען דארטען אין'ם אלקיר ציטעריג און שטיל געטשעפטשעט, עפעס האט מען דארט מיט פיבערישע טהעטיגקייט געטהאן.

איך האב ניט געקענט איינליגען.

איך האב מיך שטיל ארויסגעשארט פון אונטער דער קאלדרע, און האב מיך צוגע'גנב'ט צום טירעל פון אלקיר, און דורך דער שפארינע האב איך געזעהן, ווי מאריקע און אנא זיינען געשטאנען אויף די קניה פאר דער מאמע'ס בעט, און מיט אויסגעשטרעקטע הענד, ווי להבדיל די כהנים ביים דוכענען, האבען זיי מיט פער־גלאצטע אויגען תפלות געזאגט.

די מאמע, מיט צעווארפענע האר און מיט א פערקרימט גע־זיכט, איז אין בעט געלעגען און האט מיט פערטשעמעטע צייהן זיך ווי א שלאנג געקנייטשט און געבויגען.

— הא־הא־אוי־הא !

דאס איז געווען א שוידערליך ווילדער אבגעהאקטער קרעכץ וואס האט בעדארפט אדער א לעבען אומברענגען אדער א לעבען בעשאפען.

— ההאו־האהוא־דזין ! דזין ! דזין ! — האט זיך דער שטורם מיט ירגזון צולאזט, אזוי ווי ער וואלט זיך פלייסען אימיצען מנצח זיין.

די אלטע אנא מיט מאריקע'ן, זיינען גיך אויפגעשפרונגען פון די קניה, עס האט זיך געהערט עפעס א סאפען, ווי דאס שפארען זיך אנגעזאמעלטע פארע פון אן ענג פיסקעל....

— הא־הא־אוי! — האט זיך דער אנדערער האלבער קרעכץ

אַרויסגעשפּאַרט און באַלד האָט זיך דערהערט: חו־אַ! האָו־האַ!
— אַ קול׳כעל פון אַ ניי־געבאָרען נפש׳ל...

איך בין געשטאַנען, האָב געביטען די נאַקעטע פיסלעך, האָב מיט ציטערדיגע הענטלעך געריסען די טירלעך פון׳ם אַלקיר.

ווען מען האָט די טירלעך אָן עפען געטהאָן, בין איך אַריינגעלאָפען און האָב מיט צושראָקענע אויגעלעך גענומען קוקען אויף אַלע זייטען: איך האָב געזעהן, די גרויסע מולטער מיט דער „מיטניצע" אונטער׳ן בעט, די מאַמע איז געלעגען אין בעט אַ בלאַסע, אַ פער׳חלש׳טע, מיט פערטריקענטע ליפּען און נעבען איהר איז געלעגען איינגעוויקעלט עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט שוואַך געאָטהמעט.

— קום אהער, זוהנעניו — האָט מיך די מאַמע מיט אַ צערטליכער שוואַכער שטימע אַ רוף געטהאָן — דו האָסט שוין אַ קליין ברודער׳ל...

און מיט׳ן טאָג גלייך, ווען דער טאַטע איז צוריק פון שטאָדט מיט דער באָבע געקומען, איז איהם מאַריקע געלאָפען אַנטקעגען, און האָט איהם אויף אידיש אָנגעזאָגט די בשורה:

„בעלעבאַס, מאַזעלטויף, בעלעבאָסטע געהאַט אַ איננגעלע!..."

„ניטקע."

פּאַרוואָס האָט מען זי גערופען „ניטקע" — פּילאָלאָגיש, פערשטעה איך, האָט זיך דער נאָמען גענומען פונ׳ם באַכלישען וואָרט, „נידאַ" — אַ ברוינע. און אַזוי ווי זי איז ביי אונז געווען זעהר אַ חשובע, האָט מען זי פערצוויגען פון „נידאַ" אויף ניטקע. און מיט דער צייט איז מסתמא דער „דלת" פערביטען געוואָרען אויף אַ „טית". און אַזוי איז פערבליבען, „ניטקע". אַט אַזוי האָט זי געהייסען ביי אונז אין הויז, אַט אַזוי האָט זי גערופען די גאַנצע גאַס, און אויף דעם נאָמען האָט זי געקענט דאָס גאַנצע שטעדטעל. אָנהויבענדיג פון אברהם איצי שוסטער מיט׳ן ווייב און מיט די פינף פיצעלעך קינדערלעך, וואָס האָבען געוואוינט אין אַן איינגעהויקערטע כאַלופּקע באַרג אַראָב, נעבען דער ריטשקע

אונטער דער באָד, און אויסלאָזענדיג מיט הירש בער בראַצלאַווסקי, מיט'ן ווייב מיט'ן ווייסען גוידער, און מיט די פעריל, און מיט די דריי קינדער גימנאַזיסטען, וואס האָבען געוואָהנט ווייט ארויף אין דער פאראדנער גאס, וואס האָט זיך געגרעניצט מיט די פריצי־שע הויפלעך.

אין שטוב ביי אונז האָט מען זי גערופען „ניטקע" אָהן א שום יחוס־נאָמען. — ניטקע. אָט אזוי ווי מען האָט מיך גערופען שלמה'קע, און מיין שוועסטער — ביילקע.

אין שטאָדט אָבער האָט מען זי גערופען „ניטקע" מאיר יאָ־סעל'ס, אויפ'ן יחוס־נאָמען פון'ם טאַטען, אָט אזוי ווי מען האָט מיך גערופען: שלמה'קע מאיר יאָסעל'ס, און מיין שוועסטער — ביילקע מאיר יאָסעל'ס, — א מיטגליעד פון די מאיר יאסעלס, הייסט עס. — א פאַמיליע־מיטגליעד. דער אונטערשיעד צווישען אונז און צווישען ניטקען איז אָבער געווען א גרויסער. מיר—איך מיט מיין שוועסטער הייסט עס, האָבען טאַקע בלויז געהאַט אויף זיך דעם יחוס אבות, אין עצם זיינען מיר געווען עהנליך צו אַלע שלמה'קעס און ביילקעס פון'ם שטעדטעל. „ניטקע" האָט אָבער געהאַט איהר יחוס־עצמה. איהר אייגענעם יחוס. „ניטקע" איז געווען א אינדיווידועלע פערזענליכקייט. ניטקע! עס איז געווען איין „ניטקע" אַזעלכע אין שטעדטעל — א יחידה במינה!

„ניטקע" איז געווען א בהמה. — א קוה מיט א ברוינער וויים־געפלעקטער גלאַטער פעל ווי א סאַמעט. „ניטקע" האָט פערמאָגט צוויי גרויסע אויסגעבויגענע העהנער; וואָס האָבען זיך פערפלאָכ־טען איינער אין צווייטען, און זיינען איהר געשטאַנען ווי א קרוין אויפ'ן קאָפּ. און „ניטקע" האָט פערמאָגט א געמבע, וואָס אז זי פלעגט געבען א „רעווע" האָט דאָס גאַנצע שטעדטעל געוואוסט, אַז דאָס רעוועט „ניטקע".

און „ניטקע" אליין, ווי עס ווייזט אויס, איז געווען בעוואוסט פון איהר יחוס־עצמה.

ווען זי פלעגט געהן, פלעגט זי שטעלען די פיס מיט אזא באלאַ־באַטישע תקיפות, מיט אזא געזעצטקייט, אזוי ווי זי וואָלט מיט יעדען טריט בעטאָנען: דאָ געה איך, „ניטקע".

מיט קיין זאַך איז די גאַנצע שטוב ניט געווען אַזוי פערנומען ווי מיט ניטקע'ן.

מיט דער שאַפע ספרים האָט זיך אָבגעגעבען בלויז דער טאַטע, מיט די קיפערנע פאַנען אויף דער שאַפע, האָט זיך אָבגעגעבען בלויז די מאַמע, מיט די קינדער האָט זיך אָבגעגעבען די מאַמע מיט דער דיענסט. מיט ניטקע'ן אָבער זיינען אַלע געווען פערנומען: דער טאַטע, די מאַמע, די דיענסט און אַלע קינדער, פון גרעסטען ביז'ן קלענסטען.

און וואו ערגעץ א שטיקעל שאַלעכץ, וואו א שטיקעל ברויט, וואו א ביסעל קלייען, א קאַרטאָפעל, אַביסעל גריגס האָט זיך בלויז געהערט: „ניטקע" און „ניטקע" און ניט נאָר פון'ם הויז, נאָר פון די שכנים האָבען די קינדער געהאַלטען אין איין טראָגען פאַר „ניטקע'ן".

גאַנץ פריה, ווען מען האָט זיך נאָר אויפגעכאַפּט פון די בעטען, איז דער ערשטער שמועס שוין געווען: „ניטקע." נאַקעטע פלעגען זיך די קינדער אַראָבכאַפּען און אין די ווייסע סטאַנען פלעגען זיי האַלטען אין איין טראָגען פאַר ניטקע'ן און ניטקע פלעגט יעדען בעגעגנען מיט א פריינדליכען קבלת־פנים, פלעגט שטרעקען איהר לאַנגען האַלז מיט'ן קאָפּ פון איין סטאַן אינ'ם אַנדערען און בעת מעשה זיך לאָזען גלעטען און קראַצען פון אונזערע ווייכינקע הענטעלעך איבער דער גלאַטער סאַמעטענער פעל.

אין טשערעדע אריין פלעגט מען ניטקע'ן ניט פיהרען.

אין דער פריה, נאָכדעם ווי ניטקע האָט מיט צושפּרייטע פיס, געדולדיג געלאָזט דער דיענסט אָבמעלקען פון דעם פולען אייטער, פאַר אונז א גרויסען שעפעל מילך, האָט זי אַרויסגעלאָזט א רעווע וואָס האָט זיך צוטראָגען איבער'ן גאַנצען הויף, איבער דער גאַס און איבער'ן שטעדטעל, אַזוי ווי ער וואָלט אָנזאָגען: ווייסט אידען, אַז ניטקע האָט אָבגעטהאָן איהר פליכט! און באַלעבאַטיש האָט זי גענומען שטעלען פיס צום טויער, א שפּאַר געטהאָן מיט'ן קאָפּ מיט די הערנער, זיך אַרויסגערוקט מיט איהר גאַנצער ברייט פון יענער זייט און גענומען געהן — געהן אין טשערעדע.

פון דער טשערעדע פלעגט ניטקע אויך קומען אַליין, אויף דעם זעלבען באַלעבאַטישען שטייגער, נאָר אַביסעל מעהר געאיילט.

זי פלעגט צוקומען צום טויער, זיך א שפאר טהאָן מיט די הער, נער, ארויסלאָזען א רעווע, און מיט'ן פולען אייטער וואָס פלעגט זיך פלאָנטערן צווישען די פיס, פלעגט זי אריינשטעקען דעם קאָפּ אין פאָר־הויז און אָנזאָגען מיט א רעווע: אָט בין איך דאָ, ניטקע, מיט א פולען אייטער פאר אייך, קינדערלעך.

באלד פלעגען מיר זיך א וואָרף טהאָן און נעהמען לויפען, מיט פולע אויסגעשטרעקטע הענטלעך. און מיר פלעגען זיך ריי־סען און ווארפען, ווער עס זאָל פריהער דערלאַנגען ניטקע'ן, פון דעם וואָס ער האָט אָנגעגרייט. און אין שטוב איז באלד געוואָרען א רעש: ניטקע! דער טאטע האָט געמישט א צעבער, די מאמע האָט בעזאָלצען, די דיענסט האָט געטראָגען און מיר אַלע האָבען ארומגעטאנצט און זיך געפּלאָנטערט פאר די פיס.

און ווער קען עס איבערדערצעהלען די שמחה, ווען מען פלעגט אָנהויבען שמועס'ן אין שטוב, אז ניטקע וועט באלד האָבען א קעלבעלע, און די חדוה, אז גאָט האָט געהאָלפען, מען האָט דער־צויגען מיט די צייהנער און ניטקע האָט זיך שוין אָבגעקעלבט. מיר פלעגען דורך די נעכט ניט שלאָפען, מיר פלעגען טראָגען אַלטע קאָלדרעס, שמאטעס, שטרוי, און וואָס מיר האָבען נאָר דערטאפּט, אז עס זאָל זיין ניטקע'ן מיט'ן קעלבעל ווייכער צו ליגען. מען פלעגט איהר אַלע ווילע טראָגען ווארימע „יאכלעך" געמישט מיט קלייען און אז ניטקע פלעגט א זופּ טהאָן, פלעגען מיר פיהלען, אז עס קומט אונז אַלע צו א שטיק געזונד. מיר פלעגען אַלע אָבציהען, מיט יעדען זופּ, דעם אָטהעם, אזוי ווי מען וואָלט איהר וועלען ארויסהעלפען זי זאָל לייכטער קענען ארונטערשלינגען און מיר פלעגען שטעהן און ציטערן איבער איהר, און זי גלעטען.

און דעריבער, ווען די צייטען זיינען געוואָרען נאָכדעם שלעכט, און מען האָט צוגענומען ביי אונז ניטקע'ן, האָט מען צוגענומען דאָס געזונד, די נשמה, דאָס גאַנצע לעבען פון הויז.

ניט מיט אַמאָל איז דאָס געקומען, צו־ביסלעך.

פריהער האָט מען צוגענומען שרה־ראצי'ן, די דיענסט, די מאמע האָט אליין בעדארפט שטעהן אין קיך. די קינדער האָבען אליין בעדארפט מאכען דעם סאַמאָוואר, און עס האָט זיך געבענקט,

זעהר געבענקט נאָך שרה־ראצי'ן, אָבער מיט א גראד, מען האָט עס געקענט איבערטראָגען, די שטוב איז געוועזן א שטוב.

נאָכדעם האָט מען צוגענומען דאָס גרויסע ווילנער ש"ס. עס איז געוועזן שלעכט, זעהר שלעכט! דער טאַטע איז געוואָרען שווארץ ווי די ערד, ווען מען פלעגט דורכגעהן דורך דער שאפע, פלעגט געבען א שניט אין הארצען. עס איז נאָך אָבער אַלץ געוועזן צו דער־טראָגען, די שטוב איז דאָך געוועזן א שטוב!

דערנאָך האָט מען צוגענומען דאָס ביסעל זילבער, מיט'ן קופער פון דער שאפע, די מאַמע איז געוואָרען געעלטערט, גע־קנייטשט, מיט בלויע פאסען אונטער די אויגען, פון דער שטוב איז אָבער פון דעסטוועגען אויס שטוב ניט געוואָרען.

ווען מען האָט אָבער צום סוף צוגענומען „ניטקע'ן" איז גע־וואָרען אויס. א סוף צו דער שטוב!

ניטקע האָט אויסדרעהענדיג דעם קאָפּ פונ'ם שטריק, אויף וועלכען מען האָט זי געפיהרט, עקשנות'דיג מיט א רעווע אויסגעשריען פאר'ן גאנצען שטעדטעל: „ס'איז אויס! א סוף פון מאיר יאָסעל'ס הויז!"

און עס איז געוואָרען אויס, א סוף! — פינסטער, חושך אויפ'ן הארצען, אויף דער נשמה, און אין יעדען ווינקעל!... — עס איז גע־וואָרען אויס פון דער שטוב!...

א חנוכה אויפדערנאַכט.

די גרויסע לאַנגע דירה מיט די העל־בלויע געפארבטע לאַדען, פון פאָרענט מיט א פידאָשעק מיט א ברייטער הילצענער געפארב־טער באנק, אויף וועלכע עס רוהען זיך שטענדיג אָב א פאָר פער־הארוועטע תבואה סוחרים מיט פערקנייטשטע שטערענס און מיט פאפיראָסלעך אין מויל, אָדער א פאָר האלב שיכור'ע פויערים מיט בייטשען אין די הענד און ליולקעס צווישען די וואָנצעס, — די דאָזיגע דירה וואָס שטעהט אזוי גדלות'דיג אין מיטען מארק, און קוקט ארויס מיט פענסטער, ווי א לאַמטערען, פון אַלע זייטען —

דאָס איז אונזער דירה. עס הייסט, עס וואוינט אין איהר דער זיידע שלום יאָסעל מיט דער באָבע, זאָלען מאריך ימים ושנים זיין, עס וואוינט אין איהר דער טאַטע מיט דער מאַמע'ן און מיט אַלע קינדער, זאָלען געזונד און שטאַרק זיין. און אז מען האָט חתונה געמאַכט מיין שוועסטער מאַלי פאר מיין שוואָגער זלמן, זיינען זיי נאָך די קעסט, אויך געבליעבען אין דער דירה.

צום ערשטען חנוכה־ליכטעל, טראָגען זיך דריי בעלי הבתים, פון דריי בעזונדערע דורות, מיט דריי זילבערנע חנוכה־לעמפלעך, חנוכה־ליכט בענשען.

דער ערשטער קומט דער גרייז־גרויער זיידע, מיט דער ווייסער ברייטער באָרד, מיט די ווייסע אראָבגעהאָנגענע ברעמען, און מיט דעם פער'מח'טען, פערקנייטשטען שטערען. נאָך איהם געהט נאָך די באָבע, אָן איינגעבויגענע, מיט שפּאַקולען אויף דער נאָז. דער זיידע טראָגט דאָס חנוכה־לעמפּעל מיט ציטעריגע הענד, דאָס לעמ־פּעל איז שוין אַלט, אָבגעריבען, אָבער עס קוקט דערפון ארויס יחוס'דיגע תקיפות. דער „להדליק נר של חנוכה", זאָגט דער זיידע מיט א ציטערדיגער שטימע, און פון דעם זיידענס „הנרות הללו" הערט זיך האָפנונג, אָפּטימיזם.

נאָך איהם קומט דער טאַטע מיט'ן קייל־עכדיגען שווארצען בערדעל, מיט די פערטראַכטע מילדע שווארצע אויגען. נאָך איהם געהט נאָך די מאַמע, מיט'ן זיידענעם טיכעל אונטער די אויערען, מיט די דימענטענע אויערינגלעך. ער טראָגט דאָס זילבערנע חנוכה לעמפּעל איילענדיג, אַזוי ווי מען האָט איהם פון עפּעס אָבגעריסען, און ער דאַרף באַלד צו עפּעס צוריקגעהן. דעם „להדליק נר של חנוכה" זאָגט ער מיט שטאַרקייט, מיט תקיפות, און דער „הנרות הללו" קומט ביי איהם אויס, אַזוי ווי ער וואָלט אימיצען געסטראַ־שעט מיט עפּעס...

נאָך זיי ביידע קומט מיין שוואָגער זלמן, מיט די בלויע פאַנס־נע, און מיט די שווארצע נאַר וואָס ארויסגעשפּראָצטע וואָנצעלעך אויף דער אויבערשטער ליפּ. ער טראָגט א שפּאָגעל נייע חנוכה־לעמ־פּעל, נאָך איהם געהט נאָך מיין שוועסטער מאַלי, זי בייסט א נאָ־געל פון מינדסטען פינגער'ל, די גריבלעך אין די באַקען שמייכלען, און דאָס יונגע ווייסע פּנים'ל רויטעלט זיך. דאָס נייע חנוכה־לעמפּעל

ביי מיין שוואָגער אין די הענד קוקט עפּעס אויס ווי פערשעהמט. אזוי ווי עס וואָלט זיך בויגען און קנייטשען. דער „להדליק נר של חנוכה" קומט ביי איהם ארויס, אזוי ווי ער וואָלט מיט איהם, אַן אַלטען פערשימעלטען חוב בעצאָהלט. און פון'ם „הנרות הללו", הערט זיך פּעסימיזם און ספקות.

מיר, די קונדייסעם: איך, מיין ברודער ליפּי, מיין ברודער יוסעל, מיין ברודער משולם, און גאָר דער קליינער וועוריק שמע־ריל — א דראָטיג אינגעלע וואס רוהט ניט, און שטעהט ניט קיין רגע אויף קיין אָרט, ווי ער וואָלט געווען אָנגעגאָסען מיט קוועק־זילבער, — שטעהען די גאַנצע צייט און קוקען אָן איינער דעם צווייטען מיט דרך ארץ — מען דאַרף באַלד קריגען חנוכה־געלט, און מען דאַרף זיך האַלטען „סטאַטעטשנע".

— זאָל זיין שטיל, לאָפּאַצאַן!

— יוסעל בוז, ווער רעדט? עס איז דאָך דו!

— ליפּא כלאָפּ, ווערסט ניט פערשטומט?

— משולם כאמולע, מאַך צו דעם פּיסק!

דאָס שטילען מיר אזוי איין איינם דאָס צווייטע. די צו־געמען וואַרפען מיר זיך צו מיט פערציטקעוועטע ציינער, און בעת מעשה קוקען מיר אַלע מיט נעבעכדיגע, צושראָקענע אויגע־לעך, וואס זאָגען: „ווער איז שולדיג? עס איז ער!" און מיין ברודערל שמערעלע לויפט דערווייל ארום פון איינעם צום צוויי־טען, און שטילערהייד גיט ער דעם א צופּ, יענעם, א ריס. און מיר קריצען מיט די ציינער, און זאָגען איהם צו, אז מיר וועלען איהם שפּעטער בעצאָהלען מיט פּראָצענט.

ארויסגעקראָגען דאָס חנוכה־געלט פון דעם זיידען, פון דער באָבע, פונ'ם טאַטען, פון דער מאַמע, פון מיין שוועסטער מאַלי, און פון מיין שוואָגער זלמן, וועלכער קנייפּט אונז פריהער גאַנץ גוט אָן אין די באַקען, און דרעהט אונז אָן די אויערען, אז זיי ווע־רען רויט ווי קאַרמעזין, פערקלייבען מיר זיך אַלע צו מיין שוואָ־גער זלמן אין אַלקיר. און עס ווערט באַלד א געפּילדער, מיט א געוואַלד. מיר נעהמען אויסבייטען אונזערע מטבעות איינער ביים צווייטען. און יעדער האָט טענות מיט מענות: „גיב מיר אָפּ מיין ניי פיערערל!" „נא דיר אָפּ דיין זעקסער מיט'ן לאָך!"

„וואָס האָסטו מיר אַריינגעשטופּט אַ גלאַטען צעהנער?!" מיר ליגען איינס אויפ'ן צווייטען, מיר רייסען זיך, קנייפּען זיך, און בייסען זיך, און דאָס כּפּרה הינדעל איז מיין קליין ברודערעל שמע־רעלע, אויף וועמען מיר האָבען נאָך אַ האַרץ פון פריהער.

אין זאַל הויבט דערווייל אָן צו ווערען לעבעדיג. דער בליץ־לאָמפּ ברענט אין מיטען סאָפיט, פון קיך הערט זיך אַ ריח פון געפּרעגעלטע גריוועו מיט לאַטקעס. און עס הויבען זיך אָן צוזאַ־מענקומענדען אידען פון פערשיעדענעם עלטער.

צום זיידען קומען זיינע חברים: דער אַלטער מנשה, מיט דער ווייסער פלאַקסענער באָרד, מיט'ן לאַנגען אויסגעצויגענעם צו־קנייטשטען פּנים. און דער אַלטער שמערעל, אַ הויכער אויסגע־בויגענער איד, מיט פערגעלטע וואַנצעס און מיט אַ ווייס־גרוי צוויי־שפּיציג בערדעל, וואָס שאָקעלט זיך כּסדר, אי בעת ער רעדט, אי בעת ער זיצט אַזוי און מאַכט מיט די ליפּען...

צום טאַטען קומען זיינע חברים: יעקעל סאָליטערמאַן, אַ איד וואָס בשעת ער רעדט דערענדיגט ער ניט, און מען דאַרף איהם כּסדר אַרויסהעלפען. בערעל דאָקטעראָוויטש, אַ אידעל וואָס געהט גיך, רעדט גיך, און די הענד, די אויגען, מיט'ן שטערען האַלטען ביי איהם אין איין אַרבייטען. און יוסעל אַמינסקי, אַ איד וואָס רעדט בע'ישב'ט, פערטראַכט, און עס געהט ביי איהם ניט אַרויס קיין זעקס ווערטער אָהן „זאָגט ער", און אָהן „הייסט עס".

צו מיין שוואָגער זלמן קומען יונגע לייט, און בחורים, מיט ברילען, מיט גאָלדענע קעטלעך אויף די זשילעטען. און מיט שטע־קעלעך אין די הענד.

באַלד ווערען אַרויסגערוקט דריי בעזונדערע טישען, און זיי ווערען אַלע בעזעצט.

דער זיידע, דער אַלטער מנשה, און דער אַלטער שמערעל, זיצען ביי איין טישעל, דער זיידע מיט'ן אַלטען מנשה נעהמען זיך שפּיעלען אַ שאַך. ביידע לאַנגע ווייסע בערד, זיינען אויסגע־שפּרייט אויפ'ן שאַך ברעט. ביידע זיינען זיי פער'מח'ט און ברו־מען אונטער מיט אַ גמרא ניגון.

— הער זשע אויס, מנשה, איך געדענק דאָך דיך פון אינגעל־

ווייז, ביי מיר ווערן די מעשיות ניט געהען, „צוג איז א צוג,"
בלא חרטה!

אזוי זאָגט דער זיידע צום אלטען מנשה, און געהט א צוג.

דער אלטער מנשה גלעט א ווייל פערטראכט די ווייסע באָרד,
גיט א געה א צוג, און האָט באַלד חרטה.

— הע, דו הויבסט שוין אָן מנשה? מיר האָבען דאָך
עפּעס געשמועסט!

— מילא אז געשמועסט, איז געשמועסט, פערפאלען! — גיט
דער אלטער מנשה צו.

און דער אלטער שמערעל, זיצט ביי דער זייט, שאָקעלט מיט
די ליפּען, און מיט'ן ווייסען בערדעל, און פּאָטאָקעוועט: „גע־
ווים איז פערפאלען. געגאן איז געגאן!"

ביים צווייטען טישעל זיצט דער טאַטע מיט זיינע חברים,
און שפּיעלט אין „טרויקע דבויקע".

— גיסטו, הייסט עס, אויף די אויבערשטע צוויי? געדענק
זשע, יעקעל, אָבער אמת'ע צוויי, ניט געמאַשענעוועט!

— אזוי זאָגט דער טאַטע צו יעקעל סאָליטערמאַן, האַלטענדיג
די קווויטלעך אין די הענד און קוקט איהם אויף דער מינע, און
זינגט צו מיט א נגון: „האָסטו, הייסט עס, דאָ אזוי גרויס ווי
כ"ג און כ"ה... וואָס זשע וועט עס הייסען? דאָס קען הייסען... דאָס
קען הייסען אז עס שמעקט מיט א טרויקע... מיט א טרויקע...

— אי, הער אויף ארויסצוגעהמען די נשמה — איז יעקעל
סאָליטערמאַן אונגעדולדיג — דו גיסט, צי דו גיסט ניט? זאָג
ריינע באַרבירים!

— הע, דו האָסט שוין קיין צייט ניט, האָסט ניט? ווי זשע
וואָלט געווען א שטייגער, אז איך זאָל דיר געבען אָט־אָדי צעהן,
נאָך מיט פינף און צוואַנציג?!

— הערשעל, פאָלג מיך, איך גיב ניט, ער האָט א טרויקע!
איך זאָל אזוי געזונד זיין, אז ער האָט א טרויקע! — זיצט די
מאַמע ביי דער זייט און לאָזט ניט געבען — א טרויקע ווי די בע־
רען!...

ביים דריטען טישעל זיצט מיין שוואָגער זלמן מיט זיינע

חברים שפּיעלט א „סטראשידיגע אָקע”. מיין שוועסטער מאַ־לי איז אויך א מיטשפּיעלערין.

מיין שוואָגער זלמן זיצט א פּערפּאַליעטער, און טאַטעוועס בריה'ש דאָס פּעשעל קאָרטען, און מיין שוועסטער מאַלי זיצט שוין מיט אַן אַראָבגעלאָזטער נאָז.

— איך ווייס ניט וואָס דו האָסט זיך דאַ אריינגעמישט ? — האָט מיין שוואָגער זלמן צו איהר טענות, אויסטהיילענדיג די קאָר־טען. — אָט האָסטו דיר א צעהנטעל עקשטיין, מיט א טויז קרייץ !

— און דו מיינסט, הייסט עס, אז דו ביסט א גאַנצער שפּיע־לער ? איך זאָל אַזוי געזונד זיין ווי דו הויבסט ניט אָן צו קע־נען !

— נאַר וואָס זשע דען ?

— נאַר עס געהט דיר די קאָרט.

— נו, טאָ גיב איך דיר פינף קאָפּיקעס אויפ'ן טייזעל !

— טאָ גיב איך דיר די פינף, נאָך מיט פינף !...

— וואו גיסטו ?

— וואָס זשע, איכ'ל דיר אָנזעצען ? מיינסט שוין אז דו געווינסט ?

— ניטאָ, טאַכטערקע, יהודה בלא, מזומן !... אויף קיין עולם הבא שפּיעל איך ניט !...

— זאָל איך שטאַרבען, אויב דו וועסט געווינען !...

זי גיט א כאַפּ די קאָרטען מיט זיך און לויפט צו צום טאַטען :

— טאַטע, גיב מיר א רובעל ! — נעהמט זי נערוועז שלע־פּען, פון'ם קופּקעלע זילבער געלט נעבען טאַטען אויפ'ן טיש.

— ניין, טאָכטער, פונ'ם קאָן גיט מען ניט, עס וועט ניט זיין קיין מזל ברכה !

און ער נעהמט ארויס פון קעשענע אביסעל זילבער געלט, און דערלאַנגט איהר.

פון קיך יאָוועט זיך ארויס די באָבע, נאָך איהר געהט נאָך די דיענסט מיט דריי פּאַלעמעסקעס מיט לאָטקעס מיט גריוועץ, מען שטעלט אוועק די דריי פּאַלעמעסקעס אויף די דריי בעזונדערע טישען. עס צוטראָגט זיך א ריח, מיט א פּאַרע איבער דער גאַנצער

שטוב. און ביי אַלע דריי טישען ווערט מיט אַ מאָל איבערגעריסען די שפּיעל, אַלע זיינען פערטהאָן אין די לאַטקעס, און אין די גריוועז, און אין מיטען עסען, רעדט מען איבער וועגען די פעהלערען, וואָס יעדער איז בעגאַנגען ביים שפּיעלען....

דאָס לעצטע פינפערל.

גאַנץ פריה האָט עס איהם אויפגעכאַפּט פון זיין געלעגער. אויף וועלכען ער האָט זיך די גאַנצע נאַכט געדרעהט און עס האָט איהם קיין שלאָף ניט גענומען...

ער נעהמט זיך פויל אַנטהאָן און קוקען אין די פענסטער. אין דרויסען איז נאָך גרוי, פערוואָלקענט און ווידער צייגט עס אויף אַ רעגען אָדער אַן אַנדער צרה'דיגען וועטער.

„פאַר פסח", גיט ער זיך מיט ערגערניש אַ קראַץ אין קאָפּ. ווען כאָטש שעהנע וועטערס, איז עפּעס אויס'ן הארצען לעבעדיגער, פילייכט דאָ, דאָרט, מ'זוכט ערגעץ אָב צו פערדיענען אַ רובעל. אָבער ווי אַזוי קען מען זיך גאָר זעהן מיט אַ מענשען אין אַזעלכע וועטערס? די נאַסקייט מיט דער בלאָטע ליגט שוין אין די גאַרגערעס. בלאָטע, און בלאָטע!

— כאָטש צוריק רעדענדיג — גיט ער זיך אַ טראַכט— וואָס וואָלטען איהם די שעהנע וועטערס געהאָלפען? אַזוי ווי דאָס נאָר, הייסט עס, וואָלט געוועזן דער גאַנצער עיקר אמת, די וועלט איז אָפענער ווען דער וועטער איז שעהן, מ'קען צושטעלען אַ וואַגאָן תבואה צום באַהן, עס טהוט זיך, עס רעש'ט זיך עפּעס; אָבער פאַר איהם וואָלט עס נאָך אפשר אין אַן אופן געוועזן ערגער. עס וואָלט נאָך ערגער געריסען די אויגען אַז ער איז אַ קבצן... אַזוי איז אַ תירוץ: דער וועטער איז שלעכט, טהוט זיך ניט...

וואָרים, האָט מען איהם דען נעכטען ניט נאַראַיעט צו קויפען עטליכע וואַגאָנעס ווייץ? לייט האָבען נאָך הפנים אַ טעות, מען מיינט הפנים אַז ער איז נאָך אַ שטיק עושר און קען נאָך מאַכען אַזאַ קניה...

אָבער... ער גיט זיך ווידער אַ קראַץ אין קאָפּ, און פער־

קנייטשט דעם שטערען, אזוי ווי ער וואָלט קיין עצה ניט קענען זיך געבען ווי צו בעשליסען...

ענדליך, נאָך א קורצען טראַכטען גיט ער א בורטשע אין זיך: ווי שפּעט זאָל יעצט זיין? עס מאַכט ניט אויס... אָט נאָר ניט... איך וויל יעצט פאַר פּסח ניט קויפען קיין ווייץ... עס איז פון דעסטוועגען א גאַנץ גוטער תירוץ; האַלט דען די גאַנצע וועלט אין איין קויפען ווייץ?... אייניגע קויפען און אייניגע האַל־טען זיך אָפּ. אָט האָט שלמה ראַבינאָוויטש ערשט לעצטע וואָך געקויפט מיט א מאָל עטליכע און דרייסיג וואַגאָנעס תבואה. זאָל מען פרעגען, למשל, פאַר וואָס האָט בעריל אַלטמאַן ניט גע־קויפט? ער האָט ניט געוואָלט... דער האָט אזא קוק, יענער אַנדערען.

— ניין אזייגער — ווערט ביי איהם בעשלאָסען — דאַרף מען צוגעהן צו אפרים שאַר, און א שמועס טהאָן מכוח די עטליכע וואַגאָנעס ווייץ, וואָס ברוך זאוואַדאָווער האָט איהם געבעטען נאַ־ראַיעט ביים ווישניאַווקער פּריץ. פּיליכט וועט דאָס געהן. מען קען דאָ אפשר כאַפּען עטליכע רובעל מעקלעריי...

„עס וואָלט געווען א שעהנע מטבע", לויפט איהם דורך א געדאַנק, „מען וואָלט זיך געקענט א ביסעל ארומטרייסלען און ווייטער דרעהען זיך א שטיקעל צייט. נאָך אַלעמען, אז מען פער־מאָגט אַן אייגענע פאַר הונדערטער, רעכענט שוין יענער מי יודע וויפיעל... ער וואָלט אפילו ניט געקענט אויסשפּייען ברוך זאוואַ־דעווער. ער האָט דאָך דאָס איהם געזאָגט דערפון... נאָר אז מען וועט ניט קענען, איז, ווי זאָגט מען: פון ווייניגער פערדיענסט ווערט מען ניט בדלות...

ער גיט א קוק אויפ'ן וואַנט זייגער, אָבער ער דערמאַהנט זיך, אז דער וואַנט זייגער שטעהט. שוין עטליכע מאָנאַטען אז מען דאַרף איהם פעררעכטען. עס דאַרף קאָסטען א האַלבען רובעל, און מען קען ניט אָפּרייסען....

ער גיט פון געוואוינהייט א טאַפּ אין קעשענע פון זיין זשי־ליעט. אָבער ער כאַפּט זיך באַלד צוריק, ער דערמאָנט זיך, אז דאָס קעשענע זייגערעל האָט ער נעכטען פערקויפט אין נעמי־ראָוו מיט'ן קייטעל...

עס גיט איהם מאָדנע א צופּ ביי דער נשמה. נײַנצעהן

רובעל האָט ער געגומען פאַר'ן זייגערעל מיט'ן קייטעל, אפילו קיין האַלב געלד ניט, קאָסטען האָט דאָס געקאָסט צוויי און פופציג. דערפון איז נאָך אראָפּ דריי רובעל אויף א טאָמבעקענע קייטעל, ווערטה מסתמא צוואַנציג קאָפּיקעס, ער זאָל דאָס וועלען פערקויפען, און דאָס האָט מען געמוזט קויפען צו פערבלענדען לייטען די אויגען... און הוצאות זעכציג קאָפּיקעס, ווייל דאָ אין שטעדטעל האָט מען דאָס ניט געקענט טהאָן, די שטעדטעל איז קליין און אַלע קענען איהם...

פון די פערבליבענע פופצעהן רובעל איז ער שולדיג געווען א צעהענדריל משה שאפּירא, געליהען א גמילות חסד שוין באַלד א מאָנאַט. ער האָט זיך שוין געשעהמט דורכצוגעהן די גאַס.

ער גיט זיך א טאַפּ אין די הויזען־קעשענע. אָבער ער האָט קיין הארץ ניט ארויסצונעהמען דאָס בייטעלע מיט די פערבליבענע פינף רובעל, עס שניידט איהם צופיעל דאָס הארץ, ער זאָל אפילו קענען דערויף א קוק טהאָן...

דאָס איז זיין פערמעגען, און עס געהט פסח. פערזעצען, פערקויפען איז שוין ניטאָ וואָס. אַלע ווערטה־זאַכען פון זילבער, גאָלד, ציערונג האָט מען שוין ארויסגעטראָגען פון הויז, און אויסגעביטען אויף פראָסטע נאָכגעמאכטע, צו פערבלענדען לייטענס אויגען... און שולדיג איז ער נאָך, אָנגעבאָרגטע, אָנגעליהענע צעהנערלאך און פינפערלעך, אז די האָר זיינען ניט זיינע. ניטאָ שוין מעהר קיין פלעצער, כאָטש ציה זיך אוים און שטאַרב. און די ליגען זאָגען, יעדערן אן אנדער ליגען, קנייפען די באַק, אז די פאַרב זאָל שטעהן, עס איז שוין מיאום דאָס לעבען...

אייגענטליך איז דאָס א גרויסע נארישקייט, קומט איהם ארויף א געדאַנק. א קבצן א גדלן! רק זעהען פערבלענדען יעדעמס אויגען. די שמאָכטעס, אויף וועלכע ער האָט אויסגעביטען די ווערטה־זאַכען, האָבען איהם אָפּגעקאָסט שעהנע עטליכע רובעל. ער זאָל דאָס איצט האָבען אין קעשענע, וואָלט איהם געווען ליכטיג אין די אויגען.... און וואָס פאַר א ווערטה האָט דאָס? פינף צובראָכענע גראָשען, ער זאָל וועלען, קריגט ער פאַר זיי ניט... „לייט” האָבען איהם מעהר אָפּגעקאָסט, וויפיעל ער האָט געהאַט

פון זיי אין די גוטע יאָהרען.... אימער נאָר, וואָס וועלען לייט זאָגען?... וואָס וועלען לייט זאָגען?...

און נאָך אַלעמען קען מען די וועלט נישט נארען, —ימישט זיך איהם אריין א געדאנק. הפנים, ווייסט מען דען ניט אין שטעדטעל, אז ער איז א גרויסער קבצן? והא ראיה: אַט איז שוין באַלד פסח, די קאָמיטעטשיקעס פון מעות חטין זיינען שוין פערביי געגאַנגען ניט איין מאָל פאר זיין הויז, און צו איהם איז מען ניט אריינגעקומען. מען האָט איהם, ווייזט אויס, אפילו אין צעטעל גאָר ניט אריינגעשטעלט... און עס נעהמט אין איהם קאָכען, זידען, אַלע אברים נעהמען ציטערען, און ער נעהמט שפרייזען איבערן שטוב, בייסענדיג די באָרד.

אָבער דאָס קאָבעניש געהט באַלד איבער. נאָך אַלעמען, וואָס וואָלט ער טאַקי געטהאָן, ווען מען שטעלט איהם אוועק עטליכע רובעל אויף מעות חטין? עס וואָלט דאָך נאָך געוועזן פיעל ערגער, ער וואָלט דאָך זיך בעדארפט בעגראָבען פאר בזיון....

אייגענטליך, ווען ער זאָל האָבען מוטה געגוג, זאָגט איהם אין הארצען א געדאנק, וואָלט ער בעדאַרפט צוגעהן צו אברהם וואָלפזאָהן, דער ראש פון די קאָמיטעטשיקעס, איהם אוועקרופען אויף א סוד און איהם זאָגען, אז ער מוז נעהמען מעות־חטין... אָדער על כל פנים, זאָגען א ליגען, אז ער וויל מעות חטין פאר איינעם א „יורד", א מטופל מיט עטליכע קינדער...

אָבער ער פערשטעהט, אז אי עס וועט איהם ניט סטאַיען קיין מוטה, אי דעם ליגען וועט ער ניט קענען זאָגען: מען וועט באַלד דערקענען...

ער דערהערט א קלאַפּען פונ'ם ווינט מיט די לאָדען. ער גיט זיך א כאַפּ, עס מוז שוין זיין נאָך גיין. ער גיט ווידער א קוק דורך'ן פענסטער. דער הימעל, זעהט ער, לויטערט זיך אויס, די וואָל־קענס ווערען שטיקערווייז צוריסען און געטריבען דורכ'ן ווינד און צווישען זעהען זיך ארויס בלויע פלעקען, פון וועלכע עס גיט א שיין די זון און בעהאַלט זיך ווידער אונטער די שטיקער כמאַ־רע, ווי זי וואָלט זיך רייצען מיט דער וועלט...

ער נעהמט אָנטהאָן דעם אויבער־ראָק און ארומבערשטלען זיך ביים שפּיעגעל. דער ראָק, בעמערקט ער, איז שוין שטאַרק אָפּ־

נעטראָגען, און דעם קאַשקעט וואָלט שוין אויך ניט געשאַדט איר־בערצובייטען.

ער נעהמט זוכען צווישען די מלבושים געפינט ער אַן אַנדער ראָק, אָבער יענער איז נאָך פיעל ערגער. דאָס איז נאָך אַלץ פון אַמאָליגע יאָהרען. מען זוכט אַלע מאָל אויס אַן אַנדער בגד, מען בעטראַכט עס, און מען וואונדערט זיך, ווי אַזוי האָט מען נאָר אַראָפּגעוואָרפען אַזא נאָך גאַנץ גוטען מלבוש. מען פערצירעוועט דאָ, פערריכט דאָרט, מען נעהט אָן אַ קנעפּעל, וואו עס פעהלט, מען בערשטעלט אויס, און מען טהוט עס אָן...

אָבער מען האָט שוין אַזוי פערצירעוועט, פערריכט און אויס־געבערשטעלט וואו עס האָט זיך געפונען אַ שמאַטע, און וואס מען זוכט איצט אויס, איז רק ערגער און ערגער...

ער טהוט אָן צוריק דעם פריהערינגען ראָק, בערשטעלט איהם נאָך אַמאָל ארום, בערשטעלט ארום דעם קאַשקעט, און קעמט אויס די באָרד, נעהמט דאָס שטעקעלע און לאָזט זיך געהן.

אויפ'ן וועג שטעלען זיך איהם פאַר פאַנטאַזיעס פון בעגעגע־נען אליהו הנביא, פון געפינען אַ בייטעל געלד, סאַמע קנאַקעדיגע הונדערטערס, אפילו פון ארויס'גנב'ענען אַ בייטעל געלד. ביי די־זען געדאַנק פערשעהמט ער זיך אַליין און קען זיך ניט מוחל זיין פאַר דעם שלעכטען רעיון... צו וואס אָרימקייט קען ברענגען! — מאַכט ער זיך פאָרוואורפען.

אָבער, באמת, ניט עס גלויבט זיך איהם אין אַזעלכע נסים, און ניט ער וואָלט קענען בעגעהן אַ גנבה, ווייסט ער. דאָס איז נאָר פוסטע געדאַנקען און אַ סוף.

ענדליך קומט ער ארויף וועגען דעם ווישניאָווקער פריץ'ס ווייצען. און דאָס קומט ביי איהם אויס גאַנץ נאַטירליך. אַז אפרים שאָר זאָל אָוועקקויפען דעם ווייץ, וועט זיין אַ פּאָר הונדערטער מעקלעריי, און מאַהלענדיג אַזוי זיך, וואס פאַר אַ פרעהליכער יום טוב עס וואָלט געווען, ווי אַזוי מען וואָלט זיך אַ ביסעל ארומגע־לאַטעט און ארומגעצאָהלט, קומט ער אריין צו אפרים שאָר.

ביי אפרים שאָר טרעפט ער ארום טיש אַלע קאָמיטעטשי־קעס פון מעות חטים, און ביים אריינקומען גיבען איהם אַ שלאָג

אלע בלוטען אין קאָפּ אריין. דורכ'ן לייב געהט דורך ווי א פראָסט.

ער בלייבט שטעהן א ווײלע צוטומעלט. אָבער ער נעהמט זיך באַלד אָן מיט מוטה, צושפּיעלעט דעם אויבער־ראָק, כאַפּט אָפּ שווער דעם אָטהעם, און ארומווישענדיג דעם שטערען, אויף וועלכען עס האָט ארויסגעזעצט א קאַלטער שוויס, זעצט ער זיך אַוועק אויף א שטוהל ביי דער זייט, דרעהענדיג זיך, אויסציהענדיג און איינבויגענדיג אלע מאָל די פיס, און ניט קענענדיג זיך איינ־מאָסטען...

— שלום עליכם, ר' שלמה, א צייט ניט געזעהען, — ווענ־דעט זיך צו איהם אברהם וואָלפזאָהן, דער עלטסטער פון די קאָמי־טעטשיקעס. — וואָס מאַכט מען עפּעס, ווי געהט עס?

— ניט צו פערזינדיגען, — שטאַמעלט ער צו און פינטעלט מיט די אויגען.

— מאַכט מען עפּעס געשעפטען?

— גאָט צו דאַנקען, געקויפט יענע וואָך עטליכע וואַגאָנעס האָ־בער, און ארויסגעשיקט קיין אדעס, — און ער ווערט שיער ניט דערוואָרגען מיט'ן אונגעלומפּערטען ליגען.

אברהם וואָלפזאָהן קוקט זיך איבער מיט די איבריגע קאָמי־טעטשיקעס, און נעהמט זיך פּאָרען מיט די צעטלען און ביכער פון'ם מעות חטין, וואָס ליגען נעבען איהם אויפ'ן טיש...

— וואו איז ר' אפרים? — בורטשעט ער ארויס הוסטענ־דיג, אָנגעבויגען דעם קאָפּ ארונטער, ניט קענענדיג פערטראָגען זייערע בליקען, וועלכע שטעכען איהם דורך און דורך.

— ר' אפרים, — ענטפערט איהם אברהם וואָלפזאָהן, און נעהמט שרייבען אין די צעטלען, — ר' אפרים איז אין זאַל, מאַכט א קאָנטראַקט מיט'ן ווישניאָווקער פריץ אויפ'ן ווייץ. א גוט געשעפט, ווי זאָגט איהר, ר' שלמה? פינף און אכציג קאָפּיקעס. ברוך זאַוואָדעווער איז דער מעקלער...

עס נעהמען איהם האַקען די שלייפען אין קאָפּ, די קניעס נעה־מען זיך וואַרפען ווי אין קאָנוואולסיעס.

— ניש־קשה, ניט־שלעכט. א־זוי, בר־וך זא־וואָדעוועך דער

מעקלער?! — און ער פיהלט אויף דער מינוט, ווי אימיצער וואָלט איהם דורכגעבויערט מיט אַן עגבויר די ברוסט.

— אזוי, אזוי, געהט עס גיש־קשה? — ענדיגט אברהם וואָלפזאָהן שרייבען אין די צעטלען, קעהרט אום דעם שטוהל און נעהמט איהם בעטראכטען. — נו, גאָט צו דאנקען. היינטיגע צייטען אז מען האָט פרנסה, דארף מען ניט זינדיגען, ר' שלמה. היינט, א פאר פסח, זאָג איך אייך, אז גאָט זאָל שומר ומציל זיין. נגידים, בעלי־בתים, מוזען נעביך היינט, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, נעהמען... יא, גוט וואס איהר זייט דאָ, וועט איהר אונז פערשפּאָרען א גאנג. מיר האָבען אייך אוועקגעשטעלט אין צעטעל פינף רובעל. פיליכט צו ווייניג... אדרבא...

עס נעהמט איהם שיסען אין קאָפּ. אין הארצען נעהמט קלאַפּען, ווי מיט האמערס.

— שייך, שייך ווייניג, די צייט איז טאַקי היינט ניט אַם בעסטען, — שטאמעלט ער. ער נעהמט פּאַרפּלען מיט שווערע הענד אין קעשענע, נעהמט ארויס דאָס בייטעלע, שלעפּט ארויס פון אונטערן טיש זיין פערמעגען, די פינף רובעל, און לעגט עס מיט ציטערנדע הענד אוועק אויפ'ן טיש...

אַ טרויעריגער סדר.

שטיל, אויף שטום־לשון, ווי בגנבה, איז היינט ביי דעם אלטען אריה־ליב'ן און ביי דער אלטער פעסע רחל'ען צוגעגאנגען דאָס אריינברענגען דעם פסח.

אָנגעהויבען האָבען זיי היינטיגס יאָהר צו עסק'ן וועגען פסח פריה, פריהער ווי אין אלע יאָהרען זייערע. א שטיק צייט פאר פורים נאָך.

היינטיגס יאָהר איז דער פסח ביי זיי געוועזן אַן ארבייט, א משא, גאָר ניט פאר זייערע כחות. עלטערע מענשען, שוין קרוב שבעים, קיין עין־הרע, און ביי די יאָהרען, מען זאָל ניט זינדיגען מיט די רייד, גאָר פּלוצים טאַטע־מאַמע געוואָרען, טאַטע־מאַמע פון קליינע קינדער.

שוין פופצעהן יאָהר נאָכ׳ן מיזיניקס חתונה, צוועלף יאָהר נאָכ׳ן אָבגעבען די קעסט איהם, צעהן יאָהר נאָכ׳ן לעצטען מאָל געהמען אויף פסח. צעהן יאָהר ווי ער מיט דער אַלטיטשקער, זאָל געזונד זיין, זיינען געבליבען, ווי מ׳זאָגט, דיעד דא באבא. די אַלטע, דארע הענד האָבען אין זיך שוין גאָר ניט די ווארימקייט, וואָס מען דארף האָבען צו קינדער. עלטערע, עלטערע יאָהרען. מ׳קען שוין זיך אַליין ניט בעדיענען. נו, האָט דער פינסטערער גלות היי־יאָהר פון זיי נייע טאטע־מאמע געמאכט. די גרויסע, די ערצויגענע קינדער, דעם זוהן מיט דער שנור, האָבען די פאָנראָ־מען אוועקגערויבט און האָבען איבערגעלאָזט אויף זיי די יתומים, די אייניקלעך.

איין אויף דער נאכט, באַלד נאָך חנוכה, נאָכדעם ווי דער אַלטער אריה ליב איז ארומגעגאנגען א שטיק צייט איבער׳ן הויז הין און צוריק פערטראכט, געקנייטשט דעם שטערען, געצופט מיטביידע הענט די ווייסע באָרד, געשטופט די אויסגעריסענע האָר אין מויל, געביסען און געשפיגען — האָט ער ענדליך זיך בשתיקה, ווי צוגע׳גנב׳עט צום ספרים אַלמער, ארויסגענומען א גמרא און מיט דער רויטער פאטשיילע, וואס ער האָט ארויסגענומען פון דער אונטערשטער קעשענע פון דער קאפאָטע, האָט ער שטיל מיט אַן אראָבגעלאָזענעם קאָפּ זי אָבגעשטויבט, צוגערוקט א שטוהל צום טישעל, ארויסגעדרעהט אביסעל דעם קנויט פון׳ם לאָמפּ, האָט אויסגעקנייטשט מיט די ציטערענדיגע הענד א רונדע שטיק פאפּיער, אויסגעריסען אין דער מיטען א לאָך און דאָס אָנגעטהאָן אויפ׳ן גלעזעל פון׳ם לאָמפּ, האָט אויסגעהויכט די שפּאקולען, אויסגעווישט זיי מיט׳ן עק פון׳ם ברייטען העמד־ארבעל און זיי אָנגעטהאָן, אויפגעעפענט די גמרא און מיט אַן אונטערדריקטען זיפץ זיך גענומען מאכען אַן התחלה פאר א סיום אויף פסח. א סיום פאר׳ן עלטערן אייניקעל, דעם בכור.

שטיל, טרויעריג, האָט דער אַלטער אָנגעפאנגען דעם נוסח פון דער גמרא. און די אַלטע פעסע רחל האָט זיך געמאכט ניט בעמערקענדיג. זי האָט געצוואָגען רייזעלע׳ן, דאָס איינגסטע יתומה׳לע, און האָט איהר דערצעהלט א מעשה׳לע פון א בערעלע, וואס האָט געקלאפּט אַן דער טיר. די ווערטער פון דעם מעשה׳לע

זיינען ארויסגעקומען געציטערט... צומישט... און זי איז געבליבען אין מיטען.

מיט עטליכע טעג שפּעטער האָט די אַלטע פּעסע רחל אויף דעם זעלבען שטייגער, איינמאָל ביינאַכט זיך שטיל אריינגע'גנב'עט אין הויז אריין, אונטער'ן שאַל האָט זי געהאַלטען א בינטעל מאַ־ראזעווו'ס זאַנע און ציץ מיט קוויטלעך.

דער אַלטער איז געזעסען איבער דער גמרא און זי האָט זיך ביי דער זייט, צווישען איהם אין צווישען דער וואנד, אריינגערוקט אין אַלקער אריין, האָט ביים חלב'ן ליכטעל צונומען דאָס בינטעל און צוריסען די זאַנע מיט'ן ציץ אויף העמדלעך מיט ארבע כנפות'־לעך פאַר די אייניקלעך אויף יום טוב.

שטיל, שטיקלעך־ווייז האָט זי געריסען, זיך אַלע מאָל אָבגע־רוהט, עס זאָל ניט מאַכען קיין רויש, עס זאָל ניט שרייען ביים רייסען...

דער אַלטער האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ, דאָס געזיכט איז געוואָרען פערענדערט, ער האָט אָבער באַלד, ברומענדיג דעם ניגון פון דער גמרא, צוריק אריינגעגראָבען דעם קאָפּ: „אמר רבי יוחנן, אמר רבי יוחנן", האָט ער אַלע מאָל געברומט דעם זעלבען ענין מיט א ציטערענדער הייזעריגער שטימע, „אמר רבי יוחנן"...

ווען די אַלטע פּעסע רחל האָט נאָכדעם זיך אַוועקגעזעצט, צוגערוקט דאָס חלב ליכט צו זיך און האָט אָנגעטהאָן די שפּאַקולען און מיט איהרע האַלב בלינדע אויגען, מאַטערנדיג זיך אריינגעפּע־דעמט אין נאָדעל און זיך גענומען נעהען, האָט דער אַלטער נאָר א קוק געטהאָן מן הצד, מיט איין אויג, ער האָט זי אָבער ניט בע־מערקט, זי איז געזעסען פערדוקט אין א ווינקעל ער זאָל ניט זעהען.

„אמר רבי יוחנן, אמר רבי יוחנן", האָט ער געברומט, ציטער־ענדיג וואס אמאָל העכער, ער האָט געוואָלט איבערשרייען די מחשבות זיינע, „אמר רבי יוחנן"...

שפּעטער, ווען עס איז געוואָרען נעהענטער צו פּסח און מען האָט בעדאַרפט לאָזען מאַכען שיכלעך פאַר די אייניקלעך אויף יום טוב, איז דער אַלטער אין א בייטאָג זיך שטיל דורכגעגאַנגען אין די חדרים פון די אייניקלעך, האָט זיי צוזאַמענגענומען און זיי אַוועקגעפיהרט צו אברהם איסר שוסטער ער זאָל זיי נעהמען א

מאָס אויף שיכלעך. פאַר דער אַלטער האָט ער ניט דערמאָהנט...

און ווען די אייניקלעך זיינען נאָכדעם געקומען אהיים און האָבען מיט א שמחה דערצעהלט דער באָבען, אז דער זיידע האָט זיי געלאָזט מאכען שיכלעך ביי אברהם שוסטער, האָט די אַלטע זיי ניט געלאָזט אויסרעדען. זי האָט זיי ארויסגערופען אין קיך, זיי געגעבען צו גראָשען און זיי גענומען אויספרעגען גאָר אנדערע זאכען...

ווען עס איז געקומען די צייט פון מצות־באַקען, האָט די אַלטע פעסע רחל זיך געדרעהט ארום דעם אַלטען, געקוקט איהם אַלע מאָל אויף דער מינע, און האָט ניט געקענט מאָהנען קיין געלד אויף מצות. ווענען די מצות האָט היינטיגעס יאָהר בעדארפט זיין א שטיקעל רעכנונג: מען האָט בעדארפט זיך דורכשמועסען מיט וויפיעל פונט מצות מעהר היינטיגעס יאָהר צו באַקען. און דאָס איז דער אַלטער געווען שווער.

דער אַלטער האָט ווענען דעם שוין געהאַט געטראַכט. און ווען די אַלטיטשקע האָט אַם ענדע שטאַמלענדיג גאָר אָנגעהויבען בעריהרען דעם ענין האָט דער אַלטער, ניט לאָזענדיג ענדיגען, גע־איילט זיך גלייך אַרויסצונעהמען א צעהן־רובעלדינען פון'ם צו־זאמענגעשנורעוועטען בייטעל.

— נו, ווערסט שוין אליין זעהן — האָט ער איהר געזאָגט, אָבקעהרענדיג זיך אָן א זייט, — וועסט זעהן...

די אַלטע האָט מיט ציטערענדע הענד גענומען דאָס צעה־נערעל, דאָס פערבונדען אין אן עק פון'ם נאָז טיכעל און איז א פאָר מינוט געשטאַנען מיט אָן אָפען מויל... ענדליך האָט זי אראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ און איז לאַנגזאַם, מיט אונזיכערע טריט ארויס־געגאַנגען, דער אַלטער האָט זי בעגלייט מיט צומישטע בליקען...

אויף דעם זעלבען שטייגער איז צוגעגאַנגען ערב פסח ווען דער אַלטער האָט בעדארפט מאכען דעם סיום, ווען ער האָט בעדארפט קויפען קאַשקעטלעך פאַר די אייניקלעך, און ווען די אַלטע האָט בעדארפט אריינברענגען דאָס געשיר און די רויטע כוס'עלעך וואָס זי האָט געקויפט פאַר די אייניקלעך.

אז דער שניידער מיט'ן שוסטער האָבען ערב פסח אָבגעבראכט די שיכלעך און די אייניקלעך האָבען זיי אָנגעמאָסטען, האָבען

מיט שמחה גענומען זוכען די קעשענעס און טאַנצען פון׳ם זיידען צו דער באָבען און פון דער באָבען צום זיידען און בעריהמען זיך, האָט זיי דאן דער זיידע א גלעט געטהאָן, מיט א פערשטיקטער שטימע זיי צוגעוואונשען זיי זאָלען טראָגען געזונדערהייט, און האָט גלייך אריינגעגראָבען דעם קאָפּ, גענומען זוכען מיט פערוואסערטע אויגען אין שאפע מיט ספרים....

די באָבע האָט יעדען בעזונדער געקושט, זיי געגעבען נים אין פאטשיילקעלעך און זיי ארויסגעשיקט זיך שפּיעלען אין דרויסען. אליין איז זי אריינגעגאנגען אין קיך, האָט זיך גענומען פּאָרען ביים פסח׳דיגען געשיער און באלד האָט זיך געהערט ווי די כלים קלאפּען און פאלען איהר פון די הענט...

אויף דער נאכט, צום סדר, האָט די אלטע אויסגעבעט דאָס הסיבה־בעט, אויסגעשטעלט א טיש מיט׳ן גאנצען רומעל: דריי מצות איבערגעדעקט מיט א זיידען טישטוכעל, צוויי אייער אין א טעלערעל, א גערגעלע, געריבענעם חריין, חרוסת און זאלץ וואסער...

דער אלטער האָט אָנגעטהאָן דעם ווייסען קיטעל מיט דעם ווייס־זיידענעם גארטעל, די ווייסע ארץ־ישראל יארמולקע; האָט ארויסגענומען פון דער ספרים־שאפע די סלאוויטער הגדה מיט גראָבע, פערגעלטע בלעטער, האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דעם הסיבה־בעט, אָנגעלעהנט אויף א זייט, האָט געעפענט די הגדה, גע־בלעטערט, געבלעטערט, געקנייטשט מיט׳ן שטערן, געצופּט די באָרד און געקוקט...

נעבען איהם אין א רויט־קווייטענדיגען זיידען טיכעל פער־לעגט אונטער די אויערען, מיט א ווייסען פארטוך אויף דער ציצי־נער קווייטענדיגער קלייד האָט זיך אוועקגעזעצט די אלטיטשקע מיט די שפּאקולען איבער א פערשמאָלצעוועטען קרבן־מנחה, האָט איינגעבויגען דעם קאָפּ, געקוקט פערטראכט כלומר׳שט אין דעם טייטש און אלע ווילע געווארפען צומישטע בליקען אויפ׳ן אלטען...

אנטקעגען, נעבען אָפענע קליינע, נייע הגדה׳לעך, זיינען גע־זעסען די אייניקלעך אָנגעטהאָן אין די נייע מלבושים׳לעך און האָ־

בען אונטערן טיש געצעהלט די ניס פון איין קעשענע אין דער צווייטער...

דער אלטער האט זיך פלוצים א הויב געטהאן, א וויש גע־טהאן מיט דער פאטשיילע דעם שטערן און מיט ביידע ציטערנ־דע הענט א גלעט געטהאן די בארד, ארויסגעלאזט אן אונבעשטימ־טען: „הום, רבונו של עולם"... אנגעגאסען די כוסות: א כוס דער אלטיטשקער, דריי קליינע כוס'עלעך פאר די אייניקלעך און מיט א בעהארצטער שטימע זיך גענומען מאכען קידוש און געהייסען אויך די אייניקלעך מאכען קידוש...

נאכ'ן קידוש האט זיך דער אלטער געוואשען, איינגעטהיילט יעדען כרפס, צוטהיילט די מיטעלסטע מצה, ארונטערגענומען א העלפט און בעהאלטען אונטער'ן קישען פאר אן אפיקומן און זיך גענומען זאגען די הגדה:

„הא לחמא עניא" — האט ער אנגעפאנגען בעהארצט און די אלטע פון איהר קרבן מנחה און די אייניקלעך האבען נאכגעזאגט...

— השתא הכא, לשנה הבאה — האבען אלע נאכגעזאגט, — לשנה הבאה בנ... — ביי די ווערטער האט זיך דעם אלטענס שטימע גענומען וויעגען, ציטערען...

די אלטע האט אויפגעהויבען איהרע האלב בלינדע אויגען און איהם בעטראכט דורך די שפאקולען...

ער האט זיך גדרעהט, אראבגעלאזט דעם קאפ, ווידער אויפ־געהויבען און זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען. — ב... בני... חו... רין... נו, — האט ער אויסגעלאזט און צומישט געווענדעט זיך צום עלטערען אייניקעל — נו, די „קשיות".

דאס אייניקעל, פערטהאן אונטען מיט ניס, האט זיך אווארף געטהאן צו דער הגדה.

— טא־טאטע — האט דאס אייניקעל פון געוואהנהייט אנ־געהויבען, און האט זיך גלייך פערכאפט: —טא... זיידע איכ'ל דיך פרעגען פיער קשיות...

די אַלטע מימ'ן אַלטען האָבען נאָר איין מאָל א ווארף געטהאָן די בליקען איינס אויפ'ן צווייטען און גלייך האָבעןביידענס קעפּ איינגעזונקען אין די הגדות, און דער תירוץ אויף די קשיות, דער „עבדים היינו" איז ביי זיי באַלד פערטרונקען געוואָרען אין א טייך הייסע, זודיגע טרערען...

II. פּיטשערער בילדער

ווען פיטשערי כאַפּט זיך אויף.

א זומער ביי טאָג, די זון איז ארוים פון איהר פוטערפאַס, ווי אין יענעם טאָג, ווען די מלאכים זיינען געגאַנגען מבקר חולה זיין אברהם׳ען. זי ברענט און באַקט אָהן רחמנות. גאַנץ פּיטשערי איז פער׳חלש׳ט, אלע אידען און אידענעס זיצען האַלב ליגענדיג פויל, פערבאָרגען אין די ווינקעלעך אונטער די שאָטענס מיט פערוואַר־פענע קעפּ און מיט אָפענע מיילער. מען פוילט זיך א וואָרט אויסצורעדען, מען פוילט זיך די פליגען אָפּצוטרייבען פון זיך. עס איז די צייט פון שניט — די פויערען מיט די פויערטעס זיינען פערנומען אין די פעלדער. און פּיטשערי, אָהן פויערען זעהט אוים ווי א בית עולם.

אין מאַרק איז פּוסט, די קרעמערס מיט די קרעמערקעס זי־צען אויסגעזעצט אויף די פּידאַשקעס, אויף די שוועלען און גענע־צען. פון מאָל צו מאָל הערט זיך דאָ, דאָרט, א הייזעריגע, נאַכלע־סיגע איבעררעדעניש פון א קרעמער מיט א קרעמערקע. אָבער אין קיין גרויסע דרכים געהט דאָס ניט אריין. מען פּטר׳ט זיך אָב מיט אַן „עט״, מיט א „לאָז מיך צורוה״, מיט א „איך בעט דיך, טשעפּע זיך אָפּ״, און ווידער איז אלעס שטיל.

מען זיצט: האַלב נאַקעט, די מענער אין די הוילע תחתונים מחילה, אין די געלע טלית קטן׳ס, און אין די יאַרמולקעס. און די פרויען אין די דינע, האַלב־אָבגעשפּילעטע קאַפּטעלעך, אין די טשיפּקעס און אין די קאָסינקעס, ארויפגערוקט אויף די אַקסלען. נעבען יעדען קרעמער און קרעמערקע שטעהען א פּאָר שטעק־שיך. און נעבען יעדע פּאָרשטעק־שיך א פּאָר פערשוויצטע פים אין קויטיגע זאָקען.

מען זיצט און מען טראַכט: וועגן פון א „פּרעון״, וועגן פון א „גמילות חסד״, וועגן פון א שידוך טהאָן, וועגן פון חתונה מאַ־כען און וועגן פון שכר לימוד־צאָהלען. מען טראַכט. ריידען ווע־גען דעם איז איבעריג. עס וועט ניט העלפען. אפילו אזא וויכ־

טיגע פּאַסירונג, ווי אַז עס רייסט זיך פּלוצלונג אָפּ אַ קוה פון דער טשערעדע און לאָזט זיך לויפען מיט אַ פעררוסענעם עק, איבערן מאַרק, קעהרט איבער די שטעלען, די פעסלעך און מאַכט אַ חורבונות. — אַפילו אַזאַ וויכטיגע פּאַסירונג מאַכט נור אַן אויף אַ פּאָר מינוט אַ שטיקעל טומעל, רופט אַרויס אַ פּאָר קללות און גאַנץ פּיטשערי שוויצט, גנעצט און שווייגט ווייטער.

נור פּלוצלונג בעווייזט זיך איבערן מאַרק אַ פּויערטע מיט אַ ברוין, פון דער זון פערברענט געזיכט, אין אַ רויט קווייטענדיג קליידעל, אונטערגעשטעקט אויף עטליכע פלעצער אין נאַרטעל, פון וועלכען אונטען זעהט זיך אַרויס אַ ווייסע גראָבע, לייווענטע־נע, שמאָלע העמד, וועלכע האַלט די באָרוויסע פּיס ווי אין פּענ־טעס. די פּויערטע געהט אין איילעניש, שנעל און דאָס העמד קנאַקט פאַר די פּיס. און גאַנץ פּיטשערי גיט זיך אַ הוידע. אַלע בלייבען שטעהען אויף די פּיס. אַלע קרעמערס און קרעמערקעס נעהמען ווינקען, רופען און שלעפּען די פּויערטע. די פּויערטע קוקט זיך אום אויף אַלע זייטען, רייסט זיך צוריק, ביז עס גליקט איינעם זי אַריינצושלעפּען צו זיך אין קראָם. און פון אַלע איבע־ריגע קראָמען נעהמען זיך באַלד הערען זלזולים, שימפּפערייען: „שלומיאל"! „שפלה"! „גולם"! אַלע קרעמערס, אַלע קרעמערקעס זידלען זיך, שעלטען זיך, גאַנץ פּיטשערי ווערט לעבעדיג, עס רעש'ט זיך, עס בעוועגט זיך, עס קאָכט, פּיטשערי האָט ערוואַכט.

אַ דיפּלאָמאַטקע.

מלכה משה אהרן'ס איז אַ ליכטיגע געזונדע אידענע, אַן אַסאַ־בע און אַ בעל הבית'טע, ווי מען זאָגט, פון אַלעם גוטען. אַן עושר'טע, קען מען זאָגען. פערמאָגט אַ שניט קראָם מיט שפע און הצלחה, אַ מעלקענדיגע קוה פון איין קעלבעל צום צווייטען. אַ קאַמער מיט מעהל, ציבעלעס, פּאַסאָליעס, אַרבעס און אַ גאַנ־צען ווינטער זויער קרויט, זויערע אוגערקעס, גאַנצע טעפּ געגזען־שמאַלץ. הכלל, פון וואָס מען קען הערען און געדענקען, און אַ דירה, קיין עין הרע, מיט פּיער אַלעקרם...

משה אהרן איז א איד מיט א היבש בייכעל, רויטע, אָנגעבלאָ־זענע בעקלעך, מיט א בערדעל, וועלכעס ליעגט א גאנצען ווינטער, ביז ערב פסח, איינגעגראָבען העכער האלב אין דער רויטער, בליטשקענער שארפע. ווינטער געהט ער זיך אין וואליקעס, זו־מער אין שטעק שיך, מעסט די טריט, רעדט האלבע ווערטער און איז בכלל א צופריעדען מענשעל, בעקלאָגט זיך חלילה ניט אויף זיין געזונד, אויף זיין פרנסה. איין זאך נאָר וואס משה אהרן׳ען מיט דער משה אהרן׳טע פעהלט איז: קינדער. בעזדיעטניקעס, נעבאך; אָן וועמען עס איז געווענדעט, אָן איהם צו אָן איהר — ווייסט מען ניט.

און שרה יוסעל דוד׳ס איז א אידענע א צובראָכענע, אָן עני ואביון׳טע, א הענדלערקע מיט ביסלעך תבואה, מיט אייער, מיט היהנער און מיט פלאקס; א קרענקליכע, נעבאך, פערמאָגט קיין עין הרע פיער קינדערלאך הוסטענדיגע, מיט פערקיסנעטע אויגעלעך, אויערליך מיט וואטע, זי איז אן אלמנה, איהר מאן יוסעל דוד איז געשטאָרבען פון אויסצעהרונג, א משולח געווען, און האָט זיך אין גרויסען בליזארד פערקיהלט אין א שליחות.

און שרה יוסעל דוד׳ס די אלמנה, זיצט אין שכנות, אין אן אל־קער ביי מלכה משה אהרן׳ס אין דירה. מען טרינקט פון איין דיי־זשע וואסער, מען וואלגערט מיט איין וואלגער האָלץ די לאָקשען. איין שבת פערשמירט דאָס טשאָלענט ברעטעל איינע, דעם צוויי־טען — די אַנדערע, און מען קאָכטביידע ביי איין פריפעטשיק.

שרה יוסעל דוד׳ס שטעהט ביים אויווען. אָן א זייט, ביי א גרעסערען פייערעל, שטעהען מלכה משה אהרן׳ס טעפּלעך, אין איינעם א באָרשטש מיט א גוטען מארך־ביין, און אין א צוויי־טען א זופּ פון גאנז. די ביידע טעפּלעך זידען זיך אזוי פרעהליך, לעבעדיג...

און אין דער צווייטער זייט, אין א ווינקעל, ארומגעשאַרט מיט האלב טויטע קוילען, שטעהט שרה יוסעל דוד׳ס טעפּעל, א קליין טעפּעל מיט לונג און לעבער, און מיט קישקעלעך, א „מציאה" געקויפט ביי זלמן מאיר קצב, און קוים וואָס עס קאלאַקאָטשעט זיך.

שרה קוקט אלע מאָל אויף מלכה משה אהרן׳ס טעפּלעך און עס געהט איבער די סלינע, דער באָרשטש איז פערפראוועט

מיט קנאָבעל און פעפער און שמעקט א מחיה, איבער דער גאנצער קיך, און די זופ גלאנצט ווי א שפיגעל, „איין אויג" איבער'ן גאנצען טעפעל, און עס שטעקט ארויס א פליעגעלע, א פעט געג־זען פליעגעלע מיט ווייכענקע ביינדעלעך...

אין איהר זופ אביסעל פארינקעס, מוטנע וואסער. ווי פער־זינדיגט, ווי פער'יתומ'ט, שטעהט דאָס טעפעל, אָנגע'ברוגז'ט, פער'־מרה־שחורה'ט.

עס קומט איהר ארויף א געדאנק ארויסצושלעפען דאָס פליע־געל פון מלכה'ס טעפעל. סיי ווי סיי איבעריג דארטען. ביי איהר אין טעפעל וואלט עס צוגעגעבען א טעם, און שלומ'קע וואלט זיך מיט'ן פליעגעלע פשוט מחיה געווען. א גאנצע נאכט נעבאך אויסגעהוסט דאָס נשמה'לע, א קראנק קינד.

זי מאַכט זיך אבער באלד אָליין אין הארצען פארווירפע פאר דעם געדאנק: דאָס איז דאָך גנבה, אמת'ע גנבה, אז ניט דערלע־בען זאָלען די שונאים! צוליעב דער קישקע גנב'נען? ניט שרה יוסעל דוד'ס!...

און מלכה'ס באַרשטש מיט דער זופ זידען זיך אזוי פרעהליך, לעבעדיג, און דאָס פליעגעלע ווי עס וואלט זיך רייצען מיט איהר, ווי עס וואָלט פון איהר חוזק מאַכען.

שרה פערדרעהט עקשנות'דיג דעם קאָפּ אָן א זייט, האלט זיך צו מיט דער האנד די נאָז, זי זאָל ניט פיהלען דעם ריח... מאלע, נו... צו וואס די קישקע קען ברענגען...

און די טעפלעך קאָכען און קאלאקאָטשען מיט אזא חוצפה אז עס שפריצט פון זיי אזש אויף די קוילען.

— א ביסעל א גרעסער פייערעל און עס לויפט אָב דאָס גאנצע פעטס, — טראַכט זי זיך. דאָס, פיהלט זי, וואלט איהר שטארק הנאה געטהאָן. באַטש צוריק רעדענדיג, וואס וואָלט איהר ארויסגעקומען? אָן עבירה, אָן אמת'ע עברה...

דאָך אָבער נעהמט זי די האָלעוועשקע וואָס ליעגט ביי דער זייט, און רוקט זי צו נעהנטער צום פייער...

דאָס פייערעל ווערט גרעסער, און מלכה'ס באַרשטש מיט דער זופ נעהמען שטארק קאָכען און באלד אריבערגעהן פון די טעפ־לעך...

שרה געהט דענסטמאָלט אוועק אין דער פאָדערשטער שטוב, וואו מלכה קלייבט צו און ראַמט אויף, אום איהר צו דערצעהלען פון היינטיגען מארק טאָג...

די מעשה פונ'ם מארק טאָג דערצעהלט זי באריכות, מיט אַלע פרטים: „הערט זשע, מלכה'ניו, זאָלט איהר מיר געזונד זיין, איהר מעגט עס אויסהערען", און זי קיימעלט איין מעשה אין דער צווייטער, ביז עס דערפיהלט זיך אין שטוב א רויך מיט א טשאַד...

מלכה פליהט אריין אין קיך ווי אן אונטערגעבריהטע.

— א וועהטאָג איז מיר, די גאַנצע זופ מיט'ן באָרשטש אויסגעלאָפען, אין גאַנצען דאָס פעטס!...

שרה העלפט איהר קרעכצען און קלאָגען.

און כאָטש זי ווייסט אַז עס איז אַן עבירה, א גרויסע עבירה, טהוט איהר אָבער אין הארצען דאָך הנאה...

צוויי שוועגערינס.

ברכה און רחל זיינען צוויי שוועגערינס. זיי האָבעןביידע צוויי ברידער פאר מענער; ביידע האָט מען כלה־וויז געגעבען די זעלבע מתנות, דעם זעלבען גו"ן, צו דער חתונה די זעלבע גאַרדעראָבע, דעם זעלבען דרשה געשאַנק, נאָך דער חתונה די זעלבע קעסט. נאָר ביידען האָט מען ניט נאָכגעגעבען דעם זעלבען מזל.

ברכה איז קיין עין הרע, אין פיטשערע אַן עשירה, א גביר'טע, נאָר א חשוכת בנים נעבאך, אַן עקרה.

און רחל האָט דוקא זעקס קינדערלעך, קיין עין הרע, נאָר נעבעך א קבצנ'טע.

רחל מיט ברכה'ן האַלטען זיך פון דער ווייטענס, זיי זיינען חלילה ניט ברוגז איינע אויף דער אַנדערער נאָר קיין אָפטע בעזוכען מאַכען זיי ניט צווישען זיך. א מאָל, א מאָל, א שבת, א יום טוב אדער אויף א שמחה'לע, קומען זיך די שוועגערינס צוזאַמען.

ברכה קומט זיך געוועהנליך מיט דעם זיידענעם קלייד, מיט די גרויסע פערל, מיט די אויערריגנגען, מיט דער בראָש,—איהר גאַנץ

ביסעל ציערונג וואס זי פערמאָגט, און רחל קומט מיט איהר ציע־רונג, שמערעלע, יענקעלע, צירעלע, שיינדעלע דאס גאנצע רומעל וואס זי פערמאָגט.

אז רחל דערזעהט ברכה׳ן אויסגעפּוצט אין איהר ציערונג, ציהט זיך ביי איהר אוים דער נאָז נאָך א מאָל אזוי גרוים. עס ווייזט זיך איהר אוים אז דאָס גאנצע ציערונג וואס יענע האָט אויף זיך אָנגעטשעפּעט, איז דאָס נאָר איהר אויף צופּיקעניש, איהר צו שטעכען די אויגען, און זי רופט צו צו זיך יאנקעלען און נעהמט איהם גלעטען און קושען: מיין קדיש, מיין דימענט, מיין ברי־ליאנט, מיין חכם...

ברכה פערשטעהט, אז דאָס מיינט זי איהר צו ערגערען, און זי דרעהט אָב דעם קאָפּ.

רחל לאָזט אָבער ניט אָב און נעהמט זי מונטערען: וואס ווייסטו, ברכה, וואָס ווייסטו, וואס פאר א חכם דאָס איז! קלוג, זאָג איך דיר, ווי דער טאָג. מען זאָגט, אז מען גיט א נאָמען נאָך א קלוגען איז דאָס קינד אויך א קלוגס. ער וועט נאָך איבערגעהן דעם שווער, עליו השלום, איהם צו לאַנגע יאָהר, זאָלסט מיט איהם זאָג איך דיר איבערשלאָפען א נאכט און אויסהערען זיינע חכמות, א כפרה דימענטען, זאָג איך דיר, א כפּרה בריליאנטען! — זי כאפּט ארום דאָס קינד, און האלט עס אין איין קושען. — זאָג, קען מען אזוי קושען בריליאנטען, קען מען אזוי קושען דימענטען? — דיין מאַמען פאר דיר, פאר דיין קעפּעלע!

ברכה נעהמט געערגערט לפנים, אויך גלעטען דאָס קינד.

— א טייער קינד, אָהן עין הרע, א וואוילס, — זי זוכט אָבער א וועג יענער אבצוצאָהלען.

— זאָג מיר נאָר רחל, — פערכאפּט זי זי אין א ווילע ארום און ציהט אין זיך אריין דעם אָטהעם אום בשעת מעשה, א טראַכט צו טהאָן פון וואס אָנצופאנגען, — יאָ איך האָב מיך דערמאָהנט, איך האָב דיר געוואלט פרעגען: איך בעט דיך, ווי אלט זיינען דיינע בעטען? שוין א יאָהר אכטצעהן, דאכט זיך, ניין? זאָג דיר וואס דו ווילסט, דו ביזט טאקי א בעל הבית׳טע קיין עין הרע. ביי מיר שטעהען שוין די דריטע אין דער צייט. וואס זאָג איך,

אין דער צייט? איך האָב דאָך חתונה געהאַט מיט צוויי יאָהר שפּעטער פון דיר. וואַרט אָקאָרשט, ניין, טאַקע צוויי יאָהר מיט פיער מאָנאַטען. וויפיעל האָסטו פון חצי אלול, ביז חצי טבת? פיער מאָנאַטען, און איך האָב שוין יענע וואָך אריינגענומען די דריטע בעטען. מאָל דיר, מעגסט שוין אָנקוקען בעטען, דער מלכות מעג שלאָפען אין זיי, טייערע האָלץ, טייערע ארבייט, פון טרוקענע אסינאָווע ברעטער. איך זאָג דיר, אסור אויב עס איז כדאי צו לאַטען, שלאָגען צוועקעס, און בינדען מיט שטריקלעך. בסך הכל, קאָסטען צוויי בעטען אכט און זעכציג רובעל געמאַכט אויף „זאַקאַז” ביי ברוך יונה דעם סטאָליער צוויי פאַר מיר און צוויי פאַר דעם פּרעדסעדאַטיעל. נאָר געזונטערהייד צו נוצען, רבונו של עולם.

— לאַטען, בינדען, מיט שטריקלעך, — גיט רחל א דרעה מיט דער נאָז. — מיין צירעלע, זאָל לעבען, איז דאָך א גאָלד, קיין עין הרע. ווער אידען נאָר גוטעס ווינשט, אויף אַלע ביעזדיעטני־קעס געזאָגט געוואָרען אזעלכע קינדער, רבונו של עולם, די בעטען שיינען דאָך ביי איהר, כאָטש זיך אָנצושפּיגלען. זאָלסט זיין ביי מיר אַן אויף דער נאַכט, אַז איך לעג מיך אריין אין בעט אריין, און די חברה לייגען זיך ארום מיר און יעדעס דערצעהלט אַן אנדער מעשה׳לע, יעדעס זאגט אַן אנדער חכמה׳לע, יעדעס שפּרינגט, טאַנצט, יעדעס גיט אַן אנדער קוש דער מאַמען, און פּאַסמאַקע־וועט זיך: אָה, אָה! און אַז יענקעלע לעגט מיר אריין די הערטעל אין בוזעם, זיינע קליינינקע הענטעלעך, עס זאָל מיר נאָר זיין פאַר איהם, אָט אזא טבע האָט ער, אזוי האָט ער ליעב צו שלאָפען, נאָר האַלטען די הענטלעך אין בוזעם. איך זאָג דיר, א כפּרה גאָלדענע בעטען, א כפּרה אַלעס.

ביידע שוועגערינס ווערען אזוי רעדענדיג אָנגעשטרודעלט אויף דער לעצטער אָקטאַווע, ביז עס נעהמט זיי ביידען אונטערטראָ־גען פון די פּלעצער און זיי זיינען גערן צו געפינען אַן אויסוועג א היים צו געהן.

און ביים געזעגענען זיך מאַכען זיי פּאָרוואורפען פאַר וואָס מען זעהט זיך ניט אָפטער...

זיין נקמה.

ישיעה חנא איז א מלמד, א קאַטאַרזשאַן. די תלמידים שטע־הען פון איהם אויס געברענטע צרות. קנייפּען, רייסען, בייסען — דאָס איז ביי איהם א וואכעדיגער גאנג. ער האָט אָבער נאָך א טבע צו שמייסען, פּשוט נאַקעטערהייט אויסגעטהאָן, און איבער'ן, איך בעט אייך איבער, אריינהאַקען מיט ריטלאַך, בעראָזאָווע ריט־לאַך פון די בעזעמלאַך מיט וועלכע מען שמייסט זיך ערב שבת אין באָד.

דאָס שמייסען געהט ביי ישיעה חנא מלמד צו מיט א בעזונ־דערער צערעמאָניע.

דער פערשולדיגטער מוז, במחילת כבודו אליין ארונטערגעהן אין באָד, ארויפבריינגען ריטלאַך, זיי אליין צוזאַמענפלעכטען, זיך אליין אויסטהאָן. און די שמיץ ווערען פון'ם רבין פערקויפט צווי־שען די תלמידים פער טאָרג. דער ערשטער שמיץ קאָסט טהייע־רער, דער צווייטער ביליגער און דער דריטער נאָך ביליגער א. ז. וו. ווער פון די תלמידים עס איז בכח און האָט א גרויסען האס אויפ'ן פערשולדיגטען, קען קויפען צוויי, דריי און מעהרערע שמיץ אויף איין מאָל. די שמיץ ווערען פערקויפט אזוי פיעל, וויפיעל קויפערס עס זיינען פאראן. די איבעריגע גיט שוין דער רבי אליין.

געוועהנליך קומען ביי ישיעה חנא מלמד אימער אויס די פערשולדיגטע די געשמיסענע — די קבצנישע קינדער. זלמן ברוך איצע דעם מוליאר'ס, הירש ליב דעם שניידער'ס א. ז. וו. און די קויפערס פון די שמיץ, — די שמייסערס, קומען אימער אויס די רייכע. אברהם משה זונדעל'ס פון דער פּאָטשט, שלום יעקב שלמה'ס פון דער מיהל, וכדומה.

זלמן ברוך איצע דעם מוליאר'ס פערדריסט אייגענטליך אָבער שטאַרק דער עסק. פערדריסען, פערדריסט איהם אויפ'ן רבי'ן, הלמאי זאָל ער אמאָל ניט פער'משפּט'ען צום שמייסען, אָט יענע מיט די נייע קאַפּאָטקעלעך, מיט די שעהנע קאַשקעטלעך. אָבער דער עיקר פערדרוס האָט ער אויף אברהם משה זונדעל'ס פון דער פּאָטשט. אז עס קומט אויס איהם צו שמייסען, איז יענער אימער א בעלן צו קויפען צוויי דריי שמיץ אויף אמאָל און ער גיט איהם

די שמיץ גאָר אָהן רחמנות, חוץ דעם האָט ער אויף איהם אַ האס נאָך פאר'ן נייעם גארניטערעל.

אברהם משה זונדעל'ס טראָגט אין דער וואכען אַ שעהנער גארניטערעל ווי ער שבת, און אז גאָט האָט איהם געהאָלפען אז מען האָט איהם אמאָל אויף פסח געמאכט אַ נייַ גארניטערעל אויף שבת, און דאס שבת'דיגע האָט איהם די מאמע שוין געהייסען אָנטהאָן אויף אין דער וואכען, האָט ערשט אברהם משה זונדעל'ס געמאכט פון איהם חוזק מיט ביידע גארניטערלעך: פונ'ם שבת'-דיגען האָט ער זיך אויסגעלאכט, ווייל ער איז צו ברייט, אונגעלומ-פערט, און לאנג מיט אַ פעלבאם; און פון דעם וואָכעדיגען — ווייל ער איז צו שמאָל, קורץ, איין איינשפרינגערעל און מיט אויס-געריבענע עלענבויגענס.

דעריבער אז עס האָט זיך געמאכט אזא נס — אז ער איז געקומען איין מאָל אין חדר, און האָט דערהערט, אז אברהם משה זונדעלס האָט זיך שבת ביי טאָג געגליטשט אויפ'ן אייז איבערן בוג, און דער רבי האָט איהם דערפאר פער'משפט צו שמייסען, האָט שוין זלמן ברוך איצע דעם מוליארס דעם טאָג, די גראָשענס פון דעם איבערבייסען און פונ'ם מיטאָג בעהאלטען. און האָט באלד געזעהן צו פערהאנדלען די איבערבייסענעס מיט די מיטאָגס פון אַ גאנצער וואך פאר פיער גראשען, און האָט ביי די טאָרגעס געקויפט דעם ערשטען שמיץ.

דעם שמיץ האָט זלמן ברוך איצע'ס געגעבען מיט אַלע כחות. אברהם משה זונדעל'ס איז אזש מיט אַ געשריי אונטערגעשפרונ-גען פון ביינקעל. און כאָטשע זלמן האָט דערנאָך די גאנצע וואך געהונגערט האָט איהם שרעקליך הנאה געטהאָן פון דער מציאה. ער האָט דעם טעם וואס ער האָט געפיהלט אין שמיץ גאָר ניט גע-קענט פערגעסען.

יום טוב אין חדר.

יחיאל גרונם איז אַ פיטשערער מלמד, אַ איד, אַ בייזער, אַ גרויסער קבצן און פערמאָגט אכט קינדערלעך, קיין עין הרע; זיע-בען פון די ערשטע צוויי ווייבער, זיי זאָלען האָבען דעם ליכטיגען

גן עדן, און איינס מיט פיינע זיסלען, א יונג ווייבעל נאָך, ברוך סופר׳ס א טאָכטער, ערשט א יאָהר און א האלב מיט איהר חתונה געהאט, און האט זי גענומען א בתולה...

יחיאל גרונס׳ס תלמידים האָבען גאָר ניט קיין גוט הארץ אויפ׳ן רבי׳ן אויף זייערען א גאנץ יאהר; איבערהויפט נאָך אז עס קומען די ווינטערדיגע נעכט. די ווינטערדיגע נעכט האָט יחיאל גרונס ליעב צו האלטען זיינע תלמידים שפעטער ווי אין אלע חדרים.

די געוועהנליכע צייט דארף, הייסט עס, כלומרשט זיין א צוויי גראָשענדיג חלב־ליכט, און דערפאר איז טאקי איינגעפיהרט א טאקסע ווי אין אלע חדרים, אז יעדען אבענד זאָל ברענגען אן אנדער תלמיד א צוויי גראָשענדיג ליכט. אכט תלמידים איז אכט ליכט — פינף פאר די פינף טעג אין דער וואָך, און דריי פאר דער רבי׳צין פרייטאג צום בענשען.

גו, איז אָבער יחיאל גרונס ביי אזעלכע זאכען גאָר ניט קיין קמצן, און אז עס קומט פרייטאג בלייבט פאר דער רבי׳צין צום בענשען קוים א ליכטעל, און צו־מאָל דאָס אויך ניט. עס ברענט אוים דאָס צוויי גראָשענדיגע ליכט, פוילט זיך יחיאל גרונס ניט און ציגדט אָן א צווייטעס; עס איז נאָך פריה, זאָגט ער.

עס העלפען ניט די אלע סגולות, ווי דורכצועלעכערען די ליכט מיט א נאָדעל, אָדער מטמא זיין זיי — איך בעט איבער אייער כבוד — אויפ׳ן וועג געהענדיג אין חדר, מיט השתנה... צו בע־זאלצען זיי... יחיאל גרונס האָט זיך א גלאָטען זייגער מיט צוויי מעשענע קופערטעס, וועלכען ער טראָגט כסדר ארום אין דער הויזען־קעשענע. דער דאָזיגער זייגער זאָגט איהם אין וואָס׳ער א צייט די תלמידים זיינע א היים צו לאָזען. קיין סגולות העלפען ניט...

וועגען דעם זייגער מיט די מעשערנע קופערטעס האָבען זיך שוין די תלמידים ניט איין מאָל געבראכען די קעפ, אויף וואס פאר א וועג עס וואָלט מעגליך געווען איהם „צורעכט צו מאכען״, אָבער אויסטראכטען האָט מען גאָר ניט געקענט. צו אזא זייגער, ווי יחיאל גרונס׳ס, וועלכען ער טראָגט כסדר ארום אין דער הויזען־קעשענע, איז שווערלאך צוצוקומען...

איין אבענד נאָר, יעדע פיער וואכען, ווייסען שוין די תלמידים,

אז יחיאל גרונם מלמד'ס זייגער הויבט אליין פון זיך אָן צו פעל־שעווען.

די רבי'צען לעגט דאן פּלוצלים פאַרנאַכט אוועק דאָס פעדערען פליקען. טרייסעלט אָפּ פון זיך די פענקעס, טהוט אָן א ווייסע קאַסינקע, מיט א שאַל. נעהמט א פעקעל אונטערן שאַל, און געהט אוועק.

מיט יחיאל גרונם קומט דעמאָלט פאָר א מאָדנע ענדערונג. דאָס אימער אָנגע'ברוגז'טע געזיכט נעהמט שיינען, שמייכלען.

צוריק קומט די רבי'צין שוין שפּעטלעך אין דער נאַכט, זי קומט אריין ווי בגנבה, דעם שאַל אריבערגערוקט איבער'ן קאָפּ, די אויגען אראבגעלאָזט און די באַקען פלאַמען, זי רוקט זיך אריין ווי פערשעהמט אין קיך אריין... ווי א גנב'טע...

דער רבי געהט איהר גלייך נאָך. און קומט תיכף צוריק אריין און נעהמט קוקען אויפ'ן זייגער...

דעם אבענד ווייסען די תלמידים, אז זיי וועלען שוין א היים געהן פריהער ווי פון אלע חדרים...

כתובה.

ווען געציל ראבינאָוויטש, אן אויסגעשטודירטער יונגערמאַן מיט א קורלע אויפ'ן קאָפּ, אָהן א פּיצעל חתימת זקן, אָנגעטהאָן אין א גרינליכער טוזשורקע מיט אן אויסגענעהט העמדעל, אין העל־לע תחתונים, און אין שיך מיט שפּיצען מיט אויסגעדרעהטע אָב־צאַסען — איז אראָב געקומען אויף חול המועד סכות קיין פּיטשעַ־רי מיט דער דעה, ביי די פּני פונ'ם שטעדטעל אָנצונעהמען אורא־קען, האָט ער ביי דער ערשטער פּראָבע ביי משה נחמן ישעיה גרשון'ם דעם גביר פונ'ם שטעדטעל, זיך אָנגעטראָפען מיט משה־ליב שרייבער.

משה לייב, א איד מיט א רויטליכער, גרויסער באָרד, מיט א ברייטען שטערן פול מיט קנייטשען, מיט א קורצער ראיה, מיט א בוזעם קעשענע פול מיט „שורהגרוסען„ פון אלערליי „כתיבות" און מיט צוויי הענד מיט לאַנגע פינגער וועלכע זיינען ווי מסוגל

צו שניצען געגזענע פּענעם און צו צוקען „לכבוד׳ס" — דער דאָזיגער משה־ליב איז אין פּיטשערי געווען א שרייבער שוין פון כמה יאָהרען.

אַלע פּיטשערער אידען, אַלע אידענעס, אַלע חתנים און אַלע כלות — אַלע זיינען געווען משה־ליב שרייבער׳ס תלמידים, אַלע האָבען זיי געדרעהט די זעלבע למד׳ען, אַלע האָבען זיי געצוקט די זעלבע „לכבוד׳ס", די זעלבע „בעזרת השם׳ס", די זעלבע עטליכערליי כתיבות׳ן, אַלע אויף משה־ליב שרייבער׳ס שניט.

משה־ליב האָט אין פּיטשערי שוין געהאַט א חזקה אויף שרייבעריי.

און אז משה־ליב האָט געהערט, אז עס רודערט זיך אין שטעדטעל וועגען א נייע שרייבערל, א דייטשעל עפּעס, וואָס איז אראָבגעקומען ערגעץ פון אַל־די־שוואַרצע־יאָהר, און ארויפגעהענדיג חול המועד צו משה ישעיה גרשון׳ס וועגען א תלמיד, האָט ער גראָדע בעגעגענט א בחור׳ל מיט א פּאַלקע, און מיט א „קורצען וועהטאָג" — האָט ער באַלד פערשטאַנען אז דאָס מוז זיין דער דאָזיגער דייטשעל, און ער האָט איהם אָהן שום טענות גלייך אריינגעשטעקט א ברייטען שלום עליכם.

— שלום עליכם ז׳ איד! דאָס בינסטו דאָס הפנים, דאָס נייע שרייבערל, בינסטו? — האָט ער צוקוקענדיג זיך צו איהם, מיט זיין ניעדעריגער ראיה איהם אָנגעכאַפּט.

יענער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט איהם פערוואונדערט בעטראַכט פון קאָפּ ביז פּיס.

— איך... איך בין ניט קיין שרייבערל, איך... איך בין א לעהרער! — האָט ער געענטפערט מיט שטאָלץ און האָט זיך גענומען איילען אויף אוועקצוגעהן...

— װאַרט־זשע נור, וואַרט, וואָס זשע איילסטו זיך? א לעהרער, זאָגסטו, א לעהרער? זאָל זיין א לעהרער; וואָס איז די נפקא מינה, לעהרער, שמערער, אַלץ איין שוואַרץ יאָהר! ווי איך בין א איד!

— וועט איהר מיר ערלויבען צו פרעגען ווער איהר זיינט? — האָט איהם יענער א פרעג געטהאָן, שוין אביסעל געערגערט.

— אך, מיט׳ן גרעסטען יראת הכבוד! האָסטו געהערט?

פאר וואס ניט? הערסט א שאלה? ווער איך בין? דאכט זיך א קינד אין גאס זאָלסט א פרעג טהאָן. איך בין, פערשטעהסטו מיך, דאָ אין פיטשערי בין איך משה־ליב שרייבער. דו פער־שטעהסט, משה־ליב שרייבער בין איך. און היות, אזוי ווי עס רעש'ט זיך אין שטעדטעל: א נייער שרייבערל, א געשטודיר־טער, דו פערשטעהסט, וואלט איך פשוט געוועזן א בעלן, וואלט איך... איך מיין, איך וואלט למשל וועלען וויסען וואלט איך... גלאט אזוי זיך אויף א ציקאוויסט, ווי זאָגט ער דאָס: במה כחך גדול? פערשטעהסט... אדרבא... כע... א...?

— הייסט דאָס, איהר ווילט מיך פערהערען? — האָט יענער א פרעג געטהאָן מיט א שמייכעל.

— שייך פערהערען!... עט, גאָר ניט... עס רעדט זיך פערהערען, ווייס איך וואס, איך מיין, פערשטעהסט, אדרבא... פאר וואס ניט, גלאט אזוי זיך... ווי זאָגט מען דאָס, עס איז כדאי... פשוט אזוי, צו וויסען...

— נו, יא, זאָגט ארויס. איז וואס, למשל, וואלט איהר א בעלן געוועזן מיר צו פערהערען? אין געאָגראפיע, אפשר היסטאָ־ריע, גראמאטיק, מאטעמאטיק, א?...

— שייך וואס, מאטעמאטיק, שמאטעמאטיק, שטותים שבשטותים!... וואס מיר שמאטעמאטיק, פערשטעהסט כתיבה, פשוט'ע כתיבה... איך וואָלט גלאט, ווי זאָגט מען דאָס, וועלען אָט אזוי פאר א ציקאוויסט למשל... — ער האָט זיך גענומען פאָ־רען ביים בוזעם־קעשענע און האָט גלייך ארויסגעשלעפט א פאַק פערשמאָלצעוועטע פאפירען, און האָט יענעם גלייך אונטערגע־טראָגען אונטערן נאָז. — אָט זעהסטו, אָט דאָס מיין איך, ניתי ספר ונחזי: אבטערליי כתיבות, חוץ, פערשטעהסטו מיך, רש"י כתב...

ראבינאָוויץ האָט שמייכלענדיג אויסגעצויגען מיט די אקס־לען: — כתיבה, ר' משה־ליב, ענטשולדיגט, אויף כתיבה בין איך געבראכען, איך שרייב גראדע זעהר שלעכט.

— אזוי, האָט משה־ליב שרייבער אויסגעשאָסען מיט א געלעכ־טער — הייסט דאָס, אזא געשטודירטער ביזטו! שמאטעמא־

טיק!... טאָ האָב זשע מיר א גוטען טאָג, שמאַטעמאַטיק, כאַ־כאַ־כאַ!...

אוועקגעהענדיג האָט איהם ראבינאָוויטש נאָכגעקוקט און האָט זיך אין הארצען גוט אויסגעלאַכט פונ'ם פיטשערער שרייבער מיט זיינע כתיבות: נו, רבש"ע, א משלחת אביסעל!...

ווען ער האָט אָבער אָנגעהויבען ארומגעהן צווישען די פי־טשערער בעלי בתים נאָכצופרעגען אויף אוראָקען, האָט ער אור־מעדום געהאט דעם זעלבען קבלת־פנים: כתיבה, משה־ליב שריי־בער'ס כתיבה. יא, יונגער מאַן, אלעס איז רעכט, אָבער ווי אזוי צייגט דאָס ניט א שרייבער קיין כתיבה.

— וואס פאר א כתיבה! — האָט ראבינאָוויטש גע'טענה'ט.
— וואס נוצט אייך מיין כתיבה, מאַטעמאַטיק, היסטאָריע, געאָ־גראפיע...

— וואס מיר מאַטעמאַטיק, שמאַטעמאַטיק, מהיכא תיתי, עס שאַדט אויך ניט, אָבער כתיבה, לאָמיר זעהן וואָס קענסטו? — האָבען פיטשערער בעלי־בתים גע'טענה'ט.

געציל ראבינאָוויטש האָט זיך נעביך אָבגעמוטשעט אין פי־טשערי א היבשע שטיקעל צייט. ער האָט געארבייט אויף אַלע כלים. אָהן כתיבה האָט ער אָבער קיין אוראָקען אין פיטשערי ניט געקענט קריגען.

און ווען דער אָרימער ראבינאָוויטש איז אין א קאַלטען ווינ־טערדיגען טאָג אין א ברענענדיגען פראָסט געשטאַנען איג'ם די־נעם טוזשורקעלע, ציטערנדיג א צאָהן אָן א צאָהן נעבען יוסעל בעל עגלה'ס בויד, גרייט שוין אויף אָבצופאָהרען פון פיטשערי, האָט זיך דערנסמאַלט משה־ליב שרייבער געיאָוועט מיט איהם גע־זעגענען.

— הער אויס, יונגערמאַן, איך האָב אויף דיר רחמנות — האָט איהם משה־ליב שרייבער געזאָגט, געזעגענענדיג זיך, — איך זעה דו דראפעסט זיך צו ווערען א שרייבערל, פאָלג זשע מיך, אַן אַלטען שרייבער, וואַרף אוועק דיין שמאַטעמאַטיק, מיט די שאַ־לאַמוניסען, לערען זיך צו, פערשטעהסטו מיך, אביסעל כתיבה,

און נאָך עפּעס, א פּען פּערשניצען, דו הערסט? איך מיין דיין טובה. א פּען פּערשניצען, דאָס איז נויטיגער ווי דיין שמעאגראַ־פיע. פּאָהר מיר געזונטערהייט, און געדענק וואס איך זאָג דיר — כתיבה און א פּען פּערשניציען...

ירוחם דער ארץ ישראל בעל-עגלה.

ירוחם׳ן, דעם איינגעבויגענעם, פּערטראַכטען ירוחם׳ן מיט׳ן געלען שפּיציגען בערדעל, ירוחם׳ס ווייב, שרה זיסעל די הייזעריגע, מיט דער בראָדיווקע אויף דער לינקער באק; ירוחם׳ס קינדער; געצעל דער מילכיגער, שרה די מויד און שלום דער ווארעניק — אלע דריי דארע, לאנגע ווי דער אידישער גלות; ירוחם׳ס שפּאַן, א פּאָר צוויאטרעטע קליאטשעס מיט א סקריפּענדיג ביידעל; ירוחם׳ס וואהנונג, א כאלופּקע בארג אראב נעבען דער באָד, — אָט זיי אלע קען אפילו א קינד אין פּיטשערע. ירוחם איז א פּיטשערער ס׳פּיפּקא, ווי מען זאָגט. א פּיטשערער בן פּיטשערער, און דאָך רופט מען ירוחם׳ן אין פּיטשערע ירוחם דער ארץ ישראל בעל עגלה.

און באמת, איז ירוחם טאקע מעהר אַן ארץ ישראל בעל־עגלה ווי א פּיטשערער.

אפילו אין די יאָהרען, ווען די אייזענבאהן האָט אין פּיטשערע נאָך געהייסען די „טשאגונקע" און געוואוסט האָט פון איהר פּי־טשערע נאָר אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל מען האָט געהערט נאָכ־דערצעהלען פון די פּאַר יחידי־סגולה, די גבירים, די אדירים פון שטעדטעל, וואס האָבען געהאנדעלט, ווי מען האָט געשמועסט אין פּיטשערע אזש קיין קעניגסבערג, אזא גרויסע, גרויסע שטאָדט, וואס מוז זיין ווייט, ווייט, אודאי ערגעץ הינטער די הרי חושך — אפילו ביי די דעמאָלסדיגע צייטען האָט ירוחם געהייסען נאָר א נאָכגעקרימטער פּיטשערער בעל עגלה.

דאָס בעל עגלה׳דיי איז געשטאנען דענסטמאָלט סאמע אינ׳ם רעכטען גלאנץ. א בעל עגלה׳שען שפּאַן פלעגען די פּיטשערער זיך פּערגינען צו שאצען אין די ק״ן׳ער, רי״ש׳ער און שי״ן׳ער

קאַרבאַטשען. ירוחם אבער האָט אפילו דענסטמאָל זיך געשלעפּט מיט אַ פּאָר מאָגערע אויסגעקראָכענע קליאַטשעס, אַ צודרינזשעט סקריפּענדיגביידעל, און דער קאָפּ איז איהם געווען ווייט, ווייט, ערגעץ פון יענער זייט סמבטיון, נאָך ווייטער אפשר...

דאָס בעל עגלה׳ריי אין פּיטשערע איז איהם גאָר ניט געווען צום הארצען. אַ בעל עגלה ערגעץ דארטען... דאָרטען...

ווער שמועסט אז גאָט האָט פּיטשערע אונטערגעשיקט די „טשאַגונקע” סאַמע אונטערן נאָז, אַזוי אז אַלע פּיטשערער אידען האָבען מיט פערבונדענע פּאַטשיילעכלעך אויפ׳ן האַלז, געקענט יע־דען שבת נאָך טיש, אָהן אַן ערב אהינצו שפּאַצירען, און נאָכדעם ווי עס האָבען זיך גענומען הערען פּאַגראַמען: געקוילעט זקנים, זקנות, געשפּאַלטען קינדער, געראַבירט, געמאַכט אַ תל, און פּיטשע־רער האָט מען אויך ניט פערשעהמט, האָט זיך ירוחם מיט זיינע קליאַטשעס, מיט׳ן ביידעל, מיט הכל אשר בכל, כמעט אינגאַנצען אַרויסגעקליבען פון פּיטשערע. נאָר אַ שאָטען, אַ שאָטען פון ירוחם׳ן מיט זיין שפּאַן, שלעפּט זיך אַרום אין פּיטשערע, ירוחם אבער אַליין איז מיט לייב און לעבען דאַרטען, דאַרט אין ארץ ישראל...

ירוחם מיט זיינע צוויי צוואַטרעטע קליאַטשעס, איז בטבע אַ גרויסער איבערקלייבער אויף פּאַרשוינען. „ווייבעריעס”, וויי־בערשע פּאַרשוינען, הייסט עס, האָט ירוחם פיינד בתכלית השנאה.

—אַ מיאוס׳ע אומה זיינען זיי, די ווייבעריעס—זאָגט ירוחם— אונטער אַ באַרג איז כאָטש נעהם און גיב זיי אַ קרענק, כאָטש טראָג זיי אויף די פּלייצעס, די ספּאָדניצעס, מיט די קליאַטשעס צוזאַמען... פון׳ם אָרט וועלען זיי זיך ניט ריהרען... און אַ גאַנצען וועג נאָר זיי גראַגערען אַזוי ווי די גענז אין אַ שטייג. גיר־ר־גיר־ר־גיר, גיר גירר גירר, אויסרעדען אַ וואָרט איז ניטאָ מיט וועמען...

אַ פּאַרשוין הייסט ביי ירוחם׳ען אַ מאַנסביל, און אַ מאַנסביל אויך ניט אבי ווער. ירוחם האָט ליעב ביי זיך אויפ׳ן ביידעל צו פיהרען אַ אידען אַ בר־אוריין, מען זאָל קענען מיט איהם אַ שמועס טהאָן, אַ באַלאַקע טהאָן אויפ׳ן וועג... צושמועסען זיך פון דאָרט,

פון דאנען, און ארויפקומען אויף ארץ ישראל, אָט פון דעם האָט ירוחם ליעב, זעהר ליעב צו שמועסען....

ווען ירוחם פאָהרט ארוים מיט זייןביידעל, מיט די פארשוי־נען פון פיטשערע, פאהרט אריבער דעם „פאראס", און קומט ארויף אויפ'ן פאטשטאווען טראקט, שטעקט ער אריין די בייטש אין קעלנע, קעהרט זיך אום מיט'ן פנים צו די פארשוינען, און נעהמט פערפיהרען א שמועס...

געוועהנליך פאַנגט מען אָן פון די פאָגראָמען, ווי מען קוילעט, ווי מען מאכט א תל פון אידען, און נאָכדעם וועגען דער „טשאגונקע": וואס פאר אן איבערקעהעריניש די „טשאגונקע" האָט געמאכט אויף דער וועלט, וואס פאר א כח, א מסוכנ'ער כח עס ליעגט אין איהר, און מען קומט ארויף אויף ארץ ישראל...

ירוחם נעהמט זיך אויספרעגען וואָס פאר א לאנד דאָס איז, וואס פאר א שפראך מען רעדט דאָרט, און צו דארטען איז שוין אויך איינגעפיהרט אזעלכע טשאגונקעס.

וועגען לאנד און דער שפראך, האָט אייגענטליך ירוחם זיך זיין איינענע פארשטעלונג, און כאָטש ער האָט שוין א מאָל הונדערט געהערט, אז דאָס לאנד איז דאָרטען בעזעצט מיט טערקען און מיט אראבער, וואס רעדען אן אמת'ען טערקיש, און אמת'ן אראַ־ביש, איז ער אבער ביי זיך זיכער אז עס איז ניט מעהרער ווי גע־זאגט. באמת איז דאָס לאנד א אידיש לאנד. ארץ ישראל איז די טייטש א אידיש לאנד... די אראבער און די טערקען, דאָס איז א געמאכטער עסק, א לפי שעה זאך...

וואס אנבעלאנגט דער טשאגונקע, איז כאָטש ירוחם האָט אויף דער טשאגונקע, גאָר ניט קיין גוט הארץ, די טשאגונקע, בע־קלאָגט זיך ירוחם, האָט אונזערע ברידער פשוט אָבגעקוילעט אָהן א מעסער, פון דעסטוועגען, אין ארץ ישראל וואָלט איהם, אדרבה, נאָך הנאה געטהאָן ווען מען פיהרט דארטען איין אזעלכע טשא־גונקעס... ביי אונז אין ארץ ישראל טשאגונקעס — א כפרה דאָס בעל־עגלה'ריי. ארץ ישראל — א אידיש לאנד!... אונזער לאנד!...

ביי ירוחם׳ען האָט יעדער בערגעל, יעדער טייכעל, יעדער וועלדעל אויפ׳ן וועג, אין ארץ־ישראל נאָמען. פּאָיען — פּאָיעט ירוחם ביים טייך פרת, ביים נחל ארנון, פּאַשען — פּאַשעט ער אונטערן וואלד לבנון. ארונטערגעהן פון דער עגלה הייסט ער די פּארשוינען אונטער׳ן הר־הגבעה, א „לחיים” מאכט ער אין כרמל.

א זומערדיגער אויף דער נאכט. די שטערען אין לויטערען, בלויען הימעל פינקלען, פליהען, שפּיעלען זיך אין בעהאלטעניש, און שטיפען; די לבנה, ווי א בע׳ישוב׳טע מאמע, זיצט זיך אין מיטען, קוקט צו און קוועלט אָן פון די צולאָזענע שטיפערס, די קונדסים איהרע. ארום און ארום איז שטיל. עס הערט זיך נאָר א שטילער בעוועגען, א שטילער רוישען צווישען די גרינע גראזען, צווישען די זאנגען, צווישען די גרינע בלעטער פון די בוימער; א גרילץ פון א היישעריק, א זשומע פון א זשוק, פון א ביהן, א פּישטשע פון א פויגעלע, א טרעל פון א קאַנאַריקעל. — די קליא־טשעס שלעפען זיך אויפ׳ן ברייטען טראקט פּאמעלעך, און ירוחם געהט נאָך ביי דער זייט. די אויגען זיינען אָנגעשטרענגט, קוקען, קוקען אין דער ווייטער אונענדליכקייט, ירוחם דאווענט מעריב. ער שעפּטשעט שמונה עשרה, און די גערדאנקען פליהען, די נשמה שוועבט „ולירושלים עירך ברחמים תשוב” — איז ירוחם אין ירושלים. „ותחזינה עינינו בשובך לציון” — און ירוחם איז אין ציון. פון ציון קיין ירושלים בלאָנדזשעט ירוחם׳ס נשמה איבער בערג און איבער טאָלען, איבער וועלדער און פעלדער, איבער טיי־כען און ימים, און אומעטום זעהט ער זיך אין אן אנדער געשטאַלט, און אין אן אנדער פּנים. דאָ — אין א פּאָר שווארצע ברייטע פּלודערען „מכנסים”, וואס שטעהען דערמאָנט אין חומש, מיט רוי־טע וויפּעסקעס, און א ברייטען פון שווארצע וואָל געשפּינטען פּי־דזשאַק, מיט א רויטען וואָלענעם גארטעל, מיט א רויטער טערקישער יארמולקע מיט א קוטאַש. דאָרט — אין בלויע פּלודערען, אין א פּידזשאַק אָדער גאָר א ברייט העמדעל אזעלכעס „מעיל” וואָס שטעהט דערמאָהנט אין חומש, פון פּורפּור וואָל; זיין עגלה איז גע־מאַכט פון טענען־האָלץ און מיט א מגן־דוד אויף ביידע זייטען. א בייטש ארויסגעפלאָכטען פון פלאקס, געוואקסען אויף די פעלדער פון ציון. א פּוזשאַלנע אויסגעשניטען פונ׳ם וואלד לבנון. דער

שפאן — א פּאָר מויל־עזלען פון שרון. די פּאַרשווינען — ארץ ישראל סוחרים, כנענים וואָס שטעהען דערמאָהנט אין חומש — סוחרים פון וואָל, פון זייד, פון האָניג, פון פייגען, באָקסערען, ראָזשינקעס, מאַנדלען... ירושלים... ציון... אך, ירושלים, טאַטע־זיסער! — קען זיך ירוחם ניט אָברייסען — אך, ירושלים, ירושלים!...

ירוחם איז נאַטירליך ניט זעהר בקי אין דער געאָגראַפישער לאגע פון ארץ ישראל, אָבער ער דאַרף דאָס גאָר ניט, אין קאָפּ ביי ירוחם׳ען איז אויסגעשטעלט יעדעס שטעדטעל, יעדעס דער־פעל, יעדעס בערגעל, יעדער שטיינדעל; די אָקסען, די עזלען, די בוימער, די טייכען — אלעס ווי ער וואָלט געשטאַנען דערביי!...

און ווייסען ווייסט ער דאָס פשוט פונ׳ם חומש...

בטבע איז ירוחם ניט קיין איילענדיגער, אלע זיינע יאָהרען האָט ער פערבראַכט פּאַמעליך, בע׳ישוב׳ט. אויף אַלעס צייט געהאַט. מעביר זיין די סדרה האָט ירוחם ליעב געהאַט וואָרט פאַר וואָרט, און ניט גלאַט אין דער וועלט אריין, פון יוצא וועגען. ירוחם, אז ער איז מעביר די סדרה וויל ער וויסען וואָס ער זאָגט דאָרטען. עס אינטערעסירט איהם דאָרטען יעדער וואָרט, יעדער זאַץ — וואָס איז דאָרטען פאַרגעקומען, וואָס האָט מען דאָרטען אויפגעטהאָן, און ער דערוויסט זיך דאָס פונ׳ם טייטש...

ירוחם פערמאָגט פינף פערשמאָלצענע סלאָוויטער חומשים מיט גראָבע טאָוולען. די חומשים זיינען ביי ירוחם׳ען שוין פון יאָהרען, נאָך א ירושה פונ׳ם שווער פון זיינעם, יוסעל מרדכי סטאָליער, עליו השלום. צדוק חנא דער איינבינדער, א איד א ני־קאָלאַיעווסקער סאָלדאַט, מיט גרויסע אויסגעסטאַרטשעטע אויגען, א שיטערע גרויע באָרד, און מיט צוויי אָבגעהאַקטע פינגער אין דער רעכטער האַנד, האָט שוין די חומשים ניט איין מאָל איבער־געבונדען, צוזאַמענגעקלעפּט די צוריסענע בלעטער מיט פאַסקעס פּאַפּיער, בעשניטען די גליונות אזוי אז אויף איינינע בלעטער זיי־נען שוין די אותיות פערשניטען... די דאָזיגע חומשים זיינען מיט טייטש, און ביי ירוחם׳ען זיינען זיי דאָס אויג אין קאָפּ. אין די טויטע בוכשטאַבען פון די חומשים, ליגט ירוחם׳ס גייסט, ירוחם׳ס נשמה. די מעשה׳לעך פון די חומשים רייצען, שפּיעלען זיך מיט

זיין פאַנטאַזיע, ווי מיט אַ מיאַטש, שליידערען, וואַרפען זי אין פערשיעדנע ריכטונגען, הויבען זי, לאָזען זי אַראַב, און הויבען זי ווידער אויף...

דאָס גאַנצע יאָהר, כמעט פון בראשית אָן, קען ירוחם׳ס נשמה זיך קיין אָרט ניט געפונען, שלעפּט זיך נאָך נאָך די מעשיות פון חומש און האָט ניט קיין מקום מנוחה, הײנט דאָ און מאָרגען דאָרט. פריהער אין מצרים ביים בויען די ערי מסכנות, פתם און רעמסס צו פּרעה׳ן, פיהרענדיג לעהם, קנעטענדיג ציגעל. דאָס שטיקעל צייט איז ירוחם׳ען ניט צו דערקענען. ער לעבט איבער די גאַנצע עבודת פּרך, אַלע קלעפּ, אַלע צרות פון פּרעה׳ס נוגשים, אַלע קרעכ־צען, אַלע וועה׳ען, אַלע אידישע וועה׳ען לעבט ער דורך. נידער־געשלאָגען, שוואַרץ, פינסטער ווי די ערד זעהט ער אויס. און בייז, שרעקליך בייז איז ער, בייז אויף דער גאַנצער וועלט. צרות, גע־בראָטענע צרות טהיילט ער אויס די פאַרשוינען מיט די קליאַטשעס זיינע די צייט, מיט טויטע קללות שילט ער זיי...

נאָכדעם ווען פּרעה הויבט אָן צו קריגען קלעפּ, איין מכה נאָך דער אַנדערער, און די אידען הויבען זיך אָן קלייבען פון מצרים, ווערט ירוחם גאָר אַן אַנדער ירוחם, זינגענדיג זיצט ער שוין אויף דער קעלנע, טענה׳ט איין מיט די קליאַטשעס, אַזוי ווייך, אַזוי מילד, „וויאַ, רעביאַטאַ! אַרויס פון מצרים, לעבעדיגער, לעבעדי־גער!" און ירוחם שיינט, אַ חן פון נצחון איז אויסגעגאָסען אויפ׳ן פּנים אויף זיינעם...

אַרויס פון מצרים האַלט ירוחם׳ס נשמה אין איין אַרומ־פאָהרען, אין איין אַרומשוועבען, אין איין אַרבייטען, פערנומען איז ירוחם, כסדר פערנומען...

אָט איז מען אַריינגעפאָהרען אין אלם... צוועלף וואַסער קוואַ־לען, זיעבציג טייטעל בוימער, גוט אונטערצופאַשען, אָבצופּאָיען אָברוהען אַביסעל, אַ טהייער פּלאַץ.

פון אלם אַריבערכאַפּענדיג זיך אין דעם מדבר סין. דאָ האָ־בען זיך די אידען אַ ביסעל בענאַרישט: בעקלאָגט זיך אויפ׳ן הונגער. ירוחם ליידעט אַביסעל, אָבער באַלד איז ווידער גוט געוואָרען. מען האָט נעגעבען דעם מן און ירוחם לעבט! ער האָ־דעוועט די ווייב מיט מן, די קינדער מיט מן, די קליאַטשעס מיט

מן. שרה זיסעל לעבען! היינטיגע וואך איז א גן־עדן, אוים געלד אוים ראסטשינגען, אוים מעהל, אוים האָבער פאר די קליאַ־טשעס, מן! אידען האָבען געקראָגען מן פון הימעל...

פון מדבר סין אריינגעפאָהרען אין רפידים. א שטיקעל צרה, קיין וואסער ניטאָ. ירוחם איז ווייטער ניעדערגעשלאָגען. אָבער באלד האָט מען געשלאָגען דעם שטיין, אידען האָבען געקראגען וואסער. און ירוחם לעבט...

אין רפידים פערגלוסט זיך עמלק'ן קומען אָנפאנגען א מלחמה מיט די אידען. יהושע ווערט א אידישער קאָמאנדוויושטשי וואָי־סקאמי, אידען האלטען מלחמה. ירוחם מיט זיין עגלה פיהרט גע־וועהר, אמוניציע... עמלק קריעגט א מפלה. מען בויעט א מזבח, און ירוחם האקט און פיהרט שטיינער, פיהרט אָקסען, רינדער פאר'ן מזבח...

פון רפידים לאָזט מען זיך אוועק אין דער מדבר סיני, אויפ'ן הר סיני קריגען אידען די תורה. מען בויעט א משכן. א בית המקדש, זילבער, קופער, פעל, טענען האָלץ, בוימעל, געווירצען, דימענטען, בריליאנטען. מען בויעט א שלחן. א מנורה, א מזבח, מען מאכט א חשן, אן אפוד. און דאָ איז שוין ניט נאָר ירוחם, נאָר ירוחם מיט גאנצען צעך פערנומען: אברהם מרדכי שניידער; זלמן גאָלדשמיעד; ברוך אהרן סטאָליער — אלע בעסטע פיטשערער בעלי מלאכות!...

— וואס הערט זיך עפעס, רב בצלאל, רב אהליאב? — אזוי רופט ירוחם דענסטמאָל זלמן משה גאָלדשמיעד, און ברוך אהרן סטאָליער, ווען ער טרעפט זיך מיט זיי אן. — פערנומען היינטיגע וואָך! פערוואָרפען מיט ארבייט: די מנורה, די כרובים, דער חושן, דער אפוד!... — און ער קלאָפּט זיי אין פלייצע מיט אזא שמחה, מיט אזא חדוה, ער פיהרט די קרשים, די קרסים, די שטאנגען, שטיי־נער, טענען־האָלץ, ער ארבייט!.... פערנומען שטארק איז ירוחם, פערנומען די גאנצע וואָך!...

שבת פריה געהט ירוחם אין בעל־מלאכה'שען שוהל'כעל. אז עס קומט צו דער קריאה, שטעלט זיך ירוחם מיט'ן פערשמאָלצענעם טלית אונטער דער הרובע, ארום איהם שטעלען זיך ארום א רעדעל בעלי־מלאכות. ירוחם האלט אין האנד דעם חומש, מיט די גראָ־

בע טאָוולען, כאַפּט אויף יעדען וואָרט פונ'ם בעל קורא, און גיט מיט דער צווייטער האַנד צו פערשטעהן פון דער טייטש צו די בעלי־מלאכות:

„ויעש בצלאל את הארון", און בצלאל האָט געמאַכט דעם ארון. דאָס מיינט מען דיך! — טיטעלט ער אויף ברוך אהרן סטאָליער.

„ויעש שני כרובים זהב", — און ער האָט געמאַכט צווי גאָל־דענע פליעגעל — דאָס מיינט מען דיך! — צייגט ער אויף זלמן משה גאָלדשמיעד.

חברה בעלי־מלאכות שמייכלען. און ירוחם'ס ברוין פערברענט געזיכט שיינט, פלאַמט. וואָס אמאָל מיט מעהר ברען. מיט מעהר פייער גיט ער איבער די סדרה. און ער טענה'ט, טעהנה'ט מיט די הענד, רייסט ביי די לאַצען, האַלט אונטער די באָרד, גליקליך, גליק־ליך איז דענסטמאָל ירוחם....

שבת פאַרנאַכט, ווען שמעון יוחנן דער מלמד, זאָגט איבער די סדרה, שטעהט ירוחם וויעדער צווישען די בעלי מלאכות, ער שטעהט גלייך אַנטקעגען איהם, האַלט אָפען דאָס מויל, און שלינגט שמעון יוחנן'ס ווערטער.

שמעון יוחנן איז אַ גוטער, אַ טייערער זאָגער. יעדעס וואָרט, יעדער אות אין תנ"ך איז ביי איהם אַן אָנזאָג, אַ רמז אויף ציון, ער רעדט מיט פייער, מיט היץ, און ירוחם, — ער לעבט! ער איז זיך מחיה. ער שיינט פון פערגניגען!...

נו? נו? — ווענדעט ער זיך יעדעס מאָל בעגייסטערט צו די בעלי־מלאכות.

דער „נו" קומט ביי איהם אַרויס אַ שטומער, אָהן ווערטער.

נו? — און ער וואַרט ניט אויף קיין ענטפער, אדרבה, ער פער־ציטקעוועט זיך באַלד: ש—ש—שאַ! מען זאָל איהם ניט איבער־שלאָגען...

ער פערשטעהט אפילו ניט דורכאויס שמעון יוחנן מלמד. ער איז פאַר איהם צו־הויך, צו־טיעף. אָבער די ווערטער: ציון, ירושלים, רחבות, כרמל, וואָס שמעון יוחנן חזר'ט איבער יעדעס מאָל אינ'ם זאָגען, זיינען פאַר ירוחם'ן געגוג, זיין פאַנטאַזיע צושפּיעלט זיך און נעהמט איהם טראָגען הויך, הויך, ווייט, און ער פיהלט

זיך גוט, אזוי גוט, אזוי מחיה׳דיג. און גרויס, אזוי גרויס; דעם גאַנצען צער. אַלע פיטשענער אידען האַלט ער אונטער זיינע פליגע־לען, און ער פליהט, פליהט מיט זיי...

שמעון יוחנן מלמד ענדיגט. מען האַלט שוין נאָך מנחה, אין שוהל׳כעל איז שוין טונקעל. עס מערקט זיך שוין שטערען אין הימעל. עס דערהערט זיך א רייב פון א שוועבעלע, עס צייגט זיך א שיין פון א ליכטעל ביים עמוד, און באַלד הערט זיך שוין דער אומעדיגער, בייגקענדער נגון פונ׳ם וואָכענדיגען „והוא רחום”...

די בעלי מלאכות ווערען ווענינער, וואָס אמאָל ווענינער, זיי צו־געהן זיך. צוגעהן זיך שוין באַלד אַלע: צום ווערקשטאַט, צום שניידער טיש, צו דער קאָוואַדלע. אין שוהל ווערט שוין פוסט און ירוחם שטעהט פערטראַגען... אין אַן אַנדער וועלט איז ער... ער שוועבט, ער פליהט מיט׳ן ווייב, מיט די קינדער, מיט דער עגלה, מיט דער חאַלופקע מיט זיינער, מיט׳ן גאַנצען צער, און מיט אַלע פיטשערער צוזאַמען. ער פליהט אין דער ווייטער אונענדליכקייט...

ירוחם איז נים אין פיטשערע!...

חול המועד פסח.
אַ פריה-מאָרגען.

כעלות השחר, חול המועד פסח, ווען עס הויבט נאָר אַן צו שפּראָצען אויף טאָג.

אין די דריי זייטיגע אַלקירס פון הויז, דערשמעקען ניין נעזלעך די פרישע, מחיה׳דיגע פריהלינג לופט, דורך די אָפענע פענסטער. עס דערהערען ניין פּאָר אויערלעך, דאָס פּיסטשען פון די פויגעלעך אין דרויסען, און ניין פּאָר אויגעלעך עפענען זיך אויף און דערזעהען פאַר זיך: אויסגעווייסטע ווענד מיט ריין אבגעוואַשענע דילען, ווייס פערשפּרייטע אָנגעבעטע טישען, מיט שטיקלעך מצה אויף זיי, און אויף די שטוהלען: נייע מלבושים׳־לעך — און עס נעהמט אונז אַלע ניין באַלד ארונטערטראָגען פון די בעטען.

עס געבען זיך אַ עפען די טירלעך און מיר נעהמען זיך אַרויס־

גנב'ענען, אזוי ווי די שרעקענדיגע מייזלעך, איינציגווייז: זיע־בען פערשלאָפענע אינגלעך און צוויי מיידלעך מיט צושויבערטע קעפּלעך, אלע נאַקעטע, בלויז אין די קורצינקע ווייסע העמדלעך.

מיר קוקען מיט די אויגלעך ארום אויף אלע זייטען און צו־לאָזען זיך שטיל אויף די שפּיצקעס יעדער אויף אַן אַנדער בעהאַל־טענעם פּלאַץ וואו מיר האַלטען אונזערע ניס מיט די אייזערנע באַנקעס. אין אַ ווײַלע ארום הערט זיך אין די אַלקירם אַ שאָרשען, און אַ סעלעשטשען פון די וועלעשענע ניס מיט וועלכע מיר זיינען אלע פערנומען אויסצעהלענדיג זיי אין די סטאַנען פון אונזערע העמדלעך.

באַלד נאָך דעם ווערט אַן אונרוהיגקייט און אַ האַסטיגער אי־בערלויף פון איין אַלקיר צום צווייטען און צוריק. די לינקע הענדט־לעך זיינען פערנומען מיט די סטאַנען פון די העמדלעך, וועלכע זיינען פעררימען ווייט ארויף. די נאַקעטע פיסלעך בעוועגען זיך שנעל, לעבעדיג און פּלאָנטערן זיך פלינק, איינע איבער די צווייטע. די רעכטע הענדטלעך שטופען און וואַרפען זיך, פון יעדען וואַרף מאַכען די ניס אין די סטאַנען ביי אונז אַן אַ רעש, און מיר טענה'ן צווישען זיך היציג, מיט פערשטיקטע קולות, דער טאַטע זאָל ניט דערהערען...

— דו . . . דו . . . האָסט ארויסגע'גנב'עט ביי מיר צוויי ניס, האָסטו . . . דו שמערעלע חוריק, דו ! . . .

— ווער האָט גע'גנב'עט ? איך . . . דו . . . דו . . . יאָ־סעלע חולם ! איך . . . האָב . . נאַ, אָט האָסטו דיר ! . . .

און מיין ברודערל שמערעלע, גיט מיין ברודערל יאָסעלע אַ וואָרף, און ער בלייבט ליגען מיט די פעררימענע, נאַקעטע פיסלעך ארויף, און די ניס צושיטען זיך...

— ח . . . חוריק ! דו חוריק גנב . . . . צוויי ניס . . . מיינע צוויי ניס ! . . .

מיין עלטערע שוועסטער צירעל, מיט אַ פעררימענעם סטאַן, קלויבט די ניס, און זאָגט צו: אז זי וועט געבען צוויי ניס פון איהרע.

מיין ברודער יונה איז אויף שמערעלעס צד, און לאָזט ניט.

— ער איז . . ער איז . . . אַ ליגנער . . . איז ער . . .

מי . . . קען דיך . . . יאסעלע חולם . . . וויפיעל האָסטו געהאט גיס . . . וויפיעל ?

— יונה צאַפּ ! . . . וואָס איז דיין געשעפט . . . וואָס ? איך . . . .איך האָב געהאט . . . צוואַנציג . . . ניין . . . צוויי און צוואַנציג . . . צוויי און צוואַנציג האָב איך געהאט . . .

עס דערהערט זיך אַ הוסט פונ'ם אַלקיר צום זאַל צו, עס גע־בען זיך באַלד אָן עפען די טירלעך און דער טאַטע אין דער שוואַר־צער סאַמעטענער יאַרמולקע און אין דעם טערקישען שלאָף־ראָק מיט קוטאַשען, און אין שטעק שיך — קומט ארויס.

ער גיט אַ גלעט מיט ביידע הענד די שוואַרצע לאַנגע באָרד, גיט אַ בליק מיט די גוטע מילדע, שוואַרצע אויגען, און אין אַ רגע בלייבען מיר אַלע זיצען מיט די סטאַנדלעך אין די הענד, אויף דער ערד, און מיין שוועסטער צירעל צעהלט אונז די ניס. מיר אַמ־פּערען זיך פערשטיקט, צווישען זיך, זי גלייכט אויס אונזערע קריוודעס פון איהר סטאַן. ביז אויפ'ן סוף בלייבט ביי איהר פון איהרע צוואַנציג ניס, אַכט ניסלעך. זיעבען גאַנצע און דאָס אַכטע, מיט אַ לאָך...

דער טאַטע גיסט זיך אָב נעגעל־וואַסער, זאָגט אָב „אשר יצר", פערדויכערט אַ סיגאַרעטעל אינ'ם בורשטינענעם מונד'שטיק און שפּאַנט ארום בהרחבת הדעת איבער דער שטוב פערטראַכט.

גאָסי, די דיענסט־מויד פּאָרעט זיך אין הויף ביים „סאַמאָוואַר", בלאָזט מיט אַ שטיוועל אין קוימען ער זאָל שנעלער אויפקאָכען.

באַלד שטעהט אויף די מאַמע און קומט ארויס אינ'ם טערקי־שען חאַלאַט, מיט די דימענטענע אויערינגלעך אין די אויערען.

מיר בעפּאַלען זי אַלע מיט די פּעררייסענע סטאַנדלעך. זי קושט אונז יעדען בעזונדער, דער טאַטע גיט אונז מיט צוויי פינ־גער אַ קניפּ אין די בעקלעך, און די צוויי שוועסטערלעך: צירעל און ביילקע גיט ער אַ גלעט איבער די קעפּלעך און טוליעט זיי צו צו זיך...

נאָכדעם בעפעהלט דער טאַטע, מיר זאָלען זיך אָנטהאָן.

מיר טהוען זיך אָן, וואַשען זיך, זאגען אב „מודה אני" און זיבען ברידערלעך מיט צוויי שוועסטערלעך אין נייע מלבושים'לעך, מיט סקריפּעדיגע שיכלעך, לאָזען זיך אריין אין עס צימער.

אויפ׳ן קיילעכדיגען, גרויסען טיש, ארומגעשטעלט מיט שטוה־לען, שטעהט אויף א בלאנקענדע טאץ, דער שפּיגעלדיגער סאמא־וואר און זינגט זיך זיין איינטאָניגען ניגון. פאר׳ן טאטען מיט דער מאמען שטעהען צוויי פינקעלדיגע גלעזער טהעע.

מיר זעצען זיך אלע ארום, יעדער אויף זיין פּלאץ מיט דרך ארץ, און דער טאטע מיט דער מאמען קוקען אויף אונז מיט ליעב־ליכע, נחת׳דיגע אויגען.

גאָסי, די דיענסט־מויד, גיסט פאר אונז אָן טהעע און מיר טרינקען אלע בנימוס, חוץ מיין ברודער נח, וועלכער צמאָקעט מיט די ליפּען, כראָמטשעט דעם צוקער, און פערכלינעט זיך אלע מאָל.

באלד קומט אָן חיים דוד דער מעקלער, א איד מיט א געלער באָרד, וואס רייסט פון איהר כסדר איינציגע האָר און שטופּט זיי אין מויל אריין. ער קומט אריין ברייטלעך מיט׳ן פאראסאָל אין דער האנד און מיט׳ן טלית אונטער׳ן ארעם. מיט א היימישען גוט מאָרגען זעצט ער זיך, מעשה בן־בית, אוועק בהרחבה ביים טיש, לעגט אוועק דעם טלית זאק, הייסט גאָסי׳ן אָנצאַפּען א שטארקע גלאָז טהעע, און נעהמט טרינקענדיג שמועסען מיט׳ן טאטען מכח מסחר, מכח מציאות, מכח פּריצים און וועלדער.

נאָך חיים דעם מעקלער קומט אריין טוביה דער „מענש" וואס דיענט ביים טאטען שוין פון כמה יאָהרען אין יארישלאוועער וואלד. אן אויסגעבויגענער איד, מיט א קליינעם שטערען, א איד וואס פערמאָגט געצעהלטע עטליכע שווארצע האָר אינ׳ם בערדעל. ער קומט אריין הכנעה׳דיג, גיט אָב צוויי גוט־מאָרגענס, איינעם דעם טאטען און איינעם דער מאמען.

דער טאטע בעט איהם זיצען, הייסט איהם אוועקלעגען דעם טלית און גיסט איהם אליין אָן א גלאָז טהעע, און אלע דריי אידען הויבען אָן צו שמועסען פון די שלעכטע צייטען, ווי אידען זיינען אין גלות, און אז דאָס יאהר זיינען שעהנע בעלי־בתים אָנגעקומען, נעביך, נאָך מעות חטים. א ביטערער יאָהר!

נאָך דער טהעע געהט דער טאטע, די מאמע, חיי דער מעק־לער און טוביה דער „מענש" ארויס אויף דער ווערענדע. די מאנסבילען זיצען, רויכערען אלע סיגארעטלעך. דער טאטע אינ׳ם בארשטינענעם מונדשטיק, חיים דער מעקלער אין א ביינערנעם,

און טוביה דער מענש גאַר אָהן א מונדשטיק, און די מאַמע זיצט און הערט זיך איין צו די שמועסען. פון צייט צו צייט פרעגט זי זיך אָן וועגען זאכען וועלכע זיינען איהר ניט גאַנץ קלאָהר און דער טאַטע ערקלעהרט איהר אַלעס בהדרגה.

מיר, חברה, שפּיעלען בשעת מעשה אויף א ברעטעל אַנגע־שפּארט נעבען די שטאַבעטען — אין ניס. און מיין עלטערער ברו־דער נח „דאַצט" אונז אַלעמען ביז איינעם.

און ווען דעם טאַטענס זייגערעל האַלט שוין באַלד ניין, לאָזט דער טאַטע איבער די מאַמע מיט די צוויי אידען אויף דער ווע־ראַנדע. ער געהט אריין אין הויז, טהוט אָן די געפּוצטע קאַמאַ־שען, דעם שווארצען קאָסטיום, דאָס אויבער רעקעל און דעם זיי־דענעם קאַפּעליוש, נעהמט דאָס שטעקעל מיט דעם זילבערנעם הענ־טעל אין האַנד, און דעם ווייסען סאַמעטענעם אויסגענעהטען טלית זאַק אונטערן אָרעם, און ווען ער קומט אַרויס מיט דער צוקעמטער ברייטער באָרד, מיט'ן ווייסען אָבגעלעגטען קאָלנער אויפ'ן שוואַר־צען זיידענעם האַלז־טוך, לויפען מיר אַלע אריין אין הויז נאָך אונ־זערע סדורים'לעך. חיים דער מעקלער און טוביה דער מענש נעה־מען זייערע טליתים און דער טאַטע מיט חיים דעם מעקלער פון איין זייט, און טוביה דער מענש פון דער אַנדערער זייט, און מיר זיע־בען מיט די סדורים'לך פון אַלע זייטען, געהען מיר אַוועק אין בית המדרש דאַווענען.

די מאַמע קוקט אונז נאָך א ווײַלע מיט נחת פון דער וואראַנ־דע, און נאָכדעם געהט זי אריין אין הויז אריין, הייסען גאָסי'ן פערפערטיגען מיטאָג.

אין בית המדרש.

דעם טאַטענס „שטאָט" אין בית־המדרש, איז אין מזרח וואַנד, באַלד נעבען ארון־קדוש, זייט ביי זייט מיט ר' ישראל'יקעל דעם רב און מיט אברהם הירש־בער'ס, דעם גביר פון שטאָדט.

דער טאַטע געהט גלייך ארויף גאַנץ אויבען אָן, בעגריסט זיך מיט דעם רב, לעגט אַוועק דעם טלית

זאַק אויפ'ן סטענדאַרט, נעהמט אַרויס פון קעשענע אַ ווייסע נאָז־טיכעל און ווישט אָב דאָס נעזעל פון מיין יונגסטען ברודער'ל משה'קע, שפּאַרט אָן באַלכסון דעם שטעקען אויפ'ן פענסטער, טהוט אויס דאָס אויבער־רעקעל און נעהמט רייבען די הענד, אַרומקוקענדיג זיך אויף אַלע זייטען און זיך צוגרייטען צום דאַווגען.

באַלד קומט אַריין אברהם הירש בער'ס. אַ בייכיג אידעל, מיט אַ קורצען פעטען האַלז, מיט אַ קיילעכדיגער, געדיכט בעוואַקסענער בלאָנדער באָרד, מיט אַ ברייטען שטערען מיט קנייטשען און מיט אַ באַסאָווער שטימע.

הינטער איהם, קאַטשען זיך מיט סדורים'לעך אין די הענטלעך זיינע דריי אינגלעך, ירוחם'ל, שמואל'קע און ירחמיאל'קע. אַלע דריי פעטינקע מיט גראָבע פיסעלעך, און פּוקסינקע בעקעלעך, און ביי דער זייט, מיט איהם קומט זיין עלטערער מיידעל באַסי'ס חתן, וואָס ער האָט אַרונטערגעבראַכט אויף יום־טוב פון נעמיראָוו.

דער חתן איז ברוך מלכיאל'ס דעם נעמיראָווער פאַטשטאַר'ס אַ בחור'ל וואָס נעהט, זאָגט מען, אין גימנאַזיע און איז אַ שאַרף קעפּעל אין ש"ס און אין פּוסקים און אַ וואָזשנער קענער אין לשון קודש.

אברהם הירש בער'ס קומט אַריין ברייטליך. פון דער טיר ביז צום מזרח בעגריסען איהם, מיט'ן וועג, אַלע בעלי בתים פון בית המדרש. ווען ער קומט צו צום מזרח בעגריסט ער פריהער דעם רב, רבי ישראל'יקלען און נאָכדעם דעם טאַטען, צייגט אָן דעם חתן אויף דער „שטאָט", וואו ער דאַרף זיך אוועקזעצען, און אַליין לעגט ער סאַפּענדיג אַוועק דעם טלית זאַק און נעהמט אויסטהאָן דעם אויבער ראָק און איהם אויסשפּרייטען פאַרזיכטיג אויפ'ן סטענדער.

דער רב, רבי ישראל'יקעל, אַ הויכער, ברייט־ביינינער איד, מיט אַ גרוילינער, לאַנגער, האַלב־צוטהיילטער באָרד ביז'ן גאַרטעל, מיט אַ נעל פאַרמעט פּנים, מיט גרויסע אַריבערגעהאַנגענע ברעמען, מיט קורצזיכטיגע אויגען און מיט אַ הויכען צוקנייטשטען שטערען — שטעהט אויף פון זיין זיץ אין דער אַטלעסענער קאַפּאָטע מיט'ן זיידענעם גאַרטעל, אין דער סאַמעטענער יאַרמולקע,

און אין׳ם טלית מיט דער גאָלדענער „עטרה״. ער גיט א הויב די גרויסע ברעמען, לאָזט זיי צוריק אראָב, פערקנייטשט דעם שטערען, און מצמצם די ראיה און שטרעקט אויס זיין בייניגע האנד מיט די לאַנגע פינגער און גיט אָב „שלום״ דעם חתן.

נאָכ׳ן רב איז איהם מקבל שלום דער טאַטע און נאָך זיי ביידע, גיבען זיך צו איהם א לאָז אלע אידען פון׳ם בית־המדרש מיט שלום עליכם׳ס.

דער חתן, א בחור׳ל פון א יאָהר אכצעהן, מיט א בלאַס קינ־דעריש פנים, בעוואקסען מיט א מאָך ארום, איז משיב שלום צו יע־דען מיט גרויס דרך ארץ, קוקט א צושראָקענער אויף אלע זייטען און זשמורעט מיט די אויגלעך.

— ער קוקט — פערענטפערט איהם אברהם הירש בער׳ס אויף דער באַסאָווער שטימע פאר׳ן טאַטען און פאר׳ן רב ר׳ ישראל׳יקען — ווייל, פערשטעהט איהר מיך, אין נעמיראָוו זעהט מען, מאַלטיך, שעהנערע בתי מדרשים. ר׳שפּיעלט זיך מיט נע־מיראָוו. א כרך! א כרך גדול! מיט... גבירים... אדירים... מיט געשעפטען. שייך א שטאָדט נעמיראָוו...

דער רב, רבי ישראל׳יק געהט אריין אין א שמועס מיט אברהם הירש בער׳ס און מיט׳ן חתן: פריהער מכח נעמיראָוו גופא, נאָכ־דעם וועגען דעם נעמיראָווער רב, רבי עזריאל׳יק און וועגען דעם דין ר׳ נח זלמן׳ען.

— פּש, גרויסע אידען! לומדים מופלגים! גאונים! — וואָ־ס־שייך רבי עזריאל׳יק! איך קען איהם גאַנץ גוט. ער איז מיט מיר א שלישי בשלישי. ס׳הייסט פון מיין פלונית׳טעס צד הייסט עס. א גאון עולם, וואָ־ס־שייך!

דער טאַטע איז אויך מסכים אויף ר׳ עזריאל׳יקס גאונות און גיט נאָך דערצו צו: אז אין נעמיראָוו זיינען איבערהויפּט אלע אי־דען בני תורה. שייך נעמיראָוו, א שטאָדט מיט למדנים...

דער חתן קוקט אויף די גרויסע בערדיגע אידען, און ער שוויצט נעביך, בשעת מעשה און דער רב געהט באלד איבער אין דברי תורה.

— מען זאָגט, — זאָגט ער צום חתן — אז דו ביזט א בר־אורין, עס הייסט, מען זאָגט, אז דו ביזט א מושלם, זאָגט מען.

איז איך וועל אייך, אגב אורחא, דערצעהלען א מעשה שהיה, וואָס איך האָב אמאָל געזאָגט פאר ר׳ עזריאל׳קען טאקע אויפ׳ן פסוק „וינצלו את מצרים".

דאָס זאָגט שוין ר׳ ישראל׳יק ניט צום חתן אליין, נאָר צו אלע־מען: צום טאטען, צו אברהם הירש בער׳ם און אויך צו יואל מרדכי דעם גבאי, א רויט־האָריג בעוואקסענער איד מיט א געוויקס אויפ׳ן שטערען, א איד וואס האָט די גרעסטע אייזען־קראָם אין שטאָדט און איז דער גבאי פון בית המדרש.

און דער רב זאָגט אָב א שטיק פלפול אויפ׳ן פסוק „וינצלו את מצרים", פון וועלכען אי דער טאטע, אי אברהם הירש־בער׳ם, אי דער גבאי, יואל מרדכי ווערען שטארק בעגייסטערט.

פונ׳ם פלפול געהט מען איבער צו קהל׳שע ענינים, וועגען דער תלמוד־תורה, וועגען הקדש, און וועגען דער באָד, להבדיל, און צום סוף, קוקט מען ארויף וועגען היי־יאָריגער חלוקה פון מעות חטים. דערביי, רעדט מען זיך איבער בשתיקה, פון מויל צום אויער, און מען היט זיך א קוק צו טהאָן אין ווינקעל ביים עק מזרח, וואו עס זיצט מיט אן אראבגעלאָזענעם קאָפּ יעקב שלמה דער שניט קרע־מער, א יורד נעביך...

מיר, די קליינע חברה, בעטראכטען, בעת מעשה דערוויילע איי־נער דעם צווייטען די נייע גארניטערלעך, צעהלען איבער די קע־שינקעס און די קנעפּלעך פון די רעקלעך און פּרובירען אויס די סקריפּקעס פון די נייע שיכלעך.

נאָכדעם צולאָזען מיר זיך קאמפּאניעס־וויוז איבער׳ן בית המדרש, מיט די וועלעשעני ניס, א טהייל כאפּען זיך ארויס אין דרויסען, און כאפּען דערוויילע א שפּיעל, א טהייל קומען זיך צו־זאמען אונטער דער הרובע, ארום מאָטעל דעם משוגע׳נעם, א פער־וואקסענער איד אין טראנטעס, וואס האלט כסדר אין איין צו־זאמענקלויבען שמאטעס מיט פּאפּירען אויסצובויען א בריק קיין ארץ ישראל און שרייט אז ער איז משיח.

אונטער דער הרובע געפינט זיך אויך אברהם׳צי שניידער וואס האָט אונז אבגעבראכט די גארניטערלעך אויף פּסח. א אי־דעל מיט א שפּיציג בערדעל און מיט א קליין קעפּעל וואס האלט עס אויף א זייט, א אידעל וואס וויצעלט זיך כסדר און גיט קיינ־

מאָל קיין שמייכעל נים. ער שטעהט מיט׳ן קויטיגען טלית אויף די אקסעל און ארום איהם שטעהען די גאנצע חברה חייטים און קאטשען זיך פון געלעכטער.

ווען אברהם׳צי שניידער דערזעהט אונז, רופט ער אונז צו צו זיך, מיך און מיינע זעקס ברידערליך: שמערעלע, יאָסעלע, יונה׳לע, נח׳ל, אברהמ׳על און משה׳לע. ער גלייכט אויס אונז אַלע די רעקלעך, פערקנעפעלט אונז, בעטראכט אויף אונז זיין מלאכה און קוועלט בעת מעשה אַן פון נחת.

אונטער דער הרובע, שטעהט אויך מיין ברודער׳ל אברהם׳על׳ס רבי, משה יודעל, דער גמרא מלמד, א אידעל א שווארץ׳ס, א נידעריגס, א דארס, מיט געצעהלטע זעקס לאנגע האָר אויפ׳ן שפיץ בערדעל.

משה יודעל דער גמרא מלמד איז א בעל קורא ביי דער חברה חייטים. ער שטעהט מיט׳ן טלית און מיט דער פערשמאָלצעווע־טער פליסענער יארמולקע ביים טיש. נעבען איהם שטעהט איצי מאנדעטניק, א איד מיט א ברייטער באָרד און מיט ברילען, א איד וואָס רעדט שבת נים קיין דברי חול און אין דער מאַסטערס־קאָיע פערשיט ער די "פועלים„ מיט לשון קודש. נעבען זיי שטעהען נאָך עטליכע שניידערס. גרויע אידען און משה יודעל דער גמרא מלמד, ערקלערט זיי דעם נס פון יציאת מצרים.

די יונגע חברה שניידערס, האַלב יום טוב׳דיג שטעהען אין פּאָליש, רויכערען סיגארעטלעך, ווערטלען זיך צווישען זיך און ווען איינער פון זיי פערקוקט זיך, צופען איהם די איבעריגע פון אַלע זייטען און שטעלען אָן א מינע ווי נים זיי מיינט מען עס.

באַלד נעהט ארויס שלמה זלמן שמש, א נידעריגער, גרויער איד, מיט אַן אויסגעדרעהטען פיסק אין א זייט. א איד, וואס אז חברה שקצים טשעפען איהם, שעלט ער באַלד אין טאטען און אין טאטענס טאטען... ציגדט אָן די ליכט ביים עמוד, און רעדט בשעת מעשה מיט כעס צו זיך אַליין.

נאָך איהם נעהט ארויף ירוחם יעקעל דער בעל שחרית. א איד מיט א צולאָקשענטער אטלעסענער קאַפּאָטע, מיט א גארטעל, מיט א ברייטען קאַלנער פון העמד, א דארער איד מיט א צופלאָכטע־

נער געלער באָרד, מיט א לאַנגען האַלז און מיט א קנאָפּ אין גאָרגעל וואָס רוקט זיך מאַשינאָווע אַרויף און אַראָב.

ירוחם יעקעל דער בעל שחרית, נעהמט זאָגען מיט זיין קוויטשעדיגער שטימע „ברכו”. אין בית המדרש ווערט באַלד א שטילע סומאטאָכע, די רעהדלעך צוגעהען זיך. עס הערט זיך א סעלעטשען פון די טליתים און א מישען פון בלעטער אין די סדורים. און באַלד שטעהען אַלע אויסגעשטעלט אויף זייערע פּלעצער און א בית־המדרש מיט אידען און מיט קליינע אידעלעך מיט טליתים און סדורים אין די הענד, שטעהען, שאָקלען זיך און דאַווענען.

דער מלמדים יאָריד.

דעם גאַנצען ווינטער לאַנג, איז דאָס שטעדטעל טויט און פערשאָטען. די קלייטען, די הייזער, די אכסניות און די שענקען ליגען טיעף בעגראָבען אונטער קברים פון שנעע, און די מענשען אין'ם שטעדטעל פערקנולט אין שמאַטעס און טראַנטעס, קוים וואָס זיי ריהרען זיך, קוים וואָס זיי בעוועגען זיך.

צו פּסח צו, גיבען זיך עטליכע שטאַרקע, וואַרעמע רעגענס, א לאָז פון די אָנגעכמאַרעטע הימלען, און נעהמען מיט אימפּעט פּרעסען דעם שנעע, און שווענקען די גאַסען און ליקלעך; מיטנעהמענדיג מיט זיך דעם שימעל און שמוץ, אוועקפיהרענדיג איהם דורך גלייכע און קרומע וועגען און וועגלעך, ווייט, ווייט אין דער וועלט אריין...

און ווען עס קומט חול־המועד פסח נעהמט פון ווייט, ווייט, ערגעץ־וואו פון אונטער די בערג, יעדער פריהמאָרגען, טאָג נאָך טאָג א צונטער־רויטע זון אַרויסקומען, און לאָזט זיך פון דאָרט גלייך אין שטעדטעל אריין. די שטראַהלען איהרע צושפּרייטען זיך און רייסען זיך ווי מיט גוואַלד אריין אין אַלע שפּאַלטען און לעכער, און נעהמען טריקענען, ברענען און אַרויספּציהען צו זיך דאָס רעשט, דאָס פון ווינטער פערבליבענע, און לאָזען איבער א ניי שטעדטעל, א שפּאָגעל־ניי שטעדטעל, מיט א נייעם מאַרק, מיט נייע מענשען.

דאָס שטעדטעל שטעהט אויף תחית המתים.

פון אלע גאסען און געסלעך נעהמען זיך ציהען יום־טוב'דיג פערפוצטע, פרעהליכע געזיכטער, אלטע און יונגע, מענער, פרויען און קינדער, מען שפאצירט גרופענ־ווייז, פארלעך און איינציגע, אלע צום מארק־צו און פון'ם מארק, ארויף און אראב, איבער דער לאנגער ברייטער, איינציגער שאסיי־גאס, וואס ציהט זיך איבער דער גאנ־צער לענג פון שטעדטעל.

אין מארק רעש'ט און טומעלט זיך ווי אין א ביהן־שטאק.

די קראמען, פון אינעווייניג ווי פון דרויסען, קוקען אויס יום־טוב'דיג. די חמץ'דיגע סחורה ליעגט פערשטעלט און פערדעקט און פערבעהאלטען אין די ווינקלען און אין קעלערס און די פסח'־דיגע, אויסגעשטעלט אין שפאגעל־נייע כלים קוקט אראב מיט גדלות פון די לאדען.

אלע טירען פון די קראמען זיינען פונאנדערגעעפענט און די קרעמער און קרעמערקעס שטעהען אויף די שוועלען, ווארימען זיך אקעגען דער זון און רעדען לש'עווען צווישען זיך. די לצנות'ן געהן איבער פון טיר צו טיר און ווערען איבערגעגעבען פון איינעם צום צווייטען.

גאנץ אפט כאפט זיך אריין א לצנות פון די קרעמערס אין א רעדעל פון די מיטען־מארק רעדלעך. און עס נעהמט ארומוואנדערען פון רעדעל צו רעדעל, ביז דער גאנצער מארק ווערט פול מיט דעם.

ווען עס פערבלאנזשעט פון ערגעץ א קונה צו איינעם, ווערען פלוצלונג איבערגעהאקט די רעדערייען און לצנות'ן אויף א מינוט. אלעמענס אויגען ווערען אנגעשטרענגט, די געזיכטער ווערען ערנסט. פון דער שורה קרעמער כאפט זיך דער איינער אין איילעניש אריין, ווערט דארט שנעל פארטיג מיט'ן קונה און קומט באלד צוריק ארויס און טרעט ווידער אריין אין דער רייהע און דער פאדים פון לצנות נעהמט זיך צוריק וועבען און זיך ציהען פון טיר צו טיר און פון מויל צו מויל...

די שענקערס שטעהען אויף די פידאשקעס מיט פערלעגטע הענד. די שענקען, אינעווייניג, געהען אן אוי'פן געוועהנליכען שטייגער. די פערקויפער זיינען איצט ערלים צו וועלכע מען האט ערב פסח דעם חמץ פערקויפט. פון צייט צו צייט נור, כאפט זיך אריין א איד אין א יארמולקע, אדער א אידענע מיט א קווויטענדיג זיי־

דען־טיכעל פעררוקט אונטער די אויערען כאַפּען אַ קוק אויפ'ן ערל.
„אַ גוי איז אַ גנב, מען דאַרף איהם היטען"...

אין איין זייט שטעהט אַ רעדעל מיט מלמדים. עס איז בין־הזמנים, די צווישען־צייט פון'ם יאָהר, און זיי זיינען אַרויס אויף דער ליכטיגער וועלט, צוזאַמענצושטעלען זייערע קנעלונגען, צו־צוקריגען נייע אָדער אָנצונעהמען צוריק די אַלטע תלמידים. זיי שטעהען אין יום־טוב'דיגע מלבושים, מיט שטעקעלעך אין די הענד און מיט סיגאַרעטלעך אין מויל. מאַכען אויף גאַנצע און מאַנכע אויף האַלבע פּאַפּיראָסלעך, און בעקלאָגען זיך, צווישען זיך, אויפ'ן שווע־רען פּערנאַנגענעם ווינטער, אויף די שרעקליכע קרירות, אויפ'ן יקרות אויף שטרוי און אויף האָלץ און אויפ'ן געשלאָגענקייט פונ'ם מלמדות, צוליעב דעם „חדר־מתוקן", וואָס אברהמ'צע יעקב בער'ם, האָט איינגעפיהרט.

שמערעל דער קרומער, אַ דרדקי־מלמד, אַ איד מיט אַ צושפּאָל־טענער ליפּ, מיט אַ געל, שיטער בערדעל, מיט לאַנגע, אָראָבגעהאַנ־גענע וואָנצעס און מיט אַ קוליע אונטער דער פּאַכווע, שפּרינגט אַרום מיט דער קוליע פון איינעם צום צווייטען מיט אַ פּלאַן: אַז עס וואָלט געווען אַ יושר מלמדים זאָלען מאַכען צווישען זיך יד אחת. ראשית צו האַלטען דעם מקח, און ניט צו רייסען איינער ביים צווייטען קיין תלמידים, שנית, וועגען דעם נייעם רעוויזאָר, ימח שמו, אַ גוי אַ כלב, אַ נקי כפּים, וואָס מאַכט אַלע מאָנטאַג און דאָ־נערשטאַג רעוויזיעס, והשלישית, צו זאַמלען אַ קאַסע פון עטליכע רובעל על כל צרה שלא תבא, אין אַן אונגליק אָדער אַ קראַנקהייט ר"ל, עס זאָל זיין מיט וואָס צו ראַטעווען.

יונה־בער, דער גמרא־מלמד, אַ שוואַרץ אידעל, אַ דאַרס, מיט אַ פּאָר פלינקע, קורצזיכטיגע אויגעלעך און מיט אַ שפּיציג שוואַרץ בערדעל וואָס האַלט זיך פון זיך אַליין אין איין שאָקלען — אַ אידעל וואָס איז פול מיט וויצען און המצאות ווי אַ מילגרוים מיט קערענדלעך, — יונה־בער זאָגט זיך אַלע מאָל אָן אַנדער וויץ, מאַכט צו נאָר ניט און צו נישט שמעריל דעם קרומענ'ס פּלאַן און חברה מלמדים לאַכען און קוועלען אָן פון זיינע המצאות.

פון צייט צו צייט, ווען איינער פון די מלמדים בעמערקט פון ווייטענס, אַ בעל־הבית ביי וועמען עס איז דאָ אַן אויסקוק אָנצו־

נעהמען אַ תלמיד. רוקט ער זיך, מיט אַ הוסט אין זיך, פּאַמעלעך אַרוים פון׳ם רעדעל, נעהמט מאַכען ברייטע שפּאַן מיט׳ן שטעקעלע אין דער האַנד און צוקומענדיג וואָס אַמאָל נעהנטער צו יענעם, נעהמען די שפּאַן ווערען קלענער און הכנעה׳דיגער, ביז ער שאַרט זיך וואַקלענדיג לאַנגזאַם צו און פערגעהט מיט אַ זייטיגען שמועס. פריהער קאַלטלעך, געלאַסען, און נאָכדעם, וואָס אַמאָל וואַרימער, הייסער, אַרבייטענדיג מיט׳ן מויל, מיט די הענד און מיט אַלע אבריס...

די מלמדים פון׳ם רעדעל קוקען פון ווייטענס מיט קנאה׳דיגע בליקען און מעסטען, בעת מעשה, די בעוועגונגען: „שוין, שוין אָנגענומען!" און אַז דער מלמד קעהרט זיך אום צוריק, בעפאַלען איהם אַלע מיט פראַגעס, און קוקען זיך איבער צווישען זיך מיט די אויגען, ווי זיי וואָלטען זאָגען: „אַ מזל!"

נעבען רעדעל מלמדים דרעהט זיך אַרום הין־און־צוריק, מיט׳ן שטעקעלע, יצחק־אלחנן זיסי מאָטעל׳ס, אַ איד אַ „יורד", וואָס מאַטערט זיך מיט אַלע כחות אָנצוהאַלטען דעם שטאַט, „יענער זאָל ניט דערלעבען צו וויסען". ער דרעהט זיך אַרום אַזוי זיך, עס הייסט, ער קוקט גאָר ניט אין זייער דרך. ער פערמאָגט דריי קינדער וואָס דאַרפען דריי בעזונדערע מלמדים. איינגלעך מיט שאַרפע קעפּלעך. יצחק אלחנן איז זיכער, אַז דאָס וואַקסען דריי מורה הוראות.

די מלמדים בעמערקען איהם, און גיבען איבער איינער דעם צווייטען. קיינער אָבער ריהרט זיך ניט פון אָרט. „בע", „מע", יעדער דרעהט מיט דער נאָז, און איינער בעמערקט בסוד, אַז עס קומט איהם נאָך שכר־למוד פון יענעם זמן. „אַ קבצן, נעבאַך!..."

אויפ׳ן סוף, רוקט זיך בגנבה אַרויס פונ׳ם רעדעל, חיים־ליב ישראל משה׳ס, אַ איד מיט אַ ציגען־בערדעל און מיט קאַלטשעוואַטע פּאות מיט אַ פאַרשמאָלצעוואַטע יאַרמולקע וואָס קוקט אַרוים פון אונטער אַ היטעל מיט פעדערען. אַ איד, אַ זאַאיקע, נעבעך, און עס קומט איהם אָן שווער צו קריגען אַ „רעכטען" תלמיד.

חיים־ליב ישראל משה׳ס שאַרט זיך מן הצד גאָר ניט אין יענעם וועג, הייסט עס, און ווען ער איז שוין ווייט, ווייט, פער׳גנב׳עט ער זיך, געהט צו צו יצחק אלחנן און נעהמט שטאַמלענדיג מיט איהם איינטענה׳ן.

ביי דער זייט פונ׳ם רעדעל דרעהט זיך ארום אברהם־מרדכי׳ס, א יונגערמאן וואס האט פערלארען די לעצטע עטליכע רובעל נדן־געלד. דרעהט זיך שוין ארום א צייט אהן פרנסה, האט שוין איבער־געפרובירט אלע עבודה־זרות, זיך געווארפען צו מעקלעריי, צו שדכנות און אין אלעם געהט איהם נעביך שלים־שלים מזל...

צווישען די מלמדים, ווערט בשתיקה, איבערגעגעבען, אז ער זוכט שוין א קנעלונג, און זיי ווארפען אויף איהם רחמנות׳דיגע בליקען. חוץ אברהם יודעל, דער גמרא־מלמד, א איד וואס בייסט שטענדיג די וואנסעס, פינטעלט מיט די אויגען און די הויט פון שטערען רוקט זיך ביי איהם כסדר ארויף און אראב. ער מעסט איהם אב שטעכעדיג און לאזט אוים: „ארויסגעריסען דער שווארץ־יאהר ביי מיר א תלמיד. יונה דעם תבואה־הענדלער׳ס א אינגעל. — דער בעסטער תלמיד מיינער!..."

פון דער ווייטענס בעוויזט זיך מיט א שטעקעלע אין די הענד יודעל ליב׳ס, א איד מיט א רונד־בלאנד בערדעל, מיט א הויכען פער־טראכטען שטערען. יודעל איז א מלמד פון די מאדערנע. ער לערנט תנ״ך אויף שטונדען. אין שטעדטעל שמועס.ט מען, אז ער שרייבט אין „הצפירה", און די מלמדים האבען איהם פיינט בתכלית השנאה.

ווען יודעל בעוויזט זיך, נעהמען זיך ציהען צו איהם יונגע־לייט פון אלע זייטע, שטעלען איהם ארום און קוקען מיט דרך ארץ איהם אין די אויגען. יודעל רעדט פון הויכע ענינים און די יונגע־לייט שלינגען די ווערטער.

נעבען יודעל ליב׳ם ביי דער זייט, שארען זיך די שטאדטישע שרייבערס, וואלצי באדיק, דער אידישער שרייבער, א איד מיט א ברייטער בארד, מיט ברילען און מיט א בוזעם־קעשענע פול מיט „שורה גרוסען", און מאיר זלאטניק, דער רוסישער שרייבער, א יונ־גערמאן מיט א קאפעלוש, מיט א קורצען רעקעל, מיט א רויטען שניפס און מיט „פאנסנע" אויף דער נאז.

דער רוסישער שרייבער, מאיר זלאטניק, איז ניט לאנג ארונ־טערגעקומען אין שטעדטעל, און וואלצי באדיק, וועלכער איז שוין א תושב פון כמה יאהרען, גיט איהם איבער, וואו ער קען אנגעהמען רוסישע אוראקען.ביידע שרייבערס שטעהען פער׳מח׳ט מיט ביכ־לעך און בלייפעדערס אין די הענד און שרייבען...

III. אין דער נייער היים

רבי ישראליק.

אז מען האָט איהם אין פיטשערע געדופען רבי ישראליק—פער־צוינען און אויף זיין פאַמיליע נאָמען—אומינסקי, איז דאָס א סימן, אז ער איז געווען אַן אויסנאהמע פון א דורכשניטליכען פיטשערער, און אַן אויסנאהמע איז ער געווען אין פיעלע הינזיכטען.

ראשית, די פערזענליכקייט אליין. א הויכער איד, א שטאַט־נער, מיט א שווארצער, ערטערווייז גרויליך, צוקעמטער שנור־באָרד, שווארצע קלוגע אויגען און א ברייטען שטערען מיט צוויי ווינקלען — דאָס אליין ביי א אידען, שוין קרוב פון פופציג, איז אין פיטשע־רי, א זעלטענהייט. היינט א איד מיט א קאַפּאָטע האלב אייראָפּע־איש גענעהט, אימער ריין און ציכטיג, אָהן א שפּרינקעלע, מיט א העמד מיט א געפרעסטען קאָלנער, אויסגעלעגט אויף א שווארצען זיידענעם האלז־טוך, אימער ווייס דאָס איז אַ אַ א זעלטענ־הייט.

דערצו נאָך א משלם: א איד וואָס לערנט גוט א בלאַט גמרא, בעוואָרענט אויסגעצייכענט מרש״א׳ס א „ויש לישב״, אָדער רשי׳ס א „כלומר״, א איד וואָס לייענט דעם „הצפירה״, זאָגט א מיינונג איבער פּאָליטיק און שרייבט אליין פּראָשעניעס צו נאטשאלסטוואָ און אדרעסען קיין אויסלאַנד, און ועל כולם, א איד א סוחר, וואָס שפּאַרט אָן מיט געשעפטען אין קעניגסבורג, — איז רבי ישראליק אומינסקי געווען געאכטעט און רעספעקטירט פון יעדען.

אין הויז איז מען פאר רבי ישראליקען געשטאנען ווי פאר א קיסר, מיט א וואונק, מיט א קוק, איז אלעס ערפילט געוואָרען. ווי אויף שפּרונזשינעס איז מען ארומגעגאנגען. אז רבי ישראליק איז געווען אין הויז האָט זיך נאָר געהערט, ש־ש־ש־שא, אויפ׳ן אויער האָט מען גערעדט.

אז רבי ישראליק איז געשלאָפען זיינען די קינדער ארום־געגאנגען אויף די שפּיצקעס, מ׳זאָל ניט האָרכען דעם מינדסטען שאָרך, די מינדסטע בעוועגונג.

אויפ׳ן טאטענ׳ס שטוהל, ער האָט ניט געמעגט זיין וואָכענ־לאַנג אין דער היים, האָט מען זיך ניט געטאָרט אוועקזעצען. דעם טאטענ׳ס טינט, דעם טאטענ׳ס פען, ווי נויטיג מ׳זאָל ניט געווען דארפען, האָט מען ניט געטאָרט אָנריהרען.

גיטעלע רבי ישראליק׳ס, א שעהנע אידענע, מיט א גוידער, מיט א האלז פערל, און א זיידען טיכעל אויפ׳ן קאָפּ פעררוקט היג־טער די אויערען און פערבונדען פון פאָרענט מיט א שלייף — האָט געוואוסט, אז אויף איהר ישראליק׳ן זיינען זי גאָט און לייט מקנא. אז ישראליק האָט זי א רוף געטהאָן, „גיטעלע״! האָט זי געפיהלט, ווי אימיצער וואָלט זי גלעטען, אז זי האָט גערעדט מיט רבי ישראל׳ן האָט זי עס געפיהלט פאר אן עהרע און אז זי האָט זיך דערמאָהנט, אז זי איז רבי ישראליק׳ס ווייב האָט זי זיך געפיהלט גרויס ביז אין הימעל.

וואָס איז זי אליין? א גאָר ניט, א נארישע אידענע, א פּלאַפּ־לערין, ווי אלע ווייבער. ניט מעהר, אין דעם זכות פון איהר מאַן, פון רבי ישראליקען, הייסט זי גיטעלע, פערצוויגען, גיטעלע רבי ישראליקס.

און דערפאר האָט זי געוואוסט, אז זי דארף אָבגעבען כבוד, עהרליך האלטען איהר מאַן, און ערציהען די קינדער אז זיי זאָלען אויך האָבען דעם גרעסטען רעספּעקט פאר׳ן טאטען. פאר דער מאַ־מען מאכט ניט, פאר דער מאַמע׳ן מעגען די קינדער זיך צייגען אָפענהערציג, פאר דער מאַמע׳ן מעג א קינד א שטיף טהאָן, אָבער ניט פאר׳ן טאטען.

אין גאָס, אז רבי ישראליק איז ארויסגעקומען מיט׳ן גוטען שטעקעלע אין האנד און מיט׳ן סיגארעט איינגעפּאסט אין בור־שטינענעם מונדשטיק, האָבען זיך באלד געיאָוועט א רעדעל אידען און מען האָט איהם ארומגעשטעלט פון אלע זייטען, יעדער האָט געוואָלט הארכען א וואָרט פון רבי ישראליקען.

און רבי ישראליק האָט גערעדט זעהר ווייניג, געצעהלטע ווער־טער. א וואָרט איז געווען מיט גאָלד צוגלייך. אויפ׳ן וואונק, דיפּ־לאָמאטיש און אז ער האָט ארויסגערעדט א וואָרט, האָט מען דאָס צוטראָגען אויף טעלער, יעדער האָט דארויף אן אנדער פירוש גע־זאָגט. אָט דאָס האָט רבי ישראל געמיינט, אָט דאָס; יעדער האָט געוואָלט טרעפען וואָס רבי ישראליק האָט געמיינט.

און ניט נאָר אין פיטשערי, נאָר אויף דער סביבה, ווייט ארום, האָט געקלונגען רבי ישראליקס נאָמען. רבי ישראליק — ווער האָט דאָס ניט געקענט רבי ישראליק אומינסקי? רבי ישראל האָט גע־האָט א שם פאר א חכם, פאר א בעל עצה, פאר א סוחר.

דאָס גרעסטע בוררות איז אָנגעקומען צו רבי ישראליקען, דער גרעסטער סכסוך איז אויסגעגלייכט געוואָרען פון רבי ישראליקען.

אז רבי ישראליק האָט אָנגעהויבען איינקויפען ווייץ, למשל, האָט מען זיך צולאָזט איבער דער גאַנצער סביבה נאָך ווייץ, האָט רבי ישראליק געמאַכט א קניה פון האָבער זיינען אַלע אידען פון דער סביבה געוואָרען סוחרים פון האָבער. רבי ישראליק איז געווען דער מורה דרך, דער וועג־ווייזער אין מסחר אויף דער גאַנצער סביבה.

היינט קענט איהר זיך פאָרשטעלען, וואָס פאַר א שטורם עס האָט אָנגעמאַכט אין פיטשערי, אז מען האָט דערהערט פלוצים א קול, אז רבי ישראליק אומינסקי עקט אָב פון די געשעפטען, פער־קויפט אוים די נחלאות און קלייבט זיך קיין אמעריקא.

עס איז געווען נאָך די נייע פּאָראָדקעס, נאָך די נייע גזרות אויף אידען, מען האָט אַרויסגעטריעבען אידען פון די דערפער, מיט קיין וועלדער האָט מען ניט געטאָרט האַנדלען, גוראַלנעס איז אויך פערוועהרט געוואָרען, די שיינקען האָט מען צוגענומען, זיינען אידען געבליעבען אָהן פרנסה, מען האָט געוואוסט, אז רבי ישראליק זיצט און טהוט גאָר ניט, אָבער וועגען אמעריקא — ווען מען האָט זיך דאָס געחלומ׳ט, אז רבי ישראל אומינסקי זאָל גאָר טראַכטען וועגען אמעריקא.

איז גאַנץ פיטשערי ארומגעגאַנגען אויף רעדלעך.

עס איז געוואָרען א געשושקעריי, א געהוזשעריי אין די הייזער, אין די שוהלען, און אין מארק. מען האָט געהאַלטען אין איין רע־דען פון רבי ישראליקען.

רעדלעך יונגע לייט, אַלטע אידען, ווייבער, קינדער אַלע האָבען גערעדט פון ישראליק׳ן און פון אמעריקא. סטייטש, רבי ישראליק, אז רב ישראליק פאָהרט, דאַרף גאַנץ פיטשערי נאָכפאָהרען.

און עס האָבען זיך גענומען בילדען פערשיעדענע מעשיות.

אייניגע האָבען געזאָגט אז רבי ישראליק איז געוואָהר געוואָרען דורך די גאזעטען, אז מען וועט ביי אידען צונעהמען אַלע הייזער מיט׳ן בעט־געוואַנד און מען וועט זיי הייסען געהן בעירום ובחוסר כל, מיט גאָר ניט, הייסט דאָס, וואַנדערען אין דער ווייטער וועלט אריין. אייניגע האָבען געזאָגט, אז ער איז געוואָהר געוואָרען, טאַקע דורך די גאזעטען, אז קאַצאַפּעס מיט באָסיאַקעס זיינען אויפ׳ן וועג

קיין פיטשערי. זיי זיינען בעוואָפענט מיט העק און מיט מעסערס, צו מאַכען חרוב ונחרב פון אַלע אידען, צו מאַכען אַ פּאָגראָם.

איינינע האָבען געזאָגט אַז עס איז לאָ זו ולאָ זו, ביידע זאַכען ניט, נאָר פּשוט, אַזוי ווי אין אַמעריקאַ איז נאָך ווענינ פערשפּרייט דער מסחר, מחמת, אַלע וואָס פאָהרען דאָרטען אַוועק ווערען שנייּדערס, על כן, איז מען געוואָהר געוואָרען פון אַ גרויסען קאַנטאָר, דאָרטען, אין אַמעריקאַ, אַז עס געפינט זיך אין פּיטשערי, אַ רבי ישראליק, אַ איד אַ קאָפּ־מענש, אַ גרויסער סוחר, האָט מען איהם נאַזנאַטשעט אַ גרויסע זשאַלעוואַניע און מען רופט איהם אַרויס דורך אַ דעפּעשע, אַז ער זאָל קומען צייגען די אַמעריקאַנער, אַ דרך אין מסחר.

און דיעזע, וועלכע די אַלע סברות האָבען זיך זיי ניט נעלענט אויפ'ן מח, האָבען ניט געקענט אויסהאַלטען און זיינען אַוועק אָנפרעגען ביי רבי ישראליק'ען אַליין די סבה.

רבי ישראליק האָט אָבער, ווי זיין שטיינער, נעענטפערט אין קורצע ווערטער: נישטאָ קיין אויסזיכטען — האָט ער נעזאָגט — פאַר'ן אידען אין רוסלאַנד. מען האָט געבונדען די הענד און די פיס, און די פּרנסה איז שווער געוואָרען כקריאת ים סוף. זאָל זיך גאָט מרחם זיין אויף אייך דאָ און אויף אונז שוין דאָרט.

און אַז די דאָזיגע זיינען אַוועקגעגאַנגען, און האָבען די ווערטער איבערגעגעבען צו זייערע בעקאַנטע, איז דאָס באַלד צוטראָגען נעוואָרען איבער'ן גאַנצען שטעדטעל, און עס איז נאָך גרעסער געוואָרען דער רעש, עס איז געוואָרען אַ מרה שחורה אין שטאָדט, יעדער האָט זיך דערפילט ווי הפקר, ווי אַ יתום, און גאַנץ פּיטשערי האָט זיך אָנגעהויבען נעהן געזעגענען מיט רבי ישראליק'ען.

דריי טאָג האָבען זיך ביי רבי ישראליק'ען די טירען ניט פערמאַכט די אַרויס, אַנדערע אריין, און אויף דעם פערטען טאָג, דינסטאָג איז דאָס געווען, דעם טאָג ווען רבי ישראליק האָט שוין געדאַרפט אַוועקפאָהרען, איז מען די נאַכט אין פּיטשערי ניט געשלאָפען, מען איז אַרומגעגאַנגען אין מאַרק מיט דיר שטעקעלעך און מען האָט געוואַרט; יעדער האָט געוואָלט דאָס לעצטע מאָל מקבל פנים זיין רבי ישאליקען.

און אַז יוסעל בעל עגלה איז צוגעפאָהרען פאַר'ן הויז און האָט נענעבען אַ קנאַק מיט דער לאַנגער בייטש, האָט דער קנאַק אָבגע־

הילכט ביי אלע פיטשערער אידען אין הארצען, און ווען רבי ישראליק מיט גיטעלען, מיט די קינדער, האבען זיך גענומען אויפזעצען אויף דער בויד, האבען אלע ארויסגעפלאצט מיט א געוויין. אלטע אידען, אלטע ווייבער האבען געכליפעט ווי קליינע קינדער...

— זייט געזונד, מיינע ליעבע ברידער!... — האט רבי ישראליק געזאגט צום לעצטען מאל צו אלע פיטשערער — ..ון מעהר האט ער ניט געקענט, דאס קול איז פערשטיקט געווארען און די אויגען זיינען פערגאסען געווארען. ער האט שטום א ווארף געטהאן א בליק אויף דעם שטעדטעל, וואו ער איז געבארען געווא־רען, אויף דעם שטעדטעל וואו ער האט פערבראכט זיינע בעס־טע יאהרען, וואו ער האט איבערגעלאזט זיין יוגענד, זיין ענערגיע, אויף דעם שטעדטעל וואו ער האט זיך ארויפגעארבייט אויף א נאמען, וואו ער האט זיך ערווארבען כבוד און אכטונג פון יעדען, און צוויי שטראמען טרעהרען האבען ארויסגעפלאסען פון זיינע שווארצע אויגען, האבען זיך צוגאסען איבער זיין געזיכט און אי־בער דער בארד, און דאן האט אויך גיטעלע ארויסגעפלאצט מיט א שרעקליך געוויין, און די קינדער האבען אונטערגעהאלפען, און דאס גאנצע שטעדטעל האט אויף זיי קוקענדיג נאכגעוויינט.

טרויעריג, וויינענדיג, האט זיך געהערט יוסעל בעל עגלה'ס „וויאה רעביאטא!" און לאנגזאם, לאנגזאם האבען זיך גענומען ריהרען זיינע ווייסע סוסים, זייערע פיס האבען זיך געהויבען ווי מיט דרך ארץ, ווי זיי וואלטען געהיט דעם טאקט פון דעם טרויער מארש, מיט וועלכען מען האט זיי בעגלייט, און לאנגזאם, לאנגזאם האבען זיי גענומען ארויספיהרען רבי ישראליק'ן פון שטאדט.

„פאהרט געזונטערהייט! זייט מצליח" — האבען זיך גע־הערט פון אלע זייטען וויינענדיגע, טרויעריגע נאכגעשרייען, וועל־כע האבען אבגעהילכט אין דער לופט, וואס האט אויסגעזייגט אזוי ווי זי וואלט אויך מיטגעטרויערט.

הויז נאך הויז האט גענומען פערשווינדען, גאס נאך גאס, שווערער, וואס אמאל שוואכער האט זיך גענומען הערען די יללה פון די פיטשערער אידען, און אט איז זי שוין אין גאנצען פער־שוואונדען, נאר אין די אויערען האט נאך געקלונגען דאס וויע־דער־קול פון די בעקאנטע שטימען. אין דער פאנטאזיע האבען זיך נאך געזעהן די בילדער פון די ליעבע פערזאנען, און אט איז

שוין פערשוואונדען דאָס לעצטע הייזעל, דער לעצטער פּאַרקאַן, דאָס לעצטע בריקעל פון שטאָדט, דאָס לעצטע בערגעל, די לעצ־טע דאָלונקע ,דאָס לעצטע טייכעל, און נאָר די שוהל, דער שפּיץ דאַך פון דער גרויסער, הויכער שוהל, און פונ׳ם קלויסטער, להבדיל, זעהט זיך נאָר ארוים, און רבי ישראליק גיט א בליק, און מעבאַ־ניש שטרעקען זיך אוים די הענד, אזוי ווי ער וואלט געוואונשען ארומנעהמען צום לעצטען מאָל דאָס גאַנצע שטעדטעל, צודריקען צו זיין פערוואונדעט הארץ, און קושען יעדע גרעזעל, יעדען שטיי־נדעלע, קושען און קושען!

לאַנג, לאַנג האָט זיך פּיטשערי ניט געקענט טרייסטען, און עס זיינען ארויסגעשיקט געווארען בריעף פון אלע פּיטשערער צו זיי־ערע זיהן און טעכטער, צו זייערע ברידער און שוועסטער, צו זיי־ערע פריינד און בעקאַנטע אין אמעריקא, אין וועלכע זיי האָבען אויסגעדריקט דעם טיעפען צער אויף דער אבדה וואס זיי האָבען געהאט.

און אז די בריעף זיינען אָנגעקומען איז געוואָרען א רעש צווי־שען די פּיטשערער לאַנדסלייט אין אמעריקא. אבענדען האָט מען פערבראכט אין איבעררעדען וועגען דער וויכטיגער נייעס.

און אז עס איז געקומען דער טאָג וואס די שיף מיט רבי ישראליק׳ען האָט בעדאַרפט אָנקומען, האָבען אלע פּיטשערער לאַנדסלייט אוועקגעוואָרפען זייערע בעשעפטיגונגען, זייערע ארביי־טען, און האָבען זיך אוועקגעלאָזען צום קעסטעל גאַרדען. אלע פּיטשערער אידען האָבען זיך געשטופּט איהם מקבל פּנים צו זיין, יעדער איז געווען נייגעריג צו כאַפּען א קוק, א ווארט, און ביז מען האָט רבי ישראליק׳ען פערזאָרגט מיט א הויז און מיט הויז זאכען, האָט מען רבי ישראליק׳ען ארומגעטראָגען ווי אויף די הענד, מען האָט זיך געריסען איבער איהם, יעדער האָט גע־וואָלט האָבען דעם כבוד אז רבי ישראליק אומינסקי זאָל זיין זיין אורח.

און ביי דער זייט, האָט מען צווישען זיך בשתיקה איבער־גערעדט וועגען דעם פערמעגען וואס רבי ישראליק האָט מסתמא געבראכט מיט זיך. אין די טויזענדער האָט מען דאָס געשאצט, און אלע זיינען געקומען צום שלום, אז מיט אזא פערמעגען וועט א איד ווי רבי ישראליק איבערקעהרען וועלטען אין אמעריקא.

עס זיינען אוועק עטליכע טעג, און רבי ישראליק האָט זיך גענומען אָנפרעגען ביי די לאַנדס־לייט אויף די מסחרים און געשעפטען אין דעם נייעם לאַנד, און די לאַנדסלייט האָבען איהם געגעבען די גלענצענדסטע אויסזיכטען. „אזא איד ווי איהר, רבי ישראליק, און מיט געלד, — האָבען זיי איהם ערקלעהרט — וועט שוין אין אמעריקא ניט פערפאלען ווערען. געלד אין אמעריקא האָט נאָך מעהר ווערדע ווי אין דער היים”...

דאָ האָט רבי ישראליק פערשטאַנען, אַז די לאַנדסלייט לעבען אין טעות, און ער האָט זיי ערקלעהרט מיט בעדויערען, אַז דער באַלאַנס פון זיין פערמעגען איז ניט אַזוי גלענצענד ווי זיי דענקען. א פּאָר הונדערט דאָלאַר— דאָס אַלעס וואָס ער האָט געקענט אָבשפּאָרען פון זיין גאַנצען פערמעגען. די געשעפטען זיינען די לעצטע צייט געגאַנגען — האָט ער זיי געזאָגט — זעהר שלעכט, און פון די נחלאות האָט ער נאָך געמוזט אָבצאָהלען חובות.

און די לאַנדסלייט זיינען נשתומם געוואָרען. מיט אראבגעלאָזטע קעפּ זיינען זיי געבליבען זיצען, מיט די פּלייצעס האָבען זיי גענומען קוועטשען, שטום האָבען זיי זיך אָנגעקוקט, און אייניגע האָבען געשמייכעלט, ווי זיי וואָלטען געזאָגט צו זיך, וואָס זשע פרעגט ער זיך נאָך אויף מסחרים, דער שוטה? און מיט א ביטערער איראָניע האָבען זיי איהם ערקלערט שטאַמלענדיג, אַז אָהן געלד אין אמעריקא איז שלעכט... ארבייט... דאָס איז אַלעס וואָס מען קען קריגען אין אמעריקא אָהן געלד...

רבי ישראליק האָט זיי אָנגעקוקט מיט פערוואונדערטע בליקען. סטייטש, וועלדער, פּאַסעסיעס, גוראַלניעס, תבואות — אַיִדען מעגען דאָך אַלעס אין אמעריקא...

און זיי האָבען געשמייכעלט די לאַנדסלייט פון דעם גרינהאָרן...

זעלטענער, וואָס אמאָל זעלטענער, האָבען זיך גענומען ווייזען די לאַנדסלייט פאַר רבי ישראליק'ען. עס געהען אוועק טעג וואָס מען זעהט שוין קיינעם ניט אין די אויגען. יעדערער האָט זיך זיינע בילכערע צרות. עס איז אמעריקא דערויף, און עס איז געקומען א טאָג, ווען רבי ישראליק איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה פון זיין געלעגער, וואָס איז געווען אין קיך אויף א „פּראַמויסט”

פון שטוהלען, אויף וועלכע ער האָט זיך אָבגעדרעהט די גאַנצע נאַכט פון איין זייט אויף דער צווייטער, און קיין אויג ניט צוגע־מאַכט. ער האָט אָבגעגאָסען נעגעל־וואַסער און האָט אָנגעהויבען ארומגעהן פערטראַכט.

אין איין זייט קיך זעהט ער ליגען די צוויי קלענערע מיידלעך אויפ'ן דיל און קאַטשען זיך, רייסען פון זיך דאָס פלייש פון בייסע־ניש... אין דער צווייטער זייט ליגט דאָס עלטערע אינגעל מיט א קליין ברודערל, אראבגעשארט די דעקע פון זיך, און דרעהט זיך ווי א שלאַנג. נעבען פענסטער אויף א קאַסטען קאַרטשעט זיך די על־טערע מיידעל, די דעקע איז אראב געגליטשט און די פיס הייגגען ארונטער.

פונ'ם אַלקיר הערט זיך א הוסט פון גיטעלען, וועלכע שטעהט אויף פונ'ם בעט און דעקט ארום די אינגסטע צוויי קינדערלעך, א אינגעל מיט א מיידעל, וועלכע זיינען געשלאָפען מיט איהר. זי גיט א קרעכץ און לאָזט זיך אריינגעהן אין קיך.

— א גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט צוגעמאַכט — זאָגט זי אריינקומענדיג, און האַלט זיך ביים הארצען — אָט דאָ אין די לעבער, וואו עס קומען זיך צוזאַמען אונזערע פענסטער מיט די פענסטער פון דער צווייטער דירה, הערט זיך א גאַנצע נאַכט א גע־קוויטשעריי, מיט א געשריי פון אינגלעך מיט מיידלעך, א מין קלאַפעניש, אז עס האָט זיך מיר גאָר אויסגעדאַכט ווי דאָס שרייט מען ביי אונז אין הויז. מען שלאָפט דאָ גאָר א פנים ניט.

— און דו האָסט זיך מסתמא געמוזט צוברעכען גוט די ביי־נער אויף דעם שעהנעם געלעגער — זאָגט זי ווייטער, אָנגיסענדיג א קאַן וואַסער און צושטעלענדיג צום געז־אויוועז, — דירות דאָ! איך ווייס גאָר ניט פאר וועמען מען בויט זיי. דריי זינדיגע פינ־סטערע לעבער ווי פינגער־הוטען. אין אן אַלקיר קריכט קוים מיט צרות אריין א בעטעל. א אידישער אלקיר מיט איין בעט... אמע־ריקאַ!

רבי ישראליק ענטפערט ניט. ער נעהמט ארומדעקען די קינ־דער. דערוואַקסענע זכרים מיט נקבות. א שאַנדע ווי אזוי זיי ליגען... און ער נעהמט זוכען א פלאַץ אויף אָנצושפארען זיך ער־געץ, אָבער ער געפינט ניט. אַלע שטוהלען זיינען פערנומען מיט די געלעגערס. אויף זיין פראַמויסט, פון וועלכען ער האָט זיך

נאָר וואס אויפגעהויבען, האָט זיך ארויפגעכאפּט א קינד פון די, וואס האָבען זיך געוואַלגערט אויפ׳ן דיל. און א רחמנות דאָס צו ריהרען, מסתמא א גאנצע נאכט ניט געשלאָפען.

ער וויל אריינגעהן אין פאָדערשטען חדר, דאָס איינע חדר וואס האָט פענסטער אין גאס אריין, ער וואָלט זיך אוועקגעזעצט נעבען א פענסטער ארויסקוקען, פיליכט וואלט ער זיך אביסעל צושלאָגען די ביטערניש אויפ׳ן הארצען, דערמאָהנט ער זיך אז דאָרט שלאָפט שלמה בלעכערס מיידעל, פאר שבת געקומען און האָט זיך בעדונגען פאר דריי דאָלאר א חודש מיט טהעע און וועש. גוט נאָך דאָס אויך, טראכט ער זיך, עס וועט זיין צו שטייער אויף דירה געלד. דער מאָנאט פליהט אריבער, און אָט וועט מען בעדארפען נייע געלד.

ער עפענט אויף די טיר, און לאָזט זיך אראבגעהן אונטען. אין גאס זעהט ער איז א טומעל, מען לויפט פערשמייעט, מען שלאָגט אב איינער דעם צווייטען די זייטען; אידען אבגעריסענע, פערשמירטע, מען שלעפּט וועגעלעך, פעקלעך, קלומקעס, מען שרייט, א הו־הא, א געפילדער. ער קוקט זיך צו צו די סחורות וואס זיי פערקויפען. דער שטעהט מיט אביסעל פערפוילטע פרוכט, דער מיט „לעבעדיגע" פיש, דער מיט אביסעל רעשטלעך שניט־סחורה, דער מיט געזאלצענע בייגעל, דער מיט שנירלעך פון שיך, דער מיט שרייב פאפיער, מיט שוועבעלעך, מיט סטערינאווע ליכט, מיט געריבענעם כריין. — שעהנע פרנסות — טראכט ער זיך. און די אידען האָבען מסתמא געמוזט זיין אין דער היים סוחרים, פיליכט אזעלכע ווי ער, און די שטימען, די געשרייען פון די סוחרים לעכערען איהם דעם מח, זעגען איהם אין הארצען, ער קען ניט אויסהאַלטען, און ער אנטלויפט צוריק אין הויז.

אין הויז זיינען שוין אלע אויפגעשטאנען, אייניגע געלעגערס זיינען נאָך ניט צוגענומען, און פונ׳ם פאָדערשטען חדר קומט ארויס שלמה בלעכער׳ס מיידעל, א פערשלאָפענע, מיט א צושויבערטען קאָפּ.

— ניטאָ א גלאָז קאַפע, מיסעס? זייט אזוי גוט און גיט מיר א גלאָז קאַפע, שוין באַלד דער וויסעל (פייף). איך האָב פערשלאָפען. — און זי נעהמט זיך עפּעס וואונקען אויף שטום־לשון צו רבי ישראליק׳ס עלטערע צוויי מיידלעך. גיטעלע דער־

לאַנגט איהר א גלאָז קאַפע, די מיידלעך נעהמען עפּעס זוכען אין קליידער שאַפע, און רבי ישראל אַנטלויפט אין פאָדערשטען חדר, פון וועלכען שלמה בלעכער'ס מיידעל איז ארויסגעקומען.

— שעהן דערלעבט — טראַכט ער זיך, און זעצט זיך אוועק ביים פענסטער, — גיטעלע איז שוין געווארען א דיענסט ביי שלמה בלעכער'ס טאָכטער.

ער קוקט זיך איין אין פענסטער, פיליכט וועט ער דערזעהן עמיצען פון די לאַנדסלייט. מען דאַרף אָנהויבען טראַכטען עפּעס צו טהאָן — טראַכט ער זיך. — וואס פאַר א תכלית? איך פערמאָג נאָך צוויי און צוואַנציג דאלאר, און אז מען זאָל זיך וועלען בעסער צוקוקען, דאַרפען זיי נאָך היינטיגע וואָך צורונען ווערען. ווי אויף צו להכעיס אָבער זעהט מען קיינעם ניט. ווי אין וואַסער זיינען זיי אַלע אריין. נעכטען האָבען איהם א פּאָר געזאָגט, אז זיי וועלען פאַרזאָרגען די עלטערע צוויי מיידלעך מיט פּלעצער ביי קנעפּלעך נעהען. שעהנע פּלעצער אפילו, דאַרויף טאַקי האָבען זיי געמוטשעט די געאָגראַפיע מיט דער היסטאָריע. עס נעהמט איהם שוידערען ביי דעם געדאַנק, אז ער דערמאָהנט זיך, אז קינדער וואס האָבען אויף זייער לעבען זיך אליין קיין גלאָז טהעע ניט אָנגעגאָסען, וועלען דאַרפען זיין פערשפּאַרט און אָבפינסטערען א טאָג אין א פאַבריק ביי קנעפּלעך נעהען...

— וואס איז דאָס פאַר א מדינה! — טראַכט ער זיך, — אז קינדער, מיידלעך, זאָלען דאַרפען זיין די פּרנסה געבער? ווי קענען זיי ארונטערשלינגען א ביסען ברויט וועלכער איז אויסגעקנאָטען מיט די קינדער'ס שוויים און בלוט? וואס פאַר א ווערדע, וואס פאַר א רעספּעקט קענען די עלטערן ערווארטען פון די קינדער, אז זיי דאַרפען אָנקומען צו זייערע פערדיענסטען? ער נעהמט ציטערען פאַר דעם געדאַנק.

אַלעם וועגען די קינדער האָבען זיי איהם דערצעהלט, די לאַנדסלייט, די אינגלעך וועט מען אוועקזעצען, האָבען זיי געזאָגט, ביי די מאַשינען נעהען העמדלעך. און וועגען איהם — גאָר ניט. אז ער האָט זיי געפרעגט: נו, און איך? איך אליין? איז ניטאָ עפּעס א בעשעפטיגונג פאַר מיר? וואס עפּעס נאָר קינדער? ווער וועט דאָס קענען צוזעהן ווי קינדער ארבייטען? — האָבען זיי געשמייכעלט און האָבען געקוקט איינער אויף דעם אַנ־

דערען. ער פערטראכט זיך אין דעם תהום פון דער פינסטערער צוזונפט וואס ער שטעלט זיך פאר, און אלע אברים ציטערען פון אויפרעגונג.

און ווען רבי ישראליק זיצט אזוי פערטיעפט אין זיינע רעיונות, געהט דארט אן אין קיך א פיבערהאפטע טהעטיגקייט. שלמה בלעכער'ס מיידעל זיצט ביים טיש און טרינקט קאפע, און איילט צו די עלטערע צוויי מיידלעך, זיי זאלען זיך אנטהאן וואס שנעלער מען זאל ניט פערשפעטיגען דעם וויסעל. זי נעהמט זיי מיט זיך אין פאבריק וואו זי ארבייט, און דאס געהט צו אויפ'ן וואונק, בשתיקה, רבי ישראליק זאל ניט וויסען. „ער וועט ניט איבערטראגען, דער טאטע, אז ער וועט דאס דערהערען". גיטעלע זיצט אנטקעגען אויפ'ן קאסטען, זי קוקט צו ווי די קינדער קלייבען זיך, די קינדער ווארפען אלע מאל פון דער זייט, בגנבה, א קוק אויף דער מאמען... זי האלט די הענד אויפ'ן שויס, ווי געלעהמט זיצט זי. זי ריהרט זיך ניט, און יעדע בעוועגונג וואס די קינדער מאכען, שניידען, רייסען איהר שטום מוטער הארץ, ווי מיט צוואנגען.

ענדליך קען זי שוין ניט אויסהאלטען. זי שפרינגט אויף און לויפט צו צו דער טיר פונ'ם פאדערשטען חדר, וואו רבי ישראליק זיצט דארט אזוי פערזונקען אין מחשבות.

— יש־ישר־ישראל! — שרייט זי אויס און קען מעהרער ניט זאגען.

רבי ישראליק רייסט זיך אב פון פענסטער, ער זעהט אויס ווייס ווי קאלך, די שווארצע אויגען קוקען משונה ווילד, דער ברייטער שטערן איז פערכמארעט, ער שטעקט אריין פון ביידע הענד די פינגער אין דער שווארצער בארד, און מיט א ווילדער, הייזעריגער שטימע פרעגט ער זי דערשראקען:

— וואס איז, גיטעלע?!

— די קינדער געהען אין פאבריק! — ענדיגט זי כליפענדיג און פערברעכט די הענד מיט א יאמער.

רבי ישראליק'ן נעהמט אב די שפראכע. ער שטעהט א ווילע שטום, ער נעהמט זיך אן מיט הארץ.

— וואס זשע וויינסטו, אידענע? — רייסען זיך ביי איהם דורך די ווערטער, דורך א ים פערשטיקטע טרעהרען.

ער געהט אריין אין קיך, ער ווארפט א שארפען בליק פון די פייכטע אויגען אויף די קינדער, א בליק אויף שלמה בלעכער׳ס מיידעל, א בליק אויף גיטעלען וואס מוטשעט זיך איינצוהאלטען דאָס וויינען און קען ניט און אין יעדען בליק ליעגט פערבאָרגען א גאַנצער תהום, א תהום פון רחמנות, א תהום פון צרות, פון ערגערונג. ער נעהמט שפרייזען אהין און צוריק איבער דער קיך, ניט שפירענדיג זאגאר ווי ער שלעפט מיט זיך אלעם וואס עס קומט איהם אין וועג.

די קינדער ווערען פארטיג, גיזעגענען זיך מיט אראבגע־לאָזטע קעפ. גיטעלע בעגלייט זיי מיט פינסטערע בליקען, און רבי ישראליק נעהמט זיך פאַרען ביים טלית און תפילין.

מיט׳ן טלית און תפילין האָט ער זיך גענומען פאַרען, ווייל ער האָט גראדע ניט געפונען קיין אנדער זאך אויף דער מינוט. אגב האָט ער זיך דערוויייל טאקי דערמאָהנט אז ער איז ניט קיין געדאווענטער, און ער האָט זיך גענומען שטעלען דאווענען.

ער געהט ארום אָנגעטהאָן אין טלית און תפילין, אבער עס דאווענט זיך ניט. מיט א צוקראַכענער נשמה זיך שטעלען פאר דעם רבונו של עולם, ווי א בעטלער, ווי א טויגעניכטס. ער איז קיינמאָל מיט דעם ניט געפרואווט געוואָרען. מיט תקיפות, מיט שטארקייט איז ער צוגעוואהנט גאָט צו בעטען, אז מען ווייסט אז מען ווערט געאַכטעט פון יעדען, אז מען פארנעהמט א פלאַץ צווישען מענשען, אז מען ווייסט אז מען איז א פערזאָרגער פון א פאמיליע, אז מען טהוט עפּעס, אז מען ארבייט פאר עמיצען... פיהלט מען אז מען איז עפּעס א נוציליכע בריאה אויף דער וועלט און מען האָט א רעכט עטוואס צו פאָדערען פון גאָט — צו פאָ־דערען טאַקע, ניט צו בעטלען... און עס הויבט זיך איהם אָן ניט צו גלויבען, אז עס זאָל פאר איהם גאָר ניט זיין קיין בעשעפטיגונג אין אזא מדינה, שקרים! זאָגט ער צו זיך אליין, און ער נעהמט אָבפערטיגען זיך מיט׳ן דאווענען און לאָזט זיך געהן, ער וועט זעהן זיי אָבזוכען, די לאַנדסלייט, זאָלען זיי איהם ווייזען א וועג ווי אָנצופאנגען, ער וועט ניט, ער קען ניט ווארטען אויף די קינדער׳ס פערדיענסטען.

ער געהט ארום פון איין לאַנדסמאַן צום צווייטען, און פון אלע הערט ער די זעלבע מיינונג, אז מיט זיך זאָל ער צייט האָבען,

פאר אן עלטערען מענשען, ערקלעהרען זיי איהם, איז שווער צו געפינען עפעס פאסענדעס אין אמעריקא. אייניגע האבען איהם זאגאר בעגעגענט מיט אן איראנישען שמייכעל: דרעהט ניט דעם קאפ מיט אייערע מסחרים, האבען זיי איהם שפאטיש געזאגט, ווען ער האט ווידער גענומע זאויפמישען די סדרה פון מסחר. מסחר שטעהט דא אין גרויסע הענד, עס איז ניט פיטשערי.

ער קעהרט זיך אום א היים אויף דער נאכט א צובראכענער, אן ערנידעריגטער. אין הויז טרעפט ער שוין די קינדער פון דער ארבייט. די קינדער זיינען צופריעדען. דער בעל הבית, דער־צעהלען זיי, איז געווען זעהר קאנטענט פון זייער ארבייט, און האט זיי פערשפראכען, אז זיי וועלען מיט דער צייט פערדיענען שעהן געלד, און רבי ישראליק׳ן שטעכט זייער שמחה. עס ווא̇לט דאכט זיך איהם, איהם מעהר הנאה געטהאן, ווען דער בעל הבית זאל זיי געווען אוועקשיקען, ער זאל געווען זאגען אז זיי טויגען ניט, זיי טויגען ניט און גענוג. אזוי ווי ער...

עס געהען אוועק וואכען, מאנאטען, די קינדער האבען זיך שוין ארויפגעארבייט. זיי פערדיענען שוין פיינע געלד, די קליינע קינדער ארבייטען שוין אויך, נאר די קלענסטע מיידעל פערדיענט שוין פיער דאלאר א וואך. אין הויז פעהלט שוין גאר ניט. די וואהנונג האט מען געביטען אויף א בעקוועמערער.

רבי ישראליק האט איבער דער צייט שוין איבערגעפרואווט פערשיעדענעס. ער האט געפעדעלט מיט א וועגעלע מיט א פעקעל, ער האט שוין געהאט א סטענדעל פון סאדא וואסער, און ביי אלעם איז שלים־שלים־מזל, צו אלם האט ער צוגעלעגט א פאר דאלאר, די קינדער׳ס פערהארעוועטע בלוטיגע געלד...

די לאנדסלייט וויצלען זיך איבער זיינע מסחרים, רבי ישראליק „סוחר״, רופען זיי איהם, און גיטעלע זאגט אויך אונ־טער „אז עס נעהמט אב דער מזל, נעהמט עס אב מיט׳ן שכל״, און די קינדער לאכען פון טאטענ׳ס „מסחרים״. און רבי ישראליק וויל שוין מעהר ניט ריזיקירען, ער האט אוועקגעווארפען דעם „מסחר״ און איז געווארען א פעקער ביי העמדלעך.

פון גאנץ פריה ביז שפעט אויף דער נאכט שטעהט ער אויף די פיס און רייניגט און פאקט די העמדלעך, ער ליידעט זיך אן

ערניעדערונג, גריזאָטע פון בעל הבית, פון די ארבייטער, און אז ער קומט א היים אויף דער נאכט איז ער מיעד, צובראָכען, די פיס זיינען איהם ווי אונטערגעהאקט. ער וואָלט בעדאַרפט זיך צוזעצען אביסעל, זיך אָברוהען, אָבער ער זעצט זיך ניט, די קינ־דער זיינען בילכער, ער פיהלט אז ער דאַרף האָבען דרך ארץ פאר די קינדער, אפילו פאר גאָר דער קלענסטער דאַרף ער האָבען דרך ארץ, זי פערדיענט מעהרער פאר איהם...

ווען מען געהט עסען, זעצט ער זיך ווי צו א פרעמדען טיש, ביי דער זייט, און ער ווארט מיט'ן גאָפּעל, ער האָט ניט קיין העזה אריינצושטעקען דעם גאָפּעל, בעפאר די קינדער, און ער צעהלט דעם ביסען. עס דאכט זיך איהם אימער אז ער עסט צופיעל וועד־ליג זיינע פערדיענסטען. ווען די קינדער שלאָפען געהט ער אויף די שפיץ פינגער; קיין שאָרך, קיין הויכען הוסט. ער הוסט אין קישען, מען זאָל ניט האָרכען, ער זאָל זיי ניט אויפוועקען, חלילה, זיי ארבייטען, די קינדער, זיי פערדיענען, זיי פערדיענען...

א שבת.

שבת גאַנץ פריה.

נאָך א גאַנצע נאכט זיך דרעהען אויפ'ן געלעגער און טראכ־טען. איז דער אלטער שמואל ראַפּאַפּאָרט ארונטער פון בעט, האָט זיך אָפּגעגאָסען „נעגעל וואסער”, האָט געוואָרפען א צומישטען בליק אויפ'ן בעט אנטקעגען וואו די אלטע איז געלעגען מיט אָפע־נע אויגען, און מיט א פערקנייטשטען שטערען און ער האָט נערוועז זיך גענומען אָנציהען די קליידער...

— שטעהסט שוין אויף, שמואל? — האָט די אלטע צו איהם אויסגעדרעהט דעם קאָפּ און איהר צוקנייטשט געזיכט האָט זיך אויף איהם פערקרימט מיט א רחמנות. — עס איז נאָך, דאכט זיך פריה, עס איז נאָך פינסטער.

— דאָ איז כסדר פינסטער, ביי טאָג און ביי נאכט — האָט דער אלטער ראַפּאַפּאָרט ארויסגעזאָגט מיט א זיפץ — צימערען דאָ, אָהן א פענסטער, אָהז א קאָפּ לופט, אמעריקא א מדינה!

ער האָט געצויגען אויף זיך די מלבושים און ער האָט גע־פיהלט אז ער שווימט אין זיי ארום. די זשילעט, די פלודערען, און

די קאפאטע איז געווארען אויף איהם נאך אמאל אזוי ברייט. ער האט מיט דער האנד צוזאמענגענומען פון פארענט די קליידער, זיי בעטראכט, האט א שאקעל געטהאן טרויעריג מיט'ן קאפ און איז ארויס פונ'ם פינסטערען צימער.

ער איז אריין אין עס־צימער.

אין עס־צימער איז אויך קיין פענסטער ניט געווען. די שיין איז אריינגעקומען אהינצו דורך א גלעזערנער טיר, וואס האט זיך געעפענט אין פארערשטען צימער אריין, דאס איינציגע צימער וועלכעס האט פערמאגט צוויי פענסטער, וואס זיינען אריינגעקומען אין א הויף, בעצויגען מיט שטריק און בעהאנגען מיט וועש. דאס דאזיגע צימער איז געווען פערדונגען צו א לאנדסמאן, ישראל רופא'ס זוהן, , ערעלע קארמעליוק. א בחור וואס כלעגט אין דער היים האבען געשעפטען מיט טויבען און האט ניט אויסגעלאזט איין שיקסע אין שטעדטעל. — דארט אין דעם צימער איז בערעלע געשלאפען און דארט האט ער געהאלטען א גרויסע שטוהל מיט רויטע פליוש, אויף וועלכער ער פלעגט שערען און גאלען די לאנדס־לייט און פריזירען די לאנדס־מיידלעך.

ער האט קנייטשענדיג דעם שטערען, בייסענדיג די ליפען, און צופענדיג די גרויע בארד זיך גענומען ארומדרעהען איבער'ן צימער און ווארפען צומישטע בליקען אויף די דילען און אויף דער גלע־זערנער טיר.

אויף די דילען האבען זיך געוואלגערטביידע מיידלעך, דער־וואקסענע בתולות שוין. זיי זיינען געלעגען מיט צעווארפענע האר אויף די קישענס, און די דעקע איז געווען פון זיי אראבגערוקט...

ער איז צוגעגאנגען, האט זיך איינגעבויגען, האט ארויפגע־רוקט די דעקע, האט שטעכעדיג א בליק געטהאן אויף דער גלע־זערנער טיר און פערטשעפענדיג זיך אן די שטוהלען, אן דעם טיש, האט ער א צומישטער ווידער גענומען ארומגעהן...

די מיידלעך האבען אן עפען געטהאן די אויגען, האבען זיך פערשלאפען א דרעה געטהאן, זיך איינטוליענדיג איינע אין דער צווייטער, האבען שטיל צווישען זיך גענומען שעפטשען און האבען באלד זיך גענומען אנטהאן...

דער אלטער ראפאפארט האט געוואוסט וואס זיי שעפטשען צווישען זיך. היינט ..יז דאס געווען דאס ערש־־ין מאל, וואס זיי

האָבען זיך געקליבען צו געהן אום שבת ארבייטען. און איהם האָט זיך געוואָלט שרייען, טופּען מיט די פיס, אָנמאַכען אַ גוואלד אז די גאַנצע וועלט זאָל זיך צוזאַמענלויפען: שבת! שבת ארבייטען! — ש־ב־ת!

דאָס האָט ער אָבער בלויז געשריען ביי זיך אינווענינ, פון׳ם מויל האָט ער עס ניט ארויסגעבראַכט. ער האָט געוואוסט וואָס ער האָט געמאַכט מיט זיין עקשנות ביז יעצט, מען האָט פערזעצט דעם לעצטען סענט וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך, מען האָט זיך פערשולדיגט ביי אַלע לאַנדסלייט און בעקאַנטע, אז די גרויע האָר פון׳ם קאָפּ זיינען ניט זיינע, און אַלע לאַכען פון איהם, ביי יעדען איז ער אַ חוכא וטלולא: —„גוט אידיש איז ער געקומען פראָ־ווען אין אמעריקא!״ — גוט אידיש הייסט עס ביי זיי! מחלל שבת צו זיין! שיקען אייגענע קינדער שבת אין פאַבריק אריין, הייסט גוט אידיש פראָווען!... — ער האָט פערביסען די ליפּען ביז בלוט. דאָס געזיכט איז געוואָרען בלאַס. די הענד און אַלע אברים האָבען גענומען ציטערן. ער האָט צוטומעלט אַ קוק געטהאָן אינ׳ם פינסטערען צימער אריין וואו די אַלטע האָט זיך געהאַלטען אין אָנ־טהאָן. געקוקט אזוי ווי ער וואָלט בעטען ביי איהר הילף, אזוי ווי ער וואָלט זי פרעגען: היתכן?! הישמע כזאת?! שבת! סטייטש שבת!...

די אַלטע האָט פערשטאַנען די בליקען. די קליידער זיינען איהר געפאַלען פון די הענד, דאָס אויבערשטע לייבעל האָט זי אָנגעטהאָן אויף דער לינקער זייט און ווען זי איז דורכגעגאַנגען, האָט זי זיך געשאַרט ביי דער זייט, מיט אַן אַראָבגעלאָזטען קאָפּ...

פון אַ זייטיגען אַלקיר האָט זיך געעפענט אַ טירעל. עס איז ארויסגעקומען אַ קוואַרטיראַנט, אויך אַ לאַנדסמאַן. שמעריל שמש אייניקעל. די מאַמע זיינע האָט פערקויפט עפּעלעך אין מאַרק. דאָ אין אמעריקא רופט ער זיך מייק. ער איז ארויסגעקומען פער־שלאָפען, מיט אַ נאַקעטען צושויבערטען קאָפּ. בלויז אינ׳ם אונ־טער־העמד, די שלייקעס פון די פלודערען האָבען נאָכגעהאַנגען אין ביידע זייטען. ער איז אריין אין קיך, האָט זיך גענומען פּאָ־רען מיט׳ן טהעע־קעסעל ביים גאַז־אויווען, און רייבען שוועבעלעך, ביי יעדען קנאַק מיט אַ שוועבעלע, האָט דער אַלטער ראַפּאַפּאָרט

נעגעבען א קריץ מיט די פערבליבענע פענקעס אין מויל, די אויגען האָבען גענומען ווילד ארומלויפען אין אלע זייטען.

פון דעם זעלבען צימער, איז באלד ארויסגעקומען נאָך איינער, מיט א רענצעל אין די הענד און מיט א סיגארעטלע אין מויל, ער האָט דורכגעהענדיג א בלאָז געטהאָן דעם רויך, אויסגעשפּיגען און אין אראב פון די טרעפּען.

באלד האָט זיך געעפענט די גלעזערנע טיר, און עס האָט זיך בעוויזען ישראל רופא'ס קדיש. בערעלע, אָהן א ראָק, מיט ארעמ־בענדער אויף די ווייסע ארבעל, ער האָט פערוויכערט א ליולקע און האָט זיך געשטעלט שארפען א ראזיר־מעסער אויף א לעדערנעם פּאס.

אויף די טרעפּ האָבען זיך דערהערט שנעלע טריט, עס איז ארייגעלאָפען א יונגער מאן, אָהן א קאָלנער ביים העמד, און אויפ־געשטעלט ארום האלז דעם קאָלנער פונ'ם רעקעל. ער האָט אָבגעגע־בען א ברייטען „גוט שבת", איז אריין אין צימער צו בערעלען און זיך צולעגט אויף דער ראזיר שטוהל, בערעלע האָט מיט איהם פער־פיהרט א ברייטען שמועס, און האָט איהם גענומען זייפען די מאָרדע.

דער אלטער ראפאפּאָרט האָט ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך, ער האָט זיך אויפגעהערט ארומצודרעהען, ער איז געבליבען שטעהן א פערשטיינערטער, ער האָט געקוקט מיט די אויגען און אלעס האָט פאַר איהם געשווינדעלט, געדרעהט זיך...

פּלוצים האָט ער דערפיהלט ווי עפּעס שארט זיך ארום איהם.

ער האָט א ווארף געטהאָן די בליקען און ער האָט בעמערקט וויביידע מיידלעך, בלאָסע, צושראָקענע, דרעהען זיך, גנב'ענען זיך צו דער קליידער שאפע, רוקען זיך אלע ווייל הין און צוריק און קוקען אויף איהם מיט צושראָקענע אויגען.

— איך... איך... וואו איז יוסעלע? ! יוס...לע! וואו איז ער? ! — האָט ער א צוטומעלטער ארויסגעשטאמעלט — זאָל ער מיר צוטראָגען דעם טלית... אין שוהל אריין!... אין שוהל... אריין!...

יוסעלע, א אינגעלע פון א יאָהר אכט, איז ארויסגעקומען, ער האָט איהם מיט ציטעריגע הענד דערלאנגט דעם טלית און האָט

ווי פון פייער נענומען לויפען מיט פלאַנטערדיגע פיס אראב פון די טרעפ.

אונטען אויף די שטיגען האָט זיך באלד דערהערט א פאל מיט א קרעכץ...

מען האָט צושראָקען אן עפען געטהאָן די טיר און אלע פון הויז האָבען גענומען לויפען.

— גאָר נישט !... גאָר נישט !... — האָט דער אלטער ראפאָ־פאָרט פון דער ערד געשטאמעלט, קרעכצענדיג, ער האָט זיך מיט אלע כחות, באלד אויפגעהויבען, האָט זיך קרעכצענדיג אָנגעשפארט אויף יוסעלען, און האלטענדיג זיך ביי דער זייט, האָט ער הינקענדיג זיך אוועקגעשלעפט אין שוהל אריין. און אין די אויערען האָט איהם געקלונגען דורכאנאנד: שבת !... שב...ת !...

אַן אומזיסטע פרעסערין.

אין גאס איז נאָך גאנץ ליכטיג.

אין הויז אָבער, חוץ אין דעם פאָדערשטען צימער אין וועלכען עס גנב׳עט זיך אריין א מאטע שיין, פון ערגעץ העט, העט ווייט, דורכ׳ן איינציגען פענסטער וואס קוקט ארוים אנטקעגען א הויכער, שווארצער געמויערטער וואנט, אין הויף אריין — איז אין אלע חדרים פינסטער.

אין עס צימער ברענט די גאז, און ביים טיש זיצען צוויי קווארטיראנטען אָהן די רעקלעך, אָהן די היטלען, און אָהן די קאָלנערס פון די העמדער, רויכערען און שוויצען איבער א „זעקס און זעכציג״ און אנדערע צוויי געהען ארום שטארק פער׳מח׳ט און שמועסען צווישען זיך, אז דאָס פעדלעריי מיט די בענדלעך פון שיך איז אויסגעשפיעלט, און אז עס וואלט געווען א פלאַן צו קריעגען ערגעץ א שטופ־וועגעלע און ארויסגעהן אויף שותפות פאר פסח מיט פסח׳דיגע געשיער.

די אלטע שרה ברכה שטעהט אין קיך ביים אויווען, פאָרעט זיך מיט די טעפלעך, שאָקעלט טרויעריג מיט׳ן קאָפ און רעדט צו זיך אליין.

עס דערהערט זיך א פייפעריי פון די פאבריקען.

— מען פייפט שוין! — גיט זי צושראקען א זאג צו זיך אליין.

זי צינדט אן איילענדיג אן אנדער ברענער ביים גאז אויווען, דער ברענער גיט א קנאק און נעהמט זשומעט מיט א געלען פלאם.

— א טייפעל, ניט אקעגען נאכט געדאכט! — מורמעלט זי א צומישטע צו זיך אליין — וואוהין דו זאלסט זיך ניט א קעהר טהאן, רק ער קנאקט און זשומעט: — שלום יוסעל, זיי זשע מוחל, ווי אזוי צינדט מען עס אן, איך קען מיך אלץ ניט אויס־לערנען די תורה.

שלום יאסעל, איינער פון די סוחרים מיט בענדלעך פון שיך, קומט אריין וואויל יונגיש, גיט א רייב א שוועבעלע, צינדט אן דעם ברענער און קוקט מיט אויגען ווי ער וואלט זאגען: זעהט איהר, אז מען איז ניט קיין „גרינער"...

— אט, וואס איז פאר א קונץ? — צייגט ער — מען גיט א דרעה און מען צינדט אן....

—עס איז טאקי ניט קיין קונץ, אבער אז מען קען ניט דרעהען, איך וויים, איך דרעה, דאכט זיך, אבער ביי מיר קנאקט עס, איך בעט דיך, ווי האלט דער זייגער? מען האט שוין געפייפט, זאל שוין טאקע זיין זעקס?

— שוין נאך זעקס, — זאגט שלום יאסעל.

די אלטע שרה ברכה שטעלט איילענדיג ארויף א קעסעל וואסער, בעדענקט זיך באלד, נעהמט איהם צוריק אראב פון פייער, גיסט אפ אביסעל אין סינק, שטעלט איהם צוריק ארויף, גיט זיך א פארע ביי איין טעפעל, ביים צווייטען, און געהט אריין אין עס צימער גרייטען צום טיש.

ווען זי געהט דורך פערביי ביידע פינסטערע אלקערס, קוקט זי אריין מיט די אלטע אויגען, און עס ווייזט זיך איהר אויס, אז דאס פינסטערניש פון דארטען רוקט זיך, און אט־אט פאלט עס ארויף אויף איהר. אן איינגעבויגענע מיט שרעק נעהמט זי ארויס פון קאסטען א ווייסען טישטוך, און האלטענדיג איהם מיט ציטער־דיגע הענט פאר זיך, שטעלט זי זיך אוועק ביים טיש.

ביידע קווארטיראנטען נעהמען ארויס די אויגען פון די קאר־טען, רוקען זיך אפ אן א זייט און געהען אן מיט זייער שפיעל.

די אלטע נעהמט זיך פערשפרייטען דעם טיש. די קווארטי־

ראַנטען הויבען אויף א ווײַלע אויף די קאַרטען, און ווען דער טיש איז פערשפּרייט גנהען זיי ווידער אָן מיט זייער שפּיעל.

אויף די טרעפּען דערהערען זיך באַלד אײַלענדיג לויפענדיגע טריט, אַזוי ווי פון איינעם וואס וואלט איבערגעשפּרייזט צוויי טרעפּען מיט אמאָל.

עס קומט אַריין אברהם יודעל, דער אַלטער שרה ברכה׳ס בן יחיד, א העמדעל נעהער, ער קומט אַריין מעשה בעל מפרנס, ער וואַרפט באַלד אַראָב די העט, דעם ראָק מיט׳ן קאָלנער פונ׳ם העמד, גיט זיך א זעץ אוועק אויף א שטוהל, פערדרייסט ביידע פיס אויף א צווייטער שטוהל, גיט זיך א קוק אַרום אין אַלע זייטען, און הייסט זיך דערלאַנגען א גלאָז טהעע.

— מיעד? — פרעגט איהם די אַלטע שרה ברכה, און שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, — אָט גיב איך דיר שוין, מיין זוהן, נעבעך שווער געאַרבייט!

באַלד דערהערט זיך אויף די טרעפּען א געדרעדריי פון ביידע מיידלעך, זיי קומען אַריין רעדענדיג און צוקאָכט, זיי אַרבייטען ביידע ביי פרויען בלוזעס, און זיי רעדען פון פאַבריק, פונ׳ם בעל הבית, פון די אַרבייטער, און פון דער אַרבייט. זיי ריידען אַראָפּוואַרפענדיג די אויבערשטע מלבושים, זיי ריידען פערקעמענדיג זיך ביים שפּיעגעל, און קוקען זיך אַלע ווײַלע אַרום און שרייען: מאַמע, עסען! הונגעריג, טויט הונגעריג!

די אַלטע שרה ברכה טראָגט די גלאָז טהעע צום זוהן, שטעלט זיך אָפּ אויפ׳ן וועג, בעטראַכט זיי, און שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— הונגעריג, נעבעך, מיעד! באַלד, באַלד, קינדערלעך, באַלד גיב איך עסען!

און אײַלענדיג לויפט זי נעבעך, די אַלטע, די טעלער מיט די גאָפּעל־מעסער קלינגען ביי איהר אין די הענד.

— אָט, אָט, זעצט זיך אַרום טיש, אָט גיב איך שוין עסען.

און עס זעצען זיך אוועק ביים טיש די פיער קוואַרטיראַנטען, דער זוהן, און ביידע מיידלעך, און די אַלטע טראָגט צו יעדערען, דערלאַנגט, רוקט אונטער און קוקט יעדען אין מויל אַריין:

— עסט, קינדערלעך, עסט, עסט געזונטערהייט, געשמאַק? עסט, און זאָל איך וואויל בעקומען.

— הערסט, מאַמע, דיינע עסענס קריכען מיר שוין פון גאַר־

גען, — בערדאַנקט דער זוהן די מאַמע פאַר איהר געטריישאַפט. — וואָרום זאָלסטו זיך ניט אויסלערנען צו מאַכען אַ „סטייק" מיט „פריים פּאָטייטאָס" און וואָרום נעהמסטו ניט אַמאָל קיין „קעטשופּ", אַלץ די היימישע מאכלים, קאַשע מיט יויך...

— טאַקי — פּאַטאַקעווען ביידע מיידלעך — וואָרום זאָלסטו זיך ניט אויסלערנען מאַכען אַ „פּודינג" אָדער אַ „פּאַי".

— איך וויים, קינדערלעך, אסור אויב איך וויים וואָס איהר רעדט צו מיר — פּערענטפּערט זיך די אַלטע — איך האָב פון אַזעלכע מאכלים ניט געהערט און ניט געזעהן. פון וואַנען זאָל איך וויסען ווי מען מאַכט עס, איך וואָלט עפּעס געזשאַלעוועט מיין טרחה ?

און ווען די קינדער מיט די קוואַרטיראַנטען עסען אָפּ און די אַלטע זעצט זיך אַוועק אין קיך ביים טישעל עסען די שיריים, טראַכט זי זיך: אַז אומזיסט האָבען נעבעך די קינדער געבלוטעט און זי אַריבערגעבראַכט קיין אַמעריקאַ. זי איז אויף זייער קאָפּ אַן אומזיסטע פרעסערין...

זאָל ער פּרעגען ?

אַ טאָג פאַר ערב ראש השנה האָט דעם גאַנצען טאָג דער אַלטער דוד משה זיך געראַיעט צווישען דעם זוהנ׳ס ספרים.

צווישען דעם ביסעל ספרים וואָס ער האָט זיך מיטגעבראַכט פון דער היים, האָט ער כמעט אַלעס געהאַט וואָס אַ איד דאַרף האָבען. ער האָט מיט זיך מיטגעפיהרט דעם גראָבען ר׳ יעקב עמדין׳ס סידור, ער האָט מיט זיך מיטגעפיהרט די מדרשים, דעם תנ״ך מיט ל״ב פּרושים, און די עין יעקב׳ס. וואָס ער האָט מיט זיך ניט מיטגעפיהרט איז אַ מחזור. דער מחזור זיינער איז שוין געווען אַזוי צופאַלען, אַז מען האָט בעדאַרפט פון איהם צוזאַמענקלייבען איינציגע בלעטער, און כאָטש דעם אַלטען דוד משה׳ן איז פון דעם דאָזיגען אַלטען מחזור געווען זעהר שווער זיך צו שיידען, האָט ער פונדעסטוועגען ביי זיך גע׳פּועל׳ט און האָט דעם מחזור ניט מיטגענומען.

— מילא, נו, איך גיב דיר שוין צו צום ש״ס דעם מחזור אויך — האָט ער מיט אַ הייזעריגער שטימע געזאָגט, צוזאַמענ־

לעגענדיג א בלאַט צו א בלאַט דעם פערגעלטען, מיט טרעהרען בעפלעקטען מחזור, צו אברהם איצי׳ן ווענען ער האָט פערקויפט דעם ש״ס. — אי, וויפיעל טרעהרען, וויפיעל נשמה עס ליגט דאָ צווישען די אַלטע פערגעלטע בלעטער! פערציג יאָהר, א קליי־ניגקייט, פערציג ראש השנה׳ס און יום כפור׳ס.

און גערעכענט האָט ער בעת מעשה, אז ער פאָהרט דאָך חלילה ניט צווישען גוים, שוין חוץ די קינדער מיט די אייניקלעך, איז אמעריקא גלאַט א מדינה מיט קיין עין הרע אזוי פיעל אידען. עפּעס א קלייניגקייט, וויפיעל אידען דער פינסטערער גלות האָט אהינצו פערטריבען!

אונטער די צוויי חדשים אָבער פון זינט ער איז דאָ אָנגעקור־מען, האָט ער זיך ארומגעזעהן, אז גאַנץ אַמעריקאַ איז עפּעס א עולם הפוך, א קאַפּוירע וועלט. די קינדער דאָ, מיט די אייניק־לעך און די אידען, מישטיינס געזאגט — אָט א נאָכקרימעניש!

— וואס קריכסטו דאַרטען ארום, דוד משה? — האָט די אַלטע וואס איז געזעסען מיט די שפּאַקולען און געמערעזשעט א וואַלענע זאָק, איהם געפרעגט — וואס ווענסטו דאַרטען געפינען צווישען זיינע ספרים? נעהם בעסער און טהו אָן אָט די וואַלענע שקאַרפּעטקעס וואס איך האָב אויסגעמערעזשעט. עס איז שוין קיהלבלעך אין דרויסען, וועסט דיר נאָך אויפריהרען חלילה די ראַמאַטעס דיינע.

דער אַלטער דוד משה האָט אָבער ניט אַרויסגענומען דעם קאָפּ פון צווישען די ספרים. ער האָט מיט די האַלב בלינדע אויגען דורך די ברילען דורכגעקוקט איין ספר׳ל נאָכ׳ן אנדערען, און האָט געהאַלטען אין איין קוועטשען מיט די פּלייצעס.

פּאַרנאַכט, ווען דער זוהן איז געקומען פון געשעפט, און די אייניקלעך זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען פון גאַס, האָט דער אַלטער דוד משה שוין געהאַט דורכגעקוקט ביידע שאַפעס מיט ספרים, אי די געבונדענע, אי די ניט געבונדענע, און ער איז געווען איבערצייגט, אז קיין מחזור איז ניטאָ.

ער איז ארומגעגאַנגען איבער דער שטוב, האָט פון אונטער די ברילען אַלע מאָל געוואָרפען א בליק אויפ׳ן זוהן און אויף די איי־ניקלעך, האָט געפּענט דאָס מויל עפּעס ארויסצוזאָגען, און האָט ניט געקענט.

אונטער דער גאַנצער צייט וואָס ער איז דאָ געווען, מיט דער אַלטער, ביים זוהן, האָט ער ניט איהם און ניט די אייניקלעך געזעהן אמאָל דאַווענען. פון געהן אין שוהל אריין איז דאָך אָבגערעדט. און ער האָט בשום אופן מיט'ן שכל ניט געקענט פערשטעהן, וואָס פאַר א מין איד דער זוהן זיינער איז. דאַכט זיך כסדר האַלט ער זיך אין איין אמפּערען מיט יונגע לייט וועגען אידישקייט און די קינדער שיקט ער ערגעץ אין א מין „חדר" אזעלכען וואָס מען לערענט מיט זיי אויף אידיש, און צום סוף איז דאָס אידישקייט אַליין — דאַווענען, בענשען, קריאת שמע לייענען, וכדומה, דאָס זעהט מען ניט. ניט מען זעהט עס פון איהם אַליין, און ניט מען זעהט עס פון די קינדער.

—וואָס איז דאָס פאַר א סאָרט אידישקייט וואָס דו לערענסט זיי ? און וואָס פאַר א איד ביסטו דאָס אַליין ? אז ניט דאַווענען און ניט בענשען, און ניט קריאת שמע, וואָס זשע דען, זאָג מיר, בלייבט שוין איבעראַנצען ? — האָט ער זיך איין מאָל איינגעשטעלט און האָט דעם זוהן געשטעלט א שאלה.

האָט איהם דער זוהן געגעבען צו פערשטעהן צוויי שעה דורכ־אַנאַנד און דער סוף איז געווען, אז ער האָט דערפון ארויסגענומען: אז אָט גאָר ניט, אָט אזא מין אידישקייט, מישטיינס געזאָגט איז דאָס טאַקע.

פון דעסטוועגען איז איהם בשום אופן ניט אויפגעקומען אויף דער מחשבה, אז אפילו ראש השנה און יום כפור זאָלען זיי אויך ניט געהן אין שוהל אריין. סטייטש, ראש השנה און יום כפור! דאַרף מען מעהר ? ראָזענבערג דער דאָקטאָר, ביי זיי אין שטעד־טעל, דאַרף מען האָבען א גרעסערען גוי ווי ראָזענבערג דער דאָק־טאָר ? געהט ער דאָך פון דעסטוועגען אויך ראש השנה און יום כפור אין שוהל אריין.

אז ער האָט אָבער דעם גאַנצען טאָג געזוכט א מחזור צווי־שען די ספרים און האָט ניט געפונען, האָט דעם אַלטען דוד משה'ן גענומען שרעקען א געדאַנק, אז עס קען זיין, אז דער זוהן זיינער דאָ אין אמעריקא איז טאַקע נאָך א גרעסערער גוי פאַר ראָזענ־בערג דעם דאָקטאָר ביי זיי אין שטעדטעל.

דער דאָזיגער געדאַנק האָט איהם אזוי געשראָקען, אז ער איז

ארומגעגאנגען און האָט געהאלטען אין איין בייסען די גרויע באָרד און אין איין קנייטשען דעם צואקערטען שטערען.

פרעגען האָט ער געוואוסט איז א קלייניגקייט. ער קען פרעגען. אָבער וואס, למשל, וועט ער טהאָן, אז דער זוהן גיט איהם אן ענטפער: אז טאקע ער געהט ניט ראש השנה און יום כפור אין שוהל אריין ? !...

איהם האָט זיך פארגעשטעלט: אז ער וואָלט בשום אופן, בעת מעשה, ניט געקענט זיין פעראנטווארטליך פאר זיך אליין. ער וואלט אפשר אָבגעטהאָן, חלילה אזעלכעס, וואס ער ווייסט אליין ניט וואס עס וואלט זיך דערפון אויסגעלאָזט.

און ער איז ארומגעגאנגען דער אַלטער דוד משה איבער דער שטוב, האָט געביסען די גרויע האָר פון דער באָרד, געקנייטשט דעם צואקערטען שטערען, געקוקט מיט די האלב בלינדע אויגען דורך די ברילען אויפ׳ן זוהן און אויף די אייניקלעך, און האָט זיך ניט געקענט בעשליעסען: זאָל ער פרעגען אָדער ניט?

אַרונטער געשלאָגען פון וועג.

שלמה דער שניידער, איז ניט פון די געוועהנליכע שניידערס.

שלמה׳ן האָט מען צווישען די בעלי מלאכות אין דער חיים געהאלטען פאר א אידען א למדן.

שבת צו דער קריאה, פלעגט שלמה שטעהן אונטער דער הרובע, מיט׳ן פערשמאָלצעוועטען טלית איבערגעדעקט איבער׳ן קאָפּ און פלעגט איבערגעבען צו דער חברה חייטים די גאנצע סדרה ווארט פאר ווארט מיט אלע מפרשים, מיט רש״י, מיט׳ן שפתי חכמים, און אפילו מיט׳ן בעל הטורים.

אין די ווינטערדיגע אויפדערנאכטען, ווען ביי שלמה׳ן אין דער מאַסטערסקאיע איז ניט געווען קיין איבעריגע ארבייט, פלעגט ער זיך אריינ׳גנב׳ענען אין בית המדרש אריין, און פלעגט אריינכאפּען, מיט משה יונה אברהם׳ס א פרשה „אור החיים״ אויך.

און אז שלמה האָט אריינגעכאפּט א פרשה אור החיים איז זי ביי איהם פערבליעבען אויף אייביג, אזוי אז ער האָט זי נאָכדעם געקענט איבערגעבען וואָרט פאר וואָרט פאר אלע בעלי מלאכות.

שלמה האָט געהאַט א שטאַרקען זכרון, און אן אויסגעצייכענטען חתוך־הדיבור.

און שלמה איז געוועזן אן אמת'ער פרומער איד, און א חסיד. א בראַצלאווער חסיד. עס איז ניט געוועזן קיין איין שלוש סעודות אז שלמה זאָל ניט געוועזן זיין אין דעם בראַצלאווער'ס קלויז, הערען משה'לע שוחט נאָכזאָגען דעם רבי'ס תורה, און עס איז ניט געוועזן קיין איין פאר ראש השנה אז שלמה זאָל ניט געוועזן פאָהרען קיין אומען צום רבי'ן ז"ל אויפ'ן קבר.

אין די שבתים, אין די ימים טובים, איז שלמה'ן געוועזן ניט צו דערקענען. שלמה איז דענסטמאָל ניט געוועזן קיין שניידער, נאָר א רוחניות מענש. די וואָכעדיגע נשמה האָט ער צוזאַמען מיט דער שער און אייזען איבערגעלאָזט ביים שניידער טיש און האָט זיך אריינגענומען א נייע נשמה, — א נשמה יתירה. מען האָט ממש בחוש געקענט זעהן, אז אויפ'ן פנים, אויף דער באָרד און פאות, און אפילו אויף דער אטלעסענער קאפּאָטע, ביי איהם, שוועבט ארום די שכינה.

און די שבתים מיט די ימים טובים האָבען זיך ביי שלמה'ן אָנגעפאנגען פריהער כמעט ווי ביי אלע אידען.

דעם שבת פלעגט ער אָנפאנגען אריינצונעהמען באלד פון פרייטאג אין דער פריה, קיין נייע ארבייט האָט מען שוין דענסטמאָל אין דער מאַסטערסקאיע ניט פערנומען, און די אלטע פלעגט ער זעהן וואס פריהער ארויסצוענדיגען און עס פלעגט זיך גלייך אָנפאנגען א סדרה: מרחץ, מיט קידוש, מיט שיר השירים, מיט פיש און מיט צימעס, אלץ אזעלכע הכנות צום שבת, וואס שלמה האָט זיך אליין געמוזט מיט זיי מתעסק זיין, און יעדע זאך האָט געדאַרפט נעהמען צייט, ווייל שלמה האָט פיינט געהאַט זיך צו איילען.

די ימים טובים האָט שלמה געוואוסט פון דער גמרא, אז „שלושים יום קודם החג וכ"ו און טאקע מיט א גאנצען מאָנאַט פריהער איז ער שוין געוועזן פערנומען מיט'ן יום טוב.

איבערהויפּט נאָך אז עס האָט בעדאַרפט אָנקומען דער יום טוב פסח. א יום טוב וואס מען דאַרף אזוי פיעל אָנגרייטען. — פסח'דיגע שמאַלץ, פסח'דיגע קארטאָפעל, פסח'דיגען וויין און

באָרשטש, פּסח'דיגע אייער, וכדומה, — האָט זיך שלמה גע־עסק'ט מיט'ן פּסח דעם גאַנצען ווינטער.

און אז עס פּלעגט אָנקומען די וואָך פאַר פּסח, ווען אַלעס איז זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַמאָל, אי באַקען מצות, אי טינ־קעווען און אויסוואַשען די שטוב, אי איינקויפען פּסח'דיגע כלים, אי איבערפּוצען דעם וואַנד זייגער מיט דער קייט, און מיט די צוויי וואָגען, און נאָכדעם ערשט דאָס צוגרייטען דעם ויין אויף ארבע כוסות, מיט די מצה שמורה צו די סדרים, און אַלע איבעריגע מכשירים — פּלעגט שלמה די וואָך לאָזען די גאַנצע ארבייט אויף הפקר, און מיט דער גאַנצער נשמה זיך אריינוואַרפען אין פּסח אריין.

און אָט אזוי ווי אין דער היים, אויף דעם זעלבען אופן איז זיך שלמה נוהג אויך די גאַנצע צייט וואָס ער איז דאָ אין אמעריקא.

נאַטירליך, קען דאָ שלמה ניט ארויסצייגען זיין למדנות, מיט'ן בעל הטורים און מיט'ן אור החיים, ווייל ווער דאַרף דאָס דאָ גאָר האָבען — דאָ, — זאָגט שלמה — איז אַ שניידער וואָס קען זיך ניט איבער'צלם'ען, גאָר דער גרעסטער מיוחס. ער שאָבט זיך ארום דערמאָרדע, הויבט אָן האָקען „ענגאַליש" און ווערט אַ פּרע־זידענט אין אַ שוהל, און דענסטמאָל האָט אפילו דער רב פאַר איהם דעם גרעסטען דרך ארץ.

וואָס אָנבעלאַנגט אָבער די ימים טובים פיהרט זיך שלמה אויף דעם זעלבען שטייגער כמעט ווי אין דער היים.

די וואָך פאַר פּסח, איז ביי שלמה'ן אוים מיט דער אַר־בייט. דאָ דאַרף מען, אמת, אפילו ניט מאַכען אזוי פיעל הכנות, ווייל מצות דאַרף מען דאָ ניט באַקען. וואָרים דאָ געהט דאָך אַלעס מיט דער מאַשין, אומשטיינס געזאָגט, קיין נייע „דייזשקע" אויף וואַסער דאַרף מען דאָ אויך ניט צוגרייטען, ווייל דאָ צאַפּט מען דאָך וואַסער פון די ווענט, דערפאַר אָבער ווייסט שלמה, אז דאָ דאַרף מען ביי יעדער קלייניגקייט זיין אליין. „ס'איז אַ טריפה'נע מדינה, דאָס אמעריקא, מען קען זיך דאָ אויף די אייגענע קינדער און אפילו אויפ'ן ווייב ניט פערלאָזען". און שלמה געהט כמעט די גאַנצע וואָך ניט ארוים פון הויז. ער שטעהט און גיט אַכטונג אויף יעדער קלייניגקייט. ער שטעהט ביים איבערזייען דעם באָרטשט, ער שטעהט ביים ווייסען די צימערען, ער שטעהט ביים

פוצען, ביים שייערען און ביים כשר'ען, ער געטרויט ניט קיינעם.

איין מאָל, אין א טאָג פאַר ערב פסח איז דאָס געווען, ווען שלמה האָט געהאַלטען אין ארויסטראָגען די ספרים פון דער שאַפּע אין הויף אריין אויסצולופטערען, איז דענסטמאָל אריינגעקומען צו איהם זיין לאַנדסמאַן יונה יצחק בער'ס. דאָ רופט מען איהם מיסטער זווירען, און ער איז אַן אגענט פון א לעבענס פערזיכערונג געזעלשאַפט.

דער דאָזיגער יונה יצחק בער'ס איז פון דער היים א רב'ס אן אייניקעל, יצחק בער הייסט עס, דער פאָטער זיינער, איז געווען ר' יחיאל'יקעל דעם רב'ס א זוהן. און יצחק בער אליין איז אויך געווען ראוי להוראה. און דער יונגער מאַן, דער יונה, הייסט עס, האָט אין שטעדטעל גע'שם'ט פאַר א למדן מופלג און א יונגער מאַן מיט א שאַרפער צונג, מיט משלים און מיט ראיות.

ווען שלמה האָט דערזעהן דעם יונגען מאַן איז ער געבליבען שטעהן אין מיטען די ספרים טראָגען פאַר איהם מיט'ן גרעסטען דרך ארץ. דאָ איז ער אפילו שוין אמת, ניט דער זעלבער יונה וואס אין דער היים, ווייל דאָס בערדעל האָט ער זיך דאָ אָבגעגאָלט גלייך מיט אלע, און עס איז א שטאַרקע סברה אז ער איז שוין א מחלל שבת אויך. אָבער ער קען איהם דאָך פון דער היים פאַרט פאַר א למדן.

יונה יצחק בער'ס האָט מיט איהם תחילת א שמועס געטהאָן וועגען סעקורירען זיך דאָס לעבען, ער האָט פאַר איהם אויסגעשיט א וועלט מיט רייד, און האָט איהם געגעבען צו פערשטעהן, אז א איד וואָס סעקורירט זיך ניט דאָס לעבען איז פשוט א מתחייב בנפשו, און מיט טויזענדער ראיות און מיט פסוקים, און מיט גמרא און מדרשים, — א מעשה אז א יונגער מאַן איז בקי אין אלעם און האָט א צינגעל ווי אויף שרויפען. און נאָכדעם ערשט ווען ער האָט איהם שוין ארויפגעבראַכט אז ער זאָל זיך סעקורירען. האָט ער זיך גענומען ארומקוקען אויף דעם ערב פסח'דיגע איבערקעהרעניש אין הויז, און איז אריינגעגאַנגען מיט שלמה'ן אין א חקירה וועגען פסח.

פונ'ם אָנפאַנג איז שלמה געשטאַנען און געשוויגען. פון צייט צו צייט האָט ער גלאַט אזוי, פון יוצא וועגען, אריינגעוואַרפען א וואָרט. ער ווייסט דאָך מיט וועמען ער האָט דאָ צו טהאָן. עס איז

דאָך עפּעס יונה יצחק בער׳ס, א יונגערמאן וואס איז א בקי אין ספרא ספרי און תוספתא. נאָר אז דער יונגערמאן האָט גענומען וואס אמאָל ארויפקומען אין העכערע דרכים, און אָנגעהויבען אויס־דרינגען באותות ומפתים, אז די גאנצע מעשה פון יציאת מצרים איז גאָר ניט מעהר ווי א משל און אז דער גאנצער משה רבינו איז א מליצה און פּרעה איז גאָר אויך ניט מעהר ווי אן אגדתא איז שוין דענסטמאָלט שלמה ארויס פון די כלים און האָט גענומען פּראטעסטירען:

— וואס הייסט? — האָט ער גע׳טענה׳ט — הייסט דאָך עס, אז עס איז גאָר נישט. אז דאָס גאנצע אידישקייט, הייסט עס, איז גאָר נישט מיט גאָר נישט! — און ער האָט זיך גע־ווארפען, און געמאכט מיט די הענד, מיט די פיס, און מיט אַלע אברים — קומט דאָך אויס נאָך דיינע רייד, אז עס איז אויס! אז ס׳ניטאָ גאָר ניט נישט! הפקר פּעטרישקע, הייסט עס!... אויס? !... אויס, און א סוף!

און ער האָט בעת מעשה געפיהלט, אז ווען ער זאָל ניט האָבען קיין דרך ארץ פאר׳ן טויטען זיידען זיינעם, פאר ר׳ יחיאל׳קען דעם רב ז״ל, וואָלט ער פּשוט ארויפגעפאלען אויף איהם, און וואלט איהם צוריסען ווי א הערינג, „וואָס הייסט, א מענש גיט א מאך אוועק, אָט גלאַט אזוי, אלעס מיט דער האנד!"

ווען יונה איז אוועק, איז שלמה נאָכדעם געשטאנען א היבשע וויילע א צוקאָכטער און האָט זיך צו קיין ארבייט ניט געקענט נעה־מען. ער האָט איהם מיט זיין געשליפען צינגעל אזוי צוטומעלט, אז ער האָט ניט געוואוסט אויף וואס פאר א וועלט ער איז.

און ווען ער האָט זיך דערנאָך גענומען ענדיגען די ספרים ארויסטראָגען, זיינען איהם די ספרים געפאלען פון די הענט, ער האָט אָנגעהויבען פיהלען אזוי ווי די גאנצע ארבייט וואלט ביי איהם מיט א מאָל געווארען אן איבעריגע.

— א מעשה ווי א מענש גיט עס א מיש אויס, און מאכט פון אלעס גאָר ניט מיט נישט! — האָט ער געררעדט צו זיך אליין — עס הייסט אז עס איז גאָר נישט! הייסט עס!... אָט גלאַט גאָר ניט!.. פּוסט!

שלמה האָט זיך אָבער באלד אָנגענומען מיט הארץ. ער איז

ארויס אין גאס קויפען נייע גלעזלעך פאר די לאָמפּען, און איז ארויסגעגאנגען מיט אימפּעט, פער׳עקשן׳ט, אזוי ווי ער וואָלט אימיצען און זיך טהאָן א צו־להכעיס.

— מע, דאָ צו וואס זיך צוצוהערען — האָט ער זיך אויס־גערעדט — יענער איז דאָ פּשוט געווארען, הפנים, א כופר בעיקר.

ער איז אָבער בלויז אָבגעגאנגען עטליכע שפּאַן און ער האָט גענומען פיהלען, אזוי ווי יונה וואָלט איהם אונטען נאָכגעגאנ־גען און וואלט איהם געהאלטען אין איין טורקען אין די אויערען, די מעשה פון יציאת מצרים, פון פּרעה׳ן, און פון משה רבינו׳ן.

און ווען ער איז אריינגעקומען צוריק אין הויז אריין איז נאָך איידער ער האָט פערמאכט די טיר האָט ער א זאָג געטהאָן אזוי סתם אין דער וועלט אריין:

— אָט אזא בחור וואלט מען פּשוט געוועזן בעדארפט גוט אָנזידלען, וואָלט מען איהם געוועזן בעדארפט.

צו בדיקת חמץ, און אויף מאָרגען צום פערברענען דעם חמץ האָט שלמה ביי זיך אליין עפּעס הפנים געהאט, פון א משונענעם.

— א יונגאטש מיט א פּיסק מיט א לשון אביסעל, דאָס רעדט דאָך עפּעס פייער און פלאם — האָט ער גע׳טענה׳ט אלע מאָל צו זיך אליין.

צום סדר האָט זיך שלמה געשטארקט מיט אלע כחות. ער האָט דורכגעמאכט אלע צערעמאָניעס מיט עקשנות, און די הגדה האָט ער געזאָגט הויך אויף א קול, ווי ער וואָלט וועלען אימיצען אין זיך איבערשרייען, ער האָט אָבער געפיהלט אז ער קען זיך ניט גובר זיין. ער זאָגט און אין מח ארבייטען זיך גאָר אנדערע גע־דאנקען...

— דאָס איז א חוצפּה! — האָט ער ווי ראנגלענדיג זיך מיט אימיצען, אין מיטען זאָגען, פּלוצלונג א זאָג געטהאָן צו דער אי־דענע — מיך פערדריסט וואס איך האָב דעם... דעם יונה׳לען, די ביינער נים צובראָכען! אָט, גאָר ניט, הייסט עס!... ער האָט מיר געמאכט א תל פון׳ם גאנצען פּסח, האָט ער מיר געמאכט!...

נאָך אלעמען — מע!

דער אַלטער שמעון לייב, א איד א שניידער, און בטבע א מענש אָהן אויבער הסברות, איז ארומגעגאנגען מיט א צו־טראָגענעם קאָפּ.

דער זוהן זיינער, יאָסעל, איז נאָך אין דער היים, בחור־וויז, שוין געווען א יונג מיט אַן „אָפענעם מח". א בחור'ל, וואָס האָט אין זינען געהאַט „סכאָדקעס" און ארומשלעפּען זיך דורך די טעג און דורך די נעכט מיט חברות.

נאַטירליך, אין דער היים, פלעגט איהם דער אַלטער שמעון פאַר די „זאַכענישען", פאַר די „חפציות" אויסטיילען גוט אין די יאָהרען, כאָטש אין הארצען האָט איהם דער ענין, אפילו דאָר־טען נאָך, הנאה געטהאָן. ווייל נאָך אלעמען האָט ער דאָך פער־שטאַנען, אז ער איז אָקעגען איהם, אָקעגען יאָסלען, הייסט עס, פּשוט א שטומער מענש, — א שטומער און א בלינדער. יענער האָט זיך געהאַלטען אין איין גריבלען אין די ביכלעך, און אז ער פלעגט נעהמען שיטען מיט משלים מיט ראיות, און מיט חקירות, פלעגט פּשוט ביים אַלטען שמעון'ען נעהמען שווינדלען דער קאָפּ.

ווער שמועסט, אז ער איז געקומען קיין אמעריקא, און יאָסעל איז דאָ ביי די שניידער געוואָרען טאַקע א גאַנצער „מגיד" וואָס האַלט דרשות און אַלע שטעהען און הערען איהם אויס און פּאַטשען בראַוואָ, האָט דער אַלטער שמעון אָנגעהויבען פערשטעהן אז ניט נאָר ער דאַרף זיך ניט אריינמישען אין זיינע עסקים, נאָר ער דאַרף פּשוט פאַר איהם האָבען דעם גרעסטען דרך ארץ.

און דעריבער אז יאָסעל האָט דאָ אָבגעזוכט א מיידעל — אויך פון די דאָזיגע, וואָס די וועלט שטעהט זיי ניט אויפ'ן ריכטיגען פּלאַץ, — און איז געגאַנגען מיט איהר לעבען גאָר אָהן חופּה וקדושין, און די דאָזיגע מיידעל האָט איהם מיט דער צייט גע־בוירען א אינגעלע און מען האָט דאָס אינגעלע גאָר ניט מל געווען, האָט דער אַלטער שמעון בלויז צוגעקוקט און געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

איבערהויפּט איז דעם אַלטען שמעון'ען געווען קשה'דיג דער עסק, וואָס אי דער זוהן אי די שנור האָבען ניט ארויסגעלאָזט פונ'ם מויל דאָס וואָרט „איד". דורך די טעג און דורך די נעכט האָט מען נאָר גערעדט וועגען „אידען" און וועגען „אידישען פאָלק".

גאַנצע פערזאַמלונגען, אסיפות אזעלכע, האָט מען געמאַכט, און אַ זי, אַ ער האָבען געהאַלטען אין איין „דרשנ'ען" וועגען „אַי־דישקייט".

דער אַלטער שמעון האָט עס פשוט ניט געקענט בעגרייפען. ממה נפשך אַ שאלה: זיינט איהר אידען, טאָ וואָרום האַלט איהר ניט פון אידישקייט? וויעדער, האָט איהר חתונה אָהן חופה וקדושין, זייט איהר ניט מל די קינדער, פיהרט אין הויז אַ טריפה קיך און האַלט ניט פון שבת און פון קיין יום טוב, אפילו ניט פון יום כפור, טאָ וואָס פאַר אַ מחותנים זייט איהר ווידער מיט אידישקייט?

און דעריבער, אַז עס איז געקומען פאַר פסח, האָט זיך דער אַלטער שמעון קיין עצה ניט געקענט געבען מיט זיי.

געוואָלט האָט זיך איהם זעהר פערבעטען צו זיך דעם זוהן מיט דער שנור אויף יום טוב, פאַרט דאָס ערשטע קינד, האָט ער אָבער זיך משער געווען וואָס פאַר אַ פנים ער וועט ביי זיי האָבען, מיט די סדרים און מיט אַלע איבעריגע פסח'דיגע „שאַלאַמוינע־סען".

האָט ער וועגען דעריגען איבערגעשמועסט מיט דער אַלטעטש־קער, אַזוי לאַנג ביז עס איז שוין געקומען גאַנץ נאָהענט צו פסח און עס איז ביי איהם בעשלאָסען געוואָרען, אַז ער זאָל איינ־לאַדען מיט אַ „ממה נפשך".

„ממה נפשך: אָדער זיי וועלען געהן, אָדער זיי וועלען ניט געהן."

געוועהנליך, איז ער ביי זיך געווען מעהרער ווי זיכער, אַז זיי וועלען ניט געהן. ניט מעהר, דער זוהן וועט איהם מסתמא ברענ־גען אַ פּאָר „משלים" מיט „חקירות" און ביי דערביי וועט עס בלייבען.

האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אַז זיי האָבען זיך דוקא ביידע גאָר ניט געדונגען, און האָבען אָנגענומען, און נאָך ווי אַזוי אָנגע־נומען, מיט אַ שמחה. די שנור האָט איהם נאָך אָנגעזאָגט: „נאָר שווער אַ סדר מיט אַלע פישטשעווקעס, ווי אין דער היים".

אויפ'ן פּלאַץ איז דער אַלטער שמעון געווען זעהר צופריעדען

דערפון. ווען ער האָט אָבער גענומען דערנאָך זיך צוגרייטען צום יום טוב האָט ער עפּעס אָנגעהויבען פיהלען, אז ער ווייסט ניט וואס ער זאָל טהאָן מיט זיך.

די אַלטעטשקע האָט זיך געוועהנליך גענומען צו דער ארבייט ווי אין אַלע יאָהרען. זי האָט געראַמט און געשייערט און גע־פּוצט, א קליינינגקייט, פּסח! און דער אַלטער שמעון האָט איהר כלומר׳שט, ווי אַלע יאָהרען, ארויסגעהאָלפען מיט דער „מאַנס־בילשער" ארבייט. עס איז איהם אָבער עפּעס געפאַלען פון די הענד.

— שמעון, דו מאַכסט מיר נאָר אָן מעהר ארבייט, מיט׳ן העלפען מיט דיינעם — האָט זיך די אַלטעטשקע געקלאָגט, — קיין זאַך ענדיגסטו ניט, דו וואַרפסט מיר נאָר אָן און א סוף.

דער אַלטער שמעון האָט געוואוסט אז די אַלטעטשקע האָט רעכט, ער האָט זיך אָבער פונדעסטוועגען אויף איהר צובייזערט:

— וואָס וואַרף איך דיר דאָ אָן, וואָס? איך וואַרף דיר גאָר ניט אָן, וואַרף איך דיר ניט, אז... אז דו טראַכסט זיך גאָר ניט אריין אין דעם גאַנצען ענין, טראַכסטו זיך ניט.... עס איז דאָך א ציקאַווע מעשה, איז עס...

— וואס פאַר א ציקאַווע מעשה? — האָט די אַלטע ניט פער־שטאַנען — האָסט צוואַווארפען די קאַרטאָפלעס מיט די ציבעלעס אין מיטען שטוב, און ווערסט ניט אויסקלייבען די פוילע און עס זאָל נעהמען א סוף, נאָר דו זוכסט דאָרטען ציקאַווע מעשיות.

— אַך לאָז מיך געמאַך! — האָט דער אַלטער שמעון ברוגז א מאַך געטהאָן מיט דער האַנד. — אז דו פערשטעהסט ניט דעם גאַנצען עסק, פערשטעהסטו ניט — און ער האָט מיט אימפּעט זיך א וואַרף געטהאָן און גענומען קלייבען די פוילע ציבעלעס און קאַרטאָפעל.

דער אימפּעט האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטען, און ער איז מיט אַמאָל געבליעבען זיצען אין מיטען שטוב מיט א פערפוילטער ציבעלע אין דער האַנד, א פערטראַכטער.

— גאָט טרעף צו, הייסט עס, וואס זיי דאָרטען קען איינפאַלען — האָט ער א בורטשע געטהאָן גלאַט אין דער וועלט אריין.

די אַלטעטשקע איז געוועזען צופיעל פערטהאָן מיט דער ערב

פסח'דיגער ארבייט, און זי האָט קיין צייט ניט געהאַט אפילו זיך צוצוהערען וואס ער בורטשעט דאַרטען.

און דער אַלטער שמעון, צו וואס ער האָט זיך ניט גענומען, איז ער עפּעס אַלץ געווען בספק, צי מען דאַרף דאָס גאָר.

— איך וויים ניט, דו ביסט מיר עפּעס היינט צופיעל מדקדק מיט'ן פּסח, ביזטו מיר היינט, — איז ער נאָכגעגאַנגען דער אַל־טעטשקער. — כשר, כשר, מען דאַרף דאָס געזונד ניט אוועקלעגען, דאַרף מען ניט...

ווען עס איז געוואָרען שפּעטליך און די אַלטעטשקע האָט גענומען צוגרייטען דעם גאַנצען סדר צום טיש, דעם כרפּס, דעם מרור, די חרוסת און די אַלע איבעריגע מכשירים, האָט זיך דער אַלטער שמעון גענומען דרעהען אויף אַלע זייטען, עפּעס האָט ער איהר געוואָלט זאָגען, אָבער ער האָט זיך געוואָרגען.

— איך, איך וויים, — האָט ער גענומען שטאַמלען — וואס איז דאָ דאָס איילעניש... איך מיין וואס איילסטו זיך, זאָל נאָך זיין... נעהם עס צו צוריק, זיי וועלען אריינקומען... פערשטעהסט?... וועט מען זעהן...

די אַלטעטשקע האָט ניט פערשטאַנען זיין כונה און זי האָט איהם געפּאָלגט און האָט פערנומען צוריק דעם גאַנצען סדר.

עס איז געוואָרען גאַנץ שפּעטלעך, און דער זוהן מיט דער שנור זיינען נאָך ניט געווען.

די אַלטעטשקע האָט זיך אונטער דער צייט אַלע מאָל געריסען צוצוגרייטען דעם סדר, אָבער דער אַלטער שמעון האָט זי אָבגע־האַלטען.

— זאָל זיין, זאָל נאָך זיין — האָט ער געהאַלטען אין איין שטאַמלען. — זאָלען זיי קומען... נאָכדעם... האָב צייט...

ווען דער זוהן מיט דער שנור זיינען שוין מיט מזל געקומען, האָט די אַלטעטשקע זיך תיכף א כאַפּ געטהאָן אין קיך אריין נאָכ'ן „סדר". דער אַלטער שמעון האָט זי אָבער אָנגעכאַפּט ביים פאַרטוך, און האָט צווישען די צייהנער שטיל ארויסגעזויגען: „זאָ—ל נאָ—ך זיין!..."

די אַלטע איז געבליבען שטעהן א צומישטע און בעטראַכ־

טענדיג איהם א ווײלע האָט זי זיך מיט שמחה געווענדעט צום זוהן מיט דער שנור, דער אלטער האָט א צומישטער איהר ארויס־געהאָלפען.

דער זוהן מיט דער שנור האָבען א ווארף געטהאָן מיט די בלי־קען אויפ'ן טיש.

— וואס איז דאָס עפּעס? — האָבען זיי ביידע מיט אמאָל פערוואונדערט א זאָג געטהאָן, — וואו זיינען ערגעץ די אלע זאַ־כען צום סדר?

— איך ווייס, ווייסט איהם דער גוטער יאָהר, — האָט די אלטעטשקע גוטמוטהיג זיך פערענטפערט — ער האָט מיך אָבגע־האַלטען ביז אצינד האָט ער מיך.

און זי איז איילענדיג אוועק אין קיך, און די שנור נאָך איהר, און זיי האָבען ביידע גענומען אלעס ארייינטראָגען צום טיש.

דער אלטער שמעון איז געשטאַנען א צומישטער, און האָט חניפה'דיג געפינטעלט מיט די אויגען אויף דער שנור און אויפ'ן זוהן, און געשמייכעלט...

ווען מען האָט זיך געזעצט צום סדר, האָבען דעם אלטען שמעון'ען געציטערט די הענד, ער האָט זיך געדרעהט און געוואַ־קעלט אויף אלע זייטען, און ביי יעדער צערעמאָניע האָט ער גע־קוקט דעם זוהן מיט דער שנור אין די אויגען. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען אז אינוועניג ביי זיך, מוזען זיי זיך שטיקען פון גע־לעכטער פון איהם.

זיי זיינען אָבער ביידע געזעסען מיט אזא ערנסט, אז דער אלטער שמעון האָט בעקומען וואס אמאָל מעהר מוטה, מעהר קור־ראזש, און וואס ווייטער און ווייטער האָט ער זיך גענומען מעהר ארייינארבייטען אין זיין ראָלע און גענומען זאָגען די הגדה מיט אזא התפעלות, מיט אזא ברען, אז ער האָט זיך גאָר אינגאנצען פערגעסען, אז צוזאמען מיט איהם ביים סדר זיצט דער זוהן, מיט דער שנור וואס לעבען צוזאמען אָהן חופה וקדושין, און האַל־טען אויף די הענד אן אייניקעל וואס איז ניט גע'מל'ט.

ערשט נאָך אלע ארבע כוסות און נאָכ'ן עסען האָט ער אויף זיי א דורכדרינגענדען בליק געווארפען, האָט אויפגעצויגען מיט די אקסלען און האָט אויסגעלאָזט: „נאָך אלעמען, — מע!"

אברהם דער עקשן.

אברהם משה דוד'ס, ווי מען האָט איהם גערופען אין דער היים, אָדער אברהם דובאָווסקי אויפ'ן פאַמיליע נאָמען, ווי מען רופט איהם דאָ אין אמעריקא, איז בטבע א איד א שטיקעל עקשן.

עס הייט אזוי, אין מילי דעלמא, איז אברהם דוקא א מענשעל, וואס מען קען מיט איהם אויסקומען. אין פיעלע ענינים איז ער זאָגאר, קען מען זאָגען, א נאָכגעבינער. למשל, אין משא־מתן, צי אין הויז זאכען, איז אברהם'ס ווארט כסדר: „מילא, נו, איך וועל מיך ניט איינ'עקשן'ען, זאָל מיינס איבערגעהן."

וואו אברהם'ס עקשנות ציינגט זיך אָבער ארוים איז אין גייסטיגע ענינים. אין רוחניות זאכען איז אברהם א שטיק קאפוירער מענש.

אזוי איז אברהם געווען אין דער היים, און אזוי איז ער די גאנצע צייט, זינט ער איז דאָ אין אמעריקא.

דער אונטערשיעד איז נאָר, וואס זיין עקשנות דאָ אין אמעריקא אין דעם הינזיכט, איז פונקט דער היפוך פון זיין עקשנות אין דער היים.

אין דער היים, אז עס פלעגט קומען א פאר פסח, פלעגט אברהם נעהמען דאָס שטעקעלע אין דער האנד, פלעגט זיך ביים שפיגעל אויסקעמען דאָס בערדעל, פערדרויכערען א סיגארעטעל און פלעגט זיך אוועקלאָזען אין מארק אריין. און וואו ער פלעגט דערטאפען א אידען א פערשמייעטען מיט'ן ערב פסח, פלעגט ער איהם אָבשטעלען און איהם אָב'חוזק'ען.

— וואס הערט זיך עפעס, ר' לוי־יצחק, ווי געהט עס עפעס היינטיגעס יאָהר מיט די מצה שמורה? — אזוי פלעגט ער אָנכאפען ר' לוי־יצחק'ען, א איד א פערטאראראמטער, א צוטראָגענער.

ר' לוי־יצחק פלעגט זיך בתמימות אוועקשטעלען, פלעגט אָננעהמען מיט דער האנד די עטליכע שיטערע הערלעך פון דעם בלאָנדען בערדעל און פערקנייטשענדיג דעם פערזארגטען שטערען, פלעגט ער נעהמען פאר איהם אויסגיסען זיין ביטערען צער: עס איז שלעכט, זעהר שלעכט, דאָס „געוויסער" האָט אָבגעריסען די „גרעבלי" ביי ראובן שלמה פון דעם מיהלכעל, „ארויסגעריסען

אָבער ווי אַזוי מיינט איהר „דאָ שפּענטאַ", אַ טרוקענער טייך געבליבען". און אַז עס איז דעריבער גרויסע צרות היינטיגס יאָהר מיט דער „שמורה". „וואָס איז שייך, איהר קענט זיך משער זיין, אַז ר' חיים זלמן, דער דין אַליין, איז אויך היינטיגס יאָהר גע־בליבען שטעקען מיט זיין „שמורה", ניט אַהין און ניט אַהער, אין מיטען דערינען אַזאַ אונגליק."

אברהם האָט, געוועהנליך, שוין פון פריהער געוואוסט די מעשה, אַז ביי ראובן פון דעם מיהלבעל האָט דאָס געוויסער אָב־געריסען די גרעבלי. ער פלעגט אָבער אָננעהמען אַ מינע אַזוי ווי ער וואָלט דאָס ערשט דערהערט דאָס ערשטע מאָל פון ר' לוי־יצחק'ען און אַז דער ענין איז איהם דעריבער אצינד שרעקליך מצער.

— אַזוי, אַזוי ?! טע, טע! אָבגעריסען אין מיטען דערינען די גרעבלי ?!

און אַז ר' לוי־יצחק פלעגט שוין אַראָבדערצעהלען דאָס גאַנצע ביטערניש זיינס פון דעם הארצען, ווי אַזוי ער איז שוין געוועזען מיט ביידע שוחטים אין בארטניק, פועל'ען ביי מרדכי בארטניקער, אַז ער זאָל דאַרט ביי זיך אין מיהל כשר'ן פאַר זיי אַ שטיין, און אַז אויף צו להכעיס זיינען אַלע שטיינער ביי מרדכי בארטניקער פערנומען מיט'ן „פּראָוויאַנט" פאַר די סאָלדאַטען און אַז עס וועט אויסקומען גאָר פשוט, אַז די שטאָדט זאָל, חלילה, בלייבען אָהן „מצה שמורה" — פלעגט ערשט נאָכדעם אברהם אַ נעהם טהאָן ר' לוי־יצחק'ען אויפ'ן „אַליעמביק" און נעהמען חוזק מאַכען פון איהם מיט זיין „מצה שמורה" און נעהמען איהם אויסדריגנגען, אַז דער אונגליק איז גאָר ניט אַזאַ גרויסער און אַז צוליעב דער „מצה שמורה" וועט נאָך דאָס אידישקייט, חלילה, ניט אונטערגעהן. און אַזוי פּאַוואָלינקע פלעגט ער אריבערגעהן פון ענין צו ענין, און נעהמען ארונטעררייסען איין דין נאָכ'ן אנדערען פון די דינים פון פסח, און אָבלאַכען פון די מנהגים און פון די פסח'דיגע צערע־מאָניעס.

געוועהנליך, פלעגען זיך באַלד ארום איהם ארומשטעלען אַ רעדעל אידען און פלעגען מיט איהם נעהמען חקירה'ן און איהם איבערשפּארען. און עס פלעגט קומען אַזוי ווייט, אַז אברהם

פלעגט זיך צוהיצען און נעהמען רעדען פשוט על ד׳ ועל משיחו: אז עס איז, הייסט עס, גאָר א סברא, אז משה רבינו האָט דעם ים ניט געשפּאָלטען און אז די גאַנצע מעשה פון יציאת מצרים און פון משה רבינו איז ניט מעהרער נאָר אן אגדתא אזעלכע, היסטאָריש, הייסט עס, איז דאָס נאָך ניט בעוויזען געוואָרען, און נאָך אזעלכע זאכען.

א פסח, פלעגט, נאַטירליך, פונדעסטוועגען, אברהם אין דער היים מאַכען גלייך מיט אלע אידען, מיט פערקויפען דעם חמץ, מיט בודק זיין דעם חמץ און מיט פערברענען דעם חמץ, און די סדרים זיינען אויך געווען אידישע סדרים, מיט אלע קליפּערלעך. ניט מעהר, אלעס איז געטהאָן געוואָרען מיט א סאַרקאַסטישער בע־מערקונג, מיט אן איראָניע, מיט אן אָבלאָך.

למשל, ווען אברהם פלעגט אריינקומען אין הויז אריין ערב פסח און פלעגט א קוק טהאָן אויף דעם איבערקעהרעניש און אויף דער פרוי, ווי זי איז פערזשובט און פערטאָראַראַמט, פלעגט ער זיך א זאָג טהאָן: לאָה, זאָלסטו נאָר ניט פערגעסען צו כשר׳ען די שליסלעך און די קליאַמקע פון דער טיר, דו הערסט? און די קינדער פלעגט ער פרעגען, צי זיי האָבען שוין אויסגע׳כשר׳ט די מיילער.

ביים סדר, ווען אברהם פלעגט נעהמען אויסטהיילען דעם „מרור" מיט׳ן „כרפּס" צו די קינדער, פלעגט ער עס יעדען דער־לאַנגען מיט א שמייכעל, „נאָט אייך, קינדער, מתנות און ווייסט, אז איהר זייט אידען"...

די קינדער פלעגען צונעהמען און פלעגען מיט געלעכטער זיי ארונטערוואַרפען אונטער׳ן טיש... און אברהם פלעגט זיך בעת מעשה מאַכען א שפּאַס: „גנבים — פלעגט ער זאָגען — די קניידלעך וועט איהר אויך וואַרפען אונטערן טיש?"

זינט אָבער אברהם איז געקומען קיין אמעריקא, איז אז ער הערט אַמאָל א פריידענקער, אדער א סאָציאַליסט חוזק מאַכען פון דעם מינדסטען פסח׳דיגען מנהג, האַלט ער זיך איין עקשנ׳ען און אויסברענגען באותות ומופתים, אז דוקא על פּי סאָ־ציאַליזם און על פּי פריי דענקען מוז מען ערשט אָבהיטען פסח מיט אלע מפרשים.

און אזוי ווי ער האָט שוין דאָ, דאנקען גאָט, אליין צוויי קינדער דערוואקסענע — א בחור מיט א מיידעל — וואס זאגען, אז זיי זיינען פריי דענקערס און סאציאליסטען און לאכען חוצפה'דיג אָב פון דעם גאנצען אידישקייט, איז אז אברהם קומט אריין ערב פסח אין הויז אריין און טרעפט דאָס ערב פסח'דיגע איבער־קעהרעניש און די פרוי א פערהאָרעוועטע און פערשמייעטע, זאָגט ער איהר ניט, אז זי זאָל ניט פערגעסען צו כשר'ן די שליסעלעך מיט דער קליאמקע פון דער טיר, נאָר ער נעהמט איהר ארויסהעל־פען אין דער ערב פסח'דיגער ארבייט מיט אזא ערנסט, אזוי ווי ער וואָלט אויף יעדען מינדסטען מנהג געגעבען זיין הסכמה, אז דאָס איז דער יסוד פון דעם גאנצען אידישקייט.

און ביים סדר טאָר קיין קינד חלילה ניט א שמייכעל טהאָן. אברהם זיצט מיט אזא אָנגעשטרענגט ערנסט געזיכט, אז ער ווארפט ממש אָן א מורא אויף אַלעמען, און ער פערפעהלט ניט די מינדסטע צערעמאָניע. ער טהיילט אוים דעם „מרור" מיט דעם „כרפס" מיט דער גרעסטער פּאָרזיכטיגקייט און גיט בעת מעשה אכטונג מיט שטרענגע בליקען, אז יעדער קינד זאָל די גאנצע פּאָרציע ארונטערשלינגען.

דער זעלבער אברהם דער עקשן. נאָר פונקט דער היפוך פון זיין עקשנות אין דער היים...

א מאַמעס בילד.

איך בין דעמאָלס געשטאַנען ביי מיינעם א לאַנדסמאַן, איינער א געוויסער רייכערס.

דער לאַנדסמאַן מיינער איז שוין דאָ, דאָ אין לאַנד, געוועזען א יאָהר אכט. און עס איז שוין געוועזען א יאָהר צוויי אין דעם, זינט ער האָט אראָבגעבראַכט זיינע א שוועסטער, א מיידעל פון א יאָהר אכצעהן, וועלכע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ביי איהם.

דער לאַנדסמאַן מיינער, איז דאָ אַלע יאָהרען געוועזען אונטער זעהר שלעכטע אומשטענדען, און דאָס, ווי עס ווייזט אוים, האָט איהם דאָ, אין אַמעריקא, געמאַכט פאַר א שרעקליכען פעסימיסט.

גנבה, גזלה, פּאסקודסטווע — האָט מיין לאַנדסמאַן דאָ געזעהן אויף שריט און טריט. א וועלט פון חוצפה, רויב און פערברעכען. שווארץ, שטאָק פינסטער האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט די נייע וועלט.

און א מאָדנע קראַפט האָט ער געהאט אין זיך, ער האָט אייך געקענט בעאיינפלוסען מיט זיין מעלאנכאָליע, אז דאָס לעבען זאָל איין פשוט מיאוס ווערען.

מען איז, דאכט זיך, געזעסען א קאָמפּאַני, און מען האָט לעבעדיג פערבראַכט, איז ער אָבער אריינגעקומען, האָט ער אלעמען היפּנאָטיזירט, א מרה־שחורה׳דיגער ווינט האָט זיך צוזאמען מיט איהם אריינגעריסען און האָט אייך דורכגענומען אלע גליעדער.

אפילו דער שמייכעל, וואָס זיין מוזיניקעל, אייבעלע, א זעלטען גערעטען קינד, האָט ביי איהם דורך א געראָטענע חכמה איין מאָל אין א יובל ארויסרופען. אפילו דער שמייכעל איז געוועזען א געמאַטערטער, עס האָט אויסגעזייגט, אזוי ווי ער וואָלט געבראַכט א שרעקליכען אָפּפער צוליעב דעם קינד.

פונקט דער היפוך פון איהם איז געוועזען די שוועסטער זיינע, סערע האָט זי געהייסען.

דאָס איז געוועזען דאָס לעבען אליין. דעם גרעסטען מעלאנכאָליקער האָט זי געקענט פרעהליך מאכען. די גאנצע וועלט איז ביי איהר געוועזען, ווי א מין טאנץ־זאל. שפּרינגען, לויפען, שטיפען, לאכען.

האָט איהר זיך נאָר וועגען עפּעס פערטראַכט, איז זי נעבען אייך באלד אויסגעוואַקסען. און ווילענדיג און ניט ווילענדיג, האָט איהר האָט שוין געמוזט אָננעהמען אן אנדערע מינע. קינדערשע שטיפערייען האָט זי געהאט אין זיך: פּיקען די נאָז, ארויסכאַפּען דעם טיכעל פון אונטער אייך, ביים עסען אוועק׳גנב׳ענען דעם טעלער, ביים טרינקען אונטערקלאַפּען די גלאָז, ביים פעררויכערען א סיגארעטעל פערלעשען דאָס שוועבעלע, און איהר האָט זיך פון איהר ניט געקענט אויסבעהאלטען, זי פלעגט נאָכלויפען, נאָכיאָגען, און רייסען, פּאטשען אייך, און לאכען, לאכען ביז צום צוקייכט ווערען.

און ניט איינמאָל פלעגט זיך ביי מיר אריינ׳גנב׳ענען א פער־

לאנג צו זעהען אמאָל ברודער און שוועסטער איבערבייטענדיג זיך מיט זייערע ראָלען.

דעם פעסימיסטישען רייכערם האָט זיך מיר ניט געוואָלט זעהן אמאָהל א לעבעדיגען, א פרעהליכען, אמת פרעהליך, מיט התלהבות, מיט א ברען.

און פערקעהרט, די שוועסטער זיינע האָט זיך מיר געוואלט זעהן אמאָל אין א אומעטיגער פאָזע, פער׳מרה־שחורה׳ט, פער־זארגט, פערטראכט, ערנסט פערטראכט.

און מיין פערלאנג איז אויך אמאָל אונגעריכט מקוים גע־ווארען.

דאָס איז געווען אין א שעהנעם אבענד, איך בין געקומען פון דער ארבייט און האָב געטראָפען מיין רייכערס׳ן אין אן אויפגערעג־טען שמועס מיט דער ווייבעל, מיט זיינער.

— וואס ווייסטו? — האָט ער גע׳טענה׳ט, און אלע אברים האָבען אין איהם געציטערט — וואס הייסט, איך וואלט דאָך איהם געווען, איך וויים אליין ניט וואס!... האָסטו געהערט?!...

די ווייבעל זיינע האָט געלאכט.

— וואס רעדסטו, משוגע׳נער? ווי קען ער דאָס? ער טאָר ניט, א מיוחס אין אמעריקא. ער זאָל איהם לאָזען דעם בריעף אָהן אן אונטערשריפט, און וואס איז דאָ דער געוואלד אזוי, ער וועט דאָך קומען, וועט ער קומען שפעטער, וואס ביזטו משוגע, וואס?

רייכערס האָט ניט געוואלט וויסען פון גאָר ניט. — וואס הייסט, ער טאָר ניט, וואס הייסט? ער קען מיך ניט? איך וועל אנטלויפען מיט׳ן אונטערשריפט מיט זיינעם? וואס איז דאָס פאר... פאר... געזעצע דאָ אין אמעריקא? האָסטו געהערט אזעלכעס — און ער איז געשפרונגען פון הויט...

נאָכדעם בין איך געוואָהר געווארען אז דאָ האנדעלט זיך וועגען א פערזיכערטען בריעף, וואס איז אָנגעקומען פון רוס־לאנד. און רייכערס האָט דאָס אזוי געפייערט אויפ׳ן בריעף־טרעגער ווארום ער האָט ניט איבערגעלאָזט דעם בריעף אָהן זיין אונטערשריפט. — דאָס מוז געווים זיין דאָס בילד פון דער מאמע, זי האָט געשריבען אז זי שיקט ארוים איהר בילד. סטייטש, זיין

מאַמעס בילד! וואָס פאַר רעכט... — דאָ האָט ניט געהאָלפען קיין לאָגיק. דאָ האָבען גערעדט געפיהלען און ער איז ארומגעלאָפען ווי משוגע.

דערווייל איז אָנגעקומען די שוועסטער, און אז מען האָט איהר דערצעהלט וועגען דעם האָט זי גענומען שפּרינגען, טאַנצען, פּליעסקען מיט די הענד: אוי, אוי, אוי, דער מאַמעס בילד! דער מאַמעס בילד! מיין טהייערע מאַמע! האָט זי צוגעפּרעסט איהרע ביידע הענד צו דער ברוסט, ווי זי וואָלט דאָרטען געדריקט די מאַמע איהרע, און האָט געטאַנצט און געפּרעהט זיך מיט טרעהרען.

— וואָס שפּרינגסטו ווי א ציג, משוגענע? וואָס ביזטו ווילד? — האָט רייכערס ניט געקענט איבערטראַגען.

אויף דער מינוט איז אָנגעקומען דער בריעף־טרעגער.

שוועסטער און ברודער האָבען זיך ביידע א וואָרף געטהאָן אויף איהם, און איידער מיין לאַנדסמאַן האָט מיט ציטערענדע הענד אונטערגעשריעבען זיין נאָמען האָט זי שוין אויפגעריסען דעם קאָנווערט און ארויסגעכאַפּט דאָס בילד.

— די מאַמע! די מאַמע! — האָט זי אויסגעשריען.

באַלד האָט רייכערס אָנגעכאַפּט דאָס בילד ביים צווייטען עק.

א ווייל'ע זיינען ברודער און שוועסטער געשטאַנען אונבעוועגט, אריינגעגראָבען די בליקען אין דעם בילד, און האָבען געשוויגען.

זייערע אויגען האָבען זיך אָבגעשטעלט אויף פערשיעדענע פּונקטען פונ'ם בילד. דעם ברודער האָט זיך פּלוצים א וואָרף געטהאָן אין די אויגען די בראָשקע, וואָס די מאַמע האָט געטראָגען אויפ'ן האַלז.

די בראָשקע האָט דער טאַטע געקויפט דער מאַמען אויף זיין חתונה. צוויי אַזלכע בראָשקעס האָט ער געקויפט. איינע פאַר דער כלה „אַליאַשטשענע", און איינע פאַר איהר. „נאַ, אַלטעטשקע", האָט ער געזאָגט, „דאָס איז א מתנה פאַר דיר. די זעלבע בראָשקע ווי אונזער זוהן'ס כלה..."

און ווי א בליץ איז איהם אין דעם מאָמענט דורכגעפלויגען זיין גאַנצע יוגענד.

אָט איז ער נאָך א אינגעל, א בחור'ל, א בר מעלה, א מושלם. אַלע רעספּעקטירען איהם, אז ער געהט דורך אין גאַס, רעדט דאָס

שטעדטעל, משה אברהם יודעל׳ס, אַט געהט משה אברהם יודעל׳ס. און משה אברהם יודעל׳ס קוקט פון אויבען אראב, א בחור׳ל וואס לערנט פראנצויז, רעדט רוסיש, א גוטער העברעער, א משכיל, א אידעאליסט, פול מיט האָפנונגען אויף א גלענצענדער צוקונפט.

און אַט בעקענט ער זיך מיט ליזע׳ן, לאה׳צע דוד יוסעל׳ס, די שעהנסטע, די קליגסטע, די געלעהרנטסטע מיידעל אין שטעדטעל און ווי ליעב ער בעקומט זי, ווי ליידענשאפטליך ליעב. און זי איהם. ווי גליקליך זי שעצט זיך מיט איהם. און זיי געהען שפּאַ־ציערען געארעמט, אונטער א בלויען, אויסגעשטערענטען הימעל, צווישען גרינע, שמעקענדע בוימער, און אלע זיינען זיי מקנא, אלע מיידלעך, אלע בחורים.

און אַט קומט פאר דער חתונה, אין שטעדטעל קאָכט, אין דער צווייטער זייט דירה קלאפען די שערען מיט די אייזענס, די שניי־דערס נעהען חתונה מלבושים. א גארדאראבע אויף יאָהרען פער־זארגט. די שעהנסטע, די בעסטע, די רייכסטע קליידער, כלי זמר אראפּגעבראכט פון נעמיראוו, „יוסיל פלייטיסט" און „ברוך פידלער", סאמע די בעריהמטסטע כלי זמר, א קאָמפּאניע פון דריי־סיג שטיק.

און אַט איז שוין די חתונה. צו דער חופּה געהט נאָך דאָס גאנצע שטעדטעל, אזא גליקליכע פּאָרעל, סטייטש, אזא חתן, אזא כלה — הערט זיך פון אלע זייטען. בחורים, מיידלעך שטעהען אויף די קעפּ. יעדערער וויל כאפּען א קוק, יעדערער איז מקנא.

פון דער חופּה געהענדיג טאַנצט די מאַמע מיט דעם טאַטען א פרעהליכס. דאָס גאַנצע שטעדטעל פליעסקעט, און גיבען אָב „מזל־טוב" און די מאַמע טאַנצענדיג, ענטפערט אלעמען „מיט מזל זאָלט איהר לעבען".

און ווי שעהן די מאַמע זעהט אויס אין דער בראָשקע. זי שיינט אזוי ווי א שעהנע כלה, און ווי לעבעדיג, פרעהליך זי איז, א גליקליכע, א גליקליכע מאַמע.

און עס ווייזט זיך איהם אויס, ווי די מאַמע שיינט, לעבט אויפ׳ן בילד. זי טאַנצט, זי איז פרעהליך, און עס ווערט איהם גוט, אזוי גוט, אז עס ווילט זיך איהם טאַנצען, שפּרינגען, ארומ־כאפּען די גאַנצע וועלט און געהען א פרעהליכס...

און די שוועסטער? דער שוועסטער'ס בליקען האָבען זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט אויפ'ן רינגעל, וואס די מאַמע האָט געטראָגען אויפ'ן פינגער.

צוויי האָט די מאַמע געהאַט אַזעלכע, איינעם פון זיי האָט איהר די מאַמע געגעבען א מתנה, ווען זי האָט זיך ארויפגעזעצט אויף דער פוהר, פאָהרען קיין אמעריקא.

עס איז שוין געווען נאָכ'ן טאַטענס טוידט, די צייטען זיינען שוין געווען ניט אַם בעסטען, א שידוך טהאָן ווי עס האָט געפּאַסט האָט מען ניט געקענט, און מיט אַבי וועמען איז ניט אָנגעשטאַנען, און זי איז געפאָהרען קיין אמעריקא...

— נא — האָט איהר די מאַמע געזאָגט ביים לעצטען „זיי געזונד", אראָפּנעהמענדיג דאָס רינגעל פון פינגער — נא, טאָכטערקע, דאָס וועסטו האָבען אָן אָנדענקען פון דיין מאַמע. דאָס וועט זיין דיינע כלה מתנות, דיין דרשה געשאַנק, דיין נדן, אָרימע טאָכטער מיינע, נאָ און פערגעס מיך ניט — האָט זי אויסגעבראָכען אין א שרעקליכען יאָמער. — שרייב, טאָכטערניו, בריעף, פערגעס ניט דיין מאַמע! שרייב מיר ווען דו וועסט א כלה ווערען, ווען דו וועסט חתונה האָבען, שרייב טאָכטערישע, פערגעס ניט אָן דיין צובראָכענער מאַמע! פערגעס ניט, פערגעס ניט... אוי, טאָכטער! — האָט זי זי ארומגעכאַפּט און געוואַשען מיט זודיגע טרעהרען, — אוי, טאָכטער!

און עס ווייזט זיך איהר אוים ווי די מאַמע וויינט אויפ'ן בילד. זי יאָמערט, זי בעט זיך: טאָכטער, טהייערע טאָכטער, פערגעס ניט דיין אָרימע מאַמע...

— אָרימע מאַמע! — האָט די שוועסטער ארויסגעפּלאַצט מיט א געוויין, — וואס ביזטו אזוי אומעטיג? וואס וויינסטו? טהייערע, ליעבע מאַמע!

— משוגענע, וואס רעדסטו? די מאַמע איז דאָך אזוי פרעהליך — האָט דער ברודער געטאַנצט פון שמחה...

— וואס ווילסטו, וואס? קוק זיך נור צו — האָט די שוועסטער געכליפּעט — זעה ווי זי קוקט נעבעך אוים, ווי טרויעריג, אָרימע מאַמע!

— אדרבא, קוק דו — האָט דער ברודער געשטראַהלט פאר

פרייד — זעה ווי זי שמייכעלט, ווי זי לעבט, זעהסט גאָר ניט? ביזט פון זינען אראָב, צי וואָס?

ברודער און שוועסטער האָבען זיך ווידער גענומען אָנקוקען דאָס בילד.

— איך בעט אייך, זאָגט איהר שוין — האָט די שוועסטער מיך מיט דער שווערגרין איינגעלאָדען פאַר מבינים — קוקט זיך נור צו, איך בעט אייך, קוקט די מאַמע ניט אויס מרה שחורה'דיג, פערזאָרגט? זעהט נור די אויגען, זיי קוקען דאָך אַזוי טרויעריג, און דער קאָפּ, זעהט נור, ווי איינגעבויגען און ווי זי האַלט פערלעגט די הענד, און אין גאַנצען זעהט נור ווי זי זיצט, אָרימע מאַמע, נעבעך! וואָס ביזטו אַזוי אומעטיג?

— איך פערשטעה זי ניט, בנאמנות. אדרבא, זעהט, איך בעט אייך — האָט דער ברודער אונז געריסען — דאַכט זיך אַ בלינדער קען זעהן, די אויגען זיינען דאָך אַזוי פרעהליך, די ליפּען, זיי שמייכלען דאָך, און ווי זי זיצט אַזוי הרחבה'דיג, אַזוי לעבעדיג, טהייערע, טהייערע מאַמע — האָט ער געטאַנצט...

מיר האָבען זיך ביידע איינגעקוקט אינ'ם בילד, און מיר האָבען ניט געזעהן ניט קיין פרעהליכעס און ניט קיין אומעטיגעס. אַ בילד, אַ געוועהנליך בילד...

— אַ שעהנעס בילד — האָב איך געזאָגט מיין מבינות — אַ שעהנע, זעהר אַ שעהנע אידענע.

— וואָס ווילט איהר, משוגעים? — האָט די מאַדאַם רייכערס מיר אונטערגעהאָלפען — וואָס האָט איהר זיך אָנגעכאַפּט? ווער אומעטיג? וואָס פרעהליך? וואָס האָט איהר דאָ דערזעהן?

— וואָס רעדט איהר — זיינען ברודער און שוועסטער מיט אונז ניט געוועזן צופריעדען.

און ווידער האָט דער ברודער אַ כאַפּ געטהאָן דאָס בילד, האָט זיך איינגעקוקט, און האָט געטאַנצט פאַר שמחה.

און ווידער האָט די שוועסטער ארויסגעריסען דאָס בילד, האָט אַ קוק געטהאָן, און האָט זיך צוכליפּעט מיט טרעהרען.

אַ התלהבות'דיג טאַנצען און אַ התלהבות'דיג וויינען איז דאָס געוועזן. דאָס האָט נור געקענט מאַכען אַ בילד פון אַ מאַמע!...

דער „אַמעריקאַנעץ".

ווען ברכה לאה איז אָנגעקומען קיין אמעריקא און זלמן משה איז זי געקומען ארונטערנעהמען פון דער שיף, האָט זיך איהר בשום אופן ניט געגלויבט אז דאָס זאָל זיין איהר זלמן משה.

זלמן משה, דער אויסגעווייקטער חסיד'ישער יונגערמאַן, מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע, מיט'ן שפּיציגען בערדיל, און מיט די גע־קרייזעלטע פּאה'לעך, דער דאָזיגער זלמן משה וואס פּלעגט אין דער היים איבערליגען דורך די טעג און דורך די נעכט מיט די חסידים אין קלויז, און האַלטען אין איין נאָכדערצעהלען מעשיות מיט מופתים פונ'ם רבי'ן — איז דאָ אין די פיער יאָהר צייט אין אמעריקא געוואָרען גאָר אַן אַנדער מענש.

חוץ דעם וואס עס איז שוין ניט געווען אויף איהם קיין סימן פון קיין באָרד און פּאות, קיין סימן פון קיין אידישע מלבושים, איז פּשוט דאָס גאַנצע פּנים זיינס, דער קוק אפילו האָט זיך ביי איהם איבערגעאַנדערשט. עפּעס א טריפה'נעם פּרצוף, מיט גזלנ'־אישע אויגען! — האָט ברכה לאה פאַר זיך געזעהן.

ווען ברכה לאה האָט אויף איהם א קוק געטהאָן, איז זי א פּערציטערטע געבליבען, און ווען זלמן משה האָט זי ארומגעכאַפּט קושען, האָט זיך איהר אויסגעדוכט, אז יאָקום באַנדערענקאָ, דער גוי'אישער כלי־זמר, ביי זיי אין שטעדטעל, איז אויף איהר פּלוצלים ארויפגעפאַלען און גענומען זי שטעכען מיט זיין געגאָלטער מאָרדע. עס האָט זיך איהר געוואָלט אָנהויבען שרייען „אידי איק טשאָרטו, סווינגיא!" (געה צום טייפעל חזיר)—אַן עקעל, א ציטערדיגער עקעל איז איהר בעת מעשה דורכגעגאַנגען דורך אַלע גלידער. זי האָט זיך געדרעהט און געראַנגעלט אין זיינע אָרימס, און א צומישטע האָט זי אינסטינקטיוו א וואָרף געטהאָן איהרע צושראָקענע בליקען אויפ'ן קינד, אויפ'ן אכט יאָהריגען חיים'לען, וואס זי האָט מיטגעבראַכט מיט זיך. זי האָט דאָס קינד א ציה געטהאָן צו זיך, און קאָר־טשענדיג זיך, האָט זי דאָס גענומען דריקען, ווי זי וואָלט מיט אמאָל דערפיהלט עפּעס א סכנה שוועבענדיג איבער דעם.

זלמן משה האָט דערנאָך ארומגעכאַפּט דאָס קינד, און האָט עס אויך גענומען קושען.

דאָס קינד האָט זיך פון איהם געריסען, עס האָט געווישט די בעקלעך מיט די הענטלעך, און האָט זיך אָנגעהאַלטען אָן דער מאַמעס קלייד. און ברכה לאה האָט בעת מעשה געהאַלטען אין איין קוקען און בעטראַכטען זלמן משה'ן. זי האָט גאָר געדעבענט אַז דאָס טרייבט עפּעס אימיצער מיט איהר א שפּאַס. אַז דאָס האָט זיך אימיצער בלויז פאַרשטעלט פאַר זלמן משה'ן.

ערשט נאָכדעם, ווען ער האָט זי, מיט א פייכטקייט אין די אויגען אָנגעהויבען אויספרעגען אויף די עלטערען, אויף די שוועס־טער און ברידער, און אויף די קרובים און בעקאַנטע פון שטעדטעל, האָט זי אין זיין ווייך געוואָרענעם בליק און אין דער שטימע, אָנגעהויבען צו דערקענען אַן עהנליכקייט צו זלמן משה'ן, אָבער אַזוי פרעמד, אַזוי ווילד פרעמד, האָט זי גפיהלט צו איהם, אַז רעדענדיג מיט איהם האָט זיך ביי איהר געריסען אַז זי זאָל איהם „איהר'צען" — זיי זיינען, דאַנקען גאָט, אַלע געזונד, און אַלע נעבאַך אויף גרויסע צרות, זיינען זיי, זיי זיינען אַלע מקנא וואָס מען איז שוין אין אַמעריקאַ — האָט זי אָבגעגעבען א גרוס און האָט זיך געסטאַרעט אויסצומיידען דאָס וואָרט „דו" און „דיך" — מען זאָל זיי אַרויסשיקען שיפסקאַרטען, וואָלט מען געהאַט די גרעסטע מצוה...

פיהרענדיג זי מיט דער טראַמוויי אהיים האָט זלמן משה אַרויפגענומען חיים'לען אויף די קניעס און גלעטענדיג און צערטל־לענדיג דאָס קינד, האָט ער זיך מיט בעגייסטערונג געהאַלטען אין איין אויספרעגען ביי ברכה לאה'ן. אַלע מאָל האָט ער זיך דער־מאָהנט אָן אַן אַנדער בעקאַנטען, אָן אַן אַנדער גוטען ברודער פון דערהיים.

די פראַגעס זיינען געווען איילענדיגע, און נאָך איידער זי האָט איהם געענטפערט אויף איינער, איז ער באַלד אַריין מיט א צוויי־טער.

— וואָס מאַכט דאָרטען יוסעל בער דער חזן? אַלץ א קבצן? און יצחק יונה מיט דער באָרד? נאָך אַלץ דער זעלבער מעקלער? שלעפּט זיך נאָך אַלץ איבער'ן מאַרק מיט'ן שטעקעלע?

— אַלע מיינע שונאים רבונו של עולם — האָט איהם ברכה לאה געענטפערט אַבזיפצענדיג.

און זלמן משה, ניט איבערפרעגנדיג אפילו אויף וועמען דער דאָזיגער ענטפער גערהט, צי אויף יוסעל בער חזן, צי אויף יצחק מיט דער באָרד, איז זי באלד פערלאָפען מיט נייע פראגעס.

— און וואס מאכט בערטשיק יעקב נחמה'ס? אליץ א פראַ־צענטניק? און יחיאל שלום? אליץ א ליכט־ציהער?

און ווען זלמן משה האָט זי שוין געהאַט אויסגעפרעגט אויפ'ן שטערטעל פון עק ביז עק, און ברכה לאה האָט איהם אויסגערע־כענט: ווער עס איז אונטער דער צייט געשטאָרבען, ווער עס האָט חתונה געהאט, ווער עס האָט איבערגעבויט די דירה, ווער עס האָט „אָנגעזעצט", און ווער עס איז אוועק קיין אמעריקא, איז זלמן משה איבערגעגאנגען וועגען זיך און וועגען אמעריקא.

ער האָט איהר גענומען ריהמען, וואָס פאַר א גאָלדענע מדינה אמעריקא איז, און אז דאָ געהען ניט אָן די היימישע שטיק, דאָ דארף מען זיין א מענש, אן אמעריקאנער, הייסט עס, ניט קיין „פליאסקענדריגע". דאָ זיינען ניטאָ קיין חסיד'ישע קלייזלעך מיט קיין „גוטע אידען". אמעריקא איז ניט פיטשערי, דאָ דארף מען זיך צולערנען דאָס לשון, מען דארף ניט זיין קיין „גרינער". אמעריקא האָט פיינט די אלע מעשיות, האָט אמעריקא פיינט.

און וועלענדיג צייגען פאר ברכה לאה'ן וואס פאר א מין „אמעריקאנעץ" ער איז דאָ אונטער דער צייט געווארען, האָט ער גלייך פערטשעפעט דעם קאָנדוקטאָר פון דער טראַמוויי און האָט זיך גענומען ביי איהם אויספרעגען, אויף וואס פאר א טראַמוויי ער וועט דארפען בייטען ער זאָל קענען צוקומען צו סאפאלק סטריט.

דער קאָנדוקטאָר האָט הפנים זלמן משה'ן דעם „אַמעריקאַנעץ" ניט גאַנץ גוט פערשטאנען, און האָט איהם געהאלטען אין איין איבערפרעגען, און אז ער האָט פון איהם גאָר ניט געקענט ארויס־קריגען האָט ער גענומען אבלאכען פון איהם און נאָכמאכען מיט די הענט, ווי מען קרימט נאָך א אידען.

דאָס האָט שוין זלמן משה'ן פערדראָסען, און ער האָט גענומען וואס אמאָל מעהר טענה'ן מיט די הענט, און מיט אלע אברים.

אין דער טראַמוויי זיינען געפאָהרען יונגע חברה, מיט מיאַ־טשעס אין די הענט, און מיט אזעלכע אויסגעבעטע הענטשיקעס, און מיט „רובינעס", שטעקענעס אזעלכע. זיי האָבען אלע געקייט

עפּעס מיט די מיילער און געטאַנצט און געזונגען און געשפּרונ־גען.

ווען זיי האָבען בעמערקט ווי זלמן משה היצט זיך אַזוי מיט'ן קאָנדוקטאָר, איז אויף זיי געוואָרען אַ שמחה און זיי האָבען אַלע גענומען איהם נאָכקרימען, זיך וואַרפען מיט די הענט, מיט די פיס און ציהען, אויף'ן אידישען שטייגער מיט די אַקסלען, און הירזשען און טשירען מיט די צייהנער.

זלמן משה איז געשטאַנען אין מיטען טראַמוויי אַ צוטומעל־טער, און האָט זיך נערוועז אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטען.

און ברכה לאה איז בעת מעשה געזעסען און האָט איהם בע־טראַכט. זי האָט ערשט אַצינדערט דערזעהן אין איהם דעם אמת'ן היימישען זלמן משה'ן.

— וואָס האָסטו זיך מיט זיי פערטשעפּעט? — איז זי אויפ־געשטאַנען פונ'ם זיץ און האָט איהם אָהן צערעמאָניעס אויף „דו" גענומען אוועקשלעפּען פון זיי — דו זעהסט דאָך אַז דאָס זיינען „חזרים".

זלמן משה האָט זיך אוועקגעזעצט און דאָס גאַנצע געזיכט האָט איהם געפלאַמט פון אויפרעגונג.

ברכה לאה איז געזעסען און נאָכדעם ווי זי האָט איהם אַ ווײלע מיט רחמנות'דיגע בליקען בעטראַכט, האָט זיך ביי איהר ניט ווילענדיג אַרויסגעכאַפּט: „נאָך אַלעמען, פערשטעה איך ניט, וואָס האָסטו נאָך בעדאַרפט אַראָפּנעהמען די באָרד?"

— דו ביזט אַ נאַר, — האָט איהר זלמן משה מיט אַ פּער־באָרגענעם כעס געענטפערט — וואָס מיינסטו, אַמעריקאַ איז פּיטשערי?...

עס חלום'ט זיך איהם.

דער פריה מאָרגען איז געווען אַ קאַלטער, און אַ נאַסער.

אַ גאַנצע נאַכט האָט עס געהאַלטען אין איין בלאָזען מיט אַ נאַסען שנעע, און דער ווינד, אַזוי ווי ער וואָלט פון זיך פון אַ תפיסה בעפרייט, האָט געהאַלטען אין איין וואויען צווישען די קוימענס, און קלאַפּען מיט די לאָדען און שילדען.

פלאָטקין, א געוועזענער ריעל עסטייטניק, איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה און מיט רויטע אויגען פון ניט דערשלאָפען, האָט ער, רייבענדיג די הענט געגומען ארוממארשירען איבער'ן הויז, און קוקען אין פענסטער.

— שנעע, א פאסקודנער אין דרויסען, — האָט ער א מורמעל געטהאָן צו זיך אליין, — מען דארף שוין קויהלען, מיט ווארימע קליידער...

ער איז צוגעגאַנגען צום קאסטען, האָט ארויסגענומען דעם פוזענעם איינגעפאקטען טולופ, האָט איהם אויסגעשפרייט אויף דעם טיש און נאָכדעם ווי ער האָט איהם איבערגעדרעהט א פאָר מאָל פון איין זייט אויף דער צווייטער, פריהער מיט'ן געוואַנד ארויף, האָט איהם בעטראַכט פון אלע זייטען, האָט געשארט מיט די פינגער ארויף און אראָב און געבלאָזען צווישען די האָר — האָט ער מיט א פערקרימטער מינע, און מיט א מאַך מיט דער האַנד איהם גענומען בערשטלען.

בערשטלענדיג דעם טולופ, האָט ער ערשט גוט געקענט בע־מערקען ווי אזוי ער איז אָבגעריבען, און אָפגעטראָגען.

— אין די גוטע צייטען — איז איהם ארויף א געדאַנק — וואָלט מען אזא שמאַטע אוועקגעשענקט אימיצען, אָדער מען וואָלט זי פערקויפט צו א הענדלער פון אלטע קליידער, ביי דער שלעכ־טער צייט אָבער וואָלט מען אמווניגסטען איהם כאָטש בעדארפט אביסעל פעררירכטען, איז אָבער, ווי ווענינ... דארף דער עסק קאָס־טען א פינף זעקס דאָלאר... פינף זעקס דאָלאר!...

ער בערשטעלט און דער שטערען האלט זיך אין איין קניי־טשען.

— מיט'ן אמת — קומט איהם ארויף א געדאַנק — וואָלט ער בעדארפט א שליידער טהאָן צו אל־די־שווארצע־יאָהר אָט די שמאַ־טע, אוועקוואַרפען די גאַנצע בושה, און געהן אוועקזעצען זיך ביי „קלאָקס". ביי קלאָקס איז יעצט „ביזי", מען מאַכט שטי־קער מיט געלד...

ער גיט א ווארף זיינע בליקען איבערן הויז, בעטראַכט דאָס אָבגעבליאקעוועט מעבעל וואס איז איהם נאָך פערבליבען פון די גוטע צייטען, און איהם ווייזט זיך אויס, ווי דאָס מעבעל מיט'ן

אויסגעקראַכענעם טולופּ וואס ער האַלט אין בערשטלען, לאַכען פון איהם דאָס גרעסטע געלעכטער.

פּלאַטקין דער „קלאַאקס אַפּערייטאָר" מיט א „מאַהאָגאַני סעט", און מיט א פּוזענעם טולופּ.

און ער דערפיהלט זיך ווירקליך עפּעס אזוי קאַמיש, אז ווען עס זאל איהם ניט זיין אזוי אַנגעביטערט אויפ'ן הארצען, וואלט ער זיך צולאַכט פון זיך אליין.

— עס איז ניט אַנדערש ווי עפּעס א מין שפּיצעל פונ'ם טייוועל אליין — קומט איהם אויף דער מחשבה. — מען נעהמט א מענשען וואס האַט זיך געלעבט א גאַנץ רוהיגען לעבען און פּלורצים, א הו־הא, א טומעל, א רעש: „לאַטס", „פּראָפּערטיעס", „טוופעל", „פוירסט מאָרטגיידזש", סעקאָנד מאָרטגיידזש", ווארפט זיך מיט פופציגערס, מיט הונדערטערס, און מיט אמאָל קוקסט זיך ארום האָט מען דיך איבערגעלאָזט מיט אַבגעבליאַקעטע עטליכע שטוהלען, מיט אַן אויסגעקראַכענעם טולופּ. מען האָט דיך ארומגעשטעקט, הייסט עס מיט פעדערען, ארויסגעשטעלט א צונג, און מען האָט דיך געלאָזט שטעהן אין בלאָטע...

ער גיט א שליידער דעם טולופּ מיט דער בארשט, נעהמט רייבען דעם שטערען און ארומשפּאַנען נערוועז איבער דער שטוב, און קוקען אלע מאָל אין פענסטער.

ער דערזעהט פון דער ווייטענס דעם בריעף טרעגער, אַנגעלאָדען מיט א גאַנצען פּאַק בריעף. און ער דערפיהלט ווי א קעלט וואלט איהם דורכגעגאַנגען דורך אלע גליעדער.

אמאָל, אז ער פלעגט דערזעהען דעם בריעף טרעגער, פלעגט ער זיך איבער איהם דערפרעהען ווי איבער'ן בעסטען גוטען פריינד, ער האָט געוואוסט אז מיט יעדער פּאָסט האָט ער איהם געבראַכט א נייע גוטע בשורה. דאָרטען גיט מען אזוי פיעל פּראָפיט, דאָרט שלאָגט מען פּאָר אזא געשעפטעל, דאָ אַן אַנדערס, געלד האָט געפלאָסען פון אלע זייטען.

אַצינד אָבער אז ער דערזעהט איהם, איז אזוי ווי ער וואלט דערזעהן דעם מלאך המות. מיט יעדער פּאָסט, א נייע צרה: דאָרט האָט מען פערלוירען, דאָ האָט מען צוגענומען, דאָ מאָהנט מען, דאָרט רופט מען אין „קאורט" אריין...

באַלד אָבער קומט ער צו זיך און בערוהיגט זיך. ער דער־מאָהנט זיך אז ער האָט זיך שוין ניט וואס צו שרעקען, מען האָט שוין אַלעס, אַלעס צוגענומען, מען האָט איהם געלאָזט ביים אויס־געקראַכענעם טולופּ, און ביי די עטליכע „מאַהאגאָני" אָבגעבליא־קעוועטע שטוהלען. ער לאַכט פון זייער קאָפּ!...

און אז דער בריעף־טרעגער געהט דורך, און ווארפט איהם אריין א פּאקעט, ווילט זיך איהם, איהם נאָכשרייען: העי, העי בריעף טרעגער! מען הערט דיך ווי די קאַץ. וואס וועלען זיי ביי מיר נעהמען, וואס? דעם אויסגעקראכענעם טולופּ?

ער עפענט דעם בריעף און איידער ער פאנגט איהם נאָך אָן צו־לעזען איז ער זיך שוין משער פריהער וואס פאר א בריעף עס קען זיין, מסתמא פאר רענט, רענט איז ער שוין שולדיג זעקס מאָנא־טען. דער טיפּוש דער לענדלראָד האלט איהם נאָך הפּנים אַלץ פאר א „ריעל עסטייטניק"... צי פאר קויהלען, פאר קויהלען איז ער נאָך שולדיג פאר'ן לעצטען ווינטער...

ווען ער הויבט אָן אָבער צו לעזען, — נעהמט זיין געזיכט אָן צו ביסלעכווייז, אן אנדער מינע, אויף זיין שטערען בעווייזט זיך א מין גדלות, און ער צולעגט זיך אויף דער שטוהל מיט ברייטקייט און פערלעגט א פוס איבער א פוס...

אין דעם בריעף מאָהנט מען איהם ניט אזעלכע לומפּיגע עט־ליכע דאָלאר, ווי זעקס מאָנאַטען רענט — צי פאר קויהלען, נאָר מען מאָהנט איהם מיט אמאָל פינף טויזענד דאָלאר. א „מאָרט־גיידזש" פון א פּראָפּערטי, וואס ער האָט פערקויפט מיט דריי שותפים, נאָך מיט פינף יאָהר צוריק.

פלאָטקין דערפיהלט זיך מיט אמאָל גאָר פאר אַן אנדער מענש, א מענש וואָס האָט צו טהאָן מיט טויזענדער, און גיט זיך א כאַפּ צום אויבערשטען קליינעם קעשינקעל פונ'ם ראָק און נעהמט זוכען א סיגאר ווי אין די אמאָליגע יאָהרען...

קיין סיגאר געפינט ער ניט, אבער איהם קומט גאָר ניט אויף, אז עס איז דערפאר ווייל ער האָט ניט פאר וואָס צו קוי־פען, נאָר גלאַט עס איז איהם אויסגעגאנגען די סיגארען. וואס איהם פערדריסט איז אויף די שותפים אויף זיינע, איינער איז אין

אויסרייסעניש, דער אַנדערער איז ווייסט דער טייפעל וואו, און ביים דריטען, וואָס קען מען ביי איהם נעהמען? — אַ קבצן!...

און ער טהוט אַ דעם טולופּ, נעהמט דעם שטעקען, און לאָזט זיך געהן, ער איז דאָך פּערנומען, עס איז דאָך עפּעס אַ געשעפט פון פינף טויזענד דאָלאַר...

אין גאַס, ווען ער בעגעגענט דערצעהלט ער די געשיכטע פון די פינף טויזענד דאָלאַר און ער רעדט מיט אַ מין ערנסטקייט אַז קיינעם קען גאָר ניט איינפאַלען אַנדערש, נאָר אַז דער מאַן וועט נעבעך דאַרפען בעצאָהלען די פינף טויזענד דאָלאַר.

— האָט איהר געהערט? עס איז דאָך הימעל שרייענד! דריי שותפים, אצינד געה זוך דעם ווינד אין פעלד, דער איז דאָ, דער איז דאָרט, און דער איז גלאַט אַן אָרימאַן, און עס לאָזט זיך אויס צו דיין קאָפּ!

און פּלאַטקין לויפט אַרום ווי אַ פער'סם'טער, ער לויפט צום לאָיער און פונ'ם לאָיער, ער מאַכט גוואַלדען און שרייט, ליאַרמט: וואָס הייסט עפּעס אַ ווערטעל אויסצורעדען, פינף טויזענד דאָלאַר!

פּלאַטקין פערגעסט אינ'ם רעגט און די קויהלען, און אין אַלע צרות, ער לעבט איצטער דורך די אמאָליגע צייט, ער האָט אַ געשעפט פון טויזענדער, און איז פּערנומען, שטאַרק פּערנומען...

אַ גוט געשעפט.

ציפּרין, אַ איד אַ קרעמער, וואָס איז כסדר פערנומען, און האַלט אין איין דערצעהלען גליקען פון זיין געשעפט, — האָט זיך זעהר דערפרעהט אַז ער האָט אין איין אויף־דער־נאַכט, גאָר אונגעריכט, פּלוצים דערזעהן זיין אמאָליגען פריינד ליפּסקי'ן ביי זיך אין קרעמעל.

— וואָס איך זעה, ליפּסקי! — האָט ער מיט שמחה אויסגעשריען, און האָט זיך גענומען ווישען די נאַסע הענד פון דער סאָדאַ וואַסער, און האָט איהם אַריינגעשטעקט אַ „שלום עליכם" — וואָס מאַכט דאָס ווייב? וואָס מאַכען די קינדערליך? אַזאַ גאַסט, פּלוצים, אונגעריכט!... — שרה! זעה נאָר, וואָס פאַר אַ גאַסט מיר האָבען!

אויף דעם געשריי, שרה! האָט זיך באלד פון די חדרים הינ־טען אין קרעמעל אריינגעיאָוועט ציפּרינ׳ס ווייב און נאָך איהר די קינדערלעך, און האָבען אלע ארומגעשטעלט דעם גאסט: וואס זשע מאכט מען? וואס זשע מאכט מען? ווי געהט עס אין אלעמען? און וואס מאכט די פאמיליע, אן אונגעריכטער גאסט — וואס זאָגסטו ניט דערויף! ווי פונ׳ם הימעל אראב!

אונטער דער צייט וואס די פאמיליע ציפּרין האָט זיך אזוי געפרעהט מיט דעם גאסט, זיינען זיך דערווייל צוזאמענגעקומען היבשע עטליכע קונים אין קרעמעל אריין. אידען מיט פרויען און קינדער, ווער נאָך א גלאָז סאדא וואסער, ווער פאר א פעני א סי־גארעטעל און ווער פאר א פּאָר סענט קאָנפעקטען. די דאָזיגע קונים האָבען צוגעאיילט ציפּרינ׳ען און האָבען איין וועגס צוגעקוקט מיט וואס פאר א שמחה מען טאַנצט דאָ ארום דעם גאסט.

ציפּרין האָט בעדיענט די קונדען און אין מיטען זיך גע־האלטען אין איין נאָכפרעגען און דערמאָהנען די אמאָליגע ציי־טען ווען מען איז געווען אזוי נאָהענט און אזוי בעפריינדעט, אז מען איז פּשוט איבערגעלעגען איינס ביים צווייטען אין הויז.

— ניטאָ אמאָליגע יאָהרען — האָט ער צוגעזיפצט, — אָט אזוי ווי דו זעהסט, מען איז כסדר פערנומען. דאנקען גאָט, מען מאכט טאקע א דאָלאַר, אָבער מען מוז כסדר זיין אין יאָך, — און דאָס ווייב, און די קינדער. און ווי געהט עס עפּעס ביי דיר? איך מיין אין דער פרנסה? האָסט, דוכט זיך, געהאַט א ביידעל פון צייטונגען? איך האָב געהערט אז דו מאַכסט גאנץ גוט.

ליפּסקי האָט דערצעהלט, אז ער האָט פון די צייטונגען געמאכט גאָר ניט שלעכט, אבער ער האָט דאָס ביידעל פערקויפט, און ער זוכט יעצט אַן אַנדער געשעפט.

— אזוי, זוכסטו, הייסט עס, א געשעפט? — האָט זיך ציפּ־רין נאָכגעפרעגט, און האָט זיך בעת מעשה אביסעל פערטראַכט.

— אָבגענומען, הייסט עס, טאקי היבשע עטליכע הונדערטער?

— מע, נישקשה — האָט ליפּסקי צוגעגעבען.

— אזוי, אזוי? נו, וואָס מיינסטו, פאַר א געשעפט וואָס מען האָט פרנסה, דאַרף מען גוט בעצאָהלען, אָט א שטייגער מיין גע־שעפט, וויפיעל, רעכענסטו וואלט מען מיר בעצאָהלט דערפאַר?

וועסט גאָר ניט טרעפען. אָט ווי דו קוקסט אָן, קענסטו דאָך מיינען אז עס איז דאָ דאָ מי יודע וויפיעל ארבייט, איז אָט־אָ־די־אָ — האָט ציפּרין אָנגעצייגט אויף זיין מיידעל — וויפיעל מאָל לאָז איך איהר איבער און זי פיהרט דאָס גאנצע געשעפט. — שטעל זיך טאָקע אוועק, יעטע, און מיר וועלען ארייננעהן אבי־סעל אין הויז, אזא גאסט! שוין וויפיעל אז מיר האָבען זיך ניט געזעהן? קום, קום אריין, מילא, די וואוינונג, ווייסט דאָך, א וואוינונג נעבען א „סטאָר" (קראָם), מיט אלע מעלות, ווי זאָגט מען, קען דאָך ניט זיין. גלויב מיר, איך בין פון דער וואוינונג מעהרער צופריעדען ווי פון די אמאָליגע. דו ווייסט דאָך, ווי איך האָב געוואוינט אמאָל, אבער וואס איז ארויסגעקומען? היינט איז אפשר די וואוינונג ניט אזוי בעקוועם, דערפאר אבער איז בע־קוועם אָט־אָ־דאָ־אָ — האָט ער זיך א קלאַפּ געטהאָן מיט דער האנד אויף דער קעשעני.

און יעטע האָט זיך אוועקגעשטעלט אין געשעפט, און ציפּרין האָט ארייננעפיהרט זיין פריינד אין הויז אריין, האָט איהם גאנץ שעהן אוועקגעזעצט ביים טיש און האָט געהייסען דער ווייב מאַ־כען טהעע און דערלאנגען „ווארעני" (איינגעמאכטס).

— אזוי, אזוי, ביזטו, הייסט עס, אצינד גאָר אָהן א גע־שעפט — האָט ער אין מיטען טרינקען די טהעע פלוצים ווי פער־זארגט א זאג געטהאָן — שוין לאנג? — ווארום ווארפסטו ניט אריין קיין „ווארעני"? ווארף אריין, עס איז גוט. אליין געפּרע־גלט. עס איז דאָ, דאנקען גאָט צייט אויף אלעס. מען פּרע־גלט ווארעני, מען שטעלט איין וויין און ווישניאק. מיר לעבען זיך ווי ביי אונז אין דער היים — שוין לאנג, זאָגסטו?

— שוין דריי מאָנאטען! — האָט ליפּסקי ארייגוואַרפען־דיג ווארעני אין גלאָז אריין, געענטפערט — עס מאכט זיך אלץ ניט. מען האָט מיר שוין פאָרגעלעגט פערשיעדענע געשעפטען, אבער עס איז עפּעס אלץ ניט צום הארצען.

— דריי מאָנאטען?! — האָט זיך ציפּרין געוואונדערט — ביזט דאָך עפּעס א פאמיליען־מאן און דערוויל דריי מאָנאטען אז מען טהוט גאָר ניט. דאָס שמעקט דאָך מיט געלד! הער

שרה — האָט ער זיך געווענדעט צו דער פרוי — איך האָב פון זיי־נעטוועגען א געשעפט!

— יאָ, בנאמנות! — האָט ער זיך צוריק־געווענדעט צו ליפּ־סקי׳ן — עס וועט פאַר דיר זיין ווי אָנגעמאָסטען. טאַקי מיין גע־שעפט. מאָל דיר, אין אַן אנדער צייט, וואָלט איך מסתמא ניט פערקויפט, מען זאָל מיר אפילו געבען מי יודע וויפיעל. א גע־שעפט וואס מען שפּאָרט אב א דאָלאַר, און א גראָבען דאָלאַר, און אזא געשעפט וואס א קינד קען פיהרען. האָסטו אָבער הצלחה, וואס דו ביזט געקומען סאמע אין דער ריכטיגער צייט. איך האָב גראָדע אצינד אַן אויסקוק אריינצוגעהן אין שותפות מיט מיין שוואגער. דו קענסט דאָך איהם, ער וויל מיר זאָלען מאכעןביידע א פאבריק פון פרויען בלוזעס. איך וויים, עס גלוסט זיך מיר. עס קען זיין, אַז דערנאָך זאָל איך מיר „עסען די פענקעס" אָבער דו וויסט דאָך, „עס בייסט דער האָבער"... און ביי דיר, ביי א גוטען ברודער — וויפיעל זאָגסטו, שרה? — ביי דיר, וועל איך פאַר׳ן גאַנצען געשעפט נעהמען צוועלף הונדערט דאָלאַר. שטעל דיר פאָר: ערשט מיט א יאָהר צוריק האָט מען מיר געשטופּט פיער־צעהן הונדערט דאָלאַר אויף דער האנד, און איך האָב אפילו ניט געוואָלט רעדען...

— מעגליך, עס קען זיין... אָבער... אבער דאָס געשעפט איז ניט פאַר מיר — האָט זיך ליפּסקי גערדעהט — איך קען ניט זיין אזוי פיעל פערקויפט עס איז צו לאנגע שטונדען.

— וואס רעדסטו „לאנגע שטונדען" — האָט איהם ציפּ־רין ערקלעהרט — איך רעד דיך חלילה ניט צו. פערשטעהסט דאָך אַז איך קען מיין געשעפט פערקויפען אין מיטען דער נאכט. אבער וואס הייסט לאנגע שטונדען? איך קען דאָס געשעפט גאַנץ גע־מיטליך צומאכען ניין אזייגער אויף דער נאכט. ווארים פון ניין ביז עלף לייזט מען לחלוטין גאָר נישט, און אין דער פריה, ביז אכט א זייגער איז שוין כמעט גאָר ניט מיט גאָר ניט. נאָר גאָר ניט, אַז דו האָסט קיין חשק ניט, איז דאָך נאריש — שרה, פאַר וואס גיסטו אונז ניט אביסעל ווישניאק?

שרה האָט דערלאנגט א ביסעל ווישניאק און ציפּרין האָט אָנגעגאסען א גלעזעלע פאַר׳ן פריינד און א גלעזעלע פאַר זיך.

— מעגסט טרינקען דעם ווישניאַק, וועסט זיך ניט פער־סמ׳ען — האָט ער צוגערעדט ליפּסקי׳ן — לחיים, לחיים! זאָל דיר גאָט בעשערען עפּעס א גוט געשעפט! פערשטעהסט דאָך, אז איך בין דיר קיין שונא ניט. אָבער דאָס וואס דו זאגסט לאַנגע שטונדען, דאס איז א נארישקייט. דו האָסט דאָך א מיידעל, האָסטו דאָך, וואס זשע איז שוין ווידער פאר לאנגע שטונדען, וואס? לאָזט מען איבער דאָס מיידעל, און דו ביזט דיר א פרייער מענש.

— דו פערשטעהסט... — האָט ליפּסקי ווידער זיך גענומען דרעהען — שוין חוץ דעם אַלעמען, איז פּשוט צוועלף הונדערט דאָלאַר פאַר מיר צופיעל. איך האָב גאָר ניט אזוי פיעל געלד.

— ניין, איך מיין גאָר ניט אָקעגען דעם — האָט ציפּרין פער־כאַפּט — וואָס איז שייך צי דו ווילסט יאָ קויפען צי דו ווילסט ניט קויפען. עס איז אַלץ איינס. — שרה, אָט צו דעם ווישניאַק וואלט געפּאסט עפּעס פּעפּעס פערבייסען, האָסט נאָך עפּעס פון די געטריקענטע קאַרפּען? גיב אהער א שטיקעל, שעהם זיך ניט.

שרה האָט דערלאַנגט א שטיקעל פון די געטריקענטע קאַרפּען, און ציפּרין האָט צוגערעדט ליפּסקי׳ן אז ער זאָל פערזוכען, און האָט איהם אָבגעלויבט אז פּשוט, דאָס איז אזעלכעס וואס ער האָט נאָך אין זיין לעבען ניט געגעסען.

— נו, וואס זאָגסטו? — האָט ער איהם אין מיטען עסען גע־פרעגט מבינות, — ניט שלעכט, א? אז איך האָב דיר געזאָגט גוט, מעגסטו גלויבען, און קעגען דעם וואס דו זאָגסט, אז דו האָסט ניט אזוי פיעל געלד — האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק צום ענין — מילא, איז טאַקי ניט אמבעסטען. אָבער איך קען דאָך דיך. מיט אן אנדערען איז אנדערש, אָבער דו... פערשטעהסט, אז מיך ציהט צום שותפות, איז דאָך ניט שייך. איכ׳ל ניט קוקען אויף קיין הונדערטער. ווייסטו וואס? איך פערקויף דיר דאס גע־שעפט פאר ניין הונדערטער. און נאָך עפּעס: זעקס הונדערט מזומן און דאָס איבעריגע וועסטו אָבצאָהלען חובות...

— איכ׳ל דיר זאָגען דעם אמת — האָט ליפּסקי זיך ווידער גערדעהט — איך פערמאָג אין גאנצען א פאַר הונדערט דאָלאַר... איך האָב... איך האָב פאַר׳ן ביידעל מעהר ניט געקענט קריגען,

ווייל עס איז א סברא אז מען וועט דאָס גאָר ארונטערוואַרפען... איך בין גערען געווען, וואס איך האָב דאָס אויך געקראָגען...

— אַט אזוי זשע רעד! — האָט ציפּרין צומישט א זאג געטהאָן — אזוי, אזוי, סך הכל צוויי הונדערט דאָלאר. — שרה, דערלאַנג נאָך א גלעזעל טהעע, — דו ווייסט, אז נאָך דעם געטריקענטען קארפּ דארשט גאַנץ געשמאַק. דו וועסט מסתמא אויך טרינקען נאָך א גלעזעל. אַט אזוי, — הייסט עס, בסך הכל א פּאָר הונדערטער, וואס זשע קויפט מען היינט פאר א פּאָר הונדערט דאָלאר? עס איז דאָך נאריש, פאר א פּאָר הונדערט דאָלאר, וועסטו גאָר ניט קויפען. אָבער איך פערשטעה דאָך, אז דו וועסט דארפען, וועסטו מסתמא קריגען עטליכע דאָלאר. ווייסטו וואס: דו ווייסט דאָך, אז מיר קומט אָן, קוק איך עפּעס אויף געלד! דו זאָלסט קענען געבען פיער הונדערט מזומן און אפשר... ווארט... דריי הונדערט! און דאָס איבעריגע וועלען מיר שוין דורכמאַכען...

— איך... דו פערשטעהסט.... — האָט ליפּסקי געמוזט ארויסשטאַמלען דעם אמת — דיין געשעפט איז מיר ניט געפעלען. גיב עס מיר אומזיסט וועל איך עס ניט נעהמען. איך האָב פיינד אזעלכע געשעפטען!... א געשעפט, איך וויים וואס דאָס איז... אויך מיר א געשעפט...

— מאָל דיר, אזעלכע געשעפטען וואַלגערען זיך נאָך ניט, און מען גיט זיי נאָך ניט אוועק אומזיסט. נאָר עס איז דאָך ניט שייך, אז דו ווילסט ניט, ווילסטו ניט. נאָר זעהסטו, אין דעם הינזיכט ביזטו אביסעל גערעכט — האָט ציפּרין צוגעגעבען — עס איז ווירקליך ניט קיין גאָר פויגעלדיג געשעפט. עס הייסט, מען קען זאָגען, אז ס'איז טאַקי א פּאַסקודנע פרנסה! ביזט פערקויפט, צום טייוועל! מיט'ן ווייב, מיט די קינדער, ביי טאָג און ביי נאַכט, און עס איז גאָר ניט מיט ניט! איכ'ל דיר זאָגען א סוד, ביזט דאָך אַן אייגענער מענש: מען מאַכט קיין לעבען ניט!... עס ווייזט זיך אויס, עס איז א געוואלדיגע שפע, לאָזט זיך ערשט אויס א בוידעם, אז פון הונדערט מענשען שלעפּסטו צוזאַמען הונדערט סענטען, א גלאָז וואַסער, און ווידער א גלאָז וואַסער און פּאָר א סענט „קענדי" (קאָנפעקטען) און געה האָב פון דעם פרנסה...

און ווען ליפּסקי האָט זיך געזעגענט אוועקצוגעהן, האָט איהם ציפּרין מיט א רחמנות פּנים געבעטען: למען השם, ער זאָל זעהן, אפשר וועט ער איהם קענען נאַראיען עפּעס וואס ניט איז פאר א קונה. ער וועט עס אוועקגעבען אומזיסט, אבי ער זאָל דערפון פּטור ווערען...

א פּאַרטיי-מאַן.

א שרעקליכער סיבירישער פראָסט, מיט א ווינט וואס שמייסט און געזיכט אזוי ווי מיט פייערדיגע בייטשען.

אין די דריי קליינע צימערלעך ביי סמאָלקינען — א יונגער־מאַן א שניידער, וואס איז שוין היבשע עטליכע וואכען אָהן אר־בייט, — איז קאַלט וואס אפילו א הונד פון א קייט וואלט זיך אָבגעריסען.

ס'איז גאַנץ פריה. סמאָלקין אין אַן אָבגעריבענעם אויבער־ראָק, אויפגעשטעלט דעם צוקנייטשטען; צודרעהטען קאָלנער, געהט ארום אָהן א היטעל א צוזאמענגעקאָרטשעטער, קוקט אויף די פער־קאָוועטע פענסטער, און אויף די ווענט אויף וועלכע עס האָט ארויס־געזעצט א ווייסער שנעע, ער הויכקעט אין די זשמעניעס, רייבט א האנד אָן א האנד, בעטראכט ווי די פארע פונ'ם מויל צושפרייט זיך איבער'ן קאַלטען צימער און זעצט זיך אויף די פערשנעעטע ווענט. ער איז שטארק פער'מח'ט... ער טראַכט אצינד וועגען די לעקטשורס פון דעם בעוואוסטען לעקטשורער און טהעאָרעטיקער, דר. אבראַמאָוויטש.

אויף אזא דורכפאל האָט זיך סמאָלקין ניט געריכט. פאר די דריי לעקטשורס קריעגט דער דאָקטאָר אבראמאָוויטש פינף און זיבעציג דאָלאַר. פינף און צוואנציג דאָלאר א לעקטשור, הייסט עס, און אריינגעבראכט האָט עס אפילו ניט צו דעקען די הוצאות פונ'ם זאָל מיט די אַנאָנסען. די מאסע איז נאָך פינסטער, שטאָק פינסטער! ווייסען ניט ווי אָבצושעצען די ווערטה פון אזא וויכ־טיגען כלל־טהוער, פון אזא גלענצענדען אָראַטאָר און וויסענשאַפטס־מאַן.

און סמאָלקין ברעכט זיך דעם קאָפּ, און קען בשום אופן ניט

געפינען קיין אוסוועג, פון וואנען די פּאַרטיי וועט נעהמען צו דע־קען די דאָזיגע פינף און זיבעציג דאָלאַר.

סמאָלקין קען זיין פּאַרטיי גאַנץ גוט, ער ווייסט פון וואסערע מיטגליעדער זי איז צוזאַמענגעשטעלט, סאַמע אַרבייטער — קבצנים. עס איז ניטאָ ביי ווענען צו רייסען. בלוטיגע אביונים, נעבאך! און צו ווענען וועט זיך עס אויסלאָזען, צו די פיהרער: ער, זאַ־וואָלקין, טאַרטאַקאָווסקי, סאַלאַדין. זיי זיינען די פעראַנטוואָרטליכע פּערזאָנען. זיי האָבען זיך מיט דר. אַבראַמאָוויטש דורכגעשריבען. זיי האָבען איהם אַראָבגעבראַכט, זיי האָבען איהם בעגעגענט אויף דער באַהן־סטאַנציע און זיי האָבען איהם פערזאָרגט מיט א האָטעל...

סמאָלקין נעהמט דורכרעכענען וויפיעל די דאָזיגע דריי: זאָל־וואָלקין, טאַרטאַקאָווסקי און סאַלאַדין וואָלטען געקאָנט ביישטייערען, אויסלייען לכל הפחות, ביז מען וועט קענען מאַכען א פּאָר אונטערנעהמונגען. און ער קומט צום שלוס: אז כמעט גאָר נישט. זאַוואָלקין אַרבייט ניט, טאַרטאַקאָווסקי האָט נאָר וואס אָנגעפאַנגען אַרבייטען און איז פערשולדיגט אז די האָר זיינען ניט זיינע, סאַלאַדין אַרבייט דוקא שטענדיג, אָבער ער איז גלאַט ניט קיין פערדיענער, פיליכט וועט ער זיך קענען אָנטהאָן א כח אויף א פינפעריל, אָדער העכסטענס אויף א צעהנעריל...

— וואס זאָגסטו אויף די קעלטען? — דערהערט ער דער פרוי'ס שטימע וועלכע שטעהט אין קיך אַרומגעבונדען דעם קאָפּ מיט אַן אַלטען שאַל, און א פערשטויבטע פון קאָפּ ביז די פיס, טרייסעלט זי אויף א זיפּעל די אַשעס, און קלייבט אַרוים מיט די פערפראָרענע פינגער די איבערגעבליבענע שטיקלעך קויהלען. — עס לאָזט גאָר ניט אָפּ, עס זעצט איינס נאָכ'ן צווייטען! — געה צום טייפעל, געה! וואס שטעהסטו איבער מיר און רייסט מיך ביים קליידעל? — דאָס לאָזט זי שוין אוים צום קינד, וואס שטעהט נעבען איהר א פערפרוירענעס, א פערבלויטעס ווי א מיליץ און טאַנצט פון איין פיסעל אויפ'ן צווייטען, — געה אין בעט אריין, און לעג זיך אַרונטער אונטער דער קאָלדרע!...

סמאָלקין גיט זיך בעת מעשה א נערוועזען מעכאַנישען קראַץ און פערקנייטשט מיט כעס דעם שטערען: — אין בעט אריין!

אין בעט אריין גנה, וואס שטעהסטו דאָרטען און רייסט פּאסען ? !
אריין אין בעט אריין, דו הערסט, וואס איך זאָג דיר !...

דאָס העלפט ער ארויס דער פרוי שרייען אויפ'ן קינד, ווייל ער פיהלט שוין אן איהר טאָן אז אַט־אַט־אָ וועט זי אויסלאָזען צו איהם און ער מיינט דערמיט זיך אויסצוקויפען.

עס העלפט אָבער ניט. תוך כדי דיבור קעהרט זיך אום די פרוי צוריק צו איהם.

— וואס שרייסטו אויפ'ן קינד, וואס ? דאָס קינד איז נעבעך פערפרוירען. אין שטוב איז קאלט ווי אין א „פּסארני”, און עס איז ניטאָ קיין איין קויהל, טאָמער וואָלסטו ערגעץ געזעהן אויף א זעקעל קויהלען...

— אַ־אַט האָסטו דיר ! — ציהט סמאָלקין אויף נערוועז מיט די אקסלען — גנה אריין צום קויהלען־מאַן, נישקשה, ער וועט דיר נאָך געטרויען א זעקעל קויהלען. וואס זי האָט אין זינען קויהלען, שמוילען... ווערסט נאָך קריגען קויהלען !...

— און וואס האָסטו אין זינען ? ! — פרעגט איהם די ווייב.

— איך... איך האָב גאָר ניט... איך האָב גאָר ניט אין זינען. האָב איך... אָבער... מען האָט דאָך איהם געבראכט... און מען דארף בעצאָהלען, וואו וועט מען נעהמען ? פינף און זיבעציג דאָלאר ! ביזט דאָך אויך געווען ביי די לעקטשורס, דיך ארט עס, וואס ? !..

— זאָל עס מיך אָנהויבען ארען ! — מאכט די פרוי דעם גאנצען ענין צו גאר נישט — וואו שטעהט עס געשריבען אז דאָקטאָר אבראמאוויטש דארף קריגען פאר דריי לעקטשורס פינף און זיבעציג דאָלאר, און זאָל איינשטעהן אין גרעסטען האָטעל ? עפּעס א סך פינף און צוואנציגערס קריגסטו פאר דיינע אָבענדען וואס דו ביזט מפקיר פאר דער „מענשהייט”... און קוק אָן דיין „האָטעל” וואָס דו בעוואוינסט, מעגסטו מיר גלויבען אז דאָקטאָר אבראמאָוויטש'עס ווייב, זיפט ניט קיין אשעס, און קלייבט ניט ארויס מיט פערפרוירענע פינגער קיין איבערגעברענטע קויהלען...

— אי, דו ביזט א בהמה! אָט האָסטו דיר, דו פערשטעהסט דעם פערגלייך, עס האָט א מויל און עס רעדט, מיט וועמען זאָל איך דאָ איינ'טענה'ן, מיט וועמען ? !...

און סמאָלקין האָט א כאַפּ געטהאָן דאָס היטעל, האָט א קלאַפּ געטהאָן מיט דער טהיר, און איז אוועק

IV. פון ארבייטער לעבען

א שטאָלצער טאַטע.

אין דער פאַבריק פון פרויען־קליידער וואו שלמה־ליב מיט זיין זוהן הערדי ארבייטען, ארבייט מען ביז זעקס אוהר.

געוועהנליך, קומען דער טאַטע מיט'ן זוהן צוזאמען אהיים ארום א פיערטעל צו זיעבען און אמאָל נאָך שפּעטער.

דאָס מאָל איז אָבער שלמה־ליב געקומען פריהער ווי געוועהנליך. אריין אין הויז איז ער אליין, און האָט אויסגעזעהן עפּעס ווי צודרומשקעט.

— וואָס איז דער מעהר? וואו איז הערדי? — האָט איהם די שלמה־ליב'יכע בעגעגענט אביסעל צושראָקען.

— הערדי, ער... ער קומט... ער וועט אָנקומען באַלד — האָט שלמה־ליב געענטפערט עפּעס ווי שמייכלענדיג און צורודערט.

די שלמה־ליב'יכע האָט פון דעם צורודערטען שמייכעל ניט געקענט ארויסקריעגען, צו איז דאָס א סימן אויף גוטען, צו אויף שלעכטען חלילה. זי האָט איהם אָבגעמאָסטען מיט די בליקען און האָט זיך צוגעגרייט איהם צו שטעלען א צווייטע פראַגע. עס איז אָבער באַלד אריינגעקומען הערדי און זי איז געבליעבען שטעהן מיט אן אָפענעם מויל.

הערדי איז אריינגעקומען אן אויפגעלעגטער, מיט א שטראַהלענד געזיכט. ער האָט גלייך אראָבגעוואָרפען דעם ראָק מיט דער העמד פון זיך, און פערקאַטשענדיג די ארבעל פון העמד, האָט ער זיך גענומען ארומוואַשען ביים וואסער־קראַנט.

די מוטער האָט איהם צוגעטראָגען א ווייסען האנדטוך, האָט איהם פאַרשענדיג בעטראַכט, און אויפ'ן הארצען האָט זי גענומען פּיהלען אביסעל פרייער.

— וואָס איז גאָר עפּעס פלוצלים פאַר בעזונדערלעך? פריהער דער און נאָכדעם יענער — האָט זי איהם דערלאַנגענדיג דעם האַנדטוך און פעררייכטענדיג דאָס העמד, וועלכעס האָט גענומען נאָס

ווערען פון דעם וואַשען זיך, — גענומען פאַרוואָרפען. געמיינט, מיינע שונאים, ווער ווייסט וואָס דאָרט איז אַזעלכעס.

— גאָר, נו, וואָס האָסטו געהאַט צו מיינען ? — האָט הערריִ, זיך ווישענדיג מיט אַ גדלות׳דיגען טאָן אַ זאָג געטהאָן — אַט, איך האָב זיך געדאַרפט אביסעל דורכשמועסען מיט׳ן בעל־הבית. איך האָב דאָך געקראָגען אַ טשיען, האָב איך דאָך, אַ פּאָליטישע שטעלע האָב איך אַריינגעקראָגען. ווייסט גאָר ניט ? דער בעל־הבית האָט מיך געקרוינט פאַר׳ן אויפזעהער.

— פון וואַנען זאָל איך וויסען — האָט איהם די שלמה־ליב׳יכע אָנגעקוקט מבולבל׳דיג.

שלמה־ליב האָט זיך בעת מעשה גענומען דרעהען אויף אַלע זייטען, ווי ער וואָלט עפּעס זוכען. ער האָט געפיהלט עפּעס, אי גדלות׳דיג, אי אַרונטערגעוואָרפען אין דער זעלבער צייט.

— זאָלסט נאָר היטען אויפפּאַסען ריכטיג — האָט זיך איהם פון האַרצען געוואָלט אַרויסזאָגען. ניט אַלע מאָל מאַכט זיך אַזאַ שטעלע. עס האָט זיך איהם אָבער דאָס ניט אַרויסגעזאָגט.

— וויים איך . . . וויים איך. . . אַ מציאה, נו, מאַהל דיר, פון די קליינע מציאות, גאָר ניט, ווי זאָגט מען, הום . . . כע.... ניט אַזאַ גרויסען יחוס, — האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט.

די שלמה־ליב׳יכע האָט גענומען וואַרפען בליקען, פונ׳ם זוהן אויפ׳ן מאַן און פונ׳ם מאַן אויפ׳ן זוהן.

— וואָס־זשע, איך פערשטעה ניט, ביזטו, הייסט עס, געוואָרען טאַקע, אַן אויפזעהער ביזטו געוואָרען ? — האָט זי גענומען איבער־פרעגען, און האָט ניט געוואוסט צי זיך פרעהען צי ניט, מיט דער בשורה.

שלמה־ליב׳ען האָט זיין אידענעס נאָכפרעגען גענומען ערגערען.

— אַן אויפזעהער, אַן אויפזעהער געוואָרען — האָט ער זיך אָנ־געבייזערט — אַ הצלחה אַ גרויסע, אַ שקלאַפען טרייבער ! . . ?

די שלמה־ליב׳יכע, בעמערקענדיג, אַז דער מאַן איהרער איז עפּעס ניט איבעריג בעגייסטערט פונ׳ם ענין, האָט זי אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ.

— נישיקשה, אַ שקלאַפען־טרייבער, אַלץ בעסער ווי אַ מאַשינ־

קע דרעהער, ווי א קאַטערינטשיק. ווי אַלט ביזטו שוין? — האָט זיך דער זוהן געצילעוועט איהם צו טרעפען.

— ביזט א גרויסער שייגעץ! — האָט שלמה־ליב ארויסגעזאָגט ווי אונטערגעהאַקט.

— די משוגעים האָבען זיך שוין צוזאַמענגעטשעפּעט. — איז די שלמה־ליב'יכע אריינגעפאַלען אין מיטען.

הערשל האָט פערשוויגען, און אין הויז איז געוואָרען שטיל.

ביים עסען האָט שלמה־ליב געגעסען און זיך געביטען אין קאַלירען. ער האָט אַלע מאָל געוואָרפען א בליק אויף הערשל'ן, און עס האָט זיך איהם אויסגעדוכט אַז ער זיצט עפּעס צו חוצפה'דיג ביים טיש, — ביידע פיס אויף א צווייטען שטוהל אָנגעשפּאַרט.

— ער צייגט שוין ארויס דאָס אויפזעהעריי — האָט אין איהם געקאָכט און עס האָט איהם אויסגעוויזען, בעת מעשה, ווי עס וואָלט זיך אימיצער א יון, א סאָלדאַט, אוועקגעזעצט איהם אקעגען ביים טיש...

— הער נאָר, זוהן מיינער, ביזט טאַקע אַן אויפזעהער ביזטו, נאָר ביים טיש מעגסטו זיצען מיט אביסעל מעהר דרך־ארץ. טאָמער וואָלסטו שוין ארויפגעלעגט ביידע פיס אויפ'ן טיש, א מין זיצען...

טאָמער וואָלסטו, איך בעט דיך, מיר בעסער אויפגעהערט צו דולען א קאָפּ — האָט הערשל געענטפערט, אראָבנעהמענדיג די פיס פונ'ם שטוהל.

— ענטפער איהם ניט, זעהסט דאָך אַז ער איז שוין משוגע. נאַ, נעהם, עס — האָט זיך די מוטער אריינגעמישט און האָט אין זיין זייט צוגערוקט א שטיקעל פלייש.

— רוק, רוק איהם אונטער א כאַבאַרעל, פּילייכט וועט דער טאַטע ביי איהם האָבען א שטיקעל טובה אין פאַבריק — האָט שלמה־ליב גיפטיג בעמערקט.

— דיך פערדריסט, הפנים, הלמאי האָט מען דיך ניט געמאַכט פאַר קיין אויפזעהער — האָט הערשל איהם געענטפערט.

— הער, הער, דו... דו שייגעץ איינער — איז שלמה־ליב אויפגעשפּרונגען — פאַרלויפיג בין איך נאָך מיט דיר ניט אין פאַבריק, דו הערסט? דאָ ביים טיש אַזאַסיע! בין איך נאָך דער טאַטע, בין איך נאָך, דו, דו אויפזעהער מיינער, דרך ארץ, דו פערשטעהסט?

— זאָל שוין זיין שטיל, אן עק, נו, האָסט געהערט? — האָט די מוטער ווייטער איבערגעשלאָגן.

— אַ חוצפה! האָט שלמה־ליב אויסגעלאָזט און האָט זיך געקאָכט פון כעס.

הערערי האָט ניט געענטפערט און אין שטוב איז געוואָרן שטיל.

שלמה־ליב איז געזעסן און האָט געכראָמזשקעט נערוועז די ביינער.

הערערי האָט אוועקגעשטעלט דאָס עסען און האָט גענומען ווי־שען מיט דער סערוועטקע און קאַלופּען מיט אַ העלצעל די ציינער און שלמה־ליב׳יכע האָט זופעגדיג פון טעלער, געקוקט אויף זיי ביידע, מיט אַ מינע ווי מען קוקט אויף צוויי אַנגעשטרודעלטע העהנער...

אוועקגעהענדיג פון טיש האָט שלמה־ליב גענומען פיהלען אביסעל חרטה׳דיג...

— אזוי, אזוי, זיך דערדיענט צו אַ טשיען, אַ קאַפּראַל געוואָרען — האָט ער גענומען רעדען ווי צו זיך אליין.

הערערי האָט געשוויגען.

— מהיכא־תיתי, זעהר שעהן — האָט ער פאַרטגעזעצט — אָבער צו וואָס אזא חוצפה? דו רעדסט דאָך ניט מיט קיין שניידערל, רעדסטו דאָך ניט.

הערערי האָט ניט געענטפערט.

הערערי׳ס שווייגען האָ איהם אין איין זייט געערגערט, און אין איין זייט הנאה געטהאָן.

— בין איך ניט גערעכט אפשר, הא? — האָט ער זיך שוין דירעקט צו איהם געווענדעט — זאָג, אפשר בין איך ניט גערעכט?

— אי, לאָז שוין געמאַך, משוגע׳נער — האָט די שלמה־ליב׳יכע ווייטער איבערגעשלאָגען — געה שוין שלאָפען, געה...

שלמה־ליב האָט אפילו אַ טבע געהאַט באַלד נאָכ׳ן עסען, אזוי אין די זאכען, זיך אביסעל צושפּאַרען אויפ׳ן לאַנדזש, אצינד אָבער האָט ער גאָר ניט געפיהלט דערצו, עפּעס האָט ביי איהם זיך אצינד געיאָוועט אַ מאָדנער חשק זיך דורכגעהן, אזוי גלאַט זיך דורכשפּאַ־צירען אביסעל, טאַקע מיט הערערי׳ן, אין שטאָדט־גאָרטען...

— אוף... אוף.... אַ מאָדנע פּאַרענינע, אַ היץ אַביסעל היינט!
—איז ער אַרומגעגאַנגען און גערעדט ווי צו זיך אַליין—עס וואָלט געווען אַ יושר זיך דורכצוגעהן גאַר אין שטאָדט־גאָרטען אַביסעל.
עס האָט איהם אָבער קיינער ניט געענטפערט, און איהם איז ניט אָנגעשטאַנען זיך אונטערצוגעבען...
— אַ שרעקליכע היץ היינט געווען — האָט ער ווייטער אָנגעהויבען — די חברה מוזען אַלע אַצינד זיין דאָרט. ווייסען שוין אַלע, מסתמא, וואָס דען ?...
הערשי'ס געזיכט האָט זיך צוזאַמענגעצויגען, ווי אויף אַ שמייבעל צו טהאָן, ער האָט זיך אָנגעטהאָן און איז באַלד פון הויז אוועק.
די שלמה־ליב'יכע האָט גענומען אויסבעטען.
ער איז אַרומגעגאַנגען איבער'ן הויז, געביסען די באָרד און געבורטשעט אין זיך.
— געה שוין, געה שוין שלאָפען — האָט זי איהם אַ זאָג געטהאָן — הער שוין אויף צו בורטשען.
— ביזט אַ נאַר, אַ בהמה ביזטו — האָט ער זי מכבד געווען.
ער איז צוגעגאַנגען צום לאָנדזש, האָט זיך צוגעשפּאַרט אַביסעל, פריהער אין די זאַכען, נאָכהער האָט ער זיך גענומען אויסטהאָן, האָט זיך אויסגעצויגען אין זיין פולער לענג אונטער'ן צודעק, און האָט באַלד גענומען כראָפּען...

* * *

אין דער פריה.
דער זייגער האָט שוין געשלאָגען זיעבען, און שלמה־ליב האָט זיך פויל און קרעכצענדיג געצויגען אונטער'ן צודעק. עס איז איהם שווער, זעהר שווער געווען זיך אָבצורייסען פונ'ם געלעגער.
— כאַפּט עס דער טייפעל! איך וועל אָנקומען מיט צעהן מינוטען שפּעטער — האָט ער ביי זיך רעכט געמאַכט — איך האָב דאָך עפּעס אַ פוס אין טשאָלענט. אָן אייגענער זוהן אָן אויפזעהער.
ער האָט דערהערט אָן אַרומשפּרייזען אַהין און צוריק איבער'ן הויז.
— ער איז שוין אויפגעשטאַנען — האָט ער אַ טראַכט געטהאָן גדלות'דיג — נו, פערשטעהט זיך, ער מוז דאָך קומען פריהער עפּענען דעם שאַפּ....

עס האָט זיך איהם אָבער באַלד געכומען אויסדרוכטען, אַז דאָס שפּרייזען אַהין און צוריק איז עפּעס אַ מין צו להכעיס'דיגעס.

— אַ מין עזות פון אַ יונגאַטש! אַ מין אַרומשפּאַנעניש, אַ מין קלאַפּעניש האָט אין איהם גענומען קאָכען, דאָס וועקט ער דעם טאַטען צו דער עבודה... און איהם האָט זיך פערוואָלט, דוקא איהם אויף צו להכעיס, היינט אויפשטעהן שפּעט, טאַקע גאַנץ שפּעט, אַזוי, אַז ער זאָל אָנקומען האַלב נאָך אַכט...

ער האָט זיך אויסגעדרעהט מיט'ן פּנים צו דער וואַנד און זיך איינגע'עקשנ'ט מיט קאָפּ אין קישען.

דאָס האָט ניט געדויערט מעהר ווי אַ מינוט.

—נאָך אַלעמען — האָט זיך ביי איהם געיאַוועט אַ מחשבה — איז דאָס דאָך אַ משוגעת. אדרבא, דאָס איז דאָך פאַר איהם אַליין אויך אַ שטיקעל כבוד. אַלע אַרבייטער, און דער בעל־הבית אפילו וועט אויף איהם קוקען אצינד מיט מעהר דרך ארץ, דעם אויפ־זעהער'ס אַ טאַטע....

ער האָט דערהערט ווי די אידענע זיינע דרעהט זיך און גע־נעצט אויפ'ן געלעגער.

— שרה לאה! שרה לאה! — האָט ער זי גענומען וועקען — שטעה אויף, וועסט מאַכען קאַפּע. ער דאַרף דאָך היינט אַוועק־געהן פריהער, דאַרף ער דאָך. ער מוז דאָך עפּענען דעם שאַפּ...

שרה לאה האָט זיך אַראָבגעכאַפּט ווי אַן אָבגעבריהטע פונ'ם געלעגער, און האָט גענומען איילענדיג, אויף זיך שלעפּען די קליי־דער.

— ווי זי איילט זיך דאָס, האָט איהם גענומען פערדריסען — דער זוהן, דער פּרנסה־געבער... דער אויפזעהער... און איהם האָט זיך גענומען אויסווייזען, אַז ביי דער אידענע זיינער, מוז ער שוין האָבען אַ פּנים פון אַ נאָכשלעפּער, פון אַ לא־יוצלח...

— הער נאַר, העד — האָט ער איהר אַ זאָג געטהאָן מיט גיפט — ווי איך זעה, ציטערסטו שוין בעצייטענס פאַר'ן אויפזעהער פאַר דיינעם, וואָס... וואָס איילסטו זיך אַזוי? וואָס ציטערסטו? ער איז דאָך נאָך ניט קיין פּרנסה געבער, איז ער נאָך ניט...

— אי, לאָז מיך צורוה, ביזט אַ משוגע'נער ביזטו — האָט איהם די אידענע אָבגעזאָגט און איז אַוועק אין קיך.

ווען הערשי איז אוועק פון הויז, האט ער זיך אראבגעכאפט, מיט אימפעט, פון בעט, און האט זיך גענומען אנטהאן.

אנטהענדיג זיך, איז איהם ארויפגעקומען אויפ'ן געדאנק, אז קומענדיג אצינד אין פאבריק, וועט ער דארפען אליין פערנעהמען ארבייט, אליין זיך זעצען צו דער מאשין, און אליין מאכען די גאנ־צע בלוזקע...

— פסס! א מציאה א גרויסע — האט ער זיך אנגענומען מיט הארץ — אדרבא, זאל מען זעהן. ער מיינט טאקע, ער, הערשי, און זי אויך, די אידענע, זאלען זיי זעהן. וואס איז ער עפעס א קאליקע? אן אלטער בעל מלאכה. א געשעפט צו מאכען אליין א בלוזקע...

ער איז אריינגעגאנגען אין קיך, האט אריינגעזופט א גלאז קאפע און איז בעהארצט אוועק אין פאבריק.

קומענדיג אין פאבריק, האט שוין דער זייגער געהאלטען א פיערטעל נאך אכט, אלע ארבייטער האבען שוין געארבייט, און ער איז דורכגעגאנגען דורך די מאשינען מיט א מינע, ווי ער וואלט זאגען, זעהט, ווער נאך קען זיך פערגינען צו קומען אזוי שפעט? ער האט אבער גלייך א בליק געטהאן אויף הערשי'ן, און עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז הערשי קוקט עפעס ניט ווי עס דארף צו זיין.

— ער הויבט שוין אן מיט מיר צו שפיעלען אויפזעהערישע שטיק — איז איהם דורכגעלאפען א מחשבה, און אלע אברים האבען ביי איהם גענומען ציטערן פון אויפרעגונג.

ער האט זיך צומישט גענומען ארומפלאנטערן איבער דער פאבריק, ער וואלט דארפען צוגעהן נאך ארבייט, אבער ער קען ניט...

הערשי, הייסט דאס, איז זיין ארבייט־געבער, ביי איהם דארף ער דאס געהן בעטען ארבייט, און איהם האט זיך אויסגעוויזען, ווי אלע ארבייטער אין פאבריק קוקען זיך איבער וועגען איהם און אלע שאקלען מיט די קעפ.

— ווארום האט ער ניט אריינגעווארפען א טאג ארבייט איהם, אינ'ם קערבעל זיינעם? ער האט דאך דאס געקענט טהאן נאך איידער ער איז געקומען און איהם האט זיך גענומען אויסדרוכטען,

אז אַלעם איז מיט אַ כונה, זעה. הייסט דאָס, אַז איך בין דיין אויפ־זעהער!....

— טאַטע, וואָרום נעהמסטו ניט קיין אַרבייט — האָט דער זוהן אַ זאָג געטהאָן, בעמערקענדיג זיין פערלעגענהייט.

איהם האָט זיך געוואָלט אויפ'ן פּלאַץ דעם זוהן מיט עפּעס אַ שטאָך טהאָן, ער האָט אָבער ניט געפונען קיין פּאַסענדען וואָרט, און ער האָט נערוועז זיך גענומען צוריקען צום טיש און מיט ציטערנדע הענד איבערטאַפּען די בינטלעך אַרבייט.

— נעהם אָט דאָס, דאָס איז אַ לייכטע בלוזקע — האָט איהם דער זוהן אַ זאָג געטהאָן, ווייך ווי מעגליך.

— וואָס איז עפּעס אָט דאָס? וואָרום ניט אַנדערש? — האָט ער איהם געענטפערט ברוגז.

— ווייל דאָס איז אַ לייכטע — האָט איהם דער זוהן געענטפערט נאָך אַמאָל אין דעם זעלבען טאָן.

— וואָס איז עפּס אַ לייכטע, וואָס? טהוסט מיר, הייסט דאָס, אַ טובה, הייסט דאָס? קיין שווערע, האָסטו מורא, וועל איך ניט מאַכען, אַ? וויל איך דוקא אַ שווערע!...

— טאָ נעהם אַ שווערע — האָט דער זוהן געזאָגט געלאַסען.

— זשאַלעוועסט דוקא ניט?! — האָט ער אויף איהם אַ קוק געטהאָן און האָט דורכגענומען מיט די אויגען — נעהם אַ לייכטע, נעהם אַ שווערע!... אַ אויפזעהער מיינער, אַ בעל הבית!.... דו.... דו ביזט ביי מיר ניט קיין פּאַרמאַן, ביזט ניט! דו הערסט?! דו... ניט ביי מיר... דו שייגעץ איינער... אַזאַסיא! דו הערסט?!

ער האָט כעס'דיג אַ וואָרף געטהאָן מיט דער אַרבייט און בורטשענדיג אַרויס פון פאַבריק...

אַן אינערליכער קאַמפּף.

אַ הייסער טאָג, אַ שטיקענדער. ביי די זלאַטניקעס אין די דריי פּינסטערע לעכער זעהט אויס ווי דאָס שטיקעניש האָט אויפגעפרעסען דעם לעצטען טראָפּען לופט, עס שטיקט ניט אויסצוהאַלטען.

בערעל מיט צירעלען, די עלטערע צוויי קינדער האָבען זיך פערקליבען אויפ'ן פּייער־עסקייפּ (פּייער באַלקאָן), האַלב נאַקעט,

מיט אָפענע מיילעכלעך און פערטריקענטע ליפעלעך, זיצען זיי, סאָפען און אָטהעמען שווער.

דער קליינער מאקסי, מיט דער בייבי, (זוינ קינד), פויזען ארום מיט נאקעטע בייכעלעך אויף די דילען. האלב פער׳חלש׳טע שלעפען זיי מיט די הענטעלעך די ברעקלעך מיט די פליענען וואָס זשומען ארום זיי, שטופען אין די מיילעכלעך און בעלעקען זיך.

סעמקע זיצט אין פאָדערשטען צימער ביים פענסטער, פאָכעט מיט א ביכעל איבער׳ן געל־בלאַסען געזיכטעל, און מאטערט זיך איבער די אוראָקען.

די מאדאם זלאטניק שטעהט ביי דער פרעס־ברעט איבער א הויפען וועש און פאָכעט מיט דער נשמה.

— הום, א פארענינע היינט, — זאָגט זי צו זיך אליין, ווישענדיג זיך דעם קויטיגען שוויים, וועלכער רינט ציווקעסווייז פונ׳ם געזיכט — דערשטיקט צו ווערען.

זי נעהמט איבערקוקען די וועש, וויפיעל זי האָט נאָך צום פרעסען.

— זי זאָל ענדיגען דאָס פרעסען — טראכט זי זיך — וואָלט זי ארונטער מיט די קינדער אין גאַס, אָבבאָפען דעם אָטהעם.

זי דערמאָהנט זיך אָבער, אז זי דארף נאָך מאכען סאפער (אבענד מאָהלצייט), פאר זלמן׳נען און זי גיט א קרעכץ.

— אזא טאָג אָבצוארבייטען אין פאבריק!

זי פערטראכט זיך וועגען זלמן׳נען— וואָס איז פון איהם געוואָרען, רבונו של עולם! געוועזן אזא גבור, אזא העלד, א מאשין! און ווי זעהט ער יעצט אויס! א שעהנערען לעגט מען אין גרוב אריין! געל ווי א וואקס, קיין טראָפען בלוט, א סקעלעט, און דער הוסט דערגעהט איהם נאָך די יאָהרען, צום איבעריגען, א גאנצע נאכט, ווי א זייגער, האלט ער אין איין קאכיקען.

דער דאָקטאָר זאָגט, די הארץ איז איהם שוואך, די לונגען זיינען אָנגעגריפען, ער מוז האָבען פרישע לופט. נו, וואו קריעגט מען פרישע לופט? ער וואָלט בעדארפט געהן, כאָטש יעדען אבענד אין דזשעקסאָן סטריט פארק, קען ער אָבער ניט, ווען ער קומט פון דער ארבייט איז ער אזוי מיעד, אזוי אויסגעמאטערט, אז ער שלאָפט איין ביים טיש, ווער האָט עס כח צו געהן?

זי נעהמט זיך פארען ביים סאפער און זלמן געהט איהר ניט ארויס פון מח.

— ער זאל ניט דארפען אזוי שווער ארבייטען — גיט זי א זיפץ — ביי לייטען איז דא ווער עס זאל העלפען, די ווייב, דער־וואקסענע קינדער, דא, נומער ערגער, איז אלץ אויף איין האנד. אומשטיינס געזאגט, פון מיינע קנעפלעך געהען קען דאך אפילו קיין וואסער אויף קאשע ניט טראגען.

— אז עס איז ניטא ווען — נעהמט זי זיך ענטשולדיגען — א שטוב קיין עין הרע, מיט קליין־ווארג, מיט דרויב, יעדעס דארף מען אנטהאן, ארומוואשען, בעלאטען, בענעהען, יעדעס דארף א מענשען, עס סטייעט ניט די צייט.

— וואלט סעמקע געווען כאטש אביסעל מענערשער, איז גאר־ניט, אט איז ביי די פאלאנסקעס, א אינגעלע אין די זעלבע יאהרען, מאכט ער שוין פיער דאלאר א וואך. מען האט איהם אנגעטהאן לאנגע הויזען, אוועקגעזעצט לעבען מאשין אנטקעגען פאטער און גאר ניט. ער האט אפילו די שולע ניט געענדיגט.

דא אבער, איז אלץ נומער ערגער, א קינד א בענעהמעניש, שוין באלד פערצעהן יאהר און זעהט אויס ווי אכט, און טאג און נאכט האט מען צו טהאן דערמיט, דא די אויערלעך, דא די אויגע־לעך און דא דאס הערצעל, קיין רוהיגע מינוט האט מען נאך דער־פון ניט געהאט.

זי געהט צו צו דער טיר פון דעם פאדערשטען צימער, און נעהמט בעטראכטען סעמקע׳ן.

— כאטש א ביסעל העכער ער זאל זיין, די פיסלעך וועלען אפילו דעם טרעטער פון דער מאשין ניט דערלאנגען. א ברעקעל, א גאר ניט, געה מאך דאס פאר א פערדיענער !...

— סעמקע ! — זי וויל איהם א רוף טהאן, זי וואלט ווערען זעהן ווי ער וועט אויסזעהן, ווען ער וועט אויפשטעהן.

זי זעהט אבער ווי סעמקע מאטערט זיך איבער די אוראקען, פערקנייטשט מיט דעם שטערענדעל, ארייגגעגראבען מיט לייב און לעבען אין די ביכער, און זי האט קיין הארץ ניט.

— עס זאל מיר זיין פאר זיין קאפ ! ער לערנט דאך אזוי גוט !

— נעהמט איהר הארץ בלוטען — אזא קונדעס, ענדיגט ער שוין

באלד די שוהל, לעצטען סיזאָן האָט ער געקראָגען אַ מעדאַל, און דאָס מאָל, זאָגט ער, וועט ער אויך קריגען אַ מעדאַל.

— ווען מען זאָל איהם קענען אויסהאַלטען — קומט איהר אַ מחשבה — וואָלט, קען זיין, פון איהם געוואָרען אַ מענש, אָבער ווע‏מענס כחות איז דאָס? מען קען זיי קליינערהייד, ניט דערהאַל־טען — איז זי זיך ממש מיאש פון דעם געדאַנק.

זי געהט צו צום פרעס־ברעט און נעהמט זיך פרעסען די וועש ראַפּטאָס, פליסיג. איינציגע שטיקלעך, וועלכע זי האָט פריהער אוועקגעלעגט צום פרעסען, וואַרפט זי אַצינד אַרויס.

— וועט זיין גוט ניט געפרעסט — מאַכט זי ביי זיך רעכט, זי וויל געווינען צייט, פיליכט וועט זי נאָך אויספיי‏ען היינט עפּעס צו טהאָן. נעכטען איז איהר אויך דער טאָג אוועק מיט׳ן וואַשען. פאָרגעסטערען איז קיין ארבייט ניט געווען און אזוי אַ טאָג נאָך אַ טאָג.

און עס נעהמט זי פערדריסען, פאַר וואָס זי האָט בעסער ניט געוואַשען פאָרגעסטערען, סיי ווי סיי קיין ארבייט ניט געווען.

— און וואָס האָב איך מיר היינט פערגומען מיט פרעסען?— נעהמט זי האָבען צו זיך טענות — געווען בעדאַרפט לאָזען. עס וועט ניט זיין קיין ארבייט, כאַפּט מען און מען פרעסט איבער.

און עס קומט איהר אויף אַ מחשבה, גאָר אוועקצולעגען דאָס פרעסען אַצינד, און זיך נעהמען אָנגעהען קנעפּלעך. דאָס פרעסען וועט ניט אַנטלויפען.

דער געדאַנק צייגט זיך אָבער באַלד אַרויס פאַר ניט פּראַקטיש; די הייסע אייזענס, אַ שאָד דאָס פייער, ווידער איז שוין אַלעס צו־נעגרייט, געהן אַלעס צונעהמען, לעגען איטליכעס אויף זיין פּלאַץ, וועט ווערען נאַכט. און ביי נאַכט, לאָזט ער ניט, דער „משוגענער״, ער לאָזט ניט.

— ווען איך זאָל האָבען אַ מיידעל אין די יאָהרען וואָס סעמקע — טראַכט זי זיך — קען מען שוין האָבען אַ נוץ, קעהרט אוים די שטוב, צו־וואַשט די געשיער, שפּיעלט זיך מיט׳ן קינד — פערשפּאָרט דאָך עפּעס אַן ארבייט, קען בלייבען צייט עטוואָס צו פערדיענען.

און זי איז זיך משער, ווען זעלדיטשקע זאָל געווען לעבען,

וואָלט זי שוין געווען די גאַנצע בעל־הבית׳טע, א מויד פון פופצעהן יאָהר, און אזא גאָלד ווי זי איז געווען.

עס רייסט זיך ביי איהר ארויס א טיעפער זיפץ: „בעסער וואָלט דאָס מיך געווען געטראָפען פאַר דיר, מיין טאָכטער. מען זאָל געווען רופען א דאָקטאָר אין צייט, וואָלט מען זי געווען געראַטע־וועט. לונגען ענטצינדונג? ווערען דען קינדער ניט געזונד פון ערגערע קראַנקהייטען? אז דער דאָלאָר איז אָבער אימער דאָס אויג, די נשמה...״

און דענסטמאָל האָט נאָך זלמן ניט שלעכט פערדיענט, ער איז געווען געזונד, די ארבייט, האָט ער געשריען, שאַדעט איהם ניט.

עס נעהמט זיך איהר פאַרשטעלען, אז ווען חלילה, עס ווערט אצינד אימיצער קראַנק, וואָס וואָלט מען געטהאָן? סיידען זיך אויסשטרעקען און שטאַרבען...

אָבער איז דען זלמן ניט א מסוכנ׳ער חולה, א נוטה למות?

און ווידער קומט איהר ארויף אויפ׳ן געדאַנק סעמקע: דאָך דאָס עלטסטע קינד, וואָס קען מען העלפען? זאָל זיך דאַכטען, אז דער טאַטע ליעגט שוין, מיינע שונאים, צו־בעט...

אין הויז איז שוין פינסטער. זי נעהמט אָנצינדען די גאַז, און רעכענט אריינרופען סעמקע׳ן. זי וויל דאָך זעהן, ווי ער זעהט אויס, ס׳קען זיין אז עס דאַכט זיך איהר נאָר, ער מוז שוין גאָר ניט זיין אזא פיצעלע, זי דערמהאָנט זיך אז די שבת׳דיגע הייזקעס זיינען שוין אויף איהם קורץ און שמאָל.

עס דערהערען זיך שוואַכע טריט. און א סאָפּען פון אימיצען אויף די טרעפּ, עס גיט איהר א קלאַפּ אין הארצען: דאָס מוז זיין ער!

און זלמן א סקעלעט, איינגעטונקט אין ברודיגען שוייס, מיט טיעף איינגעגראָבענע אויגען, פערשמאַכטע ליפּען, איינגעפּאַלענע באַקען, קומט אריין. ער שלעפּט זיך צו א שטוהל, און זינקט אניע־דער אויף איהם. הוסטענדיג און קרעכצענדיג...

זי וואַרפט אויף איהם א בליק און עס ווערט איהר פינסטער אין די אויגען. — מאַמע, ווי ער זעהט אויס! — דאָס הארץ נעהמט בלוטען און ווערט שיעור ניט צוריסען.

— סעמ־סעמקע! — רייסט זיך ביי איהר ארוים א פערשטיק־טע שטימע — סעמקע!

עס בעווייזט זיך פון פאַדערשטען צימער א קינד מיט א ביכעל אין האנד, א דארס, טרוקען נפש'ל, הויט און ביינער, א בלאַס גע־זיכטעל, א שמאָל גערגעלע, אַן איינגעפאַלען ברוסטעל, פערקיסנעטע אויגען, און דער לינקער אויער פערשטאָפּט מיט וואַטע.

— וואָס ווילסטו פון איהם?

— וואָס איז מאַמע? — דערהערט זיך אין דער זעלבער מינוט, אי די שוואכע הייזעריגע שטימע פון זלמנ'ען, אי דאָס שוואכע קינד־ערישע קול'כעל פון סעמקע'ן.

— סע־מ־קע, זל־מן! — וואָס? גאָר ניט! זי פאַלט אוועק אויף א שטוהל, פערברעכט די הענד אויפ'ן שויס, טראַכט, און פיהלט גאָר ניט ווי די אויגען גיסען זיך די טרעהרען...

פערלאָרען דעם קאַמפּף.

וואָס דאָס איז פאר א מין חולאת, ווייסט ער עד היום ניט. ער ווייסט נאָר, אז פריהער פלעגט עס איהם נאָר א כאַפּ טהאָן איין מאָל אין צוויי־דריי מאָנאַטען; און יעצט בעפאַלט דאָס איהם אָפטער, אלע צוויי־דריי וואָכען. עס גיט איהם א כאַפּ אויף א טאָג, צוויי, און דאן פיהלט ער דעם טעם פון טויט: א מין שפּארעניש, ניט פאר קיין אידען גערעכט, אין דער זייט, און שמערצען אין דעם רו־קען ניט אויסצוהאַלטען.

דער דאָקטאָר רופט עס אַן נירען־קראַנקהייט. אזעלכע זאמד, זאָגט ער, עס נעהמט זיך פונ'ם בלוט. אזעלכע כעמישע צושטענדע אינ'ם בלוט, זאָגט ער, וואָס פּראָדוצירען עס.

א מיטעל דערצו? עס איז כמעט גאָר קיין מיטעל ניטאָ.

ער האָט איהם פערשריעבען פילען דריי מאָל א טאָג, אָבער, דאָס פערשטעהט ער, איז ניט מעהר ווי א מין צערעמאָניע, מחמת עפּעס פערשרייבען האָט ער דאָך געמוזט... דער עיקר, אָבער, איז, הפנים, די זייטיגע זאכען: טרינקען מילך, עסען פרוכטען, ניט עסען קיין פלייש, ניט ארבייטען שווער, און — לופט, אימער זיין אויף

דער לופט — האָט ער איהם געזאָגט, זאָגסט קען דאָס ווערען וואָס א טאָג ערגער.

ווען דער דאָקטאָר האָט איהם אויסגערעכענט דאָס דאָזיגע צעטעל, האָט ער עס אָנגענומען פאר א שפּאַס, פאר אַ איראָניע.

פרישע לופט? א ווערדע האָט עס ביי סאָדאָווסקי'ן אין פאַבריק פרישע לופט! אזעלכע צוויי פענסטער מיט זעקס פערשטויבטע שויבען, וועלכע קוקען אריין אין הויף, וואו די זון ציינט זיך אויף א גאנצע האַלבע שעה אין טאָג, פּונקט פון א פערטעל נאָך צוועלף ביז א פיערטעל צו איינס. ווען די ארבייטער זיינען ביים מיטאג. דורך אזעלכע צוויי פענסטער, אז פערציג נפשות אָטהעמען אזא מחיה'דיגע לופט, וועלכע ווערט פארפיומירט מיט'ן ריח פון די מיסט־באַרעלס און „טאַילעטס" (בית הכסא), וואָס געפינט זיך אין הויף — דאַרף מען נאָך בעסערע לופט?

און מיט אזא איראָניע האָט ער אין דער היים איבערגעגעבען דעם דאָקטאָר'ס דיבורים צו דער פרוי.

— וואָס זאָגסטו אויף דעם דאָקטאָר, דעם טיפּוש? געהערט מיטלען א דאָקטאָר גיט? ער האָט הפּנים פערביטען די יוצרות, גענומען רפאות וואָס זיינען איינגעשריבען אין די ביכער פאר די ראָקעפעלערס און פערטיילט זיי צווישען די קבצנים. א געלעכטער, בנאמנות, פרישע לופט פאר סאָדאָווסקי'ס א „האַנד" (ארבייטער). פּאַלג מיך א גאנג....

און אז די פרוי האָט איהם גענומען מאכען פון דער איראָניע אַן ערנסט: סטייטש, וואָס רעדסטו? דו וועסט זיך מיט דיינע מעשים חלילה, ווער ווייסט צו וואָס פאר אַן אונגליק אריינטרייבען. איז כאָטש מיט'ן אמת האָט איהם געבורבעלט דער עסק, האָט ער זיך פונדעסטוועגען ניט אונטערגעגעבען.

— וואָס־זשע, זאָל איך אפשר נעהמען א שטעקעלע און זיך אוועקלאָזען שפּאַצירען אויף די בולוואַרדען? — האָט ער זיך צובייזערט.

די פרוי האָט טרויעריג אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און איהם ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. די טענה, האָט זי געוואוסט, איז זעהר א גערעכטע. פּרנסה, א קליינינקייט!...

— אָבער... אָבער... — האָט זי נאָך א קורצען שווייגען זיך דאָך

ניט איינגעהאַלטען — אָבער מען מוז דאָך עפּעס טהאָן. זאָל זיך דוכטען, אז עס האָט דיך שוין, חלילה, אוועקגעלעגט... איז איך ווייס... זאָל מען אפשר... ברוך'קען אָבנעהמען פון סקוהל? — האָט זי געענדיגט מיט א ציטערדיגע שטימע, און איך...

— וו־אַ־ס? דו? ברוך'קע? ארבייטען? ברוך'קע? — האָט ער איבערגע'חזר'ט עטליכע מאָל און איז געוואָרען בלאַס פון אויפּרעגונג. ברוך'קע ארבייטען? ווען ברוך'קע וועט מוזען געהן אר־בייטען דאַן... דאַן — האָט ער אויסגעשריען — וועל איך שוין ניט זעהן...

די פרוי האָט געשוויעגען. זי האָט געפיהלט געגען זיך אליין א שרעקליכען פאָרוואורף. ברוך'קע זאָל געהן ארבייטען! ווי קומט זי גאָר צו אזא געדאנק? ברוך'קע. — די גאַנצע האָפנונג איז ביי זיי ברוך'קע.

געוונג, געוונג האָבען זיי זיך צו בעקלאָגען אויף אמעריקא, ווען ניט דער אויסרייד, ברוך'קע.

אין דער היים געווען בעלי בתים, ניט צו פערזינדיגען, סוחרים מיט א נאָמען. שמחה אברהם צפּורה'ס, צי מיט איינגעע צי מיט פרעמד געלד. יאָהרען האָט מען נאָך געקענט אזוי האנדלען און וואנדלען און יענער וואָלט ניט געווען דערלעבט צו וויסען.... אָבער מען האָט אימער געטראַכט פון א תכלית, די קינדער, וואָס וועט זיין פון די קינדער... לערנען לאָזט מען ניט, פערמאַכט פאַר אידען די טירען... און מען הערט אמעריקא, א פריי לאַנד, פרייע גע־זעצע, פרייע שולען. פערקויפט מען, מען צוברעכט זיך, מען לאָזט איבער פריינד, ברידער, שוועסטער, עלטערן, אַלעס וואָס איז אזוי ליעב און טייער, און מען וואנדערט אין דער ווייטער, ווייטער וועלט. די פּאָר דאָלאר וואָס מען האָט געבראַכט ווערען באַלד צורונען, אמעריקאַנער מסחרים! פריהער געהאַלטען א שמאַטע־געשעפט, דערנאָך געהאנדעלט מיט אַלטע זעק, געהאַט א סאָדע וואסער שטעל, געשלעפּט א וועגעלע מיט געשיר, צרות, מאַנגעל און נויט. אוי, וויפיעל צרות! און ענדליך געוואָרען אן ארבייטער ביי העמדלעך, א שניידער... אן אמעריקאַנער שניידער... און די האָפנונג איז ברוך־קע: ברוך'קע לערענט, ברוך'קע ענדיגט. ברוך'קע און ברוך'קע, און אם ענדע זאָל ברוך'קע געהן ארבייטען אין פאבריק, ווי האָט זי זיך

דאָס געקענט ערלויבען? זי ערקלערט זיך דאָס גאָר, אז פיהלענדיג אינסטינקטיוו, אז זי וועט געפינען א שטארקען געגנער, האָבען זיך ביי איהר געקענט ארויסכאַפּען אזעלכע ווערטער. ברוך'קע ארביי־טען — ווי וואָלט זי דאָס געקענט אריבערטראָגען.

און זי זיצט דעם קאָפּ אראָבגעלאָזט ווי א פערשולדיגטע. דאָס הארץ בושעוועט, שטורעמט מיט געפיהלען, א געפיהל פון פאָר־וואורף, א געפיהל פון סכנה, א געפיהל פון שרעק, און א געפיהל פון פעראכטונג צו זיך, צו דער גאַנצער וועלט. זי זיצט און שווייגט.

און עס נעהמט זיך געהען ווייטער אין דער פריהערדיגע קאַ־לעע. ער געהט זיך ארבייטען, אויפ'ן אלטען שטייגער, אין פאַבריק. די קרענק ענטוויקעלט זיך אויפ'ן אלטען שטייגער אין די נירען.

און עס קומט דער בייזער טאָג, ווען ער קומט שוין פון פאַב־ריק ניט אליין. מען ברענגט איהם אהיים א האלב טויטען, און ער בלייבט ליגען אין בעט. ער ווייסט, אז ער וועט שוין לאַנג ניט ציהען, די טעג זיינען געצעהלטע, אָט, אָט...

— ברוך'קע, ברוך'קע... — לאָזט ער צו זיך רופען ברוך'קען — איך פיהל שלעכט, מיין זוהן, זעהר שלעכט.

ברוך'קע לאָזט ארונטער דעם קאָפּ און קוקט אראָב מיט צו־מישטע אויגען.

ער נעהמט אָן ברוך'קען ביי דער האנד און דריקט איהם מיט זיינע שוואכע קרעפטען. עס נעהמט זיך איהם פארשטעלען, ווי ברוך'קעס ביכער ליגען פערשטויבטע... ברוך'קען טראָגט עס באַגינען אוועק אין פאבריק, אבענדס ברענגט דאָס איהם אהיים א מיעדען, א צובראָכענעם, און ער זעהט איהם האַלטענדיג זיך ביי דער לינקער זייט, א קרעכצענדיגען... און אָט איז שוין ברוך'קע א טאַטע פון קינדער, און ער שטעהט פאר איהם פאר די אויגען דער טאַטע, א בלאַסער, א טויטער, מיט אן איינגעפאַלענעם געזיכט, מיט פער־לאָשענע אויגען...

— ברוך'קע, ברוך'קע — דריקט ער איהם וואָס אמאָל שטאַר־קער — ברוך'קע — שווער, שווער צו שטאַרבען!... שווער מיין קינד!....

איך און ער.

אין פאבריק ביי מיסטער סאָקאָווסקי איז די וואָך געווען א שרעקליכע ביזי. די גאנצע וואָך איז געווען ארבייט איבער'ן קאָפּ. מען האָט געארבייט אָווערטיים (איבעריגע צייט). אז עס איז גע־קומען שבת צו די שכירות. האָבען אַלע ארבייטער אויסגעזעהן, ווי די גאָטס־פאַרכטיגע אידען צו נעילה: געל ווי וואקס, רויטע פערשוואָלענע אויגען, פערטריקענטע ליפען, אַלע האָבען אונטערגע־קרעכצט און קוים געקענט איינשטעהן אויף די פיס.

די שכירות זיינען אמת געווען ניט צו פערזינדיגען, פופצעהן, אכצעהן, צוואנציג דאָלאר א קאָנווערט און העכער; אָבער וועמען איז דאָס בעקומען? אזא שווערע וואָך ארבייט! גאָר קיין מענשליכער כח געווען אריבערצוטראָגען.

די גרעסטע שכירות האָט דעם שבת בעקומען ישראל חיים, דער פרעסער — גאנצע איין און צוואנציג דאָלאר נאָך מיט סענטען. נור פון ישראל חיים'ען איז פשוט בפשיטות, נאָך דער וואָך, קיין תמונה פון קיין מענשען גאָר ניט געבליבען. א אויסגעצייגענע נאָז, א פאָר ארויסגעשטאַרטשעטע שטשאָקעס, עטליכע שווארצע צייהנער און א פאָר לעבער אונטער'ן שטערען. א מת, א פשוט'ער מת....

— הערט ר' ישראל חיים — האָט איהם דער בעל הבית, דער־לאנגענדיג די שכירות, געזאָגט — איהר וועט נאָך שבת'דיגער וואָך זיך מוזען צוקריגען עפּעס אַן ארויסהעלפער. עס פידעלט שוין ניט ביי אייך, ווי אין די אַמאָליגע יאָהרען, זעהט אייך עפּעס א גרינעם (א ניי אָנגעקומענעם), יו נאָ (איהר פערשטעהט).

ישראל חיים האָט זיך אויפ'ן אָרט אפילו אביסעל בעליידיגט, וואָס ביי איהם פידעלט שוין ניט, ווי אין די אַמאָליגע יאָהרען. אָבער אז ער וועט ניט קענען נאָכקומען נאָך שבת'דיגער וואָך מיט דער אר־בייט דאָס האָט ער גאַנץ גוט געוואוסט. און ער האָט געשמייכעלט אויף דער המצאה פון בעל הבית, אז ער זאָל זיך צוקריגען א „גרינעם".

— גע־ווייס געוויס אייך, איך האָב שוין איינעם — האָט ר' ישראל חיים צוגעשאָקעלט מיט דעם קאָפּ און אין די צוויי לעבער אונטער'ן שטערען האָט געפינקעלט, ווי ביי א קאַץ ווען מען נעהמט

זי לאַשטשען אויפ׳ן שויס, נאָכדעם ווען מען האָט זי אַראָבגעוואָרפען פונ׳ם טיש...

געמיינט האָט עס בשעת מעשה ישראל חיים, זיין גרינעם לאַנדסמאַן, יוסל דוד שניידער, אַ איד אַן אָרימאַן, אַ גוטער ברו־דער פון דער היים, אַ טהייערער בעל מלאכה אין דער היים געווען, און דרעהט זיך שוין באַלד אַרום דריי מאָנאַטען דאָ, אַ בעל מטופל, מיט זעקס קינדערלעך, נעבאַך, און שטאַרבט פון הונגער....

ווען ער האָט אָבער גענומען אַרונטערגעהן די טרעפּען פון דער פאַבריק האָט איהם גענומען פּלאָנטען אין מח דעם בעל הבית'ס ווער־טער: „עס פידלען שוין ניט ביי אייך ווי אין די אַמאָליגע יאָהרען". עס פידעלט שוין, הייסט דאָס ניט. ניטאָ די אַמאָליגע כחות אָב־געאַרבייט זיך ביים פּרעס־אייזען...

ער האָט זיך געוואָלט צו בריה׳ן, זיך נעהמען בעווענען פלינקער, שנעלער, אַרונטערלויפען די טרעפּען אַזוי אין איין אָטהעם, ווי אין די אַמאָליגע יאָהרען, ער האָט אָבער דערפיהלט, ווי די פיס פּלאָנ־טערען זיך, דער גאַנצער קערפּער וואַקעלט זיך, און ער האָט זיך געמוזט אָבשטעלען. „עך, גוטער ברודער, עס פידעלט טאַקע הפנים ניט ; אָבגעפאָהרען, ווי אַ פּאַטשטאָווע פערד!"...

און עפּעס איז איהם יוסל דוד, דער לאַנדסמאַן זיינער, פּלוצלים אַרויפגעשוואומען פאַר די אויגען, גאָר מיט אַן אַנדער פּנים : יוסל דוד שניידער, אַזעלכע גאָלדענע הענד, און אימשטיינס געזאָגט, די אַמעריקאַנער מלאכות. אין צוויי דריי טעג פערשטופּט ער די אַמע־ריקאַנער אַרבייטער אין הרובע.... און דער אויפזעהער, ער האָט זיך ליעב צוצוקוקען...

עס האָט זיך גענומען דערוועקען ביי איהם עפּעס אַ מין חרטה אויפ׳ן עסק... אַפילו אַן עהרליך מענשעל, אַ גוטער ברודער — אָבער פּרנסה... פּרנסה....

ביי די לעצטע טרעפּען האָט עס איהם אַ שטופּ געטהאָן צו פּרואווען נאָך אַ פלינקע בעוועגונג צו מאַכען, ער האָט זיך אַ שפּאַר געטהאָן מיט איין האַנד אָן דער פּאַרענטשע פון די טרעפּען און עס האָט זיך איהם איינגעגעבען אַרונטערצושפּרינגען אין גאַס.

—ניש־קשה—האָט דאָס האַרץ ביי איהם זיך אַ טרייסעל געטאָן פאַר שמחה. מען וואָלט זיך נאָר בעדאַרפט אַביסעל אויסרוהען. אַ

פאַר וואָכען, ניט אזוי שווער ארבייטען. די „אָווערטיים״ (איבעריגע צייט), דאָס נעהמט אוועק דאָס געזונד.

אין גאַס האָט געשוויבעלט און געגריבעלט מיט מענשען: אר־בייטער, פרויען און מענער האָבען זיך געשיט פון די פאַבריקען און עס האָט אויסגעוויזען, ווי די גאַס וואָלט פערפלייצט געוואָרען מיט אַ מחנה מוראשקעס. די טראַמוויים וועלכע האָבען איבערגעקרייצט די וועגען, האָבען אָפּט די מאַסע צוזאַמענגעשטויסען, צוזאַמענגע־פּרעסט און פערפּלאָנטערט ווי אַ בינטעל ווערים...

ישראל חיים האָט בעטראַכט די מאַסע, ווי זי לויפט, יאָגט זיך...

צווישען דער מאַסע האָט ער בעמערקט פיעלע „גרינע״ (ערשט אָנגעקומענע) אָן זייערע היימישע שיך, אָן די אויסגענעהטע העמ־דער און אָן די פער׳מרה־שחורה׳טע, צושראָקענע געזיכטער, האָט ער זיי דערקענט. „גרינע״ נעבעך, לויפען מיט די אָרימע פאַר דאָלאַר פערדיענסטען זייערע. אין דער היים, וואַרטען אַ ווייב, קינדערלעך, נאַקעטע, באָרפיסע... וואַרטען, קוקען אַלע ארוים אויף די שכירות. דריי דאָלאַר, דריי און האַלב דאָלאַר — גרינע פערדינסטען... און ער האָט זיך דערפיהלט עפּעס ווי אַ העלד געגען די גרינע. קיין עין־הרע אַזאַ שכירות!...

איבער די רעלסען האָט עס איהם אריבערגעטראָגען לייכט. עפּעס ווי אַלע אברים וואָלטען פּלוצלים לייכטער, פרישער געוואָ־רען... ווען ער וואָלט געווען בכח, האָט זיך איהם אויסגעוויזען, וואָלט ער געווען גרייט אַלע, אַלע „גרינע״ אָט דאָ צו העלפען... און עס האָט זיך איהם געגומען פאַרשטעלען זיין „גרינער״ לאַנדסמאַן יוסעל־דוד שניידער; די ערשטע שכירות ביי אַ „גרינעם״, די ערשטע אַמעריקאַנישע פערדינסטען — געוואַלד, וואָס פאַר אַ טעם דאָס האָט...

אויף יוסעל־דוד׳ען צורייסט איהם דאָס האַרץ אויף שטיקער: אַ שטיל מענשעלע, אַ דימענט, ער האָט איהם געהאָלפען מיט וואָס ער האָט געקענט: דריי דאָלאַר מזומנ׳ע, אַ ווינטערדיגען אַלטען ראָק, אַ העמד. און אַלטע בעט, ווען ער נעהמט איהם אַצינד ארויף אין פאַבריק — די ערשטע שכירות, די ערשטע פאַר דאָלאַר אייגענע פערדינטע, איהם צייגען... עס ווייזט זיך אויס,

אז ער וואָלט זיך דערנאָך אליין א קוש געטהאָן דערפאר... א קליינינ־קייט, אזא דלות! מען האלט אונטער מיט די הענד אז א ברעקעל פון דעם ברויט זאָל ניט ארונטערפאלען... נאקעט, באָרפוס, אכט נפשות צוזאמענגעשטופט אין א פינסטערן לאָך...

און עס נעהמט איהם אונטערטראָגען, עס וואָלט זיך איהם שוין געוואָלט זיין ביי יוסעל דוד'ן אויפ'ן פינפטען עטאזש, און איהם אָנזאָגען די בשורה...

ער קומט צו צו יוסעל דוד'ס הויז און נעהמט מיט אימפעט ארויפלויפען די טרעפען, ער לויפט אָב ביז דעם דריטען עטאזש, און עס פערכאפט איהם דער אָטהעם, ער בלייבט שטעהן, עס נעהמט איהם פינסטערען אין די אויגען... און ווידער פיהלט ער, ווי עס קלינגט איהם אין די אויערען דעם בעל הבית ווערטער: „עס פי־דעלט שוין ניט ווי אין די אמאָליגע יאָהרען"....

ער בלייבט שטעהן פערטראכט, ניטאָ קיין כח... אָבגעארבייט... פרישע כחות דארף מען... די געדאנקען נעהמען זיך מישען... און יוסעל דוד צייגט זיך פאר איהם עפעס פלוצים פאר אזא העלד, אזא ריעז, ער זעהט איהם, דאכט זיך איהם, שטעהן ביים פרעס־טיש און ער קלאפט, קלאפט אזוי לעבעדיג מיט דעם אייזען... און די ארבייט געהט, רוקט זיך פון די הענד... און דער אויפזעהער קוקט...

און אנדערען, א קאליקע עפעס, דארף מען זוכען, זאָגט איהם אימיצער אונטער, און עס נעהמט איהם שטופען צוריק...

ער דערפיהלט אָבער באלד א שווערינקייט, א בלייענע שווער־קייט אויפ'ן הארצען און א ביינקעניש נאָך דעם פערגניגען אָנצו־זאָגען די בשורה... העלפען יוסעל דוד'ן ארייננקריעגען די ערשטע שכירות... מחיה זיין א גאנצע געזינדעל... דאָס ווייב, די קינדער — אלע, אלע מחיה צו זיין... און זיך, זיך אליין מחיה זיין... און מיט דעם אימפעט פון דעם פאנטאסטישען פערגניגען טראָגט עס איהם ארויף אויפ'ן פינפטען עטאזש.

ער עפענט די טיר און פאלט אריין א פערסאָפעטער מיט א פרעהליך, מונטער געזיכט אין שטוב.

— אי... איך, איך האָב... — נעהמט ער פערסאפעט שטאמ־לען. ער דערפיהלט די מינוט א מיעדקייט, עס נעהמט איהם ציהען ארונטער, ער זינקט אניעדער אויף א שטוהל, און גיט אונבעוואוסט

א קרעכץ... דער קרעכץ הילכט אָב אין מח, און דעם בעל הבית ווערטער נעהמען ווידער קלינגען אין די אויערען...

— איך, איך האָב פאַר פאַר דיר... — שטאַמעלט ער — און אין מח שטעלט זיך ביי איהם פאַר אז ער איז גאָר ניט אצינד ביי יוסעל דוד'ען אין הויז... דעם גאַנצען דלות, דאָס דחקות זעהט ער דאָס ביי זיך, ביי זיך אין שטוב... די נאַקעטע, באָרפוסע קינדערלעך, וואַלגערענדיג זיך אויפ'ן פלאָר, דאָס זיינען זיינע, זיינע קינדער... און די פרוי איינגעוויקעלט אין שמאַטעס דאָרט, דאָס איז זיין פרוי... און יוסעל דוד איז גאָר ניט יוסעל דוד, דאָס איז ער, ישראל חיים, דער פרעסער. דער אָבגעפּאָהרענער, וואָס פידעלט ניט, עס פידעלט שוין ניט ביי איהם... יוסעל דוד'ען זעהט ער גאָר אצינדערט אַזוי משונה־ווילד, מיט אַזעלכע בייזע אויגען, צושויבערטע האָר.... פער־שוויצט, פערהאָרעוועט... קלאַפּט, קלאַפּט, קלאַפּט מיט'ן אייזען, דאַכט זיך איהם, איבער זיין קאָפּ... כאַפּט נאָר דעם אָטהעם ניט אָב...

— מאַמע, עסען! שלאָגט איהם פּלוצים איבער א וויינענדיגע שטימע פון די קינדערלעך.... ער גיט אַוואָרף א בליק, יוסעל דוד האַלט אָראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, שוואַרץ, פינסטער, חשך ווי די ערד... און יוסעל דוד'ס פרוי, זי פערציטקעוועט, בייסט די ליפּען, איינשטי־לען וויל זי די קינדערלעך, און טרעהרען, טרעהרען זעהט ער אין די אויגען, אין איהרע....

עס רייסט איהם, רייסט איהם דאָס הארץ ווי מיט צוואַנגען. יוסעל דוד'ס ווייב, די קינדער... זיין ווייב.. זיינע קינדער.... ברויט... עסען... שיכלעך... יוסעל דוד... ער... דער אויפזעהער... עס פידעלט ניט...

— איך, איך האָב... פאַר... פאַר דיר פינף... צעהן... דאָלאַר — פאַלט איהם אריין א געדאַנק — צעהן דאָלאַר... וועסטו אָב־געבען !...

ער כאַפּט מיט ציטערענדע הענד ארויס צעהן דאָלאַר פון די שכירות, לעגט אַוועק אויפ'ן טיש, און נערוועז, צומישט, בעגאַסען מיט קאַלטען שוויים, הערט ער אפילו יוסעל דוד'ען דאַנקען, דער יוסעל דוד'קעם ברכות, ער שטאַמעלט, דרעהט זיך, און איז נערן וואָס ער כאַפּט זיך ארויס פון הויז...

איבער אַ פענסטער.

שמעריל טרובאטש און בעריל דראגון זיינען ביידע ארביי־טער פון פרויען בלוזקעס, ארבייטען ביידע ביי איין בעל הבית, און האָבען ביידע א נאָמען אין פאבריק פאר „טייוואָלים”.

אויפ'ן אויסזעהן זיינען זיי ביידע ווי א צווילינג פון איין מאמע.

טרובאטש איז א לאַנגער, א דארער, מיט לאַנגע צוויי פיס און משונה לאַנגע הענד, מיט דאַרע פינגער.

און דראגון איז אויך א לאַנגער, א דארער, מיט לאַנגע צוויי פיס, משונה לאַנגע הענד מיט דינע פינגער.

דער אונטערשיעד איז נאָר אין די בערדלעך און אין די נע־זער זייערע.

ביי טרובאטש'ן איז דאָס בערדעל א בלאָנדס, ערטערווייז ווי אויסגעפליקט און די נאָז א לאַנגע, אָן אויסגעבויגעלע.

און ביי דראגונען איז דאָס בערדעל א געלס, א קלאָטשעוואַ־טע, און די נאָז א פלאַטשיקע.

אין שנעלקייט זיינען זיי אויך צוויי טראָפּענס וואסער....

מאכט זיך אז טרובאטש מיט דראגונען פערנעהמען ביידע גלייך ארבייט איז מען זיכער, אז זיי וועלען ביידע גלייך ארויס־ענדיגען. זעלטען אז איינער יאָגט איבער דעם אנדערען. פיליכט אמאָל מיט אַן ארבעל ארומשטעפען. און ביי אזא פאל איז דאָס פאר'ן הינטערשטעליגען א שרעקליכע מפלה...

צוגעהן געהט ביי זיי צו די ארבייט אויף אזא אופן: ביים פאָנאנדער נעהמען די פעקלעך ארבייט, גיט איינער א ווארף א בליק אויף דעם צווייטען, ער זאָל כאפּען פון וואנען יענער פאנגט אָן. און אז ער בעמערקט אז יענער, למשל, פערנעהמט צום ערש־טען אין דער ארבייט די ארבעל, פערליערט דער צווייטער ניט קיין מינוט און פערנעהמט גלייך אויך די ארבעל, און ניט אראָב־נעהמענדיג קיין אויג, האלט ער אָן מיט אלע כחות אזוי לאַנג, ביז ער ענדיגט מיט איהם גלייך ארויס.

ענדיגט יענער די ארבעל און פערנעהמט אַן אנדער טייל,

טהוט דער אנדערער נאָך, און לאָזט ווידער ניט אָב ביז ער ענדיגט מיט איהם ווידער גלייך ארוים.

ערלויבט זיך איינער אָבצואווישען די נאָז, איז אויב דער צווייטער פיהלט זיך נאָר ניט אונטערשטעליג אין דער ארבייט, ער־לויבט ער זיך אויך דאָס זעלבע... אז ניט איז ניט...

הכלל, אזוי געהט דאָס אָן. מען לאָזט זיך איינער דעם צוויי־טען ניט אָפּ, אויף א סעקונדע.

— נו, הערר טרובאטש, א סיגארעטעל — אזוי גיט דראגון א זאָג ניט אָבשטעלענדיג זיך מיט דער מאשין, שוין דאן ווען עס עקט זיך איהם פּשוט די נשמה נאָך א סיגארעטעל.

איז אז טרובאטש האָט גראדע אויך שטארק חשק צו א סי־גארעטעל ענטפערט ער, אויך ניט אָבשטעלענדיג די מאשין:

— נו, אָלל־רייט !... (גאַנץ גוט).

דאָס הייסט א סיגנאַל פאר א וואפען שטילשטאנד, אויף א מינוט, און מען נעהמט זיך ביידע צו די קעשענעס און מען צו וואוילטאָגט זיך מיט סיגארעטלעך. האָט אָבער הערר טרובאטש נאָך קיין חשק ניט, מוז נעבעך הערר דראגון ווארטען. נעהמען פעררויכערען אליין, הייסט טרובאטש'ען לאָזען אין פאראוים מיט דער ארבייט, און דאָס, ווייסט דראגון, קען איהם נאָכהער שטארק שאַדען צו זיין רעפּוטאציע...

ויהי היום, האָט זיך געמאכט א טאָג, און אין פאבריק האָט אָנ־געהויבען, ווי מען זאָגט אויף דעם ארבייטער לשון: צו ווערען „בעכאנדאָנדע”, דאָס הייסט, עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען אין דער ארבייט.

אונזערע ביידע ארבייטער, הערר טרובאטש און הערר דרא־גון, ווען זיי זיינען געגאנגען פערנעהמען ארבייט, האָבען זיי ביידע גלייך מיט זייערע שארפע ראיות בעמערקט: אז אין שראנק פון דער ארבייט, איז ניט מעהר פערבליבען ווי א פּעקעל, איין פּע־קעל ארבייט...

די צוויי ארבייטער האָבען זיך ביידע אָנגעקוקט שטום. און עס איז ביי ביידען דורכגעלאָפען איין געדאנק: אז מען וואָלט בעדארפט זיך נעהמען צו איילען ווענען דעם לעצטען פערבליעבע־נעם פּעקעל.

דראגון האָט אייגענטליך, דאָס מאָל, געהאַט מעהר אויסזיכטען דאָס אריינצוקריגען.

ערשטענס, ווייל זיין מאשין איז געווען פון די נייע ערפינדע־נע זינגער מאשינען אין וועלכע די באָבען־דרעהערס (ציווקעס) זיינען איינגעריכטעט אויף אזא אַרט, אז זיי ווערען אליין פון זיך אריינגעדרעהט נעהענדיג... וועהרענד טרובאטש פלעגט ביים אַנדרעהען באָבענס מוזען זיך אָבשטעלען פון דער אַרבייט.

צווייטענס, האָט זיך דאָס מאָל גראַדע אַזוי געמאכט, אז דאַן ווען דראגון האָט שוין געהאַט פערנומען זיין פעקעל ארבייט, האָט טרובאטש ערשט געמוזט פערבלייבען א פּאָר מינוטען ווארטען אויף א קאָליר זייד.

אלזאָ, דראגון האָט א שטעל געטהאָן זיינע לאַנגע פיס צו דער מאשין, האָט שנעל א פּיק געטהאָן מיט דער שער דאָס שטריי־קעל, פונ'ם פעקעל ארבייט, ארויסגעכאַפּט וואָס איז געקומען איהם צום ערשטען אין די הענד, איינגעשפּאַנט זיך גלייך אין דער „קאַ־טערינקע", און גענומען „פּאָהרען".

ווען הערר טרובאטש איז געקומען צו דער מאשין מיט זיין ארבייט, האָט שוין דאַן דראגען געהאַט איינגענעהט די מאַנ־זשעטען פון די ארבעל.

טרובאטש האָט א שארפען בליק געטהאָן אויף דראגונען, און האָט ווי א גרויסער סטראַטעגיקער, פערקנייטשענדיג דעם שטערען, א קלער געטהאָן, דורך וואָס פאַר א קונץ וואָלט דאָ מעגליך געווען איבערצוויאגען דעם קאָנקורענט.

עס האָט ניט לאַנג גענומען, ביז ער איז געפאלען אויף דער המצאה איבערצוקעהרען זיין פעקעל מיט דער אַנדער זייט ארויף, אזוי אז איהם זאָל אויסקומען אָנצופאנגען פונקט דאָרטען וואו דראגונען וועט אויסקומען אויסצולאָזען...

דער קונץ איז ווירקליך געווען א געשייטער, ווייל די גאַנצע שנעליגקייט פון דראגונען איז אייגענטליך נאָר בעשטאַנען אין דעם וואס ער האָט אין זיך געהאַט די קראַפט נאָכצוויאגען. נאָכיאַ־גען יענעם. און עס האָט ניט מעהר געפעהלט, ער זאָל איהם פער־טומלען, אזוי אז ער זאָל ניט וויסען וואו ער האַלט אין דער וועלט...

דראגון האָט זיך אבער ניט געלאָזט נאַרען, און בעמערקענדיג

אז יענער האָט אָנגעפאַנגען פון די קאָלנערס, האָט ער, במחילת כבודו, שנעל אװעקגעלעגט די אַרבעל און אויך פערנומען די קאָל־נערס.

טרובאַטשען האָט שוין עפּעס ניט געפּאַסט אװעקצולעגען די קאָלנערס און פערנעהען װידער אַן אַנדער טייל, און ער האָט געאַרבייט, און עס האָבען זיך אין איהם געביטען די קאַליריען.

— שוין געמאַכט אַזוי שנעל די אַרבעל? — האָט ער געבור־טשעט, װי צו דער מאַשין, שטעכענדיג...

— א שאלה אביסעל — האָט דראַגון אויך געבורטשעט אויף דעם זעלבען שטייגער, טראַכטענדיג, בעת מעשה: „מען האָט דיך אין דער ערד, טרובאַטש! מיינסט אַז מען פערשטעהט ניט דיינע חכמות?!“

און דראַגון האָט אָנגעהויבען נאָכצוגעהן טרובאַטשען, א פּסוק נאָך א פּסוק...

טרובאַטש ענדיגט די קאָלנערס, דראַגון אויך. טרובאַטש פער־נעהמט די פאָדער חלקים, דראַגון אויך. טרובאַטש ענדיגט די פאָדער חלקים און פערנעהמט די הינטער חלקים, דראַגון האַלט נאָך...

— שלעכט — טראַכט זיך טרובאַטש, דערמאָהנענדיג זיך אין יענעמס אויסגענעהטע מאַנזשעטען — דאָס לעצטע פּעקעל אַר־בייט שטעהט אין א סכנה, און די רעפּוטאַציע!

— װאָס — װאָס פאַר א שכל? — קען ער ניט אויסהאַלטען

— איהר האָט דאָך נאָך די אַרבעל ניט געמאַכט? װאָס האָט איהר אװעקגעװאָרפען אין מיטען, װאָס?

— װאָס אַרט אייך? — ענטפערט איהם דראַגון, װי מיט נצחון, — זיי װעלען שוין זיין געמאַכט, האָט נאָר קיין דאגות ניט... עס איז שוין אַל־רייט...

טרובאַטש װערט בייז װי א טיגער. ער גיט זיך א כאַפּ אַרונ־טערצורוקען דעם שטאָך. אפשר װעט ער דערמיט זיך קענען העל־פען. אָבער דער שטאָך איז שוין אַראָבגערוקט ביז׳ן עק. מען קען שוין ניט װייטער, ניטאָ װאו!...

די װענטלעך פון די נאָז־לעכער װערען ביי איהם בלאָס און נעהמען זיך בעװעגען פון כעס...

— לומפ! — ברומט ער אין זיך — לומפ!

ער גיט א בייזען פעראכטליכען בליק אויף דראגונען און בע־מערקט ווי יענער שוויצט ווי א ביבער... זיינע בליקען שטעלען זיך אָב אין דער זעלבער מינוט אויף דעם פענסטער און עס גיט איהם א בליץ א געדאנק...

— ווארום עפענט איהר כאָטש ניט א פענסטער, ווארום?

— גיט ער א זאָג בייז — איהר פערגינט זיך די צייט ניט?

ער גיט האסטיג זיך א הויב און גיט מיט כעס א רוק דאָס פענסטער...

עס גיט א בלאָז א קאלט ווינטעל...

דראגון פיהלט ווי עס נעהמט איהם דורך אלע גליעדער, ער פערגינט זיך אָבער ניט די צייט צו פערמאכען דאָס פענסטער.

ער פיהלט ווי עס נעהמט איהם שטיקען אין האלז און רינען, במחילה, פון דער נאָז...

ער נעהמט און מאכט זיך ניט וויסענדיג, אָבער עס העלפען קיין חכמות ניט מען מוז די נאָז אָבווישען...

ער נעהט ווייטער, אין האלז פיהלט ער שטיקט וואס א מאָל מעהרער, ער גיט א הוסט, ער קימערט זיך ניט אזוי שטארק וועגען הוסט, אָבער די נאָז... די נאָז מוז מען ווישען, א ברירה האָט ער?

און טרובאטש פאָהרט דערווייל מיט דער ארבייט. ער האָט שוין ארויסגעענדיגט די הינטער־חלקים, ער האָט פערנומען צו־זאמענשטעלען, קאָלנערס אייננעהען...

דראגון מוטשעט זיך מיט אלע קרעפטען נאָכצוואָגען אָבער די נאָז, ווי א ניט גוטער וואלט זיך דאָרט ארייגעכאפט. ער קען גאָר ניט פארטיג ווערען מיט איהר.

ער קוקט זיך אום פון אלע זייטען, פון וואנען האָט זיך די צרה גענומען? און ער בעמערקט ווי טרובאטש האָט איהם שוין איבערגעלאָזט ווייט, ווייט.

עס נעהמען אין איהם קאָכען אלע בלוטען...

— וואס — וואס — וואס האָט איהר זיך צו־צו־עפענט מיט'ן פענסטער, וואס? — פּלאצט ער ארויס, ווישענדיג זיך — גע־זעהען א בעלנות?....

— נו, פערמאַכט, — ענטפערט איהם שוין דאַן טרובאַטש מיט נצחון.

ער שפּרינגט אויף מיט כעס, גיט אַרוק אַראָב דאָס פענסטער, — וואָס זאָגט איהר דערצו? וואָס זאָגט איהר? פּלוצים גאָר אַ פענסטער געעפענט. אַ בייזע היץ אויף איהם! געהערט? כחי־כחי־כחי!...

ער פערהוסט זיך און נעהמט ווישען ווידער די נאָז.

ער זעצט זיך מיט כעס אַוועק, און שטרענגט זיך ווידער אָן מיט די לעצטע קרעפטען אָנצוויאָגען טרובאַטשען, אָבער די נאָז... די נאָז לאָזט איהם קיין נאָט ניט אָבנעהען.

— אַ־אַ־אַן אָן אָנ־שיקעניש, בנאמנות. אַ־אַן איינפאַל פון אַ משוגענעם. ער האָט דאָס אפנים אויף להכעיס געעפענט — בורטשעט ער ווי צו זיך אַליין הוסטענדיג און ווישענדיג די נאָז...

טרובאַטש מאַכט זיך ניט וויסענדיג און נעהמט זיך נעהענ־דיג צוברומען אַ ניגון'דעל.

דערהערענדיג דאָס ניגון'דעל, נעהמט דראַגונען סקריפּען און גרילצען אין די אויערען און אין האַרצען, ווי מען וואָלט איהם געריבען מיט אַ ריב אייזען...

— וואַ־וואָס, איך בעט אייך — פּלאַצט ער אַרויס אין כעס, — איהר האָט דאָס אַ פּנים אויף צו להכעיס געטהאָן, האָט איהר דאָס? וואָס?

און דערזעהענדיג אַז טרובאַטש האַלט שוין ביים אַרומשטעפּען די אַרבעל און שטעהט שוין מיט איין פוס אָט־אָט, צו־געהן נאָך דעם פּעקעל אַרבייט, ווערט איהם היים און קאַלט, די ליפּען ווערען בלאַס, און נעהמען ציטערען פאַר אויפרעגונג. די אויגען ווערען פערגאָסען מיט בלוט.

ער גיט אַ וואַרף מיט דער אַרבייט, שפּרינגט אַרויס פון אונ־טער דער מאַשין.

— איהר זייט אַ־אַ פּאַס־פּאַסקודניאַק! אַ פּאַסקוד־ניאַק, זיינט איהר! טרו—באַטש, טרובאַטש איינער! אי־איהר — דו־דו—ב־ביסט אַ לומפּ!..

ער גיט אַ שפּיי, און לויפט הוסטענדיג און ווישענדיג די נאָז מיט אַ קלאַגע צום באָס...

ר׳ יצחק משה.

ר׳ יצחק משה, א סוטולעוואט אידעל, מיט א שווארץ בערדעל ערטער־ווייז אויסגעפליקט, א קעהרער און א נאַכט שומר ביי סע־דרעלקינען אין פאבריק פון מענער ארבייט, — האָט זיך גערעכענט אין פאבריק ניט פאר קיין ארבייטער נאָר פאר א שטיק בעל הבית.

ווען ר׳ יצחק משה איז ארומגעגאנגען איבער דער פאבריק מיט׳ן בעזים, האָט איהם יעדער קלייניגקייט געאַרט אזוי ווי דאָס וואָלט געווען זיין אייגענטהום.

— גיט נאָר א קוק ווי עס וואַלגערען זיך קנעפּלעך, מיט... מיט האלבע קלעצלעך מאקערא, וואַלגערען זיך ארום — פלעגט ער איינ־געבויגענע נעבען די קנעפּלעך נעהעריגס צוזאמענקלייבען פון דעם דיל. ס׳איז דאָך אן עבירה פאר גאָט. עס קאָסט דאָך אלעס געלד. יעדער פּיצעלע איז דאָך געלד!

און ביז ר׳ יצחק משה פלעגט אויסקעהרען די פאבריק, פלעגט ער צוזאמענגעהמען פון די דילען גאַנצע אוצרות, נעבען די מאַ־שינען, נעבען די צושניידערס, נעבען די קנעפּלעך נעהעריגס, און יעדערען האָט ער גע׳מוסר׳ט אז מען האָט גאָר פאר גאָט קיין מורא ניט: פּי־פּא, מען האקט און מען בראָקט! עס איז הפקר, אלעס הפקר!

— ר׳ יצחק משה, אָט ליעגט א שפּילקע, אָט־אָט־אָ, אָ־דאָר־טען אָ! — פלעגען די ארבייטער פון איהם מאכען לצנות — אָט דאָרט־אָ, אויפ׳ן דיל.

און ר׳ יצחק משה האָט זיך ניט געפוילט, ער איז ארומגעגאַנ־גען אן איינגעבויגענער און האָט געזוכט מיט די קורצזיכטיגע אוי־גען די שפּילקע.

אויף דער נאַכט, ווען דאָס הוזשעריי און טומלעניש פון דער פאבריק פלעגט ווערען שטיל. די ארבייטער, די אָנגעשטעלטע פלע־גען אהיים געהן, פלעגט ר׳ יצחק משה לאָזען ברענען איין עלעקט־טריק ליכט, נעבען דער מאשין וואס איז געשטאַנען אנטקעגען דעם ווינקעל וואו זיין צוזאמענגעלעגט בעטעל איז געשטאַנען איבערגע־דעקט מיט א רויטע פערשטויבטע קאָלדרע, די געלע שיין פון דעם עלעקטריק ליכט האָט דאָס גאנצע פינסטערניש ווי צוזאמענגע־

פרעסט און פערדוקט ווייט ווייט אינ'ם אנדערען עק פון דער גרוי־סער פאבריק, און ר' יצחק משה פלעגט ארומגעהן אין די שוואר־צע שאָטענס, און האָט זיך געפיהלט אז אצינדערט איז ער אין פאבריק אפשר נאָך מעהר בעל הבית פון סערעלקיג'ען.

ער פלעגט זיך אָנצינדען דעם גאז אויווען, זיך אָבקאָכען א ביסעל טהעע אין א טעפעל, זיך צובראָטען א שטיקעל הערינג, און נאָכדעם ווי ער האָט אָבגעגעסען וועטשערע, פלעגט ער צולעגען דאס בעטעל אין ווינקעל, פלעגט סאָפענדיג דורכקלאַפען דעם שטרוי־זאק, אונטער דער זייט, און דאָס צוזאמענגעקנוילטע קישען אָהן אן אויבערשטער ציך, צוקאָפענס, פלעגט פערדוקען טיר און פענס־טער, זיך דורכגעהן איבער דער פאבריק פון עק ביז עק, און אומע־טום אכטונג געבען צי עס איז בעווארענט, און נאָכדעם זיך אויס טהאָן און אוועקלעגען אויפ'ן בעטעל, וואס פלעגט זיך צוסקריפען איבער דער שטילער פינסטערער פאבריק אזוי ווי עס וואלט גע־ווען א לעבעדיגע זאך און עס וואלט קרעכצען אונטער די הונ־דערט מיט דרייסיג פונט ר' יצחק משה, וואס האָבען זיך מיט אזא אימפעט אויף דעם ארויפגעווארפען.

ר' יצחק משה פלעגט זיך אויסציהען, אויסגלייכען די מיעדע פיס און אַלע אברים, און כאָטש אינ'ם שטח, אינ'ם כמות הייסט עס, האָט ער געוואוסט אז ער פערנעהמט ניט גאָר קיין גרויסען פּלאַץ, האָט ער אָבער געפיהלט אז אין איכות, איז ער א פּאַרנעהם א מענש, אויף וועמען מען אָנפערטרויעט אזא געשעפט וואָס בע־טרעפט אין די טויזענדער, אין די צעהנער טויזענדער,—ווער קען דאָרטען דערגעהן א טאָלק!

חוץ די דאָזיגע פרייע דירה און בעלייכטונג, האָט ר' יצחק משה געקראָגען ביי סערעלניקען אכט דאָלאר א וואך מזומן, וועל־כע ער פלעגט כמעט אינגאַנצען אוועקשיקען צו דער ווייב אהיים. פון די אכט דאָלאר פלעגט זיך די ווייב מיט די קינדער דורכלעבען, און פלעגט נאָך שפּאָרען עטליכע קערבלעך א וואך. עס וועט דאָך ניט אוועקגעהן ביי א אידענע אָהן א מאַן, מיט פיצעלעך קינדער — קיין פיערצעהן צו זעכצעהן קערבלעך א וואך?...

אזוי איז זיך אוועקגעגאַנגען כשורה ביז אין דער צייט פון דער מלחמה.

אונטער דער צייט האָבען זיך די ארבייטער ביי סערעלניקען ניט איין מאָל געבונטעוועט אין פאבריק, און האָבען פערלאנגט גרעסערע שכירות. ר׳ יצחק משה האָט אָבער אויף זיי געקוקט ווי אויף לאבוזעס, ווי אויף באָסיאקעס. „דאי אבי ווידערו״, גיב הייסט עס, אדער איך וועל נעהמען מיט געוואלד!

און אז ער פלעגט הערען ווי די ארבייטער קאָכען זיך און סטראשען מיט דער „גיוני״ פלעגט ער רעכענען אז די „גיוני״ איז עפּעס א מין באנדע פון גזלנים, וואס כאַפּען אָן א מענשען אין מיטען העלען טאָג ביים גאָרגעל, און „דאוואי זשידע הראָשע״, גיב געלד, הייסט עס אידליאק!... גיב, ווארום אָט שטעק איך דיר אריין א מעסער אין זייט!

ווען עס איז אָבער אָנגעקומען די מלחמה, דער יקרות איז געווארען גרויס, און ביי ר׳ יצחק משה׳ן האָט בלויז אויף אלטע ברויט מיט הערינג געמוזט אוועקגעהן א פּאָר דאָלאר א וואָך, און פונ׳ם איבעריגען וואס ער האָט געשיקט אהיים האָט איהם די ווייב געשריבען אז זי שטאַרבט דאָרטען מיט די קינדער פון הונגער — האָט ר׳ יצחק משה אָנגעהויבען ארומגעהן אזוי ווי א הוהן וואס דארף לעגען אן איי. ער האָט געוואוסט אז ער דארף האָבען נאָך א פּאָר דאָלאר כאָטש, א הוספה, ער האָט אָבער ניט געוואוסט, ווי אזוי מען זאָגט סערעלקינ׳ען, אָט גלאט צוגעהן און א זאג טהאָן גיב! עס האָט עפּעס קיין פּנים ניט....

איין מאָל, ווען ער איז אזוי ארומגעגאנגען אן אנגעבויגענער, מיט׳ן בעזים איבער דער פאבריק, און דער קאָפּ איז איהם געווען אין דער היים, ביים ווייב מיט די קינדער וואָס געהען געבעך אוים דאָרט ווי א ליכט — האָט ער דערהערט צווישען די ארבייטער עפּעס א קאָכעניש, אז מען שיקט שוין ווידער די „גיוני״ נאָך אן הוספה.

ר׳ יצחק משה האָט זיך אָבגעשטעלט אין מיטען קעהרען, האָט אונטערגעשפּארט אויפ׳ן בעזים די געמבע מיט׳ן אויסגעפּליקטען בערדעל, און עס האָט איהם מיט א מאָל א טראָג געטהאָן.

ער האָט אוועקגעשטעלט ענטשלאָסען דעם בעזעם אָן א זייט, האָט איילענדיג א גלעט געטהאָן מיטביידע הענד דאָס בער־

דעל, און האט זיך מיט דרך ארץ אריינגערוקט צו סערעלניק'ן אין קאנטאר.

סערעלניק האט שוין געוואוסט וואס עס טהוט זיך אין פאב־ריק צווישען די ארבייטער און ער איז געווען אויפגערעגט און צו־קאכט.

— וואס וועט איהר עפעס זאגען, ר' יצחק משה? — האט ער זיך צו איהם געווענדעט א נערוועזער.

— איך... איך ווייס.. איהר פערשטעהט.. העדר סערעלקין, עס איז שלעכטע צייטען... א יקרות...

— איהר אויך?! — האט זיך סערעלקין אויף איהם אבגע־ריסען — געהט, געהט. הערט מיר אויף צו דרעהען א קאפ. מיין קאפ איז מיר אזוי אויך גענוג פערדרעהט!...

ר' יצחק משה האט זיך ארויסגערוקט הינטערווייזלעכטס פונ'ם קאנטאר, האט אנגערוקט דאס היטעל אזוי ווי עס וואלט האלטען ביים אראבפליהען פון קאפ, איז צוגעגאנגען צום בעזים און האט זיך ווידער גענומען קעהרען.

ער האט געקעהרט און האט שוין אויפ'ן דיל ניט געפונען קיין איין קנעפעל, און קיין איין קלעצעלע מאקערא, און ווען ער איז צוגעקומען מיט'ן בעזים נעבען די מאשינען צווישען די אר־בייטער, האט ער זיך צוגעבויגען צו אן ארבייטער און האט איהם הייזעריג געפרעגט:

— איך בעט אייך, געפינט זיך ניט דא עפעס א „ניוני" פון קעהרערס?... איך וואלט אריין אין דער „ניוני", וואלט איך אריין!...

צוויי נפשות מחיה געווען.

ער שטעהט נעבען פאבריק און רויכערט א סיגארעטיל. האלב נאך צוועלף ערשט, ער האט נאך א פערטעל שעה צייט — דריי פערטעל שטונדע גיט מען פאר מיטאג.

מיטאג האט ער אבגעגעסען דא אין נאהענטען טראקטיר — א טהייערע זאך, די טראקטירען פאר קבצנים — פאר פינף סענט

א גלאָז ביער, גיט מען א כאַפּ א שטיקעל קאָלבאַס, א שטיקעל באַדלי־זשאַנע, דאָס, יענס, און מען נאַרט אָב די קישקע...

דערווייל איז איהם נאָך פערבליבען פונ'ם געליהענעם קוואָדער צוואַנציג סענט. דאָס הייסט, ניט צוואַנציג, ווייל פאַר פינף סענט האָט ער געקויפט א פּעקעל סיגאַרעטס — די סיגאַרעטס — דאָס איז אַן אויסברענגעריי, און אָפּגעוואוינען זיך — צום טייוועל — איז אונמעגליך! אלזאָ, פופצעהן סענט...

מילא, נאָך ניט אַזוי שלעכט, וואָלט כאָטש די ארבייט געפּע־לען. דער ערשטער טאָג, און אין א נייעם פּלאַץ. עס געהט ניט, כאָטש צוריים זיך!... פּשוט זיך שוין אָבגעוואוינט... אזא צייט, פינף מאָנאַטען! די פּיס איז ער שוין אָפּגעגאַנגען, וואו א מויזען־לאָך אויסגעווייזען, און ווי פון א שטיין — מען קריגט ניט קיין ארבייט!...

פינף מאָנאַטען אָהן ארבייט! אין חובות איבער די אויערען, אָבגעריסען, אָפּגעשליסען, ער, די ווייב, די קינדערלעך. זאָג יענעם — ציהט ער נאָך מיט די פּלייצעס: „וואָס הייסט, מען קריגט ניט קיין ארבייט? אז מען וויל נאָר גוט, קריגט מען שוין". א וועלט מיט פּאַסקודניאַקעס. מען גלויבט ניט, כאָטש נעהם און שטאַרב!

— הערט, ענטשולדיגט, יונגער מענש. איך בין דאָ א פרעמ־דער, שוין די דריטע וואָך אז איך שלעפּ זיך דאָ ארום... איך האָב פערצעהרט מיין לעצטען סענט... און שוין דעם צווייטען טאָג אז איך האָב אין מיין מויל ניט געהאַט...

ער קוקט זיך אום, און ער דערזעהט פאַר זיך א מאַן מיט א פּאָר מאָזאָליסטע הענד, אין אָבגעריסענע קליידער, און א פער־וואַקסען געזיכט...

— אי.. אי... איך — נעהמט ער שטאַמלען, און זיך פּאָרען מיט ציטערנדע הענד אין די פּאַקעטס...

— איך האָב גראָד ניט מעהר... פופצעהן סענט ועט זיין גענוג?

— גענוג, גענוג... איך דאַנקע!..

וועַר ווייסט — טראַכט ער זיך — קען זיין עפּעס א טרעמפּ,

א שיכור, וועט פערטרינקען די פּאָר סענט אין שענק. מען זאָגט: „אַן אָרימאַן טאָר קיין בעל־צדקה ניט זיין"... כאָטש פינף סענט זיך געוועו לאָזען.... נאָך דער ארבייט, זיך דארפען שלעפּען פערציג גאסען צופוס...

ווען ער געהט ארויף צוריק אין פאבריק בעט איהם דער באָס ענטשולדיגונג: „אייער ארבייט איז נים גוט גענוג פאר מיר", ערקלעהרט ער איהם.

מיט אן אראפּגעלאָזענעם קאָפּ געהט ער צוריק. עס פינס־טערט איהם אין די אויגען, די ערד וויגט זיך, די אויגען טאַנ־צען ארום... אין קאָפּ טומעלט!

אקעגען אָבער בעמערקט ער ווי עס שטעהען צוויי אָפּגעריסענע מענער, טהיילען זיך מיט א לעבעל ברויט, און שלינגען מיט א וואָל־פישען אפּעטיט.

איינעם דערקענט ער: דער מאן מיט די מאזאָליסטע הענד... ער טהיילט זיך מיט א צווייטען... „צוויי נפשות מחיה געווען"! — זאָגט ער צו זיך אליין — און ער פערגעסט, בעת מעשה, אַן אלע צרות!...

אידיאָט!

אבענד, נאָך זעקס אוהר.

דער עולם שיט זיך פון די פאבריקען, ווי רעטשקע פון א זאק...

די גאס איז שווארץ, פערפּלייצט מיט מענשען...

צווישען דער גרויסער מענגע שלעפּט זיך מיסטער גרין, אַן אויסגעטריקענטער, אויסגעמוטשעטער העמדעל־נעהער.

מיעד צובראָכען, נאָך א שווערען טאָג ארבייט, וואקעלט ער זיך צום סאָבוויי.

ער וואהנט ערגעץ אין די בראָנקס.

אין אונטערערדישען באהן געלינגט איהם צו פערכאפּען א שטיקעל פּלאַץ.

ער זעצט זיך אוועק, נעהמט זיך בהרחבה'דיג אויסציהען זיי־

נע מיעדע, אָנגעוועהטאָגטע פּים, און ער פּיהלט, ווי א רויך וואָלט איהם עפּעס ארויס פון די פּיאטעס...

צו דער צווייטער סטאַנציע, צווישען אנדערע פּאסאזשירען, קומט אריין אן אלטער גרייז־גרויער מאן, א זקן. אלע אברים ציטערען שוין אין איהם.

אלע פלעצער זיינען שוין פערנומען.

ער שטעלט זיך אוועק פּונקט אקעגען אונזער מיסטער גרין, און ער האַלט זיך אָן מיט ביידע ציטעריגע הענד אָן א רימען...

אונזער אָרימער העמדעל־נעהער גיט נעבעך א קרעכץ, און הויבט זיך אויף פון זיין בעקוועמען זיץ...

דער זקן פערנעהמט זיין פּלאַץ. און אויפ'ן פּלאַץ פון'ם אלטען הענגט אויפ'ן רימען אצינד אונזער פערמאטערטער העמדעל־נעהער און בייט זיינע מיעדע פּיס פון איינעם אויפ'ן צווייטען...

פון צווישען שטעהענדיגען עולם רוקט זיך גלייך ארויס א יונגע מיידעל, א געזונדע, א שעהנע, מיט צוויי רויטע געזונטע באַקען, פעטע הענד און א הויכען בוזעם...

די מיידעל שטעלט זיך אוועק נעבען אונזער דארען אָפּערייטאָר. דער אלטער גרייז שטעלט זיך אויף, פערנייגט זיך, נעהמט אראָב די העט, און טרעט אָב דעם פּלאַץ...

דאָס מיידעל זעצט זיך אוועק...

דער העמדעל־נעהער גיט בעת מעשה א משונה'דיגען קוק, פריהער אויפ'ן אלטען, נאָכהער אויפ'ן מיידעל, נאָכדעם אויף זיי ביידע, קוקט זיך ארום אין אלע זייטען, און גיט א בורטשע אין זיך: „אידיאָט!"

איך ווייס ניט, וועמען ער האָט געמיינט: זיך, דאָס מיידעל, צי דעם אלטען...

V. ליעבע און פאמיליע

די האָרבאַטע.

פערשאָלטען פון דער נאַטור איז זי געווען. א קריפּעל, א הויקער איז זי געבוירען געוואָרען.

און כלומר'שט ווי קריגענדיג חרטה אויף די אכזר'ישע קללה איהרע, האָט די נאַטור דערפאַר מיט גייסטיגע ברכות זי בעשאָנקען: חכמה, טאַלענט, גרויסע גייסטיגע פעהיגקייטען האָט זי איהר געגעבען. בתוכם אָבער, ווי בגנבה, האָט זיך א קליינע, גאָר א קלייניגקע בייזע עמפּפינדליכקייט אריינגעמישט. און געווירקט האָט דאָס שווידערליך. דיזע ברכות איהרע זיינען ערשט אין די סאַמע ערגסטע, אין די סאַמע גרעסטע, אין די סאַמע גרויזאַמסטע קללות פערוואַנדעלט געוואָרען...

ניינצעהן יאָהר איז זי אַלט געווען, און כמעט אַזוי פיעל יאָהר האָט זי געליטען. מעהר פון אַלץ האָט איהר וועה געטהאָן די מינע, די פערשאָלטענע מינע מיט וועלכע די וועלט פלעגט איהר בעטראַכטען.

עס האָט זיך איהר געדאַכט, אז זי געדענקט אפילו דעם אורשפּרונג פון אָט דער מינע. דאָס הייסט, ניט דעם ערשטען אורשפּרונג. דאָס, האָט זי זיך משער געווען, אז עס האָט געמוזט זיין נאָך פריהער, גאָר פריהער, גלייך ביי איהר געבורט. עס ווענדעט זיך, ווער עס האָט פריהער בעמערקט דעם הויקער איהרען, די מאַמע, צי די באָבע. אָט דאַמאָלס נאָך האָט דאָס געמוזט דיעזע שווידערליכע, דיעזע שרעקליכע מינע ארויסשפּאַרען זיך אויף יענעמס געזיכט, און האָט גענומען איבערגעהן, ווי אַנשטעקענד, פון איינעם צום צווייטען. פון דער מאַמען צו דער באָבען, אָדער פון דער באָבען צו דער מאַמע'ן, און דערנאָך צום טאַטען, צו די שוועסטער און ברידער, און פון זיי אַלעמען צו די איבעריגע, צו דער גאַנצער וועלט...— זי אָבער האָט געדענקט דיעזע שרעקליכע מינע גאַנץ בולט, ערשט פון שפּעטער. פיער יאָהר איז זי שוין דאַן אַלט געווען. ביים געבורט פון איהר אינגערער שוועסטער איז דאָס געווען. די

מוטער איהרע, א בלאַסע, מיט פערחלש'טע און פערטריקענטע ליפּען, איז געלעגען אין בעט. עס האָט זיך דערהערט דער ערשטער געשריי פונ'ם ניי־געבוירענעם קינד. און די מוטער, קרעכצענדיג און צושראָקען, האָט באַלד עפּעס א שעפּטשע געטהאָן דער באָבען אין אויער. די באָבע האָט איהר עפּעס געענטפערט. די מוטער האָט אזוי ווי ניט גלויבענדיג אומגעקעהרט דעם קאָפּ צו דעם נאָר־וואָס געבוירענע נפש'ל, האָט דאָס מיט שוואכע ציטערנדע הענד פאָרזיכטיג בעטאַפּט און בעטראַכט. און אויפ'ן געזיכט אויף איה־רען האָט זיך בעוויזען א מאָדנע פרעהליכקייט. „ש—שלמה!" — האָט זי, פון שמחה, אויסגעשריען. דער טאַטע איז אויך באַלד צוגעלאָפען צום בעט, האָט אויך גענומען פיהרען מיט דער האַנד איבער'ן קינד'ס גופ'ל. און אויף זיין געזיכט האָט זיך אויך אָב־געשפּיעגעלט די זעלבע שמחה. זי איז אויך דאַן פון דער שמחה מיטגעריסען געוואָרען. זי איז אויך צוגעשפּרונגען צום בעט און אויך מיט איהרע קליינע הענטלאך גענומען ארומטאַפּען איהר נייע שוועסטערל. אָט דאַן האָט דאָס פאַר איהר בולט, צום ערשטען מאָל, פּאַסירט. ביידע, אי דער טאַטע, אי די מאַמע, האָבען א בליק גע־וואָרפען אויף איהר, און ביידע האָבען זיי זיך צומישט דורכגעוואָר־פען מיט די בליקען צווישען זיך. און די געזיכטער זייערע זיינען עפּעס געוואָרען מיט אמאָל אזוי מאָדנע פערצויגען, אזוי פערוואָל־קענט. עפּעס אזא מאָדנעם, מאָדנעם אויסזעהן האָבען זיי בעקו־מען!... אָט פון דאַן אָן איז אויף זייערע געזיכטער עפּעס ווי פער־גליווערט געוואָרען אָט דער אויסזעהן... און פון דאַן אָן האָט זי שוין דיזעלבע שרעקליכע געזיכטער גענומען זעהען כמעט ביי אלע־מען, מיט וועמען איהרע בליקען האָבען זיך נור בעגעגענט...

אין הויז זיינען זיי געווען פינף קינדער, א שוועסטער, מיט צוויי ברידערלעך, עלטערע פאַר איהר; און זי, מיט א שוועסטער א אינגערע פון איהר. ווען זיי זיינען געווען קלענער, פלעגט אין הויז אימער זיין אַן איבערקעהרעניש. מען האָט קיין זאַך ניט גע־לאָזט איינשטעהן, אדער איינליגען אויף אַן אָרט. אלעס געבראָ־כען און געשטאָכען. יונגוואַרג. און יעדער איז לעבעדיג, פרעהליך, טאַנצענדיג. זי איז געווען א בראַנד, א פייער, ווי מיט קוועק־זילבער אָנגעשאָטען. אלע צרות פלעגען ארויסקומען פון איהר.

אט האט זי ארונטערגעריסען דעם קאפ פון דער שוועסטער׳ס קוק־
לע; און אט האט זי איבערגעריסען די סטרונעס פונ׳ם ברודער׳ס
פידעלע. דעם האט זי א קניפ געטהאן, יענעם א דראפע. עס פלע־
גען ווערען געשרייען, הריגות און קלולות ביז׳ן הימעל. די מאמע
פלעגט זיך בייזערען, מוסר׳ן און שעלטען. דער טאטע פלעגט בע־
שטראפען. איהר אבער פלעגט מען אימער דורכלאזען. און דורכ־
לאזען פלעגט מען זי ניט גלאט אזוי זיך, אט ווי עס וואלט ניט
געווען וועגען וואס זיך אבצושטעלען, וועגען וואס זיך צו עסק׳ן,
נאר עפעס מיט אן הנאה גאר, א מין וועהטאגדיגע הנאה...

ניט איין מאל פלעגט איהר אט דאס דורכלאזען אויפרעגען
ביז׳ן העכסטען גראד. זי פלעגט פאר די עלטערען אין די אויגען
ברעכען גלעזער, טעלער, רייסען די גארדינען פון די פענסטער, צו־
שערען די טישטיכער פון די טישען. עס האט זיך איהר געוואלט,
אז מען זאל זי כאטש איין מאל, איין איינציג מאל בעשטראפען
גלייך מיט אלע... זי האט זאגאר איינמאל מיט א טשוואק דורכ־
געלעכערט די לעדערנע סאפע, מיט א האק־מעסער א טהייערען שפי־
געל צובראכען. די מאמע איהרע איז דאמאלס שרעקליך אין כעס
געווארען, און האט שוין געהאט געעפענט דאס מויל צום שעל־
טען. ביים טאטען האט זיך אויפגעהויבען די האנד; און אויפגע־
הויבען האט זי זיך מיט אזא מורא, מיט אזא כעס, אז די אויגען
ביי איהם זיינען געווארען כמעט נאך א מאל אזוי גרויס... מיט
א מאל אבער האט זיך דער מוטער׳ס מויל פערשלאסען. און דער
כעס פונ׳ם טאטענ׳ס געזיכט איז פערשוואונדען. זיין האנד האט
זיך אראבגעלאזט, און אין די אויגען האט זיך בעוויזען א ווייכ־
קייט. ביידע, טאטע און מאמע, האבען זיך איבערגעקוקט. און
ביידע האבען זיך עפעס ווי דערשראקען צוריקגעכאפט. דער פא־
טער האט זי אויסגע׳מוסר׳ט, און די מוטער האט געשוויגען... א
מאדנער מוסר, און א מאדנער שווייגען איז דאס געווען. עפעס
א רחמנות׳דיגער פארוואורף, א פערגאלטער „נעבאך”, איז געלעגען
אין דעם. עטוואס אזעלכעס, וואס האט געזאגט: גען, מאך מיט
דעם, שעלט דאס פערשאלטענע, שלאג דאס דערשלאגענע!...

א זומערדיגער פארנאכט. די גאסען זיינען געווען פערפלייצט
מיט קינדער. מען האט געטאנצט, געשפרונגען, געשפיעלט זיך.

איניגע האָבען געשפּרונגען איבער רעדער, וואס זיינען געווען אויס־געקעסטעלט מיט קרייד, אויף דעם מיט־וועג, און אויף די טראָ־טוארען, און אין וועלכע די שפּרינגער האָבען געמוזט מיט איין פוס אין יעדער קעסטעל בעזונדער, הין און צוריק, איינס נאָכ׳ן צווייטען, דורכשפּרינגען. אנדערע האָבען געטאַנצט איבער א שטריק, וועלכען צוויי, האַלטענדיג בייביידע עקען, האָבען געהאַל־טען אין איין דרעהען און צעהלען וויפיעל מאָל דער טענצער, אדער די טענצערקע האָט שוין איבערגעטאַנצט. איניגע האָבען גע־שפּיעלט אין „קאַץ און מויז״. אנדערע — אין „באַפּערלעך״. עס זיינען אויך געשטאַנען אָדער געזעסען אויף בענקלעך די עלטערע קינדער, די ברידער און שוועסטער פון אָט דעם קליינוואַרג. קינ־דער אַזעלכע, וואס האָבען שוין געשפּיעלט די ראָליע פון בחורים און מוידען: טראָגען שוין לאַנגע קליידער, און לאַנגע הויזען, און עס פּאַסט זיך שוין ניט אויסצומישען מיט דער „סאַראַנטשאַ״, מיט די מאַלאָכאָסאָסעס. זיי זיינען געשטאַנען אָדער געזעסען מן הצד. די בחורים, די הענד אין די קעשענעס, און מיט סיגארעטען אין מויל; און די מוידען, מיט ביכלעך, אדער מיט צייטונגען אין די הענד...

די עלטערען פון די קינדער זיינען אויך געווען אויסגעזעצט נעבען די הייזער. טייל מיט זויגעדיגע וויינענדיגע קינדער אויף די הענד, און טהייל אליין. זיי זיינען געזעסען, געקוויקט זיך מיט סאָדא וואסער און געקליבען נחת אי פון דעם יונגוואַרג, וועלכע האָ־בען פארשריען און איבערגעקעהרט די גאָס, אי פון די עלטערע, וועלכע זיינען זיך געזעסען אזוי סאָליד, ווי אמת׳ע ערוואקסענע מענשען.

זי, מיט איהרע עלטערען און מיט איהרע שוועסטער און ברי־דער זיינען אויך געווען אין גאָס, זי האָט אויך געטאַנצט גלייך מיט אַלע קינדער איבער א שטריק, האָט אויך געשפּרונגען גלייך מיט אַלע מיט איין פוס איבער די קעסטעלעך פון א ראָד. און איהר טאַנצען, איהר שפּרינגען איז געווען אזוי לעבעדיג, אזוי פלינק, אזוי שוועבענדיג און ריטמיש. איינס, צוויי! איינס, צוויי! פריי־הער לאַנגזאמער און דערנאָך שנעלער, שנעלער, קוים מיט׳ן אויג צו דערכאַפּען. און די צעהלערס האָבען געצעהלט: זיבעציג, איין

און זיבעציג, צוויי און זיבעציג, און אזוי ווייטער, הונדערט, און אריבער הונדערט. און זי, א פערפלאַמטע, א פערשוויצטע, האַט געטאַנצט און געשפּרונגען ווייטער, ווייטער!...

מיט א מאָל און עס איז געוואָרען אַ געפּליעסקעריי, אַ געפּאַטשעריי מיט די הענד פון אלע זייטען. זי איז געבליבען שטעהן, האַט זיך גענומען פערפלאַמט ארומקוקען, און זי האַט דערזעהן: די עלטערען איהרע קוועלען, די ברידער און שוועסטער זיינען בעגייסטערט און אלע ארום גאַפען. עס האַט זיך געיאָוועט ביי איהר א שטאָלץ, א גאוה. זי האַט געפיהלט אז זי וואקסט, זי וואקסט און ווערט וואס א מאָל גרעסער!... אָבער פּלוצים, און זי האַט בעמערקט עפּעס א שושקעריי, אַן איבערקוקעניש און א מינע, א מאָדנע מינע, א פערקרימטקייט אויף אלעמענס געזיכטער; עפּעס אזעלכער, וואָס האַט זי געמאַכט איינשרימפּען, קלענער ווערען. אין עס האַט זי געמאַכט קליין, קליין און נבזה'דיג, אזוי ווי א צוזאַמענגעדרעהטער, מיאוס'ער וואָרעם... און זי האַט זיך צוּוויינט. אין א ביטערען, היסטערישען געוויין האַט זי אַרויסגעפּלאַצט...

ווען מען האַט זי אריינגענומען אין שולע, איז זי שוין אלט געווען דאן א יאָהר אכט. אין וואוקס אָבער איז זי געווען א קליינע, צווישען אלע שילערינס איז זי געווען די קלענסטע. ביים אָנקומען אין שולע, ווען מען האַט איהר געשטעלט געוויסע פראַגעס, און זי האַט געענטפערט, האָבען די לעהרערס און די שילערינס צווישען זיך זיך איבערגעקוקט און געהאַלטען זי אין איין מעסטען מיט די בליקען... איינע א נאַאיווע מיידעלע איז זאַגאר צוגעגאַנגען גאַנץ נאָהענט צו איהר און האַט זי מיט'ן הענטעל א טאַפּ געטהאָן די פּלייצע, גאַנץ נאָהענט נעבען הויקער. צווישען די שילערינס האַט זיך באַלד געהערט א פערשטיקטער געלעכטער. די לעהרער האָבען אויף זיי באַלד א שטרענגען בליק געוואָרפען, א בליק, וואָס האַט אויסגעדריקט עטוואס עהנליכעס צו דעם, ווי ווען עלטערע שרייען אמאָל אָן אויף קונדסים, ווען זיי מאַטערען א נאַקעט, נאָך ניט בעפעדערט פייגעלע.

ווען מען האַט איהר נאָכהער אָנגעצייגט אויף אַ פּלאַץ זיך אוועקצוזעצען, האַט זי געפיהלט א מאָדנע ברענונג אין איהר גאַנצען קערפּער. זי איז אויסגעקומען צווישען די שילערינס, ווי מען

וואָלט זי עפּעס אינמיסטען אריינגערוקט, אויף א בעזונדער נידעריג, נידעריג ביינקעלע... א שילערין נעבען איהר האָט זיך צו איהר אָנגעבויגען, האָט זי פאַרשעמט בעטראַכט אַרום און אַרום, און די ערשטע פראַגע וואס זי האָט איהר געשטעלט איז געווען: ווער עס נעהט איהר איהרע מלבושים... זי האָט איהר ניט געענטפערט. אָבער זי האָט באַלד בעמערקט, ווי א צווייטע האָט יענער גענומען ציהען ביים אַרבעל. באַלד האָבען זיך אַלע גענומען שושקען און זי האָט דערפיהלט אַלעמענס בליקען ביי זיך אויף דער פּלייצע...

אין שול איז זי געווען א גוטע, זעהר א גוטע שילערין, איינע פון די בעסטע. אַלע איהרע לעסאָנס פלעגט זי פערפערטיגען מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט, און ביי די עקזאמענס פלעגט זי אויף די פראַגעס פון די לעהרערס ענטפערען דרייסט, לעבעדיג און מיט טאַקט. די לעהרערס פלעגען זי חנפה'נען, פלעגען זיך מיט איהר ריהמען און זי אַרויסשטעלען אַלס א מוסטער צו די איבעריגע. דאָס ריהמען אָבער, דאָס חנפה'נען, איז געווען עפּעס אַן אונגעוועהנליכעס, עטוואס אוננאַטירליכעס. אָט ווי מען בעוואונדערט א מאָל א קעצעל אָדער א הינטעל, וואס מען האָט אויסגעלערענט געהן אויף צוויי פיס, אדער א מאַלפּע, וואס מען האָט אויסגעלערענט טאַנצען... ניט איין מאָל האָט איהר דאָס ריהמען און דאָס חנפה'נען אַזוי דערעסען, אַז זי האָט ביי זיך בעשלאָסען: אַז זי זאָל מעהר איהרע אוראָקען ניט פערפערטיגען, זי וויל ניט, אַז מען זאָל זי ריהמען! זי וויל זיין גלייך מיט אַלע!... זי האָט אָבער איהר בעשלוס קיין מאָל ניט געהאַלטען. עס האָט זי געגען איהר ווילען געשלעפּט, געצויגען צו די ביכער, עפּעס אַזוי ווי אַן אינסטינקט וואָלט איהר אונטערגעזאָגט: אַז זי דאַרף, זי מוז פערפערטיגען די לעסאָנס און קענען זיי בעסער פון אַלע אַנדערע.

איינמאָל אָבער איז זי אויף א טאָג קראַנק געוואָרען, און זי האָט איהרע אוראָקען ניט געקענט פערפערטיגען. אויף מאָרגען, ווען זי איז געגאַנגען אין שולע אריין, האָט זי געפיהלט ביי זיך אין האַרצען א מין סאָרט צופריעדענהייט. עס האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט, ווי אי די לעהרער, אי די שילערינס וועלען אצינד אויף איהר גאָר אַנדערש קוקען, ניט מיט יענע קראַנקע אוננאַטירליכע

בליקען. זי ווייסט ניט! אַט ווי אַנדערע ווייסען ניט אַ מאָל! זי איז ניט מחויב אַלע מאָל צו וויסען!... און זי איז אַריינגעקומען אין קלאַס מיט אַן עקשנות'דיגער מינע... ווען מען האָט זי אַרויס־גערופען, און זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען, האָט זי גע־פיהלט אַ מין סאָרט נצחון. זי האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייַ־טען, געקוקט אויפ'ן געזיכט פון די לעהרערס, געקוקט אויפ'ן גע־זיכט פון די שילערינס, און האָט זיך ווי גערייצט מיט זיי. עפּעס ווי צום לאַכען האָט זי געפּיהלט, אַרויסצופּלאַצען מיט אַ נקמה'דיגען געלעכטער פאַר אַלעמען אין די אויגען... און זי האָט געזוכט, גע־בלאָנדזשעט מיט די אויגען. די ערוואַרטעטע מינע האָט זי געוואָלט דערזעהן... זי האָט אָבער די מינע ניט געפונען, און אַן אַנדערע, גאָר אַן אַנדערע האָט זי דערזעהן; אַ נייע, אַ שפּאָגעל נייע מינע; אַ מינע אַזעלכע, וואָס האָט אויסגעצייגט נאָך פיעל מורא'דיגער, פיעל שרעקליכער פון דער ערשטער; אַ מינע מיט אַ סאָרט פראַגע־צייכען: „טאַ וואָס־זשע דען?! דאָס אויך ניט?!"... — האָט די מינע אַזוי בולט געשריגען...

ווען זי איז נאָכהער אַהיים געקומען, האָט זי געפיהלט ווי אָבצוטהאָן עטוואָס אויסערגעוועהנליכעס: זיך שלאָגען מיט איהר אייגענעם קאָפּ אָן וואַנד, זיך רייסען מיט די אייגענע נעגעל דאָס געזיכט. עס האָט זיך איהר געוואָלט וויינען, יאָמערען אויף אַ קול. און ווען די עלטערען זיינען זי', ווי אימער, בעפאַלען מיט פראַגעס: ווי עס איז איהר געגאַנגען מיט די למודים? וואָס האָ־בען די לעהרערס אויף איהר געזאָגט? — האָט זיך איהר געוואָלט זיי עפּעס אַ שמיץ טהאָן אַזאַ שאַרפ׳ שאַרפען וואָרט, אַז עס זאָל זיי דערציטערען, עס זאָל זיי נעהמען שווינדלען!... זי האָט אָבער אַזאַ וואָרט ניט געקענט אָפּזוכען, און זי האָט גענומען שטאַמלען. זי האָט געשטאַמעלט און געשטאַמעלט, ביז... — זי האָט אַליין ניט געוואוסט ווי אַזוי און פאַר וואָס — עס האָט גענומען אין איהר „עפּעס" זיך אַרויסזאָגען אַזעלכעס, אויף וועלכען זי האָט אַליין קיין קאָנטראָלע ניט געהאַט. ליגענס האָבען זיך גענומען אַרויסזאָגען: „זי האָט זעהר גוט געענטפערט", „די לעהרער האָבען זי געריהמט" און נאָך אַזעלכע ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע בעריהמע־רייען, וועלכע זיינען תחילת אַרויסגעקומען וואַקלענדיג, ניט זיכער,

ווי אונטער אימיצענס א פּראָטעסט. וואס א מאָל אָבער האָבען זיי אָנגענומען א ברייטערע און זיכערערע פארמע, ביז אויפ'ן סוף האָט זיך ביי איהר גענומען פיהלען א פאָלקאָמענע צופריעדענהייט מיט די ליגענס...

עס האָט זיך ביי איהר געוויזען א שטאַרקע נייגונג צו שפּיע־לען און צו זינגען. די עלטערען האָבען דאָס בעמערקט. זיי האָבען אריינגענומען א פּיאַנאָ אין הויז און האָבען בעשטעלט א לעהרערין פאר איהר. דיעזע לעהרערין איז געווען א טהייערע נשמה, א דימענטענע בריאה, און איז צו דער מוזיק געווען איבערגעגעבען מיט אלע איהרע חושים. ווען זי האָט זי גענומען לערנען און האָט גע־זעהן מיט וואס פאר אן ערפאלג עס ענטוויקלען זיך איהרע פע־היגקייטען, פלעגט זי איינפאַך צוגעהן פון בעגייסטערונג, עפּעס א בעזונדער תענוג פלעגט זיך ביי איהר צוגיסען אויפ'ן געזיכט. זי פלעגט זי גלעטען מיט איהרע ווייכע פינגער איבער די האָר. זי פלעגט זי צערטלען און בעשיטען מיט קאָמפּלימענטען. „הער אויס, קינד — פלעגט זי איהר זאָגען — דו וואקסט א גרויסע קינסט־לערין!” זי האָט די לעהרערין ליעב געהאט, ליעב געהאט מיט דער גאַנצער נשמה איהרער, ווען זי פלעגט זי אָבער נעהמען לויבען און נביאות זאגען וועגען איהר צוקונפט, פלעגט זיך איהר דאכ־טען, אז דיעזע גוטע נשמה לויבט זי גאָר ניט, זאָגט ניט קיין נביאות אויף איהר גרויסקייט, נאָר זי בעדויערט זי גאָר, זי בע־דויערט איהר צוקונפט...

זי האָט מיט דער צייט צו דער מוזיק זיך איבערגעגעבען מיט'ן גאַנצען פייער פון איהר נשמה. זי האָט אויך מיט דער צייט פיעל געלעזען, און עס האָט זיך ארויסגעצייגט, אז זי פערמאָגט אין זיך די פעהיגקייט פונ'ם געלעזענעם ארויסצונעהמען עטוואס אזעלכעס, וואס ניט אלע קענען. עס האָט זיך אויך ארויסגעצייגט, אז זי האָט אין זיך די געבענשטע פעהיגקייט, דאָס ארויסגענומענע אי־בערצוגעבען אין א שעהנעם און זעהר אָריגינעלען שטייגער...

דיעזע געבענשטע פעהיגקייטען איהרע האָבען זי אריינגע־בראכט אין געזעלשאפט. מען פלעגט זי איינלאַדען צו אונטער־האלטונגען, צו פערזאמלונגען און צו קאָנצערטען, און ווען זי איז געווארען עלטער, האָט זי זיך געפונען אין א קרייז פון פערשיעדענע

טאַלענטע: מוזיקער, זינגער און רעדנער; אינ׳ם קרייז זיינען אויך געווען א היבשע ביסעל מיידלעך. אָבער די הויפט־פערעהרער איהרע זיינען געווען מענער, מענער בעגייסטערטע, פערטראַכטע, מיט לאַנגע האָר און ברענענדיגע אויגען; נשמות׳דיגע מענער... מענער, וועלכע האָבען בעשיט מיט קאָמפּלימענטען די פעהיגקייטען איהרע און איהר קונסט.

מען פלעגט ארויסגעהן א מאָל, אָדער אויספאָהרען ערגעץ אין א גארטען אדער אין א וואלד. מען פלעגט זיך צוזאַמענקומען אויף אַ פערזאַמלונג אדער אויף א באַל, אָדער אַזוי א מאָל אין איי־מיצענס א הויז. און דיעזע פערטראַכטע, דיעזע בעגייסטערטע פערעהרער איהרע פלעגען זיך צוזאַמען מיט אַלע איהרע חבר׳טעס אמוזירען, פרעהליך מאַכען. זיי פלעגען שטיפען, לאַכען, זיך משוגע מאַכען, ווי יונגע מענשען, פשוט׳ע יונגע מענשען, קענען... מיט איהר פלעגען זיי זיך בענעהמען מיט אַזא ערנסט, מיט אזא רעספּעקט און יראת הכבוד, אז עס פלעגט זיך איהר וועלען זיי אָנשפּייען אין געזיכט און אַנטלויפען פון זיי...

צווישען די פערעהרער איהרע האָט זיך געפונען איינער א יונ־גער מאַן, וועלכער פלעגט זי כמעט פערגעטערן. ווען זי פלעגט שפּיעלען פּיאַנאָ אָדער זינגען, פלעגט ער זי אימער בעגלייטען מיט זיין געזונטער און שעהנער שטימע. ווען זי פלעגט פון עטוואס רעדען, פלעגט ער אימער מיט׳ן גרעסטען פייער אונטערשטיצען איהרע מיינונגען און זי אַפּלאָדירען. א מערקווירדיגער יונגער מאַן איז דאָס געווען. א געזונדער, מיט אַן ענטוויקעלטען פעסט־גע־בויטען קערפּער, און מיט אויגען שווארצע, ברענענדיגע, פול מיט פייער. דאָס איז געווען א מאַנספּערזאָן, אין וועמען, עס האָט זיך געדאַכט, איז פערקערפּערט די גאַנצע מענערשע קראַפט און לע־בען...

דער דאָזיגער יונגערמאַן איז געוואָרען מיט איהר וואָס א מאָל נעהענטער און נעהענטער. ער פלעגט זי גאַנץ אָפט בעזו־כען אין איהר הויז, ארויסגעהן מיט איהר אָפט שפּאַצירען, און שפּיעלען, זינגען מיט איהר צוזאַמען, און רעדען, גאַנצע אָבענדען מיט איהר אָפּרעדען. זי האָט זיך גענומען צוקוקען צו דעם יונ־גענמאַן, און עס האָט זיך ביי איהר גענומען אויסאַרבייטען אַ גע־

דאַנק, אַז אין דעם ריעזיגען קערפּער מוז זיין בעהאַלטען עפּעס אַ קראַנקע נשמה, אַ נשמה, וועלכע האָט מיט'ן קערפּער מיט זיינעם גאָר אַ קנאַפּע שייכות; אַ נשמה, וועלכע געהט זיך איהר וועג, און זוכט און לעכצט נאָר נאָך עטוואס אונגאָרמאַלעס, נאָך עטוואס קראַנקהאַפטעס. דער קערפּער זיינער איז ניט מעהר ווי אַ נאָכ־שלעפּעניש, וועלכעס בעוועגט זיך אין דעם גרויסען טומאַן פון זיין קראַנקער נשמה... און עס פּלעגט זיך איהר שטעלען די פראַגע: אויף ווי לאַנג? ווי לאַנג קען אַזא ריעזיגער קערפּער זיך לאָזען בעהערשען? און דאַן פּלעגט זי איהם נעהמען פערגלייכען מיט זיך.

אויף איהר קערפּער איז זי געוואוינט געווען צו קוקען ווי אויף אַ שמאַטע, ווי אויף אַ טראַנטע, וועלכע האַלט צוזאַמען און וויקעלט אַרום איהר נשמה. און דאָך האָט זי געוואוסט, אַז די דאָזיגע טראַנטע האָט זיך איהרע פאָדערונגען, שטרענגע, האַרטנעקיגע, עקשנות'דיגע פאָדערונגען; פאָדערונגען אַזעלכע, וועלכע בעהערשען זי און מאַכען זי גאַנץ אָפט ווילד און משוגע... און ער, ער מיט אַזא ריעזיגען קערפּער, ער מיט אַזא ריעזיגער פיגור! און עס פּלעגט זיך איהר נעהמען פאָרשטעלען אין געדאַנק: ווי וועט זיין, אַז דער דאָזיגער ריעזיגער קערפּער, דיעזע ריעזיגע פיגור וועט זיך אַמאָל צובונטעוועז, אויפטרייסלען זיך און וועלען דערשטיקען אין זיך דיעזע קראַנקע נשמה זיינע?... ווען זי פּלעגט זיך דאָס פאָרשטעלען, פּלעגט איהר אַרומכאַפּען עפּעס אַן אונבעוואוסטער שרעק מיט אַ רחמנות אויף איהם. — הערט, יונגער מאַן — האָט זיך איהר געוואָלט איהם זאָגען. — איהר מוזט זיין פאָרזיכטיג, אייער קראַנקע נשמה קען אייך ערגעץ פערפיהרען אין אַ זומפּ!... זי האָט זיך אָבער געשראָקען... געשראָקען און ניט געוואוסט פאַר וואָס...

עס זיינען אוועקגעגאַנגען וואָכען און וואָכען. דער יונגער מאַן האָט אָנגעהויבען נאַכט נאָך נאַכט זי צו בעזוכען. ער האָט זיך נאָכהער בעפריינדעט מיט'ן ברודער איהרען, און פּלעגט שוין אויך די טעג פערברענגען ביי זיי אין הויז. ווען זי פּלעגט נעהמען שפּיעלען אָדער זינגען, פּלעגט זיך אויף זיין געזיכט און אויפ'ן גאַנצען ריעזיגען קערפּער זיינעם צושפּרייטען אַ מאָדנע בעגייס־

טערונג. עס פלעגט איהם הויבען פון זיין זיץ, אלע אברים אין איהם פלעגען זיך בעוועגען מיט א מאָדנער אויפרעגונג. ווי צומישט, ווי בע'כשופ'ט פלעגט ער זיין. און ווען זי פלעגט ענדיגען, פלעגט ער אזוי אָפּזיצען א היבשע ווייל אין ניט וויסען וואו ער איז אין דער וועלט.

ווען זי האָט ניט געפיהלט צום שפּיעלען אָדער צום זינגען, פלעגט ער ריידען מיט איהר איבער מוזיק, איבער ליטעראטור, איבער פּאָעזיע, און ער פלעגט איהר קוקען אין מויל. די ווער־טער איהרע פלעגט ער שלינגען. אלעס וואס זי האָט ארויסגע־זאָגט איז ביי איהם געווען א הייליגקייט.

ער האָט איהר מיט דער צייט אָנגעהויבען ווערען איבערדריסיג דערפאר. עס האָט זיך איהר אָנגעהויבען וועלען, אז ער זאָל איהרע מיינונגען א מאָל בעשטרייטען... און זי האָט דאָס איהם א מאָל גאנץ אָפען געזאָגט. „איהר האָט א טבע אימער נאָר נאָכצובאמ־קען" — האָט זי איהם געזאָגט. דאָס זאָגען איז דענסטמאָל ניט געווען אם פּלאַץ, עפּעס אונגעלומפּערט זיינען די ווערטער ארויס פון איהר מויל. זי האָט אָבער בעת מעשה געפיהלט א מאָדנע בע־פרידיגונג...

ער איז דענסטמאָל געבליבען זיצען ווי א צומישטער. דער ריעזיגער שטארקער קערפּער זיינער האָט זיך געפונען עפּעס אזוי ווי צוזאמענגעדרעהט אין א קנויל. „וואס־זשע? אז אָט אזוי פערשטעה איך... איבריגענס, בין איך אייך פּילייכט צו לאסט?"... — האָט ער עפּעס ווי א פערשולדיגט קינד כמעט בעטענד ארויס־געשטאמעלט.

זי האָט זיך דענסטמאָל געפונען ווי פערשעהמט פון דעם נאַ־רישען אויסזעהן זיינעם, און זי האָט אליין ניט געוואוסט וואָרום און ווי אזוי זי האָט זיך גענומען פערענטפערען, אז ניין, ניט דאָס האָט זי געמיינט...

נאָך דער פּאסירונג האָט זיך איהר גענומען שטעלען די פראגע, אז פּילייכט איז ער איהר טאקע צו לאסט, און עס וואָלט אפשר גלייכער געווען ער זאָל טאקע גאָר ניט אריינקומען אין הויז?... דיזע פראגע האָט זי אָבער לאנג ניט געפּייניגט. זי האָט געפיהלט, אז זיינע בעזוכען זיינען איהר גאנץ אנגענעהם. ניין, ניט נאָר אנ־

געגעהם, זי האָט נאָכהער דערפיהלט, אז זיינע בעזוכען זיינען פאר איהר פשוט נויטווענדיג. עפּעס אן אנדער קוראַזש, אן אנדער מוטה, אנדער בלוט, ווארימערעס, לויפענדיגערעס, האָט געגומען פליסען אין איהרע אָדערען אין זיין געגענווארט. ווען זי פלעגט זיצען ביי דער פיאנא, און זינגען און שפּיעלען, און ער, ביי דער זייט, פלעגט זי בעגייסטערט מיט זיין טענאָר שטימע אונטער־האלטען, פלעגען דאַן די קלאַווישען אונטער די פינגער ארויסגעבען גאָר אַנדערע טענער, און די שטימע איהרע איז געווען ריינער, זי־סער און לעבעדיגער...

איין מאָל, אין אן אבענד, אין הויז איז דאַן קיינער ניט געווען, נאָר זי און ער. זי איז געזעסען ביי דער פיאנא, האָט געשפּיעלט און געזונגען. און ער, ווי אימער, איז געזעסען ביי דער זייט, און האָט זי בעגלייט. זיין שטימע איז דאַן געווען אזוי געשמאַק, זיס און בעגייסטערט, אז זי האָט עפּעס ווי מיט א כשוף אריינ־געשטראָמט אין איהר אזא משונה־טייוועלשע קראַפט, וועלכע האָט געטריבען, געוואָרפען און געבויגען די פינגער איהרע איבער די קלאַווישען, ווי אין א קאָנוואולסיע. איהר שטימע איז געווען לויטער, ריין און קלינגענד. און זיי זיינען ביידע געווען פערטהאָן, פערטיעפט און בעגייסטערט, ווי זיי וואָלטען זיך געפונען אינ׳ם העכסטען עקסטאַז פון געגוס... מיט אמאָל האָט זיך אין זיין טענאָר־שטימע איבערגעהאקט, די קלאַווישען אונטער איהרע פינגער האָ־בען א ציטער געטהאָן, און זי האָט זיך פלוצים דערפיהלט, אז זי געפינט זיך איינגעפרעסט אין זיינע פעסטע אָרעמס, און זי ווערט בעשאָטען מיט קושען. ער האָט זי געקושט אין מויל און אין די פינ־גער, אין די שפּיץ פינגער איהרע, געקושט און געקושט!... זי האָט דערנאָך ניט געקענט געדענקען, ווי אזוי זי האָט זיך דאַן געהאלטען. עפּעס אזוי אונגעריכט, אזוי פלוצים איז דאָס געקומען, אז זי האָט אין דעם מאָמענט פערלוירען איהר גאַנץ בעוואוסטזיין.. זי האָט גאָר געוואוסט, אז נאָכהער, ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי געפיהלט, אז איהר גאַנצער קערפּער ברענט איהר ווי א העלישעם פייער... ער איז געשטאַנען נעבען איהר מיט א בלאַס געזיכט און די אויגען זיינע האָבען געשפּריצט און געשאָסען מיט פייער... זיי זיינען נאָכהער ביידע געזעסען היבשע עטליכע מינוטען שטום,

אָהן לשון... נאָכהער האָט זי גענומען פיהלען, אז אזוי גאָר אָהן א ווידערשטאַנד איז עפּעס ניט אין גאַנצען אנשטענדיג...

— וואס האָט איהר געטהאָן? — האָט זי איהם, ווי פּראָטעסטירענדיג א פרעג געטהאָן. אין הארצען אָבער האָט זיך באלד דערהערט א חרטה אויף דער פראגע...

ער האָט זיך באלד גענומען ענטשולדיגען. עפּעס א מיש־מאַש פון ווערטער, ווערטער אָהן א זינען, איז פון איהם ארויסגעקומען. און זיי האָבען זיך ביידע געפונען אין א מאָדנער אונאַנגענעהמער לאַגע... זיי זיינען אזוי געזעסען און געזעסען א היבשע צייט. זי האָט שטיל, לאַנגזאם און אונבעשטימט געפּלאָנטערט מיט די פינגער צווישען די קלאַווישען. און ער איז געזעסען און האָט געשוויגען... איהר פאָטער איז נאָכהער אָנגעקומען, און זיי האָבען ביידע פרייער אויפגעאָטעהמט. ער האָט זיך באלד, צומישט און צוטומעלט, אָבגעזעגענט און איז אוועק אהיים...

נאָך זיין אוועקגעהן, האָט זי — ווי וועלענדיג אויסגעפינען, ווי אזוי דאָס אלעס האָט אזוי פּלוצים פּאסירט — זיך גענומען ארומקוקען אָן אלע זייטען. אויף די ליפּען אויף איהרע, און אויף די שפּיץ פינגער האָט זי געפיהלט עפּעס אזעלכעס, אזוי ווי זיי וואָלטען געווען אין א זיסען, אין א הימלישען תענוג איינגעבאלזאַמירט. די קלאַנגען פון די קושען האָבען ערשט יעצט אָנגעפאַנגען ארויסקלינגען פון זיי, און האָבען אויפ׳ס־ניי, ווי א הימעלשע מוזיק, גענומען אריינקלינגען אין איהרע אויערען...

זי האָט אָבער באלד גענומען שטעלען זיך די פראגע: וואָרום גראדע האָט ער זי געקושט אין די ליפּען? וואָרום גראדע אין די שפּיץ פינגער? און עפּעס אונבעשטימטעס, אונזיכטבארעס האָט איהר גענומען אונטערזאגען, אז ער האָט זי גאָר ניט געקושט, אַז דאָס האָט ער בלויז אויסגעקושט דאָס געזאַנג וואס איז ארויסגעקומען פון איהר מויל; די טענער, וואס זיינען ארויסגעקומען פון איהרע פינגער... ער האָט געקושט די מוזיק. די מוזיק האָט ער ארויסגעקושט...

זי האָט זיך דערנאָך א גאנצע נאַכט געדרעהט אויף איהר געלעגער. פערשיעדענע מחשבות האָבען זיך געשטופּט אין איהר מח. עס האָט זיך איהר געוואָלט אריינקריכען אין זיין נשמה,

אויסצוגעפינען צי איז דאָרט פאראן עטוואס בעשטימטעס, וואס האָט ארויסגערופען אָט דיעזע פאסירונג; צי האָט דער ריעזיגער קערפער זיינער כאָטש עטוואס, א קליינעם, אַ שטיקעל בעגריף פון דעם געהאט; צי האָט ער כאָטש א קליינעם, א קלייניגקען חלק צו דעם געלייסטעט... און די אורזאכע? וועלכעס איז די אורזאַכע געוועזן? עס איז ביי איהר קיין פראגע ניט געוועזן, אז איהרע פעהיגקייטען, איהר גייסט, איהר נשמה האָט איהם געבראכט אָט צו דעם עקסטאַז. אָבער איהר האָט זיך געוואלט, אז איהר קערפער זאָל אויך האָבען בייגעטראגען עפּעס דערצו...

זי האָט דאַן גענומען ארומטאַפּען, ארומפיהלען אלע טהיילען פון איהר נאַקעטען קערפער, און זי האָט גענומען פיהלען אין זיך א געוויסע בעפריעדיגונג און א ליידענשאפט; א ליידענשאפט צו איהר אייגענעם לייב... עס איז איהר ארויפגעקומען א מחשבה, אז ווען ניט דער הויקער איהרער, איז דער קערפער איהרער גאָר ניט אזא מיאוס'ער; איהר לייב איז ווייס, גלאַט און מיט אַ פרישער געשמאַקקייט...

עס האָט זיך איהר דאַן פערוואלט ארויסרייסען זיך מיט דער מחשבה פון זיך אליין און זיך איבערטראגען אין א פרעמדען גוף, אינ'ם גוף פון א מאַן, אזא ריעזיגען מאַנספּערזאָן, מיט אַזעלכע שטאַרקע מוסקלען, אזעלכע געזונדע פיס און אזא הויכע ברוסט און ברייטע פּלייצעס, ווי ער... און דאַן, אין דער דאָזיגער מחשבה, זאָל זי מיט די אויגען פון יענעם קערפער נעהמען קוקען אויף זיך, אויף איהר קערפער, אויף אַלע טהיילען פון איהר נאַקעטע לייב...

זי האָט מיט אַלע קרעפטען איהרע קאָנצענטרירט איהר גאַנצע מחשבה אויף יענעם פונקט. אויף אַ מאָמענט האָט זיך איהר אויסגעדאכט, אז עס האָט זיך איהר איינגעגעבען. די ליידענשאפט צו איהר ווייבליכען טהייל האָט זיך גענומען פערגרעסערען. די איבערגעטראגענע מחשבה איהרע אין יענעם ריעזיגען קערפער, האָט זיך איהר געדאַכט, האָט זי גענומען ליידענשאַפטליך גלעטען, פרעסען און דריקען... זי האָט זיך אָבער באלד ארומגעזעהן אז די מחשבה איהרע אין יענעמס קערפער בעשעפטיגט זיך דאָ ניט מיר איהר, נאָר איהר מחשבה איז איהר זעלבסט, בעשעפטיגט זיך גאָר מיט יענעמס קערפער... און די דאָזיגע מחשבה ווערט וואָס אמאָל

מעהר און מעהר אָנגעשטרענגט, און די נערוועז וואָס אַמאָל מעהר און מעהר אָנגעצויגען... דאָס איז אבשייליך, דאָס איז מיאוס!... — איז איהר ארויפגעקומען אויפ'ן זינען. עס האָט זי אָבער געצויגען, מיט א מאָדנער, אונבעגרייפליכער ליידענשאפט אָנצוהאַלטען זיך מיט אַלע קרעפטען אָן דער מחשבה, און צו וועקען און וועקען אין זיך דעם מאָדנעם, מאָדנעם פערגעניגען, וועלכער האָט געשטיגען און געשטיגען אין איהר און האָט איהר גאנצען קערפּער אָנגעצויגען צום צופּלאַצען... זי האָט דערפיהלט, אונטער דער הויט פון איהר גאנצען קערפּער, א מין פייער, א מין הימליש פערגעניגענדען ברענען. פאר די אויגען האָבען זיך אין דער פינסטער גענומען שיטען פערשיעדענפאַרמיגע קאָלירענדע פייערלעך, און פון איהר גאנצען קערפּער, פון די שפּיץ פינגער פון די פיס ביז אין די האָר פון קאָפּ, האָט גענומען זיך ארויסשיטען, ארויספּליסען, זיך אויפלעזען עטוואס אזעלכעס, וואס האָט איהרע אויגען זאכט און צערטליך פערשלאָסען, איהרע הענד און פיס, לאנגזאם און תענוג'דיג אויסגעצויגען, איהר מארך, איהר געהירן פאמעלעך פערגעניגענד איינגעדרימעלט, און זי אין גאנצען אין א גן־עדן'שע וויעג איינגעשלעפערט...

אין דער פריה איז זי אויפגעשטאַנען מיט שרעקליכע קאָפּשמערצען און מיט א בלייענער שווערינקייט אין אַלע אברים. זי איז דעם גאנצען טאָג געווען ווי א צומישטע, און האָט זיך צו קיין זאך ניט געקענט נעהמען. ער איז דעם טאָג ניט געקומען, און עס האָט איהר אויסגעוויזען אז זי איז צופריעדען פון דעם. פאר נאכט אָבער האָט זי גענומען פיהלען א שרעקליכע אונבעשטימטע בענקעניש. זי האָט זיך עטליכע מאָל גענומען צו דער פּיאנא, אבער יעדעס מאָל האָט זי געפיהלט א מין מיעדקייט אין איהרע הענד, אין איהר קערפּער און אין אַלע אברים איהרע. זי האָט גערעכענט ארויסצוגעהן אין גאס, זי האָט שוין זאָגאר גענומען זיך אָנציהען די קליידער און זיך צופּערטיגען, עס האָט זי אָבער עפּעס אן אונבעשטימטער ווילען צוריקגעהאַלטען...

אבענד איז ער געקומען. ער איז אריינגעקומען אין הויז ווי ער וואָלט זיך אריינגעגנב'עט. שטיל און מיט בלאָנזשענדע אויגען האָט ער זיך גענומען ארומקוקען אין אַלע

זייטען. ער האָט איהר גענעבען די האַנד, געפרעגט איהר, וואָס זי מאַכט. זי האָט איהם אויפמערקזאַם בעטראַכט און איהם גע־בעטען זיצען. אוועקזעצענדיג זיך, האָט ער בעטאַפּט דעם שטוהל, געדרעהט זיך אויפ'ן זיץ, און באַלד איבערגעביטען דעם פּלאַץ. ער האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען...

— וואָס האָט מען אייך עפּעס היינט ניט געזעהן? — האָט זיך ביי איהר, אום איהם ארויסצוציהען פון פערלעגענהייט, ארויס־געכאַפּט — א גאַנצען טאָג!... זי האָט בעת מעשה איהם דורכ־גענומען מיט די בליקען, און עס האָט זי עפּעס פערדראָסען אויף דעם וואָרט „אייך" אין דער פראַגע; עפּעס האָט זי געפיהלט אַצינד איהם צו זאָגען „דו"...

ער האָט אויף איהר אויפגעהויבען זיינע ברענענדיגע אויגען, האָט ניט געענטפערט, נאָר אויף זיינע ליפען האָט זיך בעוויזען א שמייכעל; א שמייכעל, אין וועלכען עס איז געלעגען א מין תפילה: „מאַטערט ניט, איך בעט אייך!... איהר ווייסט דען ניט פאַר וואָס?..." און די אויגען האָבען זיך פערשעהמט צוריק ארונטער־געלאָזט...

ביי איהר האָט אין דעם מאָמענט דורכגעבליצט די גאַנצע נעכ־טיגע און די ביינאַכטיגע פּאַסירונג, און איהרע אויגען האָבען מיט א מין חוצפה גענומען ארומבלאַנדזען און ארומפּויזען איבער זיין קערפּער, פון איין אָרט אויפ'ן צווייטען. עפּעס האָט זי זיך געפיר־נען מאָדנע, מאָדנע נאָהענט צו איהם. אַזוי ווי זי וואָלט זיין גרייט צוצוגעהן צו איהם, ענטבלויזען מיט איהרע הענד זיין הויכע ברוסט, זיינע שטאַרקע אָרעמס און זיך איינגראָבען, איינעסען אין זיין לייב מיט אַלע איהרע קרעפטען...

פון שפּיעלען אָדער זינגען איז ביי זיי ביידען יענעם אבענד קיין פראַגע ניט געווען. זיי זיינען ביידע געווען צופיעל אויפגע־רעגט, צופיעל צומישט, זיי זיינען ביידע געווען פערזונקען אין מחשבות. פון צייט צו צייט נאָר האָבען זיי זיך דורכגעוואָרפען מיט א פּאָר קורצע, אָפּגעריסענע ווערטער, און זיי האָבען ווייטער געשוויגען. זי, איינגעגעסען מיט איהרע מחשבות אין זיין קערפּער, און ער ארונטערגעלאָזען די אויגען...

ווען עס איז געוואָרען שפּעטליך האָט ער זי איינגעלאַדען

דורכצוגעהן זיך אין שטאָדטישען גאָרטען. — דיעזע איינלאַדונג איז געווען ווי ביי איהר פּונ'ם מויל ארויסגעכאַפּט. זי האָט נאָך פריהער געהאט געטראכט, אז אצינד איז איהר עפּעס דאָ צו ענג, אז זי וואָלט בעדאַרפט זיין מיט איהם אצינד איינע אליין ערגעץ אין אן איינזאַמען פּלאַץ, וויים, ווייט פון מענשען; ער און זי, זי און ער...

— קומט! — האָט זי מיט פערגעניגען זיך אָנגעכאַפּט, און האָט גלייך מיט א מאָדנעם אימפּעט זיך גענומען אָנטהאָן...

עס איז שוין געווען ענדע זומער. די אבענדען זיינען געווען קיהלע, און אין שטאָדטישען גאָרטען האָט מען שוין קיינעם ניט גע־זעהן. וואו ניט וואו נאָר האָט מען געקענט בעמערקען פערשטעקט צווישען די קוסטען ערגעץ א פּאָרעל, טוליענדיג זיך איינס צום צווייטען, און ארומקוקענדיג זיך אויף אלע זייטען...

זיי האָבען אויסגעקליבען זייער פּלאַץ טיעף, טיעף אין גאָר־טען, אונטער א געדיכטען בוים, וועלכער האָט שוין געהאלטען אין אראָבשיטען פון זיך די געלע בלעטער. ער האָט נאָך אָבער געהאט געגוג בעבלעטערטע צווייגען אויף זיך, אום זיי צו בעהאל־טען אונטער זיך...

תחילת זיינען זיי ביידע א קליינע ווײלע געזעסען ווי שטומע. נאָכדעם האָבען זיי גענומען זיך איבערוואַרפען מיט איינציגע בעמער־קונגען וועגען וועטער, וועגען די בוימער, וועגען דעם פינסטערען פערוואלקענטען הימעל. עס האָט אָבער אויסגעוויזען, אז עס איז גאָר ניטאָ קיין וועג, ווי אזוי עס זאל זיך קענען פערטשעפּען א שמועס וועגען עפּעס וויכטיגעס...

זי האָט איהם אלע ווײלע בעטראכט און איהם דורכגענומען מיט אזא שניידענדער חוצפּה, אז זיינע אויגען האָבען דאָס ניט גע־קענט אריבערטראַגען. ער האָט גענומען פּאָעטיזירען וועגען די פער־געלטע בלעטער, וועלכע האָבען זיך דורך דער קראַפט פון ווינט אראפּגעשיט פון די בוימער, זיינען געפאלען צו זייערע פיס, זיך געדרעהט, געשאָרשקעט, און זיך ווי בעקלאָגט רחמנות'דיג אויף אן עולה געגען זיי...

— אָבער דאָס איז דאָך גאָר ניט דאָס! — האָט זי איהם פלו־צים איבערגעשלאָגען. — איהר ווילט דאָך איינענטליך ניט דאָס

זאָגען. רעדט עפּעס! איהר פערשטעהט? זאָגט וואס איהר ווילט? האָט איהר שוין גאָר ניט וואס צו זאגען?...

ער האָט זיך פּלוצים אויפגעכאפּט, ווי פון עפּעס א שטארקען חלום, האָט אויף איהר א בליק געטהאָן. — הום... הום... — האָט ער גענומען מורמלען — ווארום?... איך... איך, איך האָב ניט וואס צו זאגען?... ווארום? — און ער האָט די אויגען צוריק ארונטער־געלאָזט....

זי האָט איהם אָפּגעמאָסטען מיט איהרע בליקען, און אָט דער ריעזיגער קערפּער זיינער האָט איהר אויסגעוויזען אין דעם מאָמענט עפּעס אזוי שוואך, אזוי אונבעהאָלפען און קליין, אז עס האָט זיך ביי איהר געוויאָוועט א מין עקעל צו איהם.

— עפּעס קוקט איהר מיר אויס היינט אזוי מאָדנע, אזוי קינדעריש. איהר ווייסט, אז איהר געפעלט מיר גאָר ניט אין אזא פּאָזע! רעדט! איהר האָט דאָך עטוואס צו זאגען — האָט זי כמעט בעפעהלענד ארויסגעזאָגט.

דער טאָן פון איהרע ווערטער האָט איהם ווי אויפגעטרייסעלט. ער האָט זיך א דרעה געטהאָן אויף זיין זיץ, א בליק געטהאָן אויף איהר מיט זיינע פערטראכטע אויגען, האָט זי אָנגענומען ביי די שפּיץ פינגער פון איהרעביידע הענד.

— איהר ווייסט, — האָט ער מיט א ציטערענדער שטימע א זאָג געטהאָן — עס גיבען צייטען, ווען איינער קען אויסשיטען א וועלט מיט רייד, גאָר אָהן אָנשטרענגונג. מאנכעס מאָל אָבער מוז מען פאר בלויז געצעהלטע דריי ווערטער די לעצטע קרעפטען צו־זאמעננעהמען...

— דאָס איז בלויז א תירוץ אזעלכער, א בערעכטיגונג פאר שוועכלינגע — האָט ער זי אָבגעהאַקט — מענער, איהר פער־שטעהט וואס איך מיין? מענער האָבען דעם מוטה ארויסצוזאגען וואס זיי פיהלען... מענער קנייטשען זיך ניט. מענער דרעהען זיך ניט! איבריגענס, וואס האלט איהר מיך עפּעס ביי די שפּיץ פינגער? וואס זוכט איהר דאָרט, די טענער פון די קלאָווישען? כא! כא! — זי האָט ארויסגעשלעפּט איהרע הענד פון זיינע און האָט זיך צולאכט אזוי ווילד, אז ער האָט זיך דערשראָקען פאר איהר...

— איך... איך... — האָט ער געשטאַמעלט, און כמעט אין גאַנ־צען זיך פערלוירען, — איך האָב אייך ליעב !... שרעקליך ליעב ! — ער איז געבליבען זיצען, ווי ער וואלט פערלאָרען דעם באָדען פון אונטער זיך...

זי האָט די ווערטער אויסגעהערט אָהן דער מינדסטער איבער־ראשונג. זי האָט זיך נאָר מעהר איינגעגעסען מיט די אויגען, האָט איהם אויפמערקזאַם בעטראַכט.

— אזוי, אזוי — האָט זי ווי שפּאָטיש ארויסגעזאָגט — הייסט דאָס זאָגט איהר, אַז איהר האָט מיך ליעב... נו, יאָ... — זי האָט זיך אויפגעהויבען פונ'ם פּלאַץ און זיך אוועקגעשטעלט נאָהענט אקעגען איהם. — נו, געווים האָט איהר מיך ליעב, אודאי האָט איהר מיך ליעב. אָבער וואָס איז דאָס פאַר א נייעס ? איהר האָט דאָך מיר דאָס נאָך נעכטען בעוויזען... איהר געדענקט ?... זי האָט איהם אין דעם מאָמענט שיער איינגעשלונגען מיט איהרע בליקען. — איהר געדענקט ?... אָבער... אָבער ווי נאַריש ! ווי קינ־דעריש ! איהר פערשטעהט צו ניין, אַז אויב שוין קושען... אַז אויב שוין אָננעהמען ביי די הענד... איז... איז — זי האָט איהם אָנגע־כאַפּט גאַנץ פעסט ביי די מוסקלען פון זיינע בײדע הענד, און האָט איהם מיט א ליידענשאַפטליכען פיבער גענומען טרייסלען, דריקען... — איז אַט אזוי ! אַט אזוי !... און אַז קושען... אַז קושען... איז... איז — זי האָט זיך מיט א ווילדען פייער א וואַרף געטהאָן אויף איהם און זיך איינגעגעסען אין די באַקען, אין זיין מויל און אין די אָרעמס, געקושט און געביסען. — אַז קושען, איהר פערשטעהט ? !... אַז קושען !...

ער האָט זיך גענומען ווערען, ראַנגלען זיך...

זי האָט זיך איינגעקלאַמערט אין איהם וואָס א מאָל פעסטער און שטאַרקער. דער גאַנצער קערפּער איהרער האָט געזאָטען און געברענט מיט ליידענשאַפט. די אויגען האָבען געשפּריצט מיט פייער...

— אזוי, אזוי, האָט איהר מיך ליעב ?... איהר האָט דאָך מיך ליעב, זאָגט איהר !.. איהר האָט דאָך מיך ליעב !... — א בעס־טיאַלישע ווילדקייט האָט געשאָסען פון אַלע איהרע אברים...

ער האָט זיך צושראָקען א טרייסעל געטהאָן, זי אַפּגעריסען פון

זיך, האָט זי מיט ביידע הענד אָנגענומען און זי אוועקגעזעצט אויף דער באַנק...

— בערוהיגט אייך!... קאָנטראָלירט אייך!... — האָט ער שרעקענדיג און שטיל ארויסגעשעפטשעט — מיר זיינען אין א פּובליק פּלאַץ....

זי איז געבליבען זיצען, האָט איהם מיט די ווילדע, ברענענדיגע אויגען א וויילע בעטראַכט, איז פּלוצים אויפגעשפּרונגען פון פּלאַץ.

— ניין, איהר האָט מיך ניט ליעב! — האָט זי אויסגעשריען — ניט מ י ך! איהר ליינט! איהר האָט מיך ניט ליעב! ניין!

און מיט שנעלע טריט איז זי אוועק.

נקמה.

עס איז פאַרגעקומען אזוי ווי א מין שפּיעל. — א שפּיעל אין קאָרטען.

די שפּיעל איז געווען א פרעהליכע, און אינטערעסאַנטע. פּי־גורען האָבען זיך די גאַנצע צייט, אויף פערשיעדענע אופנים, גע־פּאָרט און געביטען. אָט איז די מיט דעם אויסגעפאַלען, און אָט דער, — מיט יענער. מען האָט אַלע מאָל דורכגעטאַשט די טאַליע קאָרטען. אָנגעפאַנגען א נייעם קאָן. און ביי יעדען קאָן, זיינען אַנדערע פּאָרלעך ארויסגעפאַלען. אזוי לאַנג ביז אַלע, אַלע ביז דער לעצטער האָט זיך אויסגעפּאָרט. פונ׳ם גאַנצען קרו־זשאַק איז בלויז זי אליין געבליבען. — זי מיט פייגינ׳ען. מיט פייגינ׳ען, וואס איז אימער אין קרוזשאַק געווען דער נאָבשלעפּער, דער איבעריגער, און האָט געשפּיעלט די ראָלע פון דער פוסטער, איבעריגער קאָרט אין דער טאַליע — פונ׳ם „דזשאַוקער״.

און ווי שנעל דאָס איז איבערגעפלויגען! זי האָט אפילו קיין צייט ניט געהאַט זיך ריכטיג ארומצוקוקען. און זי האָט דאָך גע־האָט אזוי פיעל געלעגענהייטען. אזוי פיעל! אַלע זיינען דאָך ביי איהרע פיס געלעגען! זי איז אָבער אינ׳ם שפּיעל ווי פער־שכור׳ט געווען. זי האָט ניט געוואוסט ווען זיך אָבצושטעלען, ווען אַן ענדע צו מאַכען. אייביג, אייביג האָט זיך איהר אויסגעווי־

זען, וועט עס אזוי געהן, אייביג וועלען אויף איהר גורל די טייז אויספאַלען...

און מיט אַמאָל איז זי פערבליבען אַן עלענדע, — אַ פערלאָזענע! זי האָט בלויז געזעהן פאַר זיך די פעררוי־בערטע פיער ווענט פון איהר ענגען צימערעל, די רעש'יגע, טומעל־דיגע פאַבריק, און — פייגינ'ען. פייגין האָט זיך נאָך איהר נאָכ־געשלעפט ווי אַ שווארצער שאָטען, און האָט איהר נאָכגעפאָלגט די טריט.

פייגין!

— וואס שלעפט זיך נאָך מיר אָט דער אומגליק נאָך? — האָט זי ניט איין מאָל געזאָגט צו זיך אליין, מיט אַ פערקלעמט הארץ און מיט ביטערניש. זי האָט אבער פון דעסטוועגען גע־וואוסט, אז זי טאָר פייגינ'ען אצינד פון זיך ניט דערווייטערען. דאָס איז איהר לעצטע קאָרט. קיין אנדערע איז פאַר איהר ניט גע־בליבען. סיידען זי זאָל אייביג, אייביג די יאָהרען איהרע אין פאַב־ריק אבפינסטערען.

און ווען די קרעפטען צו דער ארבייט האָבען זיך שוין ביי איהר אויסגעלאָזט, אויפ'ן קאָפּ האָבען זיך גרויע האָר גענומען צייגען, און אויפ'ן געזיכט האָבען זיך פאַלדען גענומען אָפּלעגען, האָט זי מיט אַ פלוך, מיט אַ קללה אויף אַלעס, און אַלעמען, אויף דער גאנצער וועלט, פייגינ'ען איהר ווארט געגעבען.

און בעשלאָסען האָט זי ביי זיך פייגינ'ען געטריי צו זיין. ער איז דאָך איהר מלאך הגואל, איהר ערלייזער געווען, ער האָט דאָך מעהרער ווי אַלע אנדערע זי אין די ערגסטע צייטען ניט פער־לאָזען.

— פייגין, מיר וועלען חתונה האָבען! חתונה האָבען, חאַ! חאַ! חאַ! — זי האָט בעת מעשה ביטער געלאַכט און געפיהלט האָט זי ווי עפּעס אַ נקמה אין אימיצען: זי וועט חתונה האָבען, און וועט הייסען מיסעס פייגין! מיסעס פייגין! מיסעס פיי־גין מיט'ן קערפּער, מיט דער נשמה!... אויף צו להכעיס אַלעמען!... אויף צו להכעיס!...

און אָט אזוי איז זי פון מיסס גאָלד, מיסעס פייגין געוואָרען, און די מיסעס פייגין האָט זיך נאָך דער חתונה געלאָזט וואויל

געהן, איהרע קנייטשען פון געזיכט זיינען שנעל פערגאַנגען. די גרויע האָר האָט זי קונציג צום קאָליר געבראַכט. — זי איז פון אַן אַלטער מיידעל אַ יונגע, שעהנע פרוי'קע געוואָרען.

און באַלד האָט זי זיך ווידער אין דעם פריהערדיגען קרוּ־זשאַק געפונען. דער זעלבער קרוזשאַק, די זעלבע טאַליע קאַרטען, די זעלבע פיגורען. און די שפּיעל האָט זיך אָנגעפאַנגען אויף דאָס ניי, אבער אויף אַן אַנדער וועג. פריהער זיינען די קאַרטען צומישט געווען און מען האָט זיי געטאַשט אויסצופּאַרען, אצינד זיינען זיי געפּאַרט געווען, און מען האָט זיי געטאַשט פאַנאַנדער צופּאַרען...

און זי האָט זיך אריינגעוואָרפען אין דער שפּיעל מיט איהר גאַנצער ענערגיע. זי האָט געטאַשט דעם קרוזשאַק רעכטס און לינקס מיט אַ פערביסענקייט, מיט אַן עקשנות. פערשיעדענע קונץ־שטיק האָט זי אין דער שפּיעל אָנגעווענדעט. גנבה'שע, שווינדלערישע. זי האָט פאַר זיך קיין זאַך ניט אָבגעשטעלט. זי האָט איינגעשטעלט אין קאָן ביז'ן לעצטען פון איהר קערפּער, ביז'ן לעצטען פון איהר נשמה... און זי איז געוואָרען דער מיטעל פּונקט, דער צענטער פונ'ם קרוזשאַק, דער גאַנצער קרוזשאַק האָט זיך געדרעהט ארום איהר, בלויז ארום איהר...

און ווען די אויפרעגונג אין קרוזשאַק האָט גענומען וואָס אמאָל מעהר וואַקסען, ווען אַלע האָבען שוין די קעפּ גענומען פערליערען, האָט זי מיט אַ טייפלישער הנאה די סטרונעס וואָס אמאָל שטאַר־קער, און שטאַרקער אָנגעצויגען, געצויגען ביז צום צופּלאַצט ווע־רען...

און ווען זי האָט זיי שוין אַלעמען געהאַט ביי זיך, ווען זי האָט זיי שוין געזעהן קושענדיג די זוים פון איהר קלייד, ווען זי האָט זיי שוין געזעהן וואַלגערענדיג זיך אינ'ם שטויב פון איהרע פיס, צוזאַמענגעדרעהטע, בעוואוסטלאָזע, פערלאָרענע, האָט זי דאַן מיט אַ פערביסענער פעראַכטונג אַלעמען פון זיך מיט איין טרייסעל פון די פּלייצעס אראָבגעוואָרפען און אַ שטאָלצע, אַ מוטהיגע, איז זי אויפגעשפּרונגען, האָט זיך אוועקגעשטעלט אין איהר פולער הויך, מיט אַן ארויסגעסטאַרטשעטער ברוסט, מיט אויסגעשטרעקטע אַרעמס און מיט פערקרעמפּטע פויסטען, און מיט אַ ווילדען פייער אין די אויגען, האָט זי מיט נקמה אויסגעשריען:

— אוועק׳ט, איהר לומפען! איך בין אייך ניט מעהר די מיסם גאָלד! אצינד בין איך די מיסעס פייגין! די מיסעס פייגין! חאַ! חאַ! חאַ! — די מיסעס פייגין.... די מיסעס פייגין בין איך אצינד! חאַ! חאַ! חאַ! — און אין אזא היסטעריקע איז זיך דאָס לאכען ביי איהר פערגאנגען, אז מען האָט ניט געוואוסט צי זי לאכט צי זי וויינט...

אין צוועלף יאָהר אַרום.

פערליעבט האָבען זיי זיך ווען זיי זיינען נאָךביידע יונג געווען.

ער — א בחור פון צוואנציג יאהר, און זי — א מיידעל פון אכצעהן.

זיי האָבען ביידע דאן געשטודירט, זיי האָבען זיך בעקאנט און האָבען זיך פערליעבט מיט׳ן גאנצען פייער פון זייערע יונגע נשמות.

זייער ליעבע האָט אָבער געמוזט זיין בסוד. איהרע עלטערן זיינען שרעקליך דאגעגען געווען און האָבען זיי געשטערט אויף שריט און טריט.

פאר די יונגע פערליעבטע איז ניו יארק, דאָס גרויסע ניו יארק, צו ענג געווארען.

איין פּלאץ נאָר האָבען זיי געהאט, א פערבארגען פּלאץ אויסער ניו יארק, וואו זיי האָבען געקענט זייערע ליעבעס געפיהלען איינעם פאר׳ן צווייטען אויסדריקען. א וועלדעל איז דאָס געווען. א האלבע שטונדע רייזע מיט דער טראַמוויי נאָכדעם וואו עס האָט זיך געענדיגט דאָס לעצטע הויז, וואָס עס האָט נאָך געהערט צו ניו יארק.

אין דעם וועלדעל האָבען זיי זיך דאָס ערשטע מאָל ליעבע געשוואָרען און אין דעם וועלדעל האָבען זיי זיך נאָכדעם נאכט נאָך נאכט געטראָפען, און זייערע יונגע חלומות געשפּונען.

דער אַלטער פערצווייגטער דוב אין וועלדעל האָט זיי אונטער זיינע צווייגען ארונטערגענומען, האָט זיי געטוליעט צו זיך, האָט

זיי מיט טהוי פון זיינע בלעטער די האָר פון זייערע קעפּ געוואשען און זייערע פערפלאמטע געזיכטער בעפייכט. דאָס ווינטעל האָט זיי געגלעט און געלאשטשעט און זייערע קושען אויף די גרינע צווייגעלעך צו די פויגעלעך צוטראגגען. די פויגעלעך האָבען די קושען אויפגעכאַפּט און מיט געזאנג זיי בעגלייט. די פליענגלעך, די זשוקעס און די היישעריקען האָבען מיט שמחה געזשומעט און געטאנצט ארום זיי. און די לבנה פון אויבען האָט אריינגע־קוקט דורך די בעבלעטערטע צווייגען און האָט ווי א געטרייע מאַמע איהר אויג פון זיי ניט אראבגענומען, — האָט געקוקט און געקוואַ־לען פון נחת...

די לעצטע נאַכט, ווען זיי האָבען אין געהיים ניו יארק פערלאַ־זען, און זיינען ווייט, ווייט אין דער ברייטער וועלט אוועק — דאָרטען, וואו מען וועט זיי זייער גליק ניט קענען שטערען, האָבען זיי פריהער זיך מיט'ן וועלדעל געזעגענט, זיי האָבען דאָרט זייער לעצטען סוד פאר די בוימער און די פויגעלעך ענטפּלעקט, און זייערע לעצטע טרעהרען וואס זיינען אויף די גרינע גרעזעלעך געפאלען, און מיט'ן טהוי זיך צוזאמענגעמישט, האָבען די פויגע־לעך מיט די פּיסקלעך אויסגעטרונקען, און איבערגעלאָזט נאָך פאר די ערשטע שטראהלען פון דער מאָרגען־זון זי זאָל זיי אויסקושען און זיי נאָכדעם ערגעץ אינ'ם געשטאלט פון א רעגען טראָפּענ־דעל איבערלאזען...

פאר'ן פערלאזען צום לעצטען מאָל דאָס וועלדעל, האָבען זיי זייערע נעמען מיט א קליין מעסערעל אויף דער קאָרע פונ'ם פער־צווייגטען דוב אויסגעקריצט. און דער דוב, דער אַלטער דוב האָט געלאָגט זייער אַנדענקען טיעף ביי זיך אין לייב איינשניידען און האָט זיך ניט געוועהרט. מיט דער זעלבער ליב־שאפט האָט ער מיט זיינע ברייטע צווייגען בעשירעמט און דורכ'ן ווינטעל צווישען די צווייגען, מילד געשעפּשעט צו זיי: „שניידט, שניידט, קינדערלעך, שניידט טיעפער, אייער אַנדענקען איז מיר ליעב און טייער"...

צוועלף יאָהר זיינען פון דער צייט אוועקגעגאנגען. יאָהרען פון גליק און ענטוישונג, יאָהרען פון זון און שאָטען. צוועלף לאַנגע יאָהר!...

אונטער דער צייט האָבען זיי קינדער געהאַט, אונטער דער צייט האָבען זיי פערשיעדענע הינדערניסע דורכגעקעמפּפט —און טער דער צייט האָבען אויך די עלטערען מיט זיי שלום געשלאָסען.

אונטער די גאַנצע צוועלף יאָהר האָבען זיי אָבער קיין ניו יארק ניט געקענט קומען.

און געבענקט האָבען זיי נאָך ניו יארק, געבענקט נאָך די פריינד און בעקאַנטע, געבענקט נאָך די עלטערען. מעהרער פון אַלעמען אָבער האָבען זיי געבענקט נאָכ'ן וועלדעל.

ו ו ע ן זיי האָבען זיך צורעדט פון ניו יארק, האָבען זיי דאָס וועלדעל דערמאָנט:

— געדענקסטו דאָס וועלדעל? — פלעגען זיי זיך זאָגען איינס דעם צווייטען.

און דערביי פלעגט פאר זיי דורכפליהען זייער פריהסטע יוגענד. זייערע געזיכטער פלעגען אָנהויבען שיינען מיט יענעם גליק און פרייד וואס בינדט צוזאַמען צוויי ערשט פערליעבטע נשמות און שלעפּערט זיי איין אין א גן־עדן'שען תענוג. — געדענקסטו די אויסגעשטערענטע נעכט? געדענקסטו די בלאַסע, גוטע לבנה? געדענקסטו דעם אַלטען פערצווייגטען דוב? — און עס האָט געצויגען, געמאַניעט, דאָס הארץ האָט זיך געריסען, ווי עס וואלט וועלען ארויסשפּרינגען און אוועקפליהען ווייט, ווייט, אהין וואו עס האָט זיך אמאָל אין א הימעלשען פערגעניגען געבאָדען.

און די צייט איז געקומען, מאַן און ווייב האָבען בעשלאָסען זיי זאָלען זייער היים בעזוכען.

ווער קען זיך פאָרשטעלען דאָס גליק וואס האָט אין זייערע הערצער געשטורעמט?! צוועלף יאהר זיינען אוועק, און מיט צוועלף יאהר זיינען זיי יונגער געווארען. ווי קליינע קינדער האָבען זיי געטאַנצט און געשפּרונגען פון פרייד. זיי פאָהרען יעצט אהיים, צוריק אהיים. ראָרטען, וואו זיי האָבען זייערע בעסטע, גליקליכסטע טעג פון זייער יוגענד פערבראַכט.

דעם גאַנצען וועג פון זייער רייזע זיינען זייערע הערצער פון גליק פערשטומט געווארען. צו שטאַרק האָבען זיי געפיהלט, או

זיי זאָלען געווען קענען זייערע געפיהלען אין ווערטער איבער־געבען. די גערדאַנקען אין קאָפּ האָבען געשטורעמט מיט אַ שרעקלי־כער מהירות. פּאַנאָראַמעס־בילדער האָבען זיך געביטען, בילדער וואָס האָבען די אויגען פון שעהנקייט פערבלענדעט.

זיי האָבען געפיהלט אַזוי, ווי זיי געהען ערשט יעצט פייערען זייער גליקליכע האָכצייט, פייערען פריי און אָפען פאַר דער גאַנצער וועלט, פאַר די עלטערען און פריינד און בעקאַנטע.

און אין דעם גרויסען גליק זייערען איז געווען דאָס סודות׳־דיגע וועלדעל פערוועבט און פערפלאָנטערט, דער אַלטער דוב מיט זיינע ברייטע צווייגען איז געשטאַנען, ווי אַ גרינע חופּה אי־בער זייערע קעפּ. — זעהט, קינדערלעך, ווי איך האַלט אייער אָנ־דענקען איינגעשניטען טיעף אין מיין לייב — האָט ער זיי דורכ׳ן שטילען ווינטעל געשעפּטשעט אין די אויערען. איך געדענק אייך, איך וועל אייך ניט פערגעסען כל זמן עס וועט נאָך בלייבען עטוואָס פייכטקייט אין מיין הארצען...

און ווען זיי זיינען בשלום אָנגעקומען קיין ניו יאָרק און האָ־בען זיך אַ וואָך נאָכאַנאַנד געפּרעהט מיט זייערע עלטערען און מיט זייערע פריינד און בעקאַנטע, האָבען זיי אונטער דער גאַנצער צייט אויפ׳ן הארצען אַ שרעקליכע זינד געפיהלט: פאַר וואָס האָבען זיי אין זייער בעסטען פריינד, אינ׳ם וועלדעל, פערגעסען?

און שטום, מיט פאָרוואורפען, האָבען זיי גענומען קוקען איינס אויפ׳ן אַנדערען. זייערע הערצער האָבען גערעדט. דאָס מויל האָט אָבער די שפּראַך אויף די ליפּען ניט געוואָלט ארויסברענגען. זיי האָבען זיך געשעהמט דאָס איינס פאַר׳ן צווייטען צו ענטפּלעק־קען... עפּעס קינדערשעס, נארישעס, האָבען זיי דערפיהלט אין דעם. נארישעס, וואָס עס ציהט צו בעגעהן און קיינער זאָל ניט וויסען. אפילו דער אייגענער מאַן און די אייגענע פרוי ניט.

און בגנבה, איינס נאָכ׳ן צווייטען, האָבען זיך אין איין פריה־מאָרגען מאַן און ווייב אַוועקגעלאָזט זוכען דאָס וועלדעל.

ניט מיט דער טראַמוויי, ווי אַמאָל, זיינען זיי אהינצו געפּאָה־רען, נאָר מיט דער אונטערערדישער באַהן. די קינדער פון דער שטאָדט ניו יאָרק האָבען זיך אונטער דער צייט אַזוי פערמעהרט,

אז זי האָט שוין קיין פּלאַץ זיי אויף איהר רוקען צו טראָגען. און זי טראָגט זיי אין די געדערים...

ווען זיי זיינען געקומען אויף דעם פּלאַץ פונ'ם וועלדעל, האָבען זיי קיין זכר פון קיין בוימעל ניט געפונען, קיין סמן פון קיין גרעזעל. גרויסע שטיינערנע געביידעס האָבען פערנומען דאָס פּלאַץ, געביידעס וואס האָבען מיט זייער הויך די זון פערשטעלט.

מאַן און ווייב האָבען זיך ארומגעדרעהט מיט פעררייסענע קעפּ ארום די הויכע געביידעס און האָבען מיט פערוואָלקענטע אויגען זייער יוגענד חלום געזוכט, זיי האָבען געזוכט אזוי לאַנג, ביז זיי האָבען זיך פנים אל פנים בעגעגענט, און ווי זיי וואָלטען זיך ביי א שווערער עבירה געטראָפען זיינען זיי מיט שרעק פערציטערטע געבליבען.

וואַ...ס טהוסטו... דאָ? !... — האָבען זיי ביידע מיט אמאָל צושראָקען ארויסגעשטאַמעלט.

— גאר... ניט! איך האָב... געוואָלט זעהן...

— דאָס... וועלדעל?

— דאָס... וועלדעל!...

— זעהסט... אָט די הויכע געביידעס מיט'ן פעררויכערטען קוימען? — האָט דער מאַן שלינגענדיג די טרעהרען געזאָגט — אויף דעם פּלאַץ איז געשטאַנען דער אַלטער דוב!

— איך... זעה!...

און אז מאַן און פרוי זיינען אוועקגעגאַנגען פון דאָרטען, האָבען זיי געפיהלט אזוי ווי ווער האָט זייער גרעסטען גליק אין מיטען העלען טאָג בערויבט.

יונגע בעל הבית'לעך.

געגומען האָבען זיי צימערען אין א נייע הויז, וואס איז ערשט נאָר וואס פארטיג געוואָרען.

די ווענט זיינען פריש געקאַלעכט, די טירען מיט די פענסטער זיינען פריש געפארבט און פון די דילען פיהלט זיך נאָך דער ריח פון די פרישע געהובליעוועטע ברעטער.

עס איז ערשט דער ערשטער טאָג וואָס זיי האָבען זיך אהערצו אריינגעצויגען. די ערשטע עטליכע טעג, באַלד נאָך דער חתונה האָבען זיי פערבראַכט ביי איהרע עלטערען און האָבען געוואַרט אויף די פּרעזענטען.

האָט מען איין טאָג פון זיינעם א ברודער געבראַכט א טיש מיט שטוהלען, דעם צווייטען טאָג האָט איהרער א זיידע זיי צוגעשיקט א לעדערנע זאַפע. איהרע עלטערען האָבען זיי געגעבען מעבעל פאַר א שלאָף צימער. דערנאָך האָבען פערשיעדענע קרובים און פריינד, פון ביידע צדדים, צונויפגעבראַכט פערשיעדענע קלייניג־קייטען, אזוי, אז עס איז אויסגעקומען דער סך הכל, אז פון מאַנ־כע אַרטיקלען האָבען זיי געהאַט צופיעל און מאַנכע גאַנץ וויכטיגע האָט זיי אויסגעפעהלט.

דרעהט זיך ארום דאָס יונגע בעל־הבית'ל איבער די צימערען וואָס שמעקען נאָך מיט פוסטקייט און בעטראַכט די צוויי קיילעכ־דיגע טישען מיט די דריי שאָקעל שטוהלען וואָס מען האָט איהם צוגעשיקט און פּלאַנעוועט: אויף וואָס פאַר א וועג ער וואָלט פונ'ם איבעריגען טיש מיט די צוויי איבעריגע שאָקעל־שטוהלען געקענט מאַכען א קליידער־שראַנק, וועלכען ער דאַרף אזוי נויטיג.

די יונגע בעל הבית'טע קומט ארוים א פערפּלאָמטע פון קיך און מיט צניעות'דיגען שמייכעל שוועבט זי דורך מיט'ן ווייסען פאַרטוך איבער די צימערען, גיט א כאַפּ א גלעזערנע כלי מיט עפּעס אין די הענד און לויפט צוריק.

— הער, מיין בעל־הבית'טעלכעל, מאַדאַם... מאַדאַם בראַון!... וואָס קאָכט איהר עפּעס פאַר'ן ערשטען מיטאַג — כאַפּט זי אָן דער יונגער מאַן, און עס צוגיסט זיך ביי איהם, בעת מעשה א תענוג איבער'ן גאַנצען געזיכט.

— געה, געה! רוף מיך ניט מאַדאַם, איך... איך שעהם מיך. רוף מיך דזשעני...

— וואָס פאַר א דזשעני? דזשעני ביזטו געווען ביז איצט, איצט ביזטו מאַדאַם בראַון. דו... דו... מאַדאַמעכעל מיינע... מאַ־דאַם בראַון! — כאַפּט ער זי ארום און נעהמט זי קושען.

— לאָ—ז, טשאַר—לז, עס וועט פערברענט ווערען דאָס

פלייש! — ווערט זי זיך כלומר'שט אין זיינע הענד און שענקט איהם צוריק א קוש...

— דו ווייסט וואס איך קאָך פאר אונזער ערשטען מיטאג? אגו טרעף...

— וואס א שטייגער?

— טרעף, טרעף, טרעף! — טאַנצט זי אקעגען איהם און קנייפט איהם ליידענשאפטליך אין די באקען.

— א זופ?

— ניין!

— א בראטען?

— ניין!

— מילכיגע בלינצעס?

— ניין!

— טאָ וואס זשע דען?

— טרעף, טרעף, דו מוזט טרעפען! — שפרינגט זי קאָקעטיש אקעגען איהם — אז דו וועסט ניט טרעפען וועל איך דיר גאָר ניט געבען, גאָר ניט!... וועסט ניט קריגען קיין מיטאג!....

— אָט וועל איך דיר באלד זאגען — לאָזט זיך טשארלי לויפען אין קיך אריין, — אָט באלד.

— ניין, ניין, ניין טשארלי, געה ניט אהין, דו טאָרסט ניט זעהן... טשאר—לי, טשארלי! — לויפט זי איהם נאָך.

און ביי דער טיר פון דער קיך שטעהט דאָס יונגע פּאָר פאָלק און האלטען זיך אין איין ראנגלען.

— טשארלי, איך וויל ניט! — געה, איכ'ל אויף די ברוגז זיין! איך וויל ניט דו זאלסט זעהן וואס איך קאָך. איך, איך... טשארלי! זאל איך שטארבען אויב דו וועסט אריינגעהן!...

— געה, דו נאר! — גיט ער איהר א פעטשעל איבער די ליפען — רעד ניט אזעלכע ווערטער.

— איך וויל ניט, איך וויל ניט, נו... איך וויל ניט אז דו זאלסט זעהן, איך וויל דיך איבערראשען... געה, געה פון דאנען, א מאנסביל קריכט ניט אין קיך אריין...

די יונגענקע ווייבעלע גליטשט זיך ארויס פון זיינע ארעמס, און דרעהט זיך פלינק אריין אין קיך אריין. זי פערמאכט הינטער

זיך די טיר, האלט צו מיט׳ן פוס און מיט דער האנד בלעטערט זי דעם קאָך־בוך און שעפּטשעט: א לעפעל צוקער, צוויי גלעזער וואַ־סער, א ביסעל זויער־זאַלץ...

— א, דו גנב! דו גנב! קוקסט אין קאָך־בוך! — שרייט טשארלי פון דער אנדערער זייט טיר, — איך זעה... איך זעה, דו גנב׳טע!

— טשארלי! טשארלי! געה... געה אוועק! — נעהמט זי טאַנצען און קאפּריזיווען זיך מיט א וויינענדיגער מינע פון יענער זייט טיר, — טשארלי ביזט א שלעכטער!...

— שוין! שוין! איך געה שוין אוועק! — פערקלעמט טשארלי׳ן ביים הארצען איהר וויינענדיגע שטימע — איך געה שוין!...

טשארלי געהט אוועק און נעהמט זיך פאַרען ביים בעל הבית׳־עשקייט. ער שטעלט אוים די שטוהלען, שלאָגט אָן די גארדינען צום פענסטער, העגגט אויף די בילדער אויף די ווענט.

און דזשעני לויפט אלע מאָל צום טעלעפאָן, און פרעגט זיך אָן ביי דער מוטער, וויפיעל זויער זאַלץ מען דארף האבען צו א באָרשטש, וואס דאָס טעפעל האלט ניט מעהר, ווי אן ערך, דריי גלעזער. און וואס דארף מען טהאָן צום בראטען, אז ער זאל אוים־קומען צוגעברוינט? און ווי לאנג דארף זיך קאָכען פלוימען?

די מוטער רעכענט איהר דורכ׳ן טעלעפאָן אוים וואס זי זאָל טהאָן, און זי דינגט זיך דורכ׳ן טעלעפאָן, און קלאָגט זיך מיט א וויינענדיגער שטימע אז דער קאָך־בוך זאָגט ניט אזוי...

— א! א! איך ווייס שוין! איך ווייס שוין וואס דו קאָכסט! — רייצט זיך מיט איהר טשארלי — איך ווייס שוין, איך האָב אלעס געהערט...

— ניין, דו האָסט ניט געהערט!... דו ווייסט ניט!... אנט־לויפט זי צוריק אין קיך אריין פערצאָרענט, געה, געה! דו ווייסט ניט! דו ווייסט גאָר ניט!...

און נערוועז, מיט פערפלאמטע באקען שטעהט די יונגע ווייבעלע ביי די טעפלעך, קוקט אלע ווייל אין קאָך־בוך, קנייטשט מיט׳ן שטערען זיך צו דערמאָנען, וואס די מאמע האָט איהר אָנ־געזאָגט, און שוימט מיט׳ן לעפעל און פערזוכט אלע ווייל און

צמאַקעט מיט די ליפּען, און שאַרט מיט די טעפּלעך אהין און אהער אזוי לאַנג, ביז די פינגער ווערען ביי איהר אַבגעברענט, און איבער אלע חדרים נעהמט זיך הערען א ריח פון צוגעברענטע פלייש.

ווען זי גרייט דערנאָך צום טיש און דערלאַנגט מיט די אַב־געברענטע הענד דעם מיטאָג, זיצט דאָס פּאָר פּאַלק, און זיי קוקען זיך איינס דעם צווייטען אין די אויגען און שאַרען איינס דעם צווייטען צו די ווייכע ביינדעלעך, מיט די בעסערע שטיקלעך פלייש.

— וואס זאָגסטו, טשאַרלי, אויף מיין ערשטען מיטאָג? — פרעגט זיך די יונגענקע דזשעני, כאָטשע זי זעהט ווי טשאַרלי האַלט זיך אין פּאַסמאַקעווען און לויבט יעדען ביסען.

— א, א חיות! א מאכל! טעם גן־עדן.

— געה, דו לאַכסט! — וויל זיך די יונגינקע בעל הבית'טע כלומר'שט ניט גלויבען. — עס האָט מסתמא קיין אידישען טעם ניט...

— וואס רעדסטו, נאַרעלע, דו!? — נעהמט טשאַרלי אָן אן ערנסטע מינע — עס איז דאָך אויסגעצייכענט! דו... דו בעל הבית'טע מיינע! — ער לעגט אוועק דעם לעפעל און וויל זי א קוש טהאָן, אָבער זי לאָזט ניט.

— נאָ, קוש אָט אָ דאָ, אָ, — צייגט זי איהם אויף די פערברענ־טע פינגער, און נעהמט אָן די מינע פון א קינד, וואס קלויבט זיך צו ברעכען פּיסקעס...

— אָ, מיין ליעבענקע קינדעלע! — קושט ער זי אין די פערברענטע פינגער — מיין זיסענקע, עס טהוט דיר וועה? קינדע־לע מיינס!...

און אזוי עסענדיג פאַלגט נאָך א קוש נאָך א קוש...

ווען עס קומט צום לעצטען שטיקעל פלייש ווערט א גע־שאַרעריי אויפ'ן טעלער. — ער שאַרט דאָס לעצטע פערבליבענע שטיקעל צו איהר און זי שאַרט עס צו איהם, און זיי קוקען זיך

אין די אויגען, און בעטען איינס ביים צווייטען אזוי לאנג, ביז דאָס יונגע בעל הבית'ל פאלט אויף א שכל: ער צושניידט דאָס שטיקעל פלייש אויף צווייען, שטעקט אָן די צוויי שטיקלעך אויף צוויי גאָפּלען און הייסט איהר עפענען דאָס מויל...

אוןביידע מיט אמאל גיבען זיי א כאפּ אריין די שטיקלעך פון די גאָפּעל, און צולאכען זיך...

א נייע דירה.

אויפ'ן דריטען טאָג נאָכ'ן ערשטען מאי, ווען זעלדען, א מיט־ארבייטער פון א צייטונג איז אהיים געקומען פון דער רעדאקציע האָט ער די נייע דירה, אין וועלכער ער האָט זיך איבערגעצויגען, שוין געטראָפען אין דער בעסטער אָרדנונג.

— מאָרים — איז איהם די יונגע מאדאם זעלדען געלאָפען אקעגען — מאָרים מיר האָבען יעצט א הייזקעלע, איך זאָג דיר א גן עדן, א קליין גן עדן'על!

און די מאדאם זעלדען, האָט גענומען איהר יונגען מאן שלעפּען ביים ארבעל, און איהם ארומפיהרען פון איין צימער אינ'ם צווייטען.

— זעהסט א זאאלכעל, מאָרים? עס איז דאָך א חיות א קוק צו טהאָן! אָט דאָ אויף דער וואנד — האָט זי איהם גע־מאכט א בעמערקונג — פעהלען נאָך א פּאָר שעהנע בילדער, מיינסט איך האָב שוין אפשר ניט קיין אויג אויף קיין בילדער. מאָרים, — האָט זי מיט בעגייסטערונג גענומען לויבען — מאָרים, איך זאָג דיר בילדער, א ציהרונג! זאָלסט אינמיסטען, ווען דו וועסט געהן פון דער ארבייט זיי אָנקוקען. זיי שטעהען ביי מאָרגאנ'ען אין „ווינדאָו" (פענסטער). זיי פערכאפּען דאָס אויג זאָג איך דיר!

און אונזער „קארפעט" (טעפּיך), מאָרים, דו ווייסט מאָרים, — האָט זי אראבלאָזענדיג דעם קאָפּ ווי א נאאיווע קינד זיך גע־קלאָגט. — אונזער קארפעט איז איבערהויפּט גאר ניט קיין קארפעט פאר קיין „פראָנט רום" (זאל). און דו מיינסט אז א פראָנט רום

קארפעט וועט קאָסטען זעהר טייער? איך האָב געזעהן א קאַר־פעט פאר זעקס און צוואנציג דאָלאר זאג איך דיר א פראכט!

זעלדען האָט א קוק געטהאָן אויף דער יונגער ווייבעל אויף זיינער, זי איז געווען א ביסעל אַבגעמאַטערט פון דער אָנגעשטרענג־טער ארבייט פאר די לעצטע עטליכע טעג, זי האָט אָבער געררעדט מיט אזא נאאיווער בעגייסטערונג און אזוי שעהן האָט זי איהם אויסגעזיינגט, אז ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען. ער האָט זי גענומען קנייפען מיטביידע הענט אין די שיינענדע בעקעלעך, און קושען אין מויל: „דו... דו... קליינער טייוועל, מיינער!"

— געה, געה, דו „בעד באָי" (שלעכטער אינגעל), — האָט זי זיך קאָקעטיש געוועהרט — וואַרט, קום, אידי'ל דיר ערשט ציינגען ווייטער.

און זי האָט איהם געשלעפּט נאָך זיך, אינ'ם צווייטען צימער.

— זעהסט א שלאָף צימער? ! — דו... בעד באָי! — האָט זי איהם גענומען ליעבליך פּאטשען מיט דעם קליינעם הענטעל אי־בערן מויל — דאָ וועסטו שוין ביי מיר ניט ווארפען אויפ'ן פלאָר דיינע שטיקלעך אָבגעברענטע סיגארעטלעך. דו הערסט? גלויב־סטו ניט אז אונזער בעט וואלט מען שוין בעדארפט איבערבייטען? זאָלסט אָנקוקען א „ברעסענע" (מעשענע) בעט פאר פיער און צוואנציג דאָלאר בנאמנות אז עס איז כמעט גאָר קיין געלד ניט. און דו מיינסט אונזער קליידער שאפע... — אז מיר האָבען פונ'ם אָנפאנג אָן אלץ געקויפט אזעלכע שמאטעס!..

זעלדען האָט בעת מעשה אראבגעלאָזט די אויגען און האָט זיך גענומען קראצען אין קאָפּ.

— געה, איך האָב דיך פיינט, — האָט זיך די יונגע מאדאם זעלדען גענומען קאפריזעווען — דו האָסט מיר שוין אראבגעלאָזט דעם קאָפּ, האָסטו מיר שוין? דערפאר וועל איך דיר שוין ניט ציינגען דעם שרייב צימער, איך קען אויף דיר ניט קוקען, קען איך ניט אויף דיר!...

— אוועק, דו נאַרעלע, דו — האָט זי זעלדען אָנגענומען ביים אויבערשטען ליפּעל וואס האָט שוין אָנגעפאנגען קאָנוואולסיוו ציטערען — דו... דו נארישע ציגעל מיינע!

— גנה, גנה, עס איז א ליגען! דו האָסט מיך נים ליעב!
— האָט איהם דאָס פערצאָרענטע ווייבעל אָבגעשטופּט.
— וואס רעדסטו... דו טיפּוש! דו קליינער טיפּוש מיינער!
— האָט ער זי גענומען גלעטען מיטביידע הענד איבערן קאָפּ און איהר קוקען צערטליך אין די אויגען אריין — א י ך האָב דיך נים ליעב? ! נו, גנווים, גנווים, מיר ווילען אלעס, אלעס קויפען...

די יונגע מאדאם זעלדען האָט מיט אזא נאַאיוויטעט איהם אריינגעקוקט אין די אויגען אז עס האָבען זיך גענומען ווייזען ביי איהר פריידענס טרעהרען.

— וואס זשע לאָזטו אראב דעם קאָפּ, וואס? — האָט זי זיך געפּעשטשעט — טאָ גיב זשע מיר א קוש!

— א קוש? דו... דו... נאריש קעלבעלע מיינס... אָט... אָט שוין!...

— ניין, נים אזוי... א בעסערען!

— ווייסטו וואס? נאָ דיר צ ו ו י י בעסערע! דו... דו... טייעפּעלע! דו, דו... טייבעלע!

— איז.. איז אצינד... קום... גענוג, דו... דו... שוין: דו בייסט זיך גאָר? — און זי האָט איהם קנייפּענדיג ליידענשאפטליך אין די ביידע באקען אריינגעשלעפּט אין שרייב צימער.

— זעהסט, דו... דו... משוגע'נער מיינער? זעהסט א ציר־מעריל! — און אָט דאָ האָסטו א נייעם פּאפּיער קאָרב... און א פּאפּיער מעסער... און אָט דאָס האָב איך דיר געקויפט א פּרעזענט א נייעם טינטער... דו בער באָי, דו! אבער מאָרים, האָב איך היינט געזעהן א שרייב טיש פאר דיר, מאָרים, מאָרים! — האָט זי גענומען טאנצען קאָקעטיש — מאָרים איך זאג דיר אזעלכעס וואס דו קענסט זיך קוים פארשטעלען! מאָרים, א טיש, מיט א גלאָז פון אויבען. מיט א מין ארבייט... מאָרים, לאָס איך דיר קויפען דעם טיש!

ביי זעלדען'ען האָבען די קניען גענומען ציטערען. א קוק טהוענדיג אבער אויפ'ן ווייבעל אויף זיינעם, מיט וואס פאר א בעטענדיגער נאאיווער מינע זי איז געשטאנען פאר איהם, האָט ער זיך געפונען אזוי אונבעהאָלפען, אז ער האָט צומישט אָנגע־הויבען שטאמלען:

— גו, געווים... געווים... געווים מיין טהייערע! אודאי... אודאי קויפען!...

— אַט אזוי... אַט אזוי מאַרים! אַט אזוי האָב איך דיך ליעב... מאַרים! מאַרים! — האָט זי קינדעריש גענומען טאַנצען מיט שמחה — דו וועסט זעהן א הייזקעלע וועל איך דיר אויסמעבלירען, א קליין פּאַלאַצעל! און איך וועל דיר קויפען א מאַרגען ראָק מיט קוטאַשען... און, און... א ליולקע... א גוטע ליולקע... מאַרים, אַט די ליולקע דיינע, וועל איך ארויסוואַרפען! איך האָב היינט געזעהן א ליולקע פאר זעקס דאָלאר זאָג איך דיר!... איך בעט דיר, לאָם איך דיר קויפען די ליולקע!

זי האָט איהם נאָכהער מיט שמחה ארייגעפיהרט אין קיך.

אין קיך האָט זי בלויז אויסגעפונען אז מען דאַרף האָבען א נייעם „אוילקלאָטה" אויף די דילען, און א נייעם געז־אויווען, מיט א קיך־טיש.

— דו האָסט געזעהן היינטיגע קיך־טישען, מאַרים? — האָט זי געפלאַמט פון בעגייסטערונג — מאַרים, זאָג איך דיר טיי־שען, אוי, א ציהרונג! מאַרים! מיט אזעלכע קיילעכדיגע שופ־לאַדען, אויף געשיער, און אויף שפּייז פּראָדוקטען. און אזוי מאַ־סיוו און שעהן אָבגעאַרבייט, מאַרים! איך זאָג דיר אזא טיש!...

אָבער... אָבער... — האָט זעלדין גענומען שטאַמלען.

שוין, מאַרים? דו הויבסט שוין אָן?... מאַרים! — האָט דאָס שעהנע פּנים'על פון דער יונגער מאדאם זעלדען זיך גע־נומען קנייטשען! — געה, געה, דו ביסט א שלעכטער!...

—רעד ניט קיין נארישקייטען, מען וועט קויפען! — האָט זיך זעלדען פערענטפערט, — אודאי, וואס דען מען וועט ניט קוי־פען? דו... דו קאפריזנע קינד, דו מיינס...

ער האָט זי צוגערוקט צו זיך און זי גענומען גלעטען מיט א ציטערדיגער האנד איבער'ן שעהנעם פּנים — קויפען!... קויפען!... דו... דו... קויפען....

און בעת מעשה האָט זיך איהם געפּלאָנטערט אין מח אויף וויפיעל ער וועט זיך דאַרפען א שטייגער איבער דער נייער דירה

פערשולדיגען, און וויפיעל ציים עס וועט איהם נעהמען איידער ער וועט עס קענען פון זיינע שכירות אָבצאָהלען...

— קויפען... סטייטש, וואס דען, דו נאר איינער!... קויפען, אלעס קויפען!...

זי קריגט חרטה.

ווען דער בעל הבית פון דער דירה איז אריינגעקומען מיט'ן ביכעל און מיט'ן בליי־פעדער אין דער האנד פרעגען די יונגע לע־ווין'ס צי זיי וועלען פערבלייבען אויף ווייטער, איז שוין דענסט־מאָלט געווען ביי זיי מוסכם, אז לענגער אין דער דירה קענען זיי ניט פערבלייבען.

אונטער די פאָר יאהר וואס די לעווין'ס זיינען געווען פערהייר־ראט, איז ביי זיי צוגעקומען צוויי קינדערלאך, און דאָס בעל הבית'־עשקייט האָט זיך אויך קיין עין הרע פערגרעסערט אזוי, אז אין די צוויי צימערלעך מיט דער קיך, איז שוין כמעט ניט געווען וואו אהינצוטהאָן זיך. חוץ דעם זיינען די צימערען געווען אזוי אָב־געלאָזען, אז עס איז שוין פשוט געווען א חרפה פאר מענשען...

בייטען אבער די דירה אויף א בעקוועמערער, איז ניט געווען אזוי לייכט, מחמת פון לעווין'ס פערדיענסטען איז שווערליך גע־ווען אפילו די דריי אָבגעלאָזענע צימערלעך אָנצוהאַלטען...

— איך ווייס... עס איז ענג... מיר וואָלטען בעדארפט אמווע־ניגסטען כאָטש — פיער צימערען — האָט לעווין ארויסגעשטאָ־מעלט פאר'ן בעל הבית מיט אראבגעלאָזענע אויגען, אזוי ווי ער וואָלט זיך פיהלען אין עפּעס אַן עולה, — מען וואָלט בעדארפט...

די יונגע מאדאם לעווין — וועלכע האָט געהאַט אויפ'ן האר־צען א גאנץ צעטעל מיט טענות צום בעל הבית, נאָך פון דער ערש־טער שעה אָן וואס זיי האָבען זיך אריינגעצויגען אין דער דירה, און האָט עס אלץ אָבגעלעגט אז זי זאל איהם „בעצאָהלען" מיט אמאָל אויפ'ן סוף, ווען זיי וועלען זיך דארפען ארויסציהען, — האָט אויך דאָס מויל ניט געקענט עפענען...

— אודאי איז ענג — האָט זי ארויסגעהאָלפען דעם מאן —

כאַטש פיער צימערלעך... איך ווייס, עס איז ענג קיין עין הרע!...

קיין בעשטימטעס אָבער האָבען די לעווין'ס דעם בעל הבית פון דער דירה ניט געגעבען. עס איז געבליבען: אז אן ענט־שלאָסענעם ענטפער וועלען זיי איהם ערשט געבען אין עטליכע טעג ארום.

ווען דער בעל הבית איז ארויס פון הויז, האָט דאָס פּאָר פּאָלק איינס צום צווייטען גענומען האָבען טענות:

— דו ביזט א מאַן? — איז די פרוי די ערשטע ארויסגע־שפּרונגען אָן אָנגעצונדענע — אז אַך און וועה צו אַזעלכע מענער, א באָבע ביזטו! האָסט איהם ניט געקענט דאָ בעצאָהלען אז עס זאָל איהם ווערען פינסטער אין די אויגען!

— א קנאַקערקע! — האָט לעווין א מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ, און א הויב געטהאָן די אויגען מיט'ן שטערען אויף איהר — פאַר וואס האָסטו איהם ניט בעצאָהלט, פאַר וואס? דו האָסט זיך דאָך צוגעגרייט א גאַנץ יאהר, האָסטו זיך? דו ביזט נאָר א קנאַ־קערקע אויף יענעם ביזטו!...

— דו ביזט דאָך אָבער עפּעס דער מאַנסביל, ביזטו!

— נו, בין איך אַ מאַנסביל, אָבער ניט קיין „מאַכליארקע"!..

און נאָכדעם ווי דאָס פּאָר פּאָלק האָט זיך צווישען זיך גאַנץ שארף דורכגערעדט וועגען דעם ענין און זיך געמאַכט די שטרענג־סטע פאַרווירפע, איז מען פאַוואָלי וואס אמאָל ווייטער, איבערגע־גאַנגען אין א ווייכערען טאָן, און עס איז צווישען זיי בעשלאָסען געוואָרען, אז מען האָט איהם אין דער ערד דעם „חזירשען בעל הבית" מיט דער „חזיר שטאָל" מיט זיינער! מען וועט דינגען שעהנע פינף צימערען, און מען וועט טהאָן אזוי ווי אלע אידען טהוען: — איין צימער וועט מען פערדינגען!...

אויף מאָרגען, ווען לעווין איז געקומען פון דער ארבייט, איז איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט אריינצוקומען אין הויז אריין, איז איהם שוין דאָס ווייבעל זיינס געלאָפען אקעגען מיט א שמחה:

— לעווין, איך האָב היינט אָנגעטראָפען א הייזקעלע, זאָג איך דיר א צאַצקע.

און זי האָט איהם גענומען אויסמאָלען די ברייטע גאַס, די פינף צימערען „ווי די פעלדער", און די בעקוועמליכקייטען: א

קאַמער, אַ וועראַנדע און אַ גרויסער הויף הינטען. הכלל: „אַ דירה מלוכה" און בסך הכל אכצעהן דאָלאַר אַ מאָנאַט, עס הייסט אין גאַנצען מיט זעקס דאָלאַר אַ מאָנאַט מעהרער, ווי וועט מען פאַר אַ צימער ניט אָבנעהמען אמוועניגסטען, אכט דאָלאַר אַ מאָנאַט, וועט מען האָבען אי מעהרער אַ צימער און עס וועט נאָך קאָסטען מיט צוויי דאָלאַר ביליגער.

און דעם גאַנצען אָבענד האָט דאָס פּאָר פאַלק געהאַלטען אין איין פאַנטאַזירען וועגען דער נייער דירה.

די יונגע מאַדאַם לעווין האָט איהם געמאַכט פּלענער ווי אַזוי זי וועט דאָרטען אויסשטעלען דאָס מעבעל, און זי האָט איהם גע־האַלטען אין איין אויסמאָהלען, ווי אַזוי די צימערען געהען דאָר־טען.

— דו פערשטעהסט, אַז די צימערען זיינען דאָרטען בעזונדע־רע. יעדער צימער קומט אויס בעזונדער. אַז מיר וועלען איממי־צען פערדינגען אַ צימער, וועט זיך יענער מיט אונז לחלוטין ניט אָנקעהרען. און דאָס מעבעל — דו וועסט זעהן. — דאָ אין די פענסטערע לעבער, מישטיינס געזאָגט, זעהט מען דאָך קיין זאַך ניט אַרויס. דאָרטען וועט יעדער שטיקעל מעבעל אַרויסשיינען, זאָג איך דיר!...

און מיט אַזאַ בעגייסטערונג האָט די פרוי געהאַלטען אין איין לויבען די נייע דירה, אַז זי איז געוועזן גרייט דאָס דער מאַן זאָל שוין געהן מיט איהר, ביי נאַכט, און מען זאָל געבען אַן אַדרויף.

— וואָס רעדסטו, איך זאָג דיר, אַז ווען דו זאָלסט זיי זעהן, וואָלסטו שוין ניט אַוועקגעגאַנגען פון זיי. ניט אַלע מאָל טרעפט מען אָן אַזעלכע צימערען, און נאָך פאַר אַזוי ווייניג געלד!...

און עס איז ביים פּאָר פאַלק געבליבען אַז מאָרגען, שבת, אַזוי ווי אַרבייטען אַרבייט מען דאָך נאָר אַ האַלבען טאָג, זאָל מען באַלד נאָך מיטאָג אַוועקגעהן, און מען זאָל דינגען די נייע דירה.

די מאַדאַם לעווין איז אויף מאָרגען אויפגעשטאַנען גלייך מיט לעווין'ען, און ווען לעווין איז אַוועקגעגאַנגען צו דער אַרבייט, האָט זי זיך באַלד אַ נעהם געטהאָן צו דער הויז־ווירטשאַפט, צו די קינ־דער און צום צופאַרטיגען מיטאָג, אַזוי, אַז ווען לעווין איז געקומען

צוריק פון דער ארבייט, איז זי שוין געווען מיט אלעם פארטיג, אפילו אויסגעפוצט און אויסגעפודערט.

ווען זי האט דערהערט לעווין׳ס טריט אויף די טרעפּען, האט זי זיך א לאז געטהאן איהם אקעגען. זי האט זיך אבער באלד נעכאפּט צוריק. זי האט דערהערט צוזאמען מיט איהם נאך טריט און א קול פון א פרויען־שטימע.

לעווין איז אריינגעקומען אין הויז אריין אן אויפגעלעגטער און נאך איהם איז נאכגעגאנגען א יונגע מיידעל. ער האט זיך אבגעשטעלט אויף דער שוועל, האט צועפענט ברייט די טיר און מיט שמייכלענדע אויגען, האט ער געווארט ביז די יונגע מיידעל איז אריינגעקומען.

— איך וועל אייך פארשטעלען — האט ער זיך געווענדעט צו דער פרוי — דאס איז פריילין ציפרין, און דאס איז מיין פרוי, מאדאם לעווין...

און איידער ער האט נאך געבעטען דאס מיידעל צו פערנעה־מען פלאץ, האט ער מיט שמחה ארויסגעזאגט:

— זעהסטו, אט האבען מיר שוין א קווארטיראנטקע פאר א צימער — זיצט פריילין ציפרין, פערנעהמט פלאץ.

— איך האב דערצעהלט אין פאבריק — האט ער ווייטער פארטגעזעצט — פון די צימערען, האב איך דערצעהלט, האט זיך די פריילין ציפרין אנגעכאפּט. זיי דארפען גראדע א צימער, וועלען זיי מיט אונז טאקי געהן און וועלען אנקוקען.

די מאדאם לעווין האט אבגעמאסטען די פריילין ציפרין פון קאפּ ביז די פיס, און דער שפּיץ נאז ביי איהר האט גענומען בלאס ווערען.

— איך... יא... פאר וואס ניט... מהיכי תיתי... אט גלאט אזוי, אז מען האט נאך ניט גענומען... — האט זי גענומען שטאמלען.

— וואס מאכט עס אויס — האט לעווין זי ארויסגענומען פון פערלעגענהייט — אבי עס איז דיר געפעהלען, איז וועלען מיר נעה־מען, און דער פריילין ציפרין וועט מסתמא אויך געפעלען...

— נו, געוויס — האט די פריילין ציפרין פאטאקעוועט — איך דארף האבען א צימער, איז אביסעל גרעסער איז אודאי גוט, — איז קלענער, איז אויך אהן אן אונגליק.

— איך ווייס... געפעלען — האָט די מאַדאַם לעווין גענומען זיך קנייטשען — וואס קען מען פון איין מאָל זעהן, וויסען?... דאכט זיך ניש'קשה, קיין גאַנץ גרויסען חשק, מיט'ן אמת... איך ווייס... צימערלעך...

— וואס הייסט? — איז איהר לעווין אריינגעפאלען אין מיטען — ביזט דאָך געווען אזוי בעגייסטערט, און ערשט מאכסטו גאָר „צימערלעך", און קנייטשסט זיך.

— בעגייסטערט, ווער איז דאָס געווען בעגייסטערט — האָט די מאַדאַם לעווין, ניט אראבנעהמענדיג די אויגען פון פריילייִן ציפּרין און פונ'ם מאַן, צו נישט געמאכט דעם עסק. — ער קען אייך זאָגען בעגייסטערט. גאָר ניט... איך ווייס... מיר'ן געהן וועלען מיר אָנקוקען...

מיט'ן וועג, געהענדיג אנקוקען די נייע דירה צוזאמען מיט דער פריילייִן ציפּרין, האָט זיך די יונגע מאַדאַם לעווין דערמאָהנט אלע מאָל אָן א נייעם חסרון. פריהער איז איהר די גאס ניט געווארען צום הארצען, דערנאָך די שכנים, דערנאָך האָט זי זיך דערמאָהנט אז די צימערען זיינען עפּעס אויסגעשטעלט מאָדנע, ניטאָ קיין איין צימער קיין בעזונדערער...

און ווען זיי זיינען צוגעקומען צום הויז און האָבען גענומען געהן פון איין צימער אינ'ם אנדערען, און בעטראכטען האָט זי געהאלטען אין איין דרעהען מיט דער נאָז...

— ווייס איך וואס, לעבער, די זעלבע לעבער ווי אונזערע!

— וואס רעדסטו?

— וואס רעדט איהר, די צימערען זיינען דאָך א פּראכט! — האָט דער מאַן מיט דער פריילייִן ציפּרין געהאלט'ן אין איין לויבען און איינריידען איהר.

דער יונגער מאַדאַם לעווין זיינען אָבער וואס אמאָל די צימערען ערגער ניט געפעלען געווארען.

— צימערען! אזוי ווי מיר אויפ'ן הארצען — קברים! איידער אזעלכע צימערען, וועל איך שוין בעסער וואהנען אין די אלטע — האָט זי בעשלאָסען.

און וויפיעל לעווין מיט דער פריילין ציפּרין האָבען מיט איהר ניט איינגעטענה'ט, — די מאדאם לעווין האָט זיך געהאלטען ביים לעצטען בעשלוס, אז זי בלייבט אין דער אלטער דירה...

מאַן און ווייב.

זונטאג. אין פאבריק דארף מען ניט געהן, און זיי האָבען זיך פערגונגען, ער מיט זיין ווייב, צו פערבלייבען אויף זייער געלעגער א ביסעל לענגער, ווי געוועהנליך. דיזער פערגנעניגען האָט זיך גע־ענדיגט דערמיט, וואס ער, מיעד און ערשעפּט, איז געלעגען אוים־גערעהט מיט'ן פּנים קיין צפון, און זי, אין אן עהנליכע פּאָזע, מיט'ן פּנים קיין דרום....

אויף דער וואנד אנטקעגען איהם, האָט די זון אריינגעשיינט דורך א פענסטער און האָט זיך פאמעלעך גערוקט וואס אמאָל אליץ ווייטער און ווייטער, ביז זי איז צוגעקומען צום סאמע ווינקעל, וואו זי האָט זיך גענומען לאנגזאַם אויסבויגען און אריבערקריכען אויף דער צווייטער וואנד, און פאמעליך זיך דראפּען אויפ'ן בילד פון זיין מוטער.

אויף א קווייטעל פון זיין מוטער'ס זיידענעם טיכעל האָבען זיך געשפּיעלט ,ווי גרויסע פליעגען. זיי האָבען ארומגעטאנצט און געזשומעט צווישען זיך... דיזע צוויי פליעגען האָבען אזוי גע־רייצט זיינע נערווען מיט זייער זשומען, אז ער האָט זיך פער־מאָסטען ארויפצוװארפען אויף זיי זיין פרוי'ס שיכעל, וועל־כעס איז גראדע געשטאנען נעבען בעט. ער האָט דאָס שיכעל ניט געווארפען. פיליכט דערפאר, ווייל ער האָט געשאנעוועט דעם כבוד פון זיין מוטער, אדער פיליכט ווייל ער האָט געזשאלעוועט דאָס גלאָז פון בילד, אדער גאָר פיליכט, ווייל אין דיזען מאָמענט האָבען זיי זיך, דיזע פליעגען, מיט אן אימפּעט ארויפגעװארפען איינע אויף דער צווייטער, און האָבען זיך באלד, ווי פער'חלום'טע, אָבגעקאטשעט אין פערשיעדענע ריכטונגען, וואו זיי זיינען אָבגעלע־גען א ווײלע שטיל און זיינען זיך באלד צופלויגען.

האלטענדיג אזוי אין האנד זיין ווייב'ס שיכעל, האָט ער גע־נומען פיהלען עפּעס א מין איבעלקייט דערפון. א מאָדנער גערוך

האָט זיך פון דעם געטראָגען. דערצו נאָך איז איהם דער גאַנצער געבוי דערפון ניט געפעהלען געוואָרען. קורץ, מיט א הויכען אָב־זאַץ. זיין פאַנטאַזיע האָט איהם געמאָלען א קורץ פיסעל, א גלאַנ־ציגעס, אן אָנגעשוואָלענעם...

ער האָט דאָס שיכעל א ווארף געטהאָן אויפ'ן דיל און גענומען ווישען זיין האנד אָן ווייסען ליילעך פון'ם בעט.

פונ'ם קלאַפּ מיט'ן שיכעל אויפ'ן דיל, האָט זיך זיין פרוי נערוועז א דרעה געטהאָן אויפ'ן געלעגער. דאָס האָט געבראַכט איהר קערפּער אין בעריהרונג מיט זיינעם.

זי האָט זיך מיט א גרימאַסע באלד אָבגערוקט פון איהם און זיך אומגעקעהרט צוריק...

ער האָט אָבער געפיהלט אין דעם מאָמענט, אזוי ווי עפּעס ווארימעס, גליטשיגעס וואָלט זיך אָן איהם אָנגעריהרט. דערצו נאָר איהרע האָר, וועלכע זיינען געווען צוואָוואָרפען, און זיינען איהם געקראָכען אין געזיכט, און אין מויל. דיעזע האָר איהרע האָבען איהם געמאכט אזוי נערוועז, אז ער איז אראבגעשפּרונגען פון בעט און האָט מיט כעס גענומען זיך אָנטהאָן. די הויזען־טרעגער, וועלכע האָבען זיך איהם געפּלאָנטערט פאר די פיס, און דאָס אָב־געריסענע קנעפּעל פון זיינע תחתונים, מחילה, האָבען איהם אויפ־געררייצט ביז משוגעת.

ער האָט געבורטשעט און געברומט אין זיך.

הערענדיג איהם בורטשען, האָט זי א הויב געטהאָן איהר קאָפּ פונ'ם געלעגער און האָט איהם אויסגעדרעהט צו איהם...

ער האָט בעמערקט א צוואָוואָרפענעם קאָפּ האָר, א קליינעם שטערען מיט שארפע קנייטשען, א פערשלאָפען געזיכט, א פאר אויסגעלאָשענע אויגען און א טהייל פונ'ם אויבערשטען קערפּער, פון וועלכען עס האָט זיך געטראָגען דער ריח פון שוויים.

— א קנעפּעל, עס פעהלט א קנעפּעל! — האָט ער כעס'דיג ארויסגעזאָגט. ער האָט אָבער בעת מעשה דערפיהלט, אז נאָך אזעלכע פערהעלטניסע, ווי ער האָט אָט ערשט געהאַט מיט איהר, איז אזא אויסדרוק עפּעס שוין צו מגושם, און ער האָט זיך גענומען מאטערען אָנצונעהמען א מילדערען טאָן...

— אז.. איך מיין... ווארום... ווען דו גיסט מיר די וועש, וואַרום זעהסטו ניט...

זי האָט איהם עפּעס געענטפערט, וואהרשיינליך האָט זי זיך געמוזט ענטשולדיגען, אבער איהם איז געווען אַלץ איינס, וואס זי האָט געזאָגט. ער איז געווען זיכער, אז ער איז סיי ווי סיי דער גערעכטער. און ער האָט געסאָפּעט און ארומגעבלאָנזשעט מיט די אויגען, זוכענדיג זיך אָנצוכאַפּען אָן עפּעס אַנדערעס.

ער האָט זיך אָנגעבויגען אונטער'ן בעט, און ער האָט באַלד אויסגעפונען אז די שטעק־שיך זיינע זיינען ניט אויף זייער פּלאַץ. ער האָט גענומען נערוועז ווארפען מיט די זאכען, וועלכע זיינען געלעגען פאר זיינע אויגען.

— געהערט א מעשה! א פּאָר שטעק־שיך, מיינע שטעק־שיך, איז דאָס גאַנצע הויז שליאַנדערט אין זיי ארום. קיינמאָל וועט מען זיי ניט געפינען אויף זייער פּלאַץ. וואו זיינען זיי? וואו זיינען די שטעק־שיך?...

— ביסט שוין משוגע, ביסטו? וואס ווארפסטו ארום מיט די זאכען, וואס ווארפסטו? די שטעק־שיך שטעהען אין צווייטען צימער.

דיזע ווערטער איהרע האָט ער שוין גראָד גוט געהערט. און ער האָט באַלד אויף איהר אויסגעסטאַרטשעט א פּאָר אויגען, פול מיט גיפט.

— פערשטעהסט... אז... אז עס פעהלען קנעפּלעך... אז די שטעק־שיך קען מען קיינמאָל ניט געפינען... איז בין איך, הייסט דאָס, משוגע בין איך...

ער האָט אויסגעשפּיגען און מיט נאָכגעהאנגענע הויזען־טרעגער און מיט די זאָקען אויף די פיס איז ער אריין אין צווייטען צימער, און האָט דאָרט אויסגעפונען די שטעק־שיך. ער האָט זיי אָנגעטהאָן און איז מיט א קלאַפּעריי אריין אין קיך זיך ארומוואַשען.

אין קיך האָט ער אין א ווינקעל בעמערקט דעם עמער פון מיסט, און אויפ'ן טישעל עטליכע טעלער ניט קיין אָבגעוואשענע. ער האָט דעם עמער א שליידער געטהאָן מיט די פיס. ער האָט נאָך געוואָלט אויך די טעלער א שליידער טהאָן. ער האָט אָבער נור

איינעם א הויב געטהאָן אין דער לופטען און האָט איהם צוריק אוועקגעשטעלט...

ביים וואשען זיך האָט ער געפּראסקעט מיט די נאָז־לעבער, מיט די ליפּען, און ווען עס איז געקומען צום ארומזייפען זיך, האָט ער אויסגעפונען, אז די זייף טויג אויף כפּרות...

— אן אָנשטענדיג שטיקעל זייף זאל זיך ניט געפינען אין א הויז! — האָט ער געברומט. נור אזוי ווי עס איז ניט געוועזען נעבען איהם עמיצער, וועמ עס זאל איהם ענטפערען, האָט ער צוריק גענומען דאָס שטיקעל זייף און האָט זיך ארומגעזייפט...

ער האָט נאָכהער ביים ארומווישען זיך אויסגעפונען, אז דער האנדטוך איז הארט, ווי א בלעך.

— א האנדטוך! פון די האנדטיכער וואס מען פרעגט אויף זיי.

ער האָט נאָכדעם אויסגעפונען, אז אין קעמעל, מיט וועלכען ער האָט זיך פערקעמט, פעהלען זעקס ציינדלאך, און אז זיי פעהלען שוין אודאי פון א פּאָר מאָנאטען. און אז דאָס קאָפּ־בערשטעל איז פערפּאפּט, און מען האָט דאָס שוין בעראַפט אויס־רייניגען נאָך צוריק מיט א האלב יאהר...

ווען זיין ווייב איז ארונטערגעקומען, איז זי דורכגעגאנגען נעבען איהם מיט אראבגעלאָזענע אויגען, און מיט אן אָנגע־ברוגז'ט געזיכט.

ער האָט זיך אָבגעקעהרט אָן א זייט, און איז אריין אין א צווייטען צימער.

ער האָט פערררויכערט א סיגארעט. און איידער ער האָט איהם געענדיגט, האָט ער שוין צוגעגרייט א צווייטען. ער האָט אזוי אויס־גערויכערט עטליכע סיגארעטען איינעם נאָכ'ן אנדערען, ביז דאָס צימער איז געוואָרען פול מיט רויך. ער האָט דאן גענומען ארומ־געהן צווישען די וואָלקענס רויך און בייסען די ליפּען...

— געה עסען פרישטיק! — האָט ער דערהערט זיין ווייב'ס אָנגע'ברוגז'טע שטימע.

ער איז אריינגעגאנגען אין עס־צימער. אויפ'ן טיש איז געוועזען אָנגעגרייט: קאַפע, אייער און סמעטענע אין א קריגעל.

ער האָט אריינגעזופּט א טאסע קאַפע, אויפגעגעסען אן איי,

פערזוכט אביסעל פון דער סמעטענע, און עס האָט איהם אויסגע-וויעזען אז אלעס איז עפּעס אָהן א טעם און אָהן ריח.

— עס האָט קיין אידישען טעם ניט! — האָט ער א בורטשע געטהאָן און האָט געכאַפּט דעם ראָק און היטעל, פערדרויכערט א סי-גארעט און איז אראָב אין גאַס.

ער האָט געוואוינט, דאן, ניט ווייט פון שפּאציר גאָרטען, וועל-כער האָט זיך געפונען אין מזרח-זייט פון שטאָדט, ביים ברעג פון'ם ים. דער טאָג איז געווען א לויטערער, א שעהנער; א פרישׁ, מילד ווינטעל האָט געבלאָזען פונ'ם ים און האָט געטראָגען מיט זיך מחיה'-דיגע ריחות פון די צובליהטע בוימער, בלומען און גראָזען פון גאָר-טען. ער איז געשטאַנען א ווײלע נעבען הויז, און געקוקט צוועק-לאָז אויף די פארבייגעהער: איינציגע און פּאָרלעך, אינגערע און עלטערע זיינען פאר איהם דורכגעגאַנגען. פארשיעדענע מוסטערען און קאָלירען פון קליידער האָבען זיך געביטען פאר זיינע אויגען. ער אָבער האָט קיינע פון זיי קיין אויפמערקזאַם ניט געשאָנקען. ווי דורך א טומאַן האָבען זיי פאר איהם דורכגעשוועבט.

ער האָט א קוק געטהאָן אויפ'ן זייגער. דער זייגער איז שוין געווען באלד איינס, און ער האָט בעשלאָסען צו שפּאַצירען אין שטאָדט-גאָרטען.

געהענדיג אהינצו, האָט ער זיך געטראָפען מיט פערשיעדענע בעקאַנטע געזיכטער, וועלכע האָבען איהם געגריסט און געשמייכעלט. זיי האָבען אָבער אלע איהם אויסגעזעהן איצט אזוי ווילד, אזוי רויה און מגושם, מיט זייער בויגען זיך, דרעהען זיך און מיט זייער נארישען שמייכעל, אז עס האָט זיך איהם געוואָלט יעדען פון זיי אָנשפּייען אין צורה. בעזונדערס האָבען איהם גערייצט די יונגע: די בחורים מיט מיידלעך. ער האָט געקענט מאנכע פון דיזע יום-טוב'דיגע, פערפּוצטע און פערצירטע מיידלעך. ער האָט זיי אָבער געזעהן איצט ניט פערפּוצט און פערצירט, נאָר אין זייערע קויטיגע אונטער-וועש, אין זייערע פערשלומפּערטע אונטערקלייד-לעך, אָבגעלאָזענע, פערשוויצטע...

אין שטאָדט-גאָרטען האָט ער אָבגעזוכט א באַנק אויף אַן איינ-זאַמען פּלאַץ. ער איז געזעסען א ווײלע אליין. נאָכהער איז צו-געקומען א יונגע פרוי, מיט א הינטעל, מיט א בוך און מיט צייטונ-

גען. די פרוי האָט זיך אוועקגעזעצט גאַנץ ברייטלעך, ניט ווייט פון איהם, האָט גיצעפּענט אַ בוך, און גענומען סעלעטשען מיט די ציי־ טונגען. דאָס הינטעל האָט איהם גענומען אַרומשמעקען און זיך דראַפּען מיט די פאָדערשטע פיסלעך אויף זיין שויס. ער האָט דאָס הינטעל אַראָבגעוואָרפען פון זיך. די פרוי האָט אויף איהם אַ ביסט־ רען בליק געוואָרפען. ער האָט איהר מיט אַ נאָך אַ שאַרפערען בליק געענטפערט, און ער האָט זיך אויפגעהויבען און גענומען אַרום־ שפּאַצירען ביים ברעג פון ים.

ער האָט אַזוי אַרומגעשפּאַצירט אַ היבשע ווײַלע. דער ים־ ווינט האָט איהם דורכגענומען, און האָט, ווי אַ שטאַרקער טאַניק, דורכגעשווענקט אַלע זיינע אברים. ער האָט געפיהלט, ווי ביי איהם אין קאָפּ האָט זיך גענומען אַלעם אַבריינינגען, אויסלייטערען. זיינע גליעדער האָבען גענומען ווערען פרייער, פרישער, לעבעדיגער...

עס האָט איהם אָנגעהויבען ווערען אומעטיג, איינעם אַליין, און ער האָט גענומען זוכען מיט די אויגען אַ בעקאַנטען.

און באַלד האָט ער זיך אויסגעמישט צווישען די שפּאַצירענדע. איצט האָבען זיי שוין אין זיינע אויגען אָנגעהויבען אָננעהמען אַן אַנדער פּנים. בעזונדערס די פרויען. ער האָט אויסגעפונען, אַז אַ היבש ביסעל פון זיי זיינען גאַנץ אַנציהענד, און מאַנכע זאָגאַר רייצענד...

ער האָט זיך באַלד געטראָפען מיט אַ קרייז בעקאַנטע, יונגע מענער און פרויען. זיי האָבען זיך געגריסט, און אָנגעפאַנגען אַ שמועס צוזאַמען. אין אָנפאַנג האָט ער געשפּיעלט די ראָלע פון בלויז אַ צוהערער, געענטפערט זיי אַ וואָרט איבער אַ צעהנטען. עס האָט זיך אָבער וואָס אַמאָל מעהר ענטוויקעלט דער שמועס, און אויף אַזאַ אַרט, אַז ס'האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ מין סאָרט וועט, אַ שטומען, ניט אויסגעשפּראָכענעם וועט, ווער ווע־ מען זאָל איבערשטייגען אין שעהן רעדען, אין שעהן דערצעהלען... אין קאָן איז, נאַטירליך, געשטאַנען אַזוי גרויס ווי אַ חן'דעל, אַ גוט־ מוטיגער שמייכעל פון אַ פרוי. ער האָט זיך גענומען שטאַרקער בעטייליגען אינ'ם שמועס. די הויפּט טרייב־קראַפט איז געווען אַ פרוי, אַ ברונעטקע, מיט שוואַרצע, שעלמישע אויגען. דיעזע אויגען האָבען איהם אַזוי צוגעוואַרעמט, אַז ער איז גאָר גיך געוואָרען אין

קרייז דער ראש המדברים. עס האָבען זיך געיאָוועט ביי איהם וויצען, אַנעקדאָטען, אויף וועלכ:ע ער האָט זיך בשעת מעשה אַליין געוואונדערט, ווי זיי קומען צו איהם...

ווען זיי האָבען זיך געזעגענט אהיים צו געהן, האָט שוין דער זייגער געהאַלטען נאָך זעקס.

ער איז געקומען אהיים א מונטערער, א פרישער און מיט אַן אַפּעטיט פון א וואָלף.

אין הויז האָט ער זיין פרוי ניט געטראָפען. ער איז ארונטער אין קיך און האָט זיך אַליין פאַרפערטיגט עסען.

נאָכ'ן עסען איז ער געזעסען א ווייל̇ע, האָט אויסגערויכערט א סיגאַרעט.

דאָס קעצעל, וועלכעס האָט זיך די גאַנצע צייט געפּלאָנטערט פאַר די פיס, האָט, ווי עס ווייזט אויס, דערפיהלט זיין גוטע שטי־מונג, און האָט זיך גענומען לאַשטשען און שאַרען צו איהם וואָס אַמאָל נעהנטער. ער האָט דאָס ארויפגענומען אויפ'ן שויס, האָט עס געגלעט, געבלאָזען די האָר און געמאַכט פערשיעדענע מחזקות...

ער האָט גענומען פּיהלען א בעדערפניס צו פערברענגען, צו אמוזירען זיך מיט אימיצען.

ער האָט אראָבגעוואָרפען דאָס קעצעל, האָט גענומען ארומ־שפּאַנען און קוקען דורכ'ן פענסטער.

קוקענדיג אין פענסטער, האָט ער אויף א גאַנץ חוצפּה'דיגען אופ'ן אויסגעמאָסטען מיט זיינע בליקען יעדע פאַרביינעהענדע פרוי. ער האָט זיי פערגליכען, אין זיינע מחשבות, איינע מיט דער צווייטער. און ער האָט אויך יעדע פון זיי פערגליכען מיט זיינער און כאָטש ער איז צו קיין בעשטימטען רעזולטאַט ניט געקומען, האָט זיך איהם פון דעסטוועגען, אויסגערעכנט, אז וואָס אַנבעלאַנגט קער־פּערליכע מעלות, שטייגט זיי זיינע איבער אין אַלע הינזיכטען.

עס זיינען איהם דורכגעלאָפען אין מח פאַזען... מאָמענטען, פּאַסי־רונגען... פון באַלד נאָך דער חתונה און שפּעטער... דיעזע פּאַסירונ־גען האָבען ארויסגערופען אויף זיינע ליפּען א שעהמענדיגען, פער־גניגענדען שמייכעל...

ער האָט זיך דערמאָהנט אַן איין פּאַסירונג פון א שבת ביי טאָג. דיעזע פּאַסירונג איז פאַר איהם ערשיענען בולט, מיט אַלע איינצעל־

הייטען, אפילו מיט די קליידער, און מיט'ן קאָליער פון די קליידער, וואָס זי האָט דעמאָלט געטראָגען, און ער האָט זיך דערמאָהנט וועגען א בלוזקע, וואָס ער האָט ניט לאַנג אָנגעפאַנגען פאַר איהר נעהען א בלאָזקע פון ראָזאָווען דינעם זייד....

ער האָט זיך גענומען פאָרשטעלען, ווי זי וועט אויסזעהן אין איהר, ווי אַזוי איהרע אָרעמס, איהרע בריסט און איהר נאַקען וועלען זיך בולט ארויסזעהען פון אונטער דיעזען דינעם צייג... און עס איז איהם אָנגעקומען א גערדאַנק, אז ער זאָל איצט נעהמען אויסענדיגען די דאָזיגע בלוזקע, מאַכען איהר אַן איבערראַשונג...

ער האָט אָנגעצונדען די גאַז, אָבגעזוכט דאָס צייג, געבראַכט אין אָרדנונג די מאַשין, און האָט זיך מיט א מאָדנעם פערגניגען גענומען צו דער ארבייט. ער האָט גענעהט, געמאָסטען, אויסגעמאָסטען אַלע טיילען: די אָרעמס, די פאָדערשטע חלקים, די אונטער-טייל, די לענג פון דער טאַליע. ער האָט פון דיעזע אַלע טיילען גע-וואוסט איהר ריכטיגע מאָס. ער האָט געמאָסטען און מעסטענדיג גערייצט זיך מיט זיך אליין, גערייצט זיך מיט זיינע אייגענע גע-פיהלען...

ווען ער האָט שוין געהאַלטען ביים ענדיגען, איז זי אָנגע-קומען.

ער האָט אריינגעגראָבען דעם קאָפּ אין דער ארבייט, און האָט זיך צוזונגען אונטער דער נאָז...

זי איז אריינגעגאַנגען און געקוקט אין א זייט, ווי זי וואָלט גאָר ניט בעמערקט, וואָס ער טהוט...

ווען ער האָט געענדיגט די בלוזקע, האָט ער זיך אויסגעבויגען אויפ'ן שטוהל, מעשה מבין, בעטראַכט. נאָכהער האָט ער זי אָנגע-נומען מיט צוויי פינגער ביים קעלנער'ל און האָט מיט איהר א טרייסעל געטהאָן אין דער לופטען.

— אָבער א בלוזקע! שוין איינמאָל א בלוזקע — האָט ער א זאָג געטהאָן, גלאַט אַזוי, הייסט דאָס, אין דער וועלט אריין....

זי האָט א שמייכעל געטהאָן.

איהר שמייכעל האָט איהם צוגעגעבען קוראַזש.

— וואָס זאָגסטו אויף דער בלוזקע, וואָס זאָגסטו? — האָט

ער זיך געווענדעט צו איהר און טאַקע באַלד אויפגעשטאַנען פון שטוהל.

זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט איהם בעטראַכט.

— וואָס גאָר עפּעס פּלוצלונג? — האָט זי אַ זאָג געטהאָן, און האָט באַלד איבערגעטראָגען די בליקען פון איהם אויף דער בלוזקע...

— פּלוצלונג? מען מוז דאָך אַמאָל אַרויסענדיגען. יע, נעהם נאָר מעסט אָן — איז ער שוין צוגעגאַנגען צו איהר גאַנץ נאָהענט, און האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנד.

— געה שוין געה, משוגע׳נער—האָט זי זיך אַ ראַנגעל געטהאָן. איהר האַנד אָבער איז געבליבען אין זיינער...

— גאַנצע קונצען מאַכט זי! נעהם מעסט אָן. אָבער טהו זיך אויס, מען וועט ניט וויסען אַזוי — האָט ער אַ זאָג געטהאָן מיט תקיפות.

זי האָט אויף איהם אַ וואַרף געטהאָן איהרע בליקען. און ער האָט בשעת מעשה בעמערקט, ווי עס וואָלט פון זיי אַרויסגעבליש־טשעט אַ פראַגע־צייכען... זי האָט געקוקט און געשמייכעלט...

— טהו זיך אויס — האָט ער נאָך אַמאָל אַ זאָג געטהאָן — טהו זיך אויס. און ער האָט צוגעטראָטען גאַנץ נאָהענט און גע־נומען זי צושפּיעלען.

זי האָט פערדרעהט דעם קאָפּ אָן אַ זייט, געשמייכעלט, און ער האָט אויפגעשפּילעט.

ער האָט געשפּילעט אַ קנעפּעל נאָך אַ קנעפּעל. ביים פיערטען קנעפּעל האָט ער דערפיהלט אין זיך אַזוי ווי אַ מין סאָרט עקשנות, ווי עס וואָלט זיך ווער פלייסען אין איהם עמיצען גובר צו זיין. דיעזער סאָרט עקשנות האָט פון מאָל צו מאָל גענומען שוואַכער ווערען, פערלוירען געהן. די וואַרימקייט פון איהר נאַקעטען לייב האָט אַרומגענומען אַלע זיינע גליעדער. דאָס בלוט אין זיינע נערווען האָט גענומען ראַשיגער, האַסטיגער, וואָס אַמאָל האַסטי־גער צירקולירען. זיינע הענד האָבען גענומען ציטערען...

— דו... דו... איך׳ל — האָט ער גענומען שטאַמלען, און זיינע הענד האָבען גענומען אַרומבלאָנזשען איבער איהר נאַ־קעטען קערפּער...

דו.. דײנע מעשות... דו... — האָט זי פּיבעריש גע־ענטפערט — דו... נו... געװנג... דו...

מעהר האָט זי װאַרשײנליך ניט געזאָגט... אָדער אפשר האָט ער ניט געהערט...

— —

װען זי האָט נאָכהער אָנגעמאָסטען די בלוזקע האָט זיך איהם אױסגעװיזען, אַז זי ליעגט אױף איהר װי א זאַק...

— א מאָדנע פיגור — האָט ער געמורמעלט אין זיך — מען קען אױף איהר קײן מלבוש ניט צופּאַסען !...

א הפקר מדינה

געװען איז ער אמאָל...

בעשטימט קען מען אײגענטליך ניט זאָגען װאָס ער איז געװען. װײל ער איז כסדר געװען דער היפך פון דער סביבה, אין װעלכער ער האָט זיך געפונען.

געװען צײטען, גאָר פון אָנפאַנג, װען ער איז נאָר אָנגעקומען קײן אמעריקא, און ער איז ארײנגעפאַלען צװישען לאַנדס־לײט, שנײדער׳ס, בעלי מלאכות פון דער הײם, װאָס האָבען זיך נאָך געהאַלטען בײ אידישקײט, איז ער דעמאָלט געװען א „פרײ־דענ־קער“. ער װעט דאָך ניט זײן גלײך מיט אַלע אַנדערע בעלי מלאכות. ער, װאָס איז אין דער הײם געװען א משכיל, און האָט געלעזען העב־רעאישע און רוסישע ביכער.

שפּעטער, װען די דאָזיגע לאַנדס־לײט האָבען זיך „אױסגעע־גרינט“ און עס זײנען אונטערגעװאַקסען קינדער װאָס האָבען דאָס אידישקײט אינגאַנצען פערבױגען, האָט ער, דוקא, אױף להכעיס, אָנגעהױבען צו געהן אין שוהל ארײן, און האָט אָנגעהױבען אר־בײטען מען זאָל אײנפיהרען א אידיש הױז.

— װעמען טהוסטו נאָך, יענקעל שנײדער׳ס קדיש ? — האָט ער גע׳טענה׳ט צו דער פרוי — אָט דעם הפקר יונג, דעם עם הארץ, צי שלום סטאָליאַר׳ס בן׳אָק ? אַניט װײסען זײ אױף װאָס פאַר א װעלט זײ זײנען ?

אין איין זאך איז ער אָבער געווען קאָנסעקווענט: ער האָט ניט געוואָלט ארבייטען, און טאָקע אויך מהאי טעמא, ווייל אין וואָס פאַר א סביבה ער האָט זיך ניט געפונען, האָבען אלע געאַר־בייט.

— אמעריקא איז נאָר געמאַכט געוואָרען פאַר אזעלכע מענשען ווי יענקעל שניידער, אָדער שלום סטאָליאַר — האָט ער כסדר אויסגעזעצט — אזעלכע חמורים, וואָס מעהר ווי ארבייטען ווייסען זיי ניט.

האָט מען, געוועהנליך, אין הויז געליטען דחקות, אי אויפ׳ן „פריי־דענקערישען" אופן, אי אויפ׳ן פּראָסט אידישען אופן. מען האָט אלע מאָל זיך געמוזט ארויסציהען פון אן אנדער דירה, ווייל מען האָט קיין דירה געלד ניט געצאָהלט. איז מען געווען פער־שולדיגט אין די שפּייז־קראָמען, ביי די קצבים, און ביי אלע לאַנדס־לייט די „חמורים", וואָס האָבען אויף זיי געלעגט כבוד: „פּאַרט באַלעבאַטישע קינדער פון דער היים". ביז עס איז אָנגעקומען די צייט ווען עס האָבען זיך אויסגעלאָזט אלע קוועלען. די „חמורים" זיינען מיעד געוואָרען צו געבען, לייהען און באָרגען איז ניט געווען וואו, און דאָס ווייב האָט אָנגעהויבען צו ווערען סקעפּטיש אין זיין אויטאָריטעטסטוואָ, זי האָט איהם גענומען אָבזוכען יונגע לייט, אזעלכע מיוחסים און געלערנטע ווי ער, וואָס ארבייטען דוקא יאָ.

איז צום דחקות צוגעקומען אין הויז מחלוקת. טאָג און נאַכט האָבען זיך מאַן און ווייב געיאָדעט: ער האָט געשאָלטען אמעריקא און זי האָט געבענטשט אמעריקא. ער האָט געשריען, אז אמעריקא איז א מדינה פאַר גראָבע יונגען, און זי האָט גע־שריען, אז אמעריקא איז א מדינה פאַר אלעמען נאָר ניט פאַר קיין פוילִיאַקעס...

און יונג איז נאָך די פרוי געווען, סאַמע אין די בליהענדע יאָהרען. זי האָט געפיהלט, אז זי וואָלט נאָך וועלטען געקענט אי־בערקעהרען, זיינען אָבער די הענד איהרע געווען געבונדען. צוויי קליינע קינדערלעך האָט זי געהאַט. קינדערלעך, וועלכע זי האָט מיט טרעהרען און צרות אויסגעטראָגען, איז מיט זיי אין צדקה־שפּיטאָלען ענטבונדען געוואָרען און האָט זיי אין הונגער און נויט

געהאָדעוועט. צוויי אונגליקליכע קינדער. כאָטש נעהם און וואַרף זיך מיט זיי אין וואַסער אַריין.

און ווען עס פלעגט קומען דער אין־דער־פריה און די יונגע פרוי׳קע האָט מיט איין קינד אויף די הענד און דאָס אַנדערע ביים קלייד אוועקגעשטעלט ביים פענסטער און אַרויסגעקוקט אין גאַס וואו הונדערטער מיידלעך לויפען אַזוי פריי, אַזוי לעבעדיג צו דער אַרבייט, פלעגען זיך אין איהר פינסטערן קאָפּ טייפלישע מחשבות אַריינ׳גנב׳ענען, זי זאָל די קינדער אויף הפקר איבערלאָזען און זי זאָל איהרע הענד פּאַנאַנדערבינדען פריי, — פריי זאָל זי ווערען !...

די מחשבות זיינען אָבער ניט מעהר ווי מחשבות געווען. די קינדער זיינען איהרע געווען. אַ מוטער אין צרות, אין נויט, אין דחקות. עס פלעגט זיך צו צייטען פון איהר מויל אַ קללה אויף זיי אַרויסכאַפּען. זי איז אָבער דערנאָך געווען גרייט די צונג זיך דערפאַר אַרויסצורייסען. דאָס מוטער־האַרץ האָט געשטורעמט, געבושעוועט און האָט זיך אין בלוט און אין טרעהרען געבאָדען.

מעהר אָבער קיין קינדער — האָט זי בעשלאָסען — זאָל זי ניט האָבען.

זי האָט איהר יוגענד, איהר יונג לעבען דערשטיקט אין זיך. און מיט אַ פערביסענעם עקשנות האָט זי איהר בעשלוס גענומען דורכפיהרען. די לעצטע געפיהלען וואָס זיינען נאָך פערבליעבען ביי איהר אין האַרצען צו איהם האָט זי מיט דעם אַכזריות אַרויסגעריסען. און פרעמד, פאַלקאָמען פרעמד, איז זי געוואָרען צו איהם, און מיט דער צייט האָט זי איהם אויף דער פאַבריק פער־ביטען.

זי האָט יעדען פאַרטאָג פון איהר וואַרימען געלע־גער, ווי אַן אָבגעבריהטע, זיך אַראָבגעכאַפּט, און ווען זי האָט די קינדער אַרומגעוואַשען, אָנגעטהאָן און זיי עסען געגעבען, האָט זי זיי אויף איהם אין הויז איבערגעלאָזט, און אַליין איז זי אין פאַב־ריק געלאָפען, זי איז געלאָפען מיט נקמה, מיט אַ זיסער נקמה אין האַרצען, און ווען זי פלעגט קומען אויף דער נאַכט אַהיים אַ מיע־

דע, א פערמאַטערטע, פלעגט זי נאָך פאר די קינדער און פאר איהם עסען צופאַרטיגען.

און ער?

ער האָט פראָטעסטירט. זי איז זיין פרוי. — האָט ער געשריען — זיין פרוי, וואָס האָט זיך פארבונדען מיט איהם, איהר וועלט אָבצולעבען, און קינדער צו האָבען. ער האָט עס געמאָהנט פון איהר מיט תקיפות, מיט געוואַלדען און געשרייען, נאָכדעם האָט ער שוין אויך פאר אַלע לאַנדס־לייט און בעקאַנטע פאר זיין ניט־ארבייטען געהאַט א בערעכטיגונג. ער האָט קיין פרוי ניט! ער האָט ניט פאר וועמען צו ארבייטען! און ווער עס האָט זיך נאָר ניט צורעדט וועגען אמעריקא, האָט ער יעדען געצייגט א ביישפיעל וואָס אמע־ריקא איז:

— אז א פרוי, איז דאָ קיין פרוי ניט! — האָט ער גע'טענה'ט, — וויל זי, געהט זי זיך אוועק אין פאבריק, און וויל מעהר קיין ווייב ניט זיין און קינדער ניט האָבען — א הפקר מדינה!...

דוואָרקין'ס זונטאגס.

זונטאג.

א פרייער טאָג. צו דער ארבייט געהט מען ניט. האָט דוואָר־קין באַלד נאָכ'ן עסען גענומען ארומגעהן איבער דער שטוב און גע־נעצען.

דאָס אינגעלע זיינס, איז איהם נאָכגעגאַנגען פיס־טריט, האָט איהם צוגעהאַלטען ביי א פּלודער, און האָט איהם געמאַטערט מיט פראַגעס. ווארום די מאמע האָט נאָר ברידערליך און ניט קיין שוועסטערלעך, און ווארום קומט די זון אַלע פארנאַכט אין פענס־טער פון עס־צימער, און ער האָט איהם געהאַלטען אין איין טרייבען פון זיך, און בייסען די נעגעל, און קוקען דורך די פענסטער, ווי פון א תפיסה ארויס.

דוואָרקין האָט זיך ערשט מיט א טאָג פריהער געהאַט איבער־געבעטען מיט'ן ווייבעל מיט זיינעם. פון א רוגז וואָס האָט אָנגע־האַלטען נאָך פון פריהערדיגען זונטאג, דערפאר וואָס ער איז פער־

פאַלען געוואָרען פון הויז אויף א גאַנצען טאָג, ביז צוויי א זייגער בייגאכט. איבער׳חזר׳ן אַצינד נאָכאַמאָל דאָס זעלבע איז איהם אויסגעקומען לעפּעש, פערבלייבען וויעדער אין הויז האָט זיך דוואָרקינען ניט געוואָלט, אזוי ווי עס ווילט זיך ניט שטאַרבען.

— טאָ, נו, וואָס וועט זיין ? ! — האָט ער פּלוצלונג ארויס־געזאָגט, אזוי ווי ער וואָלט טענה׳ן צו די ווענט. — נודנע, אור־מעטיג ! איך מיין, וואָס וועט מען עפּעס אָנהויבען טהאָן ?

דאָס ווייבעל וואָס האָט זיך געפּאָרעט מיט׳ן קינד אין וויעגעל, האָט דעם געשטופּט דאָס פלעשעל מילך אין פּיסקעל, און דאָס קינד האָט אלע מאָל ארויסגעוואָרפען דעם נאָפּעל, האָט פּאררייסען די פּיסלעך, זיך געקרימט, און געשטרעקט די הענטלעך צו דער מו־טער׳ס ברוסט — האָט נאָך פון פריהער געהאַט בעמערקט, אז ער טאַנצט אָרום נעבען פענסטער, אזוי ווי א קאַטשקע ביים וואַסער, זי האָט זיך אָבער געמאַכט ניט וויסענדיג.

— וואָס פרעגסטו ? — האָט זי, ניט אויסדרעהענדיג דעם קאָפּ פון דעם וויעגעל, אזוי ווי מיט נצחון, א זאָג געטהאָן.

— איך פרעג... איך וויים ?... וואָס וועט זיין מיט׳ן טאָג ? פרעג איך ! מען וועט דאָך ניט זיצען א גאַנצען טאָג אין הויז און זיך נודען !...

— א גאַנצען טאָג אין הויז און זיך נודען — האָט זי איהם נאָכגעקרימט. עס נודעט איהם שוין ! א מענש זאָל ביי זיך אין שטוב ניט קענען איינזיצען קיין פינף מינוט. — זיך נודען !

— אָבער... אָבער... איך מיין לאָמיר געהן ערגעץ !... לאָמיר געהן צו די שולמאַנ׳ס... — האָט ער ארויסגעשטאַמעלט.

— צו די שולמאַנ׳ס ? !...

געוואָלט האָט זיך איהר פּראָטעסטירען. אז ביי די שולמאַנ׳ס איז ניט קיין שעהנער הויז ווי ביי זיי. און וואו שטעהט עס גע־שריעבען, אז זיי דאַרפען ארומגעהן פּראַווען וויזיטען ביי יענעם, ווארום זאָל יענער ניט קומען צו זיי ? — זי האָט אָבער מורא גע־האַט איבערצוציהען דאָס שטריקעל.

— צו די שולמאַנ׳ס ? נו, מילא, אז דו קענסט ניט איינזיצען אין הויז, זאָל זיין צו די שולמאַנ׳ס, וואָס־זשע טהוט מען מיט׳ן

קינד, מען האָט עס ערשט אַנטוועהנט, און אייבעלע איז עפּעס אויך ניט מיט אַלעמען.

— אַט האָסטו דיר! דאָס קינד האָט מען אַנטוועהנט! אייבעלע איז ניט מיט אַלעמען, וואָס נאָך עפּעס? מע... מע... מע... איך מיין, וואָס־זשע הייסט עס... מען קען דאָך ניט זיצען אין שטוב. מען האָט אַנטוועהנט דאָס קינד. געהערט?

האָט די מאַדאַם דוואָרקין זיך גענומען אָנטהאָן, און דוואָרקין איז געשטאַנען נעבען אַ וויעגעל, און האָט געהאַלטען אין איין טערעמאַסעווען מיט׳ן וויינענדיגען קינד. און שפּרינגען פון הויט, ווארום דאָס אינגעלע שלעפּט אַרום די קאַץ,ביים עק.

— געה,,, געה... דו... לאָזט ניט אָב די קאַץ דו!.. זי וועט דיר אויסרייסען די אויגען, וועט זי דיר!... און דו.... דו.... ווארום שלאָפסטו ניט איין?!... קינדער!.... זייט אין שטוב און האָב צו טהאָן מיט זיי! לאָז אָב די קאַץ, זאָג איך דיר!...

געשריען האָט ער עס אויף די קינדער, נאָר געמיינט האָט ער דאָס ווייבעל, וואָס איז געשטאַנען ביים שפּיעגעל מיט די נאַקעטע אָרימס און האָט געשטופּט די האָר שפּילקעס אין די האָר אריין.

— וואָס ווארפּסט עס שוין דאָרטען מיט דיר? האָסטו געזעהן!? אויף אַ מינוט אַז ער דאַרף זיין נעבען זיי, קעהרט זיך שוין וועלטען! וואָס זאָל איך שוין זאָגען, אַז איך דאַרף זיין מיט זיי כסדר? — האָט זי נערוועז שטעכענדיג די האָר שפּילקעס אַרויס־געזאָגט.

ער האָט מיט פּערקריצטע צייהנער אַ ווײַלע געשוויעגען. נאָכ־הער האָט ער אַרויסגעפּלאַצט:

— אָבער איך מיין... ביז וואַנען איז דער שיעור?... ווי לאַנג?... וויפיעל האָר שפּילקעס, למשל, דאַרף מען דאָרט אַריינ־שטופּען?... עס איז עפּעס קינדער איז עס? אַט, האָט זי זיך אוועקגעשטעלט און שטעהט דאָרט... און דו שטעה און האָב מיט זיי צו טהאָן... געהסט ניט אוועק, דו? דו... וויפיעל מאָל האָב איך דיר שוין געזאָגט, אַז דו זאָלסט אָבלאָזען די קאַץ? !... דו... וועסט וואַקסען אַ צו־להכעיס׳ניק וועסטו וואַקסען, אַ?... נאַ!... נאַ!... וועסט אויסוואַקסען אַזוי ווי די מאַמע, וועסטו אויסוואַקסען!... נאַ־זשע דיר!...

דאָס אינגעלע האָט גענומען מאַכען קולות. דאָס קינד אין וויעגעל האָט זיך צושריען און ער האָט גענומען ארומטאַנצען איבער דער שטוב.

— געהערט א שטוב ? ! זיץ אין שטוב, זאָגט זי ! אז פער־ברענט זאָל עס ווערען מיט אזא שטוב ! אין שטוב זאָל מען איהר זיצען !...

און ער האָט געכאַפּט אויף זיך דעם ראָק מיט דעם היטעל, האָט געגעבען א פּראָל מיט דער טיר, און איז אוועק.

אין אַן אַנפאַל פון ליעבע.

אָט אזוי איז דאָס פאָרגעקומען :

נאָך מאָנאַטען און מאָנאַטען פון פּלאָגעניש, נאָך מאָנאַטען פון אונטערדריקען די טיעפסטע, די ברענענדיגסטע געפיהלען, האָט ער סוף כל סוף, אין א מאָמענט ווען ער האָט זיך אין גאַנצען פער־לאָרען, ארויסגעזאָגט...

ארויסגעזאָגט — דאָס איז ניט ריכטיג. ארויסגעזאָגט הייסט, ווען ווערטער האָבען א געוויסע ראַמקע ארום זיך. א געוויסע גרע־ניץ. ווען ווערטער קומען ארויס מיט א סדר ; מעהר אָדער ווע־ניגער געמאָסטען און געוואויגען, — דאָס אָבער איז ניט געווען ארויסגעזאָגט, נאָר ארויסגעפּלאַצט. ארויסגעשטורמט ! ער וויים אליין ניט ווי אזוי ער זאָל דאָס אָנרופען. ווייל אזוי אומגעלומפּערט איז דאָס ביי איהם ארויסגעקומען, אז ער האָט פּשוט דערפאַר קיין נאָמען ניט.

ער קען זיך נאָך עד היום נאָך קיין רעכענונג ניט אָבגעבען, ווי אזוי דיעזע גיפטיגע שלאַנג האָט זיך צו איהם אין בוזעם ארייג־גע'גנב'ט. עפּעס אזוי אונבעמערקבאַר איז דאָס אויסגעקומען. אז איידער נאָך אז ער האָט זיך ארומגעקוקט, איז זי שוין געווען ארום זיין גאַנצען קערפּער פערוויקעלט און האָט פון איהם גענאָגט און געזויגען. זי האָט די נשמה מיט'ן הארצען פון איהם ארויסגע־זויגען. און גאַנץ פון זיך אליין איז דער אויסברוך געקומען. אונ־בעוואוסט, אָהן א פּיצעל קאָנטראָלע איבער זיך.

עס האָט זיך ארויסגעזאָגט, עס האָט זיך ארויסגעריסען: —
„ליזע, איך האָב אייך ליעב!“...
ליזע!

און דיזע ליזע איז דאָך די פרוי פון זיין בעסטען, פון זיין איבערגעגעבענסטען פריינד געווען!

און מערקווירדיג, זי איז גאָר ניט איבעראַשט געוואָרען, זי האָט דעמאָלט אַ קוש געטהאָן דאָס קינד וואָס זי האָט געהאַלטען אויף די הענד, האָט מיט דער ווייכער ווארימער האנד איהם אַ שאַר געטהאָן איבער די האָר און איבער'ן פּנים, און האָט געזאָגט:

— פאַר וואָס זאָלט איהר מיר ניט ליעב האָבען? איך האָב דאָך אייך אויך ליעב, איהר נאַר!

ער האָט אויפ'ן פלאַץ ניט געוואוסט ווי אזוי ער זאָל איהרע ווערטער אויסטייטשען, צי איז דאָס ערנסט אָדער לאַכט זי פון איהם ווי פון אַ נאַריש אינגעל.

ער איז געשטאַנען אַ צומישטער. ער געדענקט ניט וואָס ער האָט דעמאָלט געטהאָן מיט זיך, ער ווייסט נאָר, אַז די הענד, די פיס, מיט די אברים האָבען זיך אין איהם געריסען ערגעץ וואו, ער האָט געקוקט אויף איהר, ער האָט געברענט מיט די בליקען.

— הייסט עס, אַז איהר האָט מיך ליעב, ליזע?! איז דאָס אמת? אָדער איהר לאַכט מיך אויס?!

עס איז ניט אַקוראַט געווען די דאָזיגע ווערטער, אָבער דאָס איז זיכער געווען דער תוך. און ווידער האָט זי מיט אַ מאָדנעם גלייכ־גילטיגקייט ארויסגעזאָגט: — וואָס הייסט איך לאַך? איהר נאַר איינער! עס איז דער אמת, דער אמת!... און ווידערער האָט זי איהם אַ גלעט געטהאָן מיט דער האנד איבער'ן פּנים. און תיכף נאָכדעם האָט זי ארייננעלעגט דאָס קינד אין וויעגעל...

ער געדענקט ניט איהר פּאָזע דאַן... ער געדענקט נאָר, אַז ער האָט געזעהן פאַר זיך אַ קאָפּ שווארצע האָר וואָס האָבען איהם ארייננעפלאָנטערט אין זיך — מיט אַלע אברים, מיט דער נשמה, — אזוי ווי אַ פליעג אין שפּינ־וועבס האָט ער זיך געוואָרפען, ער האָט זיך, דאַכט זיך מיט די לעצטע כחות געמאַטערט. אָבער עס איז געווען פאַרפאַלען. ער האָט דערפיהלט.... אַז ער האָט זי אַ קוש געטהאָן!...

— אוי! — האָט זי צושראָקען זיך א כאַפּ געטהאָן. און באַלד האָט זי מיט א שמייכעל אויסגעלאַזט: — אָ, איהר נאַרישער אינ־געל וואָס איהר זייט!

זי איז פאַר איהם געווען א רעטעניש, ער האָט זי ניט געקענט בעגרייפען. ער האָט גערעדט, געזאָטען מיט פייער: — ליזע, איך בעגרייף אייך ניט! איהר זייט פאַר מיר א רעטעניש!...

און זי האָט מיט דערזועלבער גלייכגילטיגקייט צוגערוקט א שטוהל.

— זיצט! — האָט זי איהם א ציה געטהאָן ביים אַרבעל, — זיצט! איהר קענט מיר גלויבען, אז איך בין ערנסט. ערנסט פונקט אזוי ווי איהר. איך האָב אייך ליעב, זאָג איך אייך, נו, זיצט שוין!

נאָך מעהר רעטעניש איז פאַר איהם געווען, ווען דער מאַן איז דערנאָך אָנגעקומען, איהר האַלטונג איז געווען אַזעלכע, אזוי ווי עס וואָלט קיין זאַך ניט פּאַסירט, מיט דעם זעלבען שמייכעל, ווי אימער, האָט זי טהעע צום טיש דערלאַנגט, מיט דעם זעלבען שמייכעל האָט זי דעם מאַן אויסגעטהאָן דאָס היטעל, און מיט די פינגער איהם אין די האָר זיך אריינגעפּלאָנטערט, און מיט דעם זעל־בען שמייכעל האָט זי זיך דערנאָך אומגעקעהרט צו איהם, און גע־פּאַטשט איהם אויפ'ן שטערען, ער זאָל ניט טראַכטען.

נו, ניט פערטראַכט איהר נאָר וואָס איהר ייט!... איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אז איך האָב אייך ליעב!... ליעב ליעב, זאָג איך אייך!...

דאָס האָט זי געזאָגט פאַר'ן מאַן אין די אויגען, און געזאָגט האָט זי דאָס עפּעס אזוי, אז דער מאַן האָט אפילו די אויגען ניט אויפגעהויבען. ער האָט הערענדיג דאָס גאַנץ רוהיג א זופּ געטהאָן די טהעע פון זיין גלאָז, און האָט א זאָג געטהאָן: אָט אזוי לי־זעטשקע, האָב איך דיך טאַקע אמת ליעב... איך זעה, אז דו האָסט ניט נאָר ליב מיך, נאָר אפילו מיינע פריינד....

צי איז דאָס געווען א שפּאַס פון איהם צי אַן ערנסט, ער ווייסט עס עד היום ניט.

ער ווייס נאָר, אז ער איז אוועקגעגאַנגען פון דאָרטען, האָט ער ביי זיך בעשלאָסען, אז מעהר אהינצו זאָל ער ניט קומען, עס האָט אָבער ניט אָנגעהאַלטען ווי בלויז א פּאָר טעג, ווייל באַלד

נאָכדעם, זיינען זיי ביידע געקומען צו איהם געוואָהר ווערען און האָבען איהם מיט געוואַלד פערשלעפּט צו זיך.

— וואָס פאַר א נייעס? — האָבען זיי איהם גע'מוסר'ט. — פּלוצלים, נו, ווערט ער פערפאַלען און מען זעהט איהם גאָר ניט!

און אָט אזוי פערפעהלט ער ניט קיין טאָג ער זאָל ניט זיין ביי זיי. מעהר האָט ער מיט איהר וועגען דעם קיין מאָל ניט גערעדט, און זי מיט איהם אודאי ניט.

ווען מען קומט צוזאַמען, רעדט מען, מען שמועסט, מען שפּאַסט, און מען פערברענגט צוזאַמען, און יעדעס מאָל, ווען ער דערמאָהנט זיך אן יענעם אָווענד גיט ער אויף איהר א קוק, און פערשעהמט זיך.

און זי? זי פערשטעהט זיין בליק. שעהמען אָבער — שעהמט זי זיך ניט...

קאָרטען.

מיסטער מייקעלס, אן ארבייטער ביי פרויען־מאַנטלען, און א לעבע־יונג וואָס האָט ליעב מיט גוטע ברידער גאַנץ אָפּט צו פערברענגען ביי א קערטעל — איז מיט פערשלאָפענע, רויטע, פערשוואָלענע אויגען געזעסען באַלד ווי עס האָט נאָר אָנגעהויבען צו טאָגען אן אָנגע'ברוגז'טער ביים טיש, אונטערגעשפּארט מיט ביידע הענד דעם שווערען קאָפּ און האָט געוואַרט אויף זיין משפט.

נאָך פאַרטאָג, ווען מייקעלס איז נעגאַנגען פון די קאָרטען אהיים, האָט ער שוין געוואוסט אז עס ערוואַרטעט איהם א צרה. ער האָט זיך געריכט צו טרעפען ביי זיך אדער דעם שווער, אדער די שוויגער, און אפשר גאָר ביידע. ווייל אזא טבע האָט זי שוין, די ווייבעל זיינע, באַלד לויפט זי איהם צוקלאָגען צו דער משפחה.

און א משפחה האָט זי א גרויסע, חוץ דעם טאַטען מיט דער מאַמע זיינען נאָך דאָ פעטערס, מוהמעס, קאָזינס און קוזינעס און אַלע קענען זיי ריידען און זאָגען מוסר.

און דעריבער, ווען מייקעלס איז צוגעקומען נעבען הויז, איז ער פריהער ארומגעגאַנגען און האָט געשמעקט די ווענט. די שווי־

גער זיינע, איז ער געווען זיכער, אז ער וועט זי אפילו דורך דער וואנט אָנשמעקען.

נאָכדעם האָט ער דורך די שפּארינעס פון די לאָדען אַריינגע־קוקט אין הויז אריין און זיך איינגעהערט.

און אז ער האָט געזעהן דאָס אין הויז איז שטיל און פינסטער, איז איהם ממש אראָב א שטיין פון הארצען.

מיט'ן ווייבעל אליין, האָט ער געוואוסט אז ער וועט שוין דורכקומען. א ליגען אהין, א ליגען אהער, און א גלעט, א קוש — און עס וועט שוין ווערען רעכט.

מיט'ן שליסעל ביי דער טיר איז ער געווען ווי ווייט מעגליך פאָרזיכטיג, און אריינגעגאנגען אין הויז איז ער אויף די שפּיצקעס. זאָל די „צרה" שלאָפען. ווען זי וועט זיך דערנאָך אויפכאַפּען, וועט עס הייסען אז ער כראָפּעט שוין פון לאַנג, פון צוועלף, פון צעהן, און אפשר גאָר פון ניין. ווער קען זיך אָנגעדענקען, און „לאָז מיך צורוה, איך וויל שלאָפען!"...

ער האָט זיך אריינגעכאפּט שטיל, און האָט זיך אוועקגעלעגט אויף דער קאנאפּע, און ווען ער איז אָבגעלעגען אקעגען א האלבע שטונדע, און האָט שוין ביי זיך אין קאָפּ איבערגעשפּיעלט אלע „גיימס" פון דער נאכט, און זיך געמאכט פאָרוואורפען, פאר וואָס ער האָט דאָרטען געגעבען צופיעל, און דאָרט צו ווענינ, און פאר וואָס דער טייפעל האָט איהם געטראגען זיך אונטערצולעגען דאָס „שיפּע" טייזעל און פערליערען דערביי פיער און א האלבען דאָ־לאר, — האָט איהם אָנגעהויבען צו ווערען קשה וואָס דאָס ווייבעל זיינס שלאָפט עפּעס דאָרטען אזוי געשמאַק.

ער איז ארונטערגעגאנגען, האָט זיך מיט די באָרוויסע פיס צו־געשאַרט צום שלאָף צימער און האָט זיך מיט אן איינגעהאלטענעם אָטעם איינגעהערט ביי דער טיר, אָבער ער האָט ניט געהערט קיין אָטעם און קיין שאָרך, אזוי ווי זי וואָלט דאָרטען א געשטארבענע געלעגען.

עס איז אויף איהם ארויפגעפאלען עפּעס א שרעק, און ער האָט מיט ציטעריגע הענד ארויסגעפּארפּעלט א שוועבעלע און אָנגעצונ־דען די גאַז.

פון דער שיין פונ'ם ליכט האָט זיך די קאַץ וואָס איז געלעגען

אויסגעצויגען אויפ'ן בעט, — דערשראָקען, זי האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ, און האָט זיך גענומען ציהען, און ער האָט דערזעהן אז מעהר ווי די קאַץ איז אין בעט קיינער ניטאָ.

אויפ'ן פּלאַץ איז ער געבליבען א פערשטיינערטער. ער איז אבער באלד געקומען צו זיך, און האָט זיך דערמאָנט אז ער האָט אייגענטליך דאָס בעדארפט ערוואַרטען, ווייל דער שווער האָט דאָס איהם געוואָרענט.

— דאָס איז דאָס לעצטע מאָל — האָט ער איהם געגעבען א התראה, — פערשפּיעלסטו זיך דאָרטען נאָך אמאָל אין קאָרטען, נעהם איך זי אהיים צו מיר, און אצינד קלויב זיך אוים: די קאָרטען אָדער זי.

ער האָט מיט כעס א שלעפּ געטהאָן די קאַץ, זי א בריקע געטהאָן מיט'ן פוס און האָט זיך אריינגעוואָרפען אין בעט.

ער האָט זיך אָנגענומען מיט הארץ און זיך אויסגעצויגען, און אויסגעדרעהט זיך מיט'ן פּנים צו דער וואַנד, מיט א מין עקשנות: „וואָס אייגענטליך דארף עס איהם זאָגען א דעה א ווייב מיט א שוויגער, מיט א שווער, מיט פעטערס, מיט מוהמעס, זיי ארבייטען עפּעס אויף זיין געלד, ארבייטען זיי?"...

עס האָט אָבער ניט לאַנג גענומען און ער האָט אָנגעהויבען בעגרייפען, אז מיט קיין כעס וועט ער דאָ גאָר ניט מאכען. דאָ דארף מען זיך בעטען, „ראטשקעווען" (קריכען אויף אַלע פיער) און שרייען „ווינאָוואט!" (שולדיג!)

און ער האָט טאַקי אזוי געטהאָן.

ווען ער האָט דערלעבט צו זעהן דעם שווער מיט דער שוויגער און זיין ווייבעל — איז ער געזעסען און האָט אויסגעהערט דעם בעשולדיגונגס־אַקט פון אַלע דריי און האָט אפילו קיין וואָרט ניט געענטפערט. אדרבא, ער איז געזעסען מיט א מין מינע וואָס האָט געזאָגט: נאָך, נאָך! שאָנעוועט ניט, זידעלט, בעגראַבט, איך בין ווערטה!...

און אז דער שווער האָט איהם אויפ'ן סוף געפרעגט: נו, מייקעלס, וואָס וועט זיין אצינד? — איז ער אויפגעשטאַנען מיט שבועות:

— זאָל איך שטאַרבען! זאָל איך פּלאַצען! זאָל איך איינ־

נעהמען א מיתה משונה! דאָס איז דאָס לעצטע מאָל! אלא ניט, זאָלט איהר מיר פערכראַקען דאָס פנים, איהר זאָלט מיך אָנרופען הונט! און איהר זאָלט מיך פאר אייערע אויגען ניט לאָזען!

נאָך דער געשיכטע האָט מייקעלס ביי זיך פעסט בעשלאָסען, אז ניט מעהר! קיין קאָרטען טאָרען פאר זיינע אויגען ניט קומען. עס איז דאָך ווירקליך א סקאנדאל צו לאָזען א ווייבעל אליין אין הויז, און אליין שוויצען דורך די נעכט ערגעץ אין אן אונטען פון א שענק מיט א חברה קארטיטשניקעס און איבערלאָזען דאָרטען די פערהאָרעוועטע עטליכע דאלאר...

— ווערסטו זעהן — האָט ער געזאָגט צו דער ווייבעל, איידער ער איז אוועקגעגאנגען צו דער ארבייט — אצינד וועל איך ווערען גאָר אן אנדער מענש, אוים קאָרטען!...

דעם גאנצען טאָג ביי דער ארבייט האָט זיך מייקעלס ווירקליך געפיהלט גאָר פאר א נייעם מענשען. ער האָט א פּאָר מאָל געמאכט א שמועס פון די קארטאטשניקעס און האָט געמאכט פון זיי דאָס גרעסטע געלעכטער. אוים מיט די קאָרטען, ניט ביי מייקעלס'ען....

און פאר נאכט, ווען ער איז געגאנגען אהיים פון דער ארבייט איז עס איהם איינגעפאלען אריינצוגעהן אין א גאָלד געשעפט א, קויפען פאר'ן ווייבעל א גוטע שפּילקע. זאָל זי איין מאָל פאר אלע מאָל וויסען, אז מייקעלס האַלט וואָרט און ווערט א ליים.

ער האָט אין דעם גאָלד געשעפט אויסגעזוכט א שפּילקע וואָס ער האָט פאר איהר אוועקגעגעבען ביז'ן לעצטען סענט וואס ער האָט פערמאָגט און ער איז געווען אזוי צופריעדען, אז ווען ער זאָל געווען קענען, וואָלט ער זיך אליין א קוש געטהאָן פאר שמחה.

— ביז'ן לעצטען סענט, אָט אזוי! אצינד מייקעלס ביזטו אוים קארטאטשניק!

ווען ער איז פארביינגעגאנגען דאָס שענקעל, דאָרטען וואו ער פלעגט אונטען שפּיעלען אין קאָרטען, האָט ער אפילו געפיהלט דאָס עס ציהט איהם אהין אריינצוגעהן, אָבער ער האָט אויסגעשפּיגען מיט עקעל און איז אנטלאָפען.

ניט מעהרער ווען ער איז אָבגעגאנגען א שטיקעל וועג, האָט ער זיך אָנגעהויבען צו בערעכענען, אז אייגענטליך איז די געשיכ-

טע א נאַרישקייט. אדרבא, ער וואָלט דווקא געדאַרפט אריינגעהן און זיי צייגען די קאַרטאַטשניקעס, אַז מייקעלס איז מיט זיי אוים גוטער ברודער און זיי דאַרפען זיך אפילו מיט איהם ניט גריסען און ניט בעגעגנען...

און אַט־אַזוי־אַ, ניט־מיר, ניט־דיר, איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט זיך גאַנץ גוט אריינצוטראַכטען אינ׳ם עסק, איז ער שוין געשטאַנען ביים קאָרטען־טישעל.

ער איז געשטאַנען ביי דער זייט. ער האָט ניט געשפּיעלט. „ניט מייקעלס, גוטער ברודער! מייקעלס שפּיעלט ניט אין קיין קאָרטען. מייקעלס קויפט בעסער פאַר׳ן געלד א שפּילקע פאַר דער ווייב.״

און ער האָט ארויסגענומען די שפּילקע פונ׳ם קעסטעלע און יעדען בעזונדער געצייגט: „זעהט איהר, זשוליקעס, שאַרלאַטאַנעס! אצינד געה איך מיר אהיים צו מיין ווייבעל און שפּיעל מיט איהר א זעקס און זעכציג אויף א קוש״...

נאָר אזוי ווי ער האָט בעמערקט אז זאַנוועל דער רויטער שפּיעלט פאַרט אז מען מעג איהם צוברעכען רוק און לענד, האָט ער איהם גענומען געבען עצות:

ביזט דאָך א ווייסטע קאַליקע, צו׳ן אל־די רוחות, דו דאַרפסט שפּיעלען אין צייכען דאַרפסטו שפּיעלען. מיט׳ן מלך געה ארויס, דו יאָלד! אַט אזוי! און אצינד גיב די מלכה עקשטיין. — מיט וואָס קריכסטו, מיט וואָס? אוי, ביזטו דאָך אין דער ערד מיט די זאָקען, ביזטו דאָך! גיב דאָס צעהנטעל, עקשטיין, זאָג איך דיר!...

— אָ, מאַכט זיך ניט נאַריש, מיסטער מייקעלס — מאַכט איהם איינער א פאַרשלאַג — זעצט אייך אוועק און האַלט אונטער געשעפט...

— אָ, ניט דערלעבען וועסטו דאָס! — שענקט איהם מיי־קעלס א ברכה — אָבער וואַרט! וואַרט! — פערכאַפּט ער דעם שלעכטען שפּיעלער. — גיב נאָר אהער מיר די קאָרטען, דו קריכסט דאָך אין דער אדמה, קריכסטו דאָך!...

און ער נעהמט צו ביי זאַנוועל דעם רויטען די קאָרטען און הויבט אן זאָגען מיט א גמרא־ניגון:

— זאָל איך זאָגען אז ער האָט דאָס צעהנטעל שיפּע? וואַרט
זשע נור... דאָס צעהנטעל שיפּע... דאָס צעהנטעל שיפּע... איז
איינענטליך טאַקי דער עסק ניט גאָר פויגעלדיג... גיט זיך אָבער
א איד אן עצה און שפּרינגט ארויס פון „פוצען” זייט, און מען
האַלט דיך אין ארבעל שלמה'קע גנב!...

— טע, טע, טע! גיט איהם א קאָרט און זאָל ער אויפהערען
צו באַלעמוטשען די שפּיעל, — רעדט איהם אן אנדערער צו, —
נעהמט א קאָרט מיסטער מייקעלס, וועט עס ווערען אביסעל לע־
בעדינער!

— ניין, ניין, איך... איך שפּיעל ניט!... אָבער וואַרט,
וואַרט, מיט וואָס נעהסטו? — פערכאַפּט ער ווידער זאגוויל
דעם רויטען — וועסט דאָך די כפּרה ווערען, צו'ן אַל־די שוואַר־
צע יאָהר! אי, איך קען ניט מעגליידען ווי א מענש קריכט אין
פייער אריין! גיב מיר אוועק די קאָרטען דו פערד איינער! —
וואו איז א שטוהל? !...

און ער רוקט צו א שטוהל, מאַשטשעט זיך איין, נעהמט די
קאָרטען אין די הענד, קוקט פערקנייטשענדיג דעם שטערען און
ווערט בעגייסטערט:

— אוי, איך זאָג דיר עס איז ווערטה צו נעהמען בילעטען,
איז ווערטה! קענסט דאָך איהם צוקוועטשען ווי א וואַנץ, קענסטו
איהם! אַט, נעהסטו, למשל, ארויס מיט אַט־אָ דעם־אָ, וועט ער
דאָך דיר מסתמא נעבען יענע מעשה... וואַרט זשע אוים... וואָס
זשע, וועט הייסט עס זיין?... יאָ, נו, עס איז דאָך אויסגעצייכענט,
דו גולם! וועסטו איהם אריינפאָהרען מיט יענעם עק... ווייסטו
וואָס... לאָמיר נאָר שפּיעלען שותפות, וועסטו זעהן וואָס מייקעלס
קען. איכ'ל איהם ארויס סאַטען די קישקעס וועל איך איהם. איך
האָב ניט קיין נעלד... אָבער אָט די שפּילקע. איך האָב ערשט בע־
צאָהלט פופצעהן דאָלאַר, וועסט זי אָננעהמען פאר צעהן?...
וואָס, אכט? זאָל זיין אכט!... וואָס מיינסטו, איך בין אזא חזיר
ווי דו? !... — אלזא אכט, און דו שטעל אקעגען אכט... און עס
וועט נעהן א גאַנג. נאָר זאָלסט זיך מיר ניט מישען אין די קאָר־
טען, דו הערסט? „ליוו איט טו מאָטי”, ער וועט ביי מיר פּלאַ־
צען, וועט ער ביי מיר, שלמה'קע גנב!..

געפונען א כאַראַקטער.

סאַלאָמאָן יאשפע, א בחור א שלים־מזל, וואָס האָט געהאַט א שרעקליכע מאַניע צו סקיצען שרייבען, איז אין איין אויפרעגונג, — נאָכדעם ווי ער האָט ביינעוואוינט א רעפעראַט פון'ם בעוואוס־טען בעלעטריסט באַלקין, איבער דער טהעמא „די סקיצע, ווי זי דאַרף געשריבען ווערען" — געוואָויר געוואָרען מיט אמאָל דעם סוד, וואָרום זיינע סקיצען מיט וועלכע ער פערוואַרפט אלע רע־דאַקציעס, ווערען נים געדרוקט:

— עס איז א פשוט'ער שכל. מען דאַרף האָבען פאַר די אוי־גען אַן אינטערעסאַנטען טיפּ, אדער א כאַראַקטער אַזעלכען. א קליינינקייט דאַכט זיך, און איבער אַזא קליינינקייט קענען אַוועק־גיהן אלע יאָהרען און מען זאָל נים ווערען קיין סקיצען שריי־בער. — מען דאַרף אלעס וויסען!

און טאַקי באַלד געהענדיג אהיים אויף זיין קוואַרטיר, האָט שוין יאשפע געהאַט אויפגעזוכט ביי זיך אין זכרון, גאָר א היבש ביסעל אינטערעסאַנטע כאַראַקטערע, מיט טיפּען, וועלכע האָבען זיך כמעט ווי געבעטען אז עס זאָל נאָר קומען דער קינסטלער, און זיי בעאַרבייטען.

אָט למשל יונה בוץ, ביי זיי אין שטעדטעל, צי זיין פעטער אייזיק־לייב, צי חנה־צירעל די מעהל־קרעמערין. א דאַגה כאַראַק־טערע מיט טיפּען, מען דאַרף נאָר, ווי זאָגט באַלקין, אַוועקלעגען אביסעל קאָפּ אויף די נויטווענדיגע בעדינגונגען, און צופיהרען, ווי זאָגט ער, דעם עסק אַזוי, אז עס זאָל אויסקומען אינטערעסאַנט, און עס זאָל זיך ענדיגען מיט א קלימאַקס. מיט א קראַך, הייסט עס...

צום אלעם ערשטען וועט ער אַרויסטרעטען מיט חנה צירעל די מעהל־קרעמערין, א פרויען כאַראַקטער, איז מעהר אינטערע־סאַנט, חוץ דעם איז גלאַט דער נאָמען אָריגינעל, „חנה־צירעל די מעהל־קרעמערין," אַזוי וועט הייסען, הייסט עס, דאָס קעפּעל מיט גרויסע בוכשטאַבען אין א קעסטעלע. און אונטען וועט זיין גע דרוקט זיין נאָמען: „סאַלאָמאָן יאָשפע", אָדער אפשר גאָר „שלמה יאשפע". ניין, טאַקי סאַלאָמאָן. ווייל ערשטענס איז סאַלאָמאָן

שעהנער ווי שלמה. צווייטענס, קענען איהם אַלע כמעט אויף דעם נאָמען סאָלאָמאָן... און אינ'ם לויף פון דער סקיצע וועט ער שוין אַזוי אויסדרעהען אַז עס זאָל אויך אַריין אהינצו יונה בוץ, און דער פעטער אייזיק-לייב. און אפשר וועט ער נאָך אַריינ־שלעפּען ,שואל דעם לאַנגען. מען קען עס מאַכען אין אַן אופן ווי אַ מין ליעבעס געשיכטע. וועט שוין אויך קענען אַריין יונה בוץ'ס בחור: רחמיאל מיט די גראָבע ליפּען. און חנה-צירעל דער מעהל-קרעמערינס מויד, זלאַטע לאה מיט די וואָנצעס.

ווען יאשפּע איז אָבער אַרויפגעקומען אויף די טרעפּען און האָט זיך געלאָזט אַרויפגעהן אויפ'ן אויבערשטען שטאָק, דאָרט וואו זיין צימערעל איז געווען, האָט ער זיך אָנגעשטויסען אויף איין כאַראַקטער, וועלכער האָט מיט אַמאָל אַרויסגעשטויסען דיזע אַלע כאַראַקטערע פון קאָפּ.

עס איז איהם אויסגעקומען פּערבייצוגעהן דעם צימער פון זיין בעל-הבית'מעס טאָכטער, אַ געלע מויד, אַ דאַרע ווי אַ שפּון, אַ מאָדנע העסליכקייט וואָס האָט שוין געהאַט אויף איהר רוקען אַ היבשע ביסעל יאָהרען, און האָט זיך גע'חנ'דעלט און געקאָקעט־ניטשאיעט, אַזוי ווי זי וואָלט ערשט אָנגעפאַנגען צייטיג צו ווערען.

ווען ער איז דורכגעגאַנגען איז די טיר געווען אָפען, און זי האָט איהם בעגלייט מיט די אויגען.

— אָט די דאָזיגע — האָט איהם אַ זעץ געטהאָן אין קאָפּ אַריין — וואָלט דאָך געווען אַן אויסגעצייכענטער כאַראַקטער. אָט אַזאַ אַלטע צוקנייטשטע מויד, מוז האָבען הינטער זיך אַן אינ־טערעסאַנטע פערגאַנגענהייט. מען וואָלט זי נאָר דאַרפען אַביסעל דורכשטודירען.

און ווען ער איז שוין געווען אויף דער גאַנץ אויבערשטער טרעפּ, אַריינצוגעהן צו זיך אין צימער, האָט ער זיך אומגעקעהרט, האָט הוסטענדיג גענומען זיך שאַרען אַראָפּ פון די טרעפּען, און ניט וויסענדיג וואָס ער זאָל טהאָן מיט זיך, איז ער געבליבען שטעהן ביי דער אָפענער טיר, און איז אַרויס מיט אַן אונגעלומפּערטען „גוּ־טען אבענד !"

— אָט איהר... איהר... זיצט נאָך ? — האָט ער שטעהענדיג

אויף דער שוועל געגומען שטאמלען, שארען מיט די פיס, און אומ־קוקען זיך אויף אלע זייטען.

די מויד, וועלכע האט שוין געהאט אויפגעשפיליעט די אוי־בערשטע צוויי קנעפלעך פון דער בלוזקע, אויף אויסצוטהאן זיך צו געהן שלאפען, האט זיי פערגעסען צו פערקנעפלען. און מיט א מינע וואס האט אויסגעדריקט א מין נצחון, האט זי זיך קאקעטיש א דרעה געטהאן, און האט איהם א לאך געטהאן מיט די גאלדענע צייהנער אין פנים אריין.

— וואס, הייסט עס... איהר ווייסט ניט... אז איך זיץ נאך? די מאמע שלאפט שוין... קומט אריין, זיצט... פערנעהמט פלאץ...

יאשפע האט עפעס געגומען פיהלען אונהיימליך. ער האט זיך גענומען דרעהען אויף אלע זייטען.

— אט, איך ווייס... עס וויל זיך נאך עפעס ניט שלאפען... בין איך אריינגעגאנגען...

— זיצט, זיצט — האט איהם די מויד ווידער א שטשירע גע־טהאן מיט די גאלדענע צייהנער — זיצט, אט וועל איך מאכען טהע.

זי האט זיך א דרעה געטהאן אויפ'ן קנאפעל, איז אריינגעלא־פען אין קיך אריין, האט צוגעשטעלט טהע, און איז באלד צוריק געקומען.

— איהר דארפט זיך, הייסט עס, פערענטפערען וואס איהר זיינט אריינגעקומען?... — האט זי זיך אוועקגעזעצט אויף א שטוהל גאנץ נאהנט נעבען איהם, און דאס געלע אויסגעצויגענע געזיכט האט ביי איהר גענומען פלאמען און די אויגען פינקלען ווי ביי א קאץ.

— ניין, איך פערענטפער מיך ניט... אט גלאט אזוי... איהר פערשטעהט?... איך וואלט געוואלט זיך אביסעל נעהענטער בעקענען... אייער לעבענס געשיכטע!....

— איך פערשטעה, איך פערשטעה, איהר זיינט שוין א דער־וואקסענער מענש, און איהר האלט זיך עפעס ווי א אינגעל... איהר מיינט איך האב ניט בעמערקט?.... אט גלאט... איך בין דאך עפעס א מיידעל, און איהר דער מאנסביל...

דער צוקונפטיגער סקיצען־שרייבער האט אנגעהויבען פיהלען

אז עפּעס איז דאָ ביי דער מויד אַ מיספּערשטענדניס, ער האָט אָבער ניט געפונען אויפ'ן פּלאַץ קיין ווערטער.

— איך בין... גאָר ניט אַזאַ אינגעל... ווי איהר מיינט — האָט ער ארויסגעשטאמעלט, אָבער ווייטער... עס וואָלט מיר זעהר געווען אינטערעסאַנט!...

— אָט אַזוי זשע רעדט — האָט די מויד גענומען גליען ווי פייער, — איך, זעהט איהר, וויל מיך גאָר ניט פערענטפערען. איך בין געזעסען און האָב געוואַרט אויף אייך און איך זיץ יעדען אָוונד און וואַרט אויף אייך... מיט געפיהלען דאַרף מען זיך ניט בעהאַלטען... צו וועלכען? צו וואָס? איהר קענט פערשטעהן אז אפילו די מאַמע מיינע האָט שוין בעמערקט אין אייך...

— וואָס בעמערקט?!... איך האָב דאַכט זיך גאָר ניט.. איך מיין... מיט וועלכען?!

— גאָר ניט, גאָר ניט, מען דערקענט שוין... אַ מאַמעס אויג דערזעהט, און אַ מאַמעס האַרץ דערפיהלט... איהר מיינט מען דערקענט ניט אין אייערע אויגען? אָט גלאַט איהר זענט קליינשטעדטעלדיג... דאַרף איך הייסט עס שפּיעלען די ראָלע פון'ם ליבהאָבער... נו, זאָג איך אייך גאַנץ ערנסט און אָפען: איך האָב אייך ליעב! און חוץ אייך האָב איך קיינעם, קיינעם ניט ליעב געהאַט...

דערהערט די דאָזיגע ווערטער, איז דער אָרימער יאשפע געבאַך געבליבען אַ פערשטיינערטער, און איידער ער האָט צוזאַמענגענומען די קרעפטען, איהר עפּעס צו ענטפערען, איז אויסגעוואַקסען די מוטער מיט צושויבערטע .ר, אַ פערשלאָפענע, מיט איין קליידעל, אַ באָרפיסע, און מיט אַ שאַל אויף זיך:

— אַזוי, אַזוי, גאָר אָהן דער מאַמע? — האָט זי זיך אוועקגעשטעלט אויף דער טיר און בעטראַכט מיט נחת דאָס פּאָרעל, — איך כאַפּ מיך אויף, ערשט איך הער! וואָס קינדער קענען! נו, זאָל גאָט געבען אין אַ מזל'דיגער שעה! וואָס דאַרפט איהר זיך בעהאַלטען, וואָס? איך האָב שוין לאַנג געזאָגט מיין שרה'קען זי זאָל געזונד זיין, אַ מאַמען דאַרף מען ניט דערצעהלען. אַ מאַמע דערפיהלט שוין...

— וואָ...ס... איך בין... איך מיין... איך ביז געקומען... גלאַט

איך זוך א כאראק...טער! — האָט דער אָרעמער יאשפּע א צו־טומעלטער געשטאַמעלט...

— א כאראַקטער? אזא יאָהר אויף מיר, וואס פאר א גאָלדענעם כאראקטער זי האָט — האָט די מוטער גענומען אַפּלוי־בען די טאָכטער — זי איז דאָך א דימענט ניט קיין מענש. א כאראקטער א גאָלד! זי זאָל מיר נאָר לעבען און געזונד זיין! א כאראקטער, דו הערסט? ווארים אז איהר זאָלט אויספאָהרען אלע וועלטען וועט איהר נאָך קריגען אזא כאראקטער?

און וויפיעל דער ארעמער יאשפּע האָט זיך ניט גערדעט. האָט ער זיך אלץ ניט געקענט ארויסדרעהען.

אויף מאָרגען, ווען ער איז ארויסגעגאנגען אין גאס אריין, איז ווער עס האָט איהם בעגעגענט, האָט איהם אָבגעגעבען מזל־טוב!

סוזשעטען.

נאָכדעם ווי סאלאדין, א בעוואוסטער סקיצען־שרייבער, איז אָבגעזעסען דעם גאנצען אויף־דער־נאכט ביים שרייב־טיש מיט דער פען אין האנד איבער׳ן ווייסען פּאַפּיער, און האָט געהאלטען אין איין קנייטשען דעם שטערען, און רוּיכערען פּאַפּיראָסלעך, האָט ער אויפ׳ן סוף א ווארף געטהאָן מיט כעס דעם נאָר וואס פער־רויכערטען פּאַפּיראָס און האָט זיך איז די זאכען אריינגעווארפען אין בעט.

מאָרגען איז שוין געווען דער לעצטער טאָג, וואס עס איז איהם פערבליבען צוצושטעלען א סקיצע פאר דער צייטונג וואו ער איז געווען א מיטארבייטער, און ער האָט נאָך ניט געהאט אפילו קיין אָנפאנג, קיין אָנדייטונג אויף א סוזשעט.

— צום טייפעל! — האָט ער א בורטשע געטהאָן — איך וועל מיך אביסעל דורכדרעמלען, פיליכט וועל איך מיך אָבפרישען, און וועל דאָך עפּעס קענען אויסקראצען.

איינדרעמלען האָט אָבער סאלאדין ניט געקענט. ער האָט זיך דורכגעדרעהט א פּאָר מאָל פון איין זייט אויף דער צווייטער און האָט זיך ווידער גענומען צו די פּאַפּיראָסלעך. ער האָט געבלאָ־

זען דעם רויך, געקוקט מיט צועפּענטע אויגען צו דער סטעליע, און אין קאָפּ האָט ער געפּיהלט, אזוי ווי מען וואָלט דאָרטען מיט א גראַבליע אלעס, אלעס ארויסגעשארט, און אָנגעפּילט צוריק מיט שמאָטעס...

— א פערדאמטע פרנסה, דאָס שרייבעריי! — האָט ער גע־האָט צו זיך טענות — ביזט א קרעמער, א מעקלער, אן ארבייטער, א קוימען־קעהרער, א הינט־שלעגער, וואס פאר א שווארץ־יאָהר זאָלסט ניט זיין, האָסטו גרייטען מאַטעריאל, גרייטע געצייג, לעגסט נאָר צו דיינע מוסקולען, דיינע פעהיגקייטען, און א סוף, אן עק! איינער מאכט בעסער, איינער ערגער, אָבער דו מאכסט עפּעס; דאָ, צום טייפעל, מוזטו אלעס מאכען פון גאָר נישט. ציה וואסער פון א שטיין!...

עס איז איהם ארויפגעקומען אויפ'ן געדאנק, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען איין שרייבער זאָל קענען ביים אנדערען אמאָל אויס־לייהען. מיר זיינען, למשל,ביידע אין איין געשעפט. פאר וואס זאָל איך ניט קענען אמאָל קריגען אויסגעליהען אן ארטיקעל? אָט אזוי ווי איין קרעמער באָרגט אויס ביים אנדערען: שוועבעלעך, זייף, טאבאק, אינדיק־זאמען צי קיבעבע — עס וועט מיר אָנקו־מען וועל איך אָבגעבען...

און עס איז ביי איהם, בעת מעשה געוואָרען כמעט ווי רעכט: אז ער זאָל אריבערגעהן צו זיין פעז־קאָלעגע זאוואולע. איך בין אין א שרעקליכער נויט! איך מוז האָבען אויף מאָרגען א סקיצע, אַז ניט, קומט מיר אוים צו פערליערען דאָס פּלאַץ אין דער ציי־טונג. באָרג מיר אויס וואָסער ניט איז שווארץ יאָהר, און לאָם איך אונטערשרייבען אונטער דעם מיין נאָמען.

דער דאָזיגער איינפאל איז איהם וואָס אמאָל מעהרער געפעלען געוואָרען.

זאוואולע, האָט ער געוואוסט, איז א שרייבער וואס עס קומט איהם אָן מיט געברענגטע צרות, איידער ער זעהט אמאָל זיינע א זאך געדרוקט. און אז ער וועט פאַרלעגען דעם פּלאַן, וועט ער זיך געווים אָנכאַפּען מיט ביידע הענד.

ער האָט זיך מיט'ן גרעסטען אימפעט אראָבגעכאַפּט פון בעט

און האָט געגומען לויפען ווי א משוגע'נער, ער האָט אפילו פער־געסען דאָס היטעל אָנצוטהאָן.

ער איז אראבגעלאָפען פון די טרעפ, און ווען ער איז שוין גע־ווען אבגעגאנגען א שטיק וועגס פון הויז, האָט איהם אָנגע־הויבען דער געדאנק מבלבל צו זיין:

ווי אזוי קומט מען דאָס אריין צו זאוואול'ען? מיט וואס פאר אן אויסרייד? גלאָט אריינקומען און זאָגען: באָרג מיר אויס א סקיצע, הייסט עס דאָך, אז ער שטעלט זיך מיט זאוואולע דעם „קאָליקע" אויף איין ברעטעל.

אז זאוואולע'ס סקיצע וועט איהם ניט שאדען צו דער רע־פוטאציע, אין דעם איז ער געווען זיכער. ווארים וואס הייסט רעפוטאציע? און אז ער זאָל „אָנפאַטשקען" וואס ניט איז פאר א „קוואטש", אבי ער זאָל אוועקשטעלען זיין נאָמען, וועט מען, הייסט עס, ניט געפינען אין דעם קיין „סודות" און קיין „רמזים"... א נאָמען א קלייניגקייט וואָס א נאָמען איז!

ער איז אויך געווען זיכער, אז זאוואולע, דורך זיין סקיצע וואס ער וועט איהם דערנאָך אבגעבען וועט אין זיין רעפוטאציע אפילו אויף א האָר ניט געווינען. ער וועט איהם מעגען אָבגעבען אפילו די בעסטע, די גרעסטענסטע סקיצע, וועט ער זיך מסתמא מיט איהר ארומטראָגען אין אלע רעדאקציעס און קיינער וועט זי אין די הענד ניט וועלען נעהמען...

איהם האָט אָבער איבערגעשלאָגען דער עצם הענין, דער אריינ־געהן דאָס זאָגען.

חוץ דעם האָט ער געוואוסט, אז זאוואולע האָט די פאסקודנע טבע פון אלע שרייבערס, פאָרצולעזען זיינע געשריבענע זאכען פאר דער גאנצער וועלט, און אויף אזא אופן קען דאָס זיין א סוד פאר א „מנין אידען" ווי מען זאָגט, מאָרגען קען זאוואולע אריינגעבען אן ערקלערונג, אונטערגעשריעבען מיט עדות, אז די זאך איז זיי־נע...

ביי דעם געדאנק האָט ער זיך אזש אָנגעכאפט ביים קאָפּ און ער האָט דערפיהלט אז ער געהט אָהן א היטעל.

— עס איז א שעהנע מעשה, — האָט ער א זאָג געטהאָן צו

זיך אַליין מיט אַ געלעכטער, עס וואָלט נאָך געפּאַסט צו דער מציאה, אַריינצופאַלן צו זאַוואָל'ען ביי נאַכט אָהן אַ היטעל.

און ער האָט גענומען ציהען אַ מוסר השכל פון דער זאַך. ווי אַזוי די נויט קען אַמאָל אַ מענשען אַריינפיהרען אין אַ צרה. אַט, למשל, ווען ער טראַכט זיך אינ'ם ענין ניט אַריין טיעפער, קען דאָך גאַנץ שעהן גֶעמאָלט זיין, אַז... אַז...

— אַי, עס איז אַ גאַנץ אינטערעסאַנטער סוזשעט פאַר אַ הו־מאָרעסקע! — האָט ער זיך מיט שמחה אַ כאַפּ געטהאָן — שטעל דיר פאָר: אַ בעוואוסטער סקיצען שרייבער, וואָס מאַטערט זיך אי־בער אַ סוזשעט, און קען ניט געפינען, און מיט אַמאָל פאַלט איהם אַריין אַזאַ משוגע'נער איינפאַל, ביי איינעם, אַן אונבעקאַנטען שרייבער, אַ „קאַליקע", צו בּאַרגען אַ סקיצע, און ער פאַלט אַריין, ניט־טויט, ניט־לעבעדיג, אין מיטען דער נאַכט, אָהן אַ היטעל. וועקט יענעם אויף פונ'ם שלאָף. יענער קריכט אַראָב פונ'ם בעט מיט די גאַטקעס מחילה, און די צוויי סקיצען שרייבער, איינער דער בעוואוסטער, אָהן אַ היטעל, און דער אַנדערער, דער קאַליקע, אין די גאַטקעס, מאַכען צווישען זיך דעם מסחר, און נאָכדעם קומט יענער וואָס מיט די גאַטקעס אַרויס מיט אַן ערקלעהרונג אין דער פּרעסע... און די ערקלעהרונג אונטערגעשריבען מיט עדות וואָס האָבען זי געלעזען אין מאַנוסקריפּט, קומט פונקט נאָכדעם ווי די קריטיק האָט די דאָזיגע סקיצע אָבגעלויבט ביז'ן הימעל...
— דאָס איז דאָך אַן אויסגעצייכענטער סוזשעט!

און אַזוי בעגייסטערט איז סאַלאַדין געוואָרען פון דעם דאָזי־גען סוזשעט, אַז ער האָט זיך באַלד פערקירעוועט אַהיים, ער איז אַרויף אויף די טרעפּען, שפּאַנענדיג איבער צוויי טרעפּען מיט אַמאָל.

— איך האָב! איך האָב! — איז ער אַ פערסאָפּעטער אַריין אין הויז מיט אַ שמחה.

— וואָס האָסטו? וואו איז דיין היטעל?! — האָט איהם די פרוי אַ צושראָקענע געפרעגט, — פון וואַנען לויפסטו אַזוי פערסאָפּעט?!

— איך האָב, זאָג איך דיר, אַ סוזשעטעל, אַ צאַצקע! וואַרט

אינמיסטען, שלאָף גאָר ניט איין. א סוזשעטעלע, אָט שרייב איך עס שוין אָן, און איך וועל עס דיר באלד פארלעזען!...

און סאלאדין האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, האָט זיך צוגעכאפּט צו דער טינט און פען און האָט גענומען רויכערען, רויכערען און רויכערען, און מיט אזא חשק, מיט אזא ברען, האָט ער געקריצט מיט דער פעדער איבער'ן ווייסען פּאפּיר, אז ער האָט זיך אלע מאָל פון אויפרעגונג געהויבען פון שטוהל....

ווען ער איז געוואָרען פאַרטיג מיט דער הומאָרעסקע, איז שוין די ווייב לאנג געשלאָפען.

סאלאדין'ען האָט זיך אָבער אויסגעוויזען, אז אָט ערשט האָט ער גערעדט מיט איהר, און ער איז אריינגעלאפען אין שלאָף צימער אריין מיט'ן מאנוסקריפּט און האָט ניט פרעגענדיג אפילו, ביים בעט, אין איין אָטהעם, אָבגעזאָגט די הומאָרעסקע, מיט אזא מין התלהבות, אז ער האָט אַליין געלאכט און עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז די ווייב קאטשעט זיך ליעגענדיג אין בעט, פון געלעכטער.

— זעהסטו שוין, וואס א שרייבער איז — האָט ער אויסגעלאָזט — אז...

ער האָט אָבער פּלוצים בעמערקט אז די פרוי שלאָפט גאָר, אויפ'ן פּלאַץ האָט איהם אביסעל פערדראסען, באלד אָבער האָט איהם דער עסק גאָר גענומען הנאה טהאָן:

— א סוזשעט פאר א צווייטער הומאָרעסקע! — האָט ער אויסגעלאָזט מיט שמחה.

„עפּאָכע-מאַכענדע" זאַכען.

פון דעם וויזיט, וואס זאלקין דעם סקיצען-שרייבער'ס ווייבעל, האָט געמאכט ביי די פריידים'עס, איז זי געקומען אהיים מט אן אן ארויבגעלאָזענער נאָז.

זי האָט נערוועז גענומען ארונטערציהען פון זיך די מלבושים, און בעטראכטענדיג יעדער מלבוש מיט א פערעכטליכער מינע, האָט זי זיי צוואווארפען אָהן אן אָרדנונג אין פערשיעדענע ריכטונגען.

זאַלקין, מיט אַ צושויבערטען קאָפּ, אַ צוכראַסטעטען בוד־זעם, און מיט אַרונטערגעלאָזענע הויזען־טרעגער, איז, קלאַפּענ־דיג מיט די שטעק־שיך אַרומגעגאַנגען אין אַ וואָלקען פון רויך, אַ פּערטראַכטער איבער דער שטוב. האָט געריוכערט איין סי־גאַרעטל נאָכ׳ן צווייטען, און האָט געקנייטשט דעם שטערען, און געביסען די ליפּען, מיט די נעגעל...

געטראַכט האָט ער, וועגען אַ סוזשעט וואָס איז איהם נאָר וואָס איינגעפאַלען.

ער איז געווען אַזוי פּערטיעפט אין דעם סוזשעט, אַז ווען דאָס ווייבעל איז אַריינגעקומען האָט ער זי כמעט ניט בעמערקט. עס האָט איהם בלויז עפּעס אַ בלענד געטהאָן פאַר די אויגען, אָבער עס האָט אויף איהם ניט איבערגעלאָזט קיין שום רושם.

דאָס ווייבעל האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן פון דער זייט, האָט איהם אָבגעמאָסטען מיט די בליקען פון קאָפּ ביז די פיס, און אַוועקזעצענדיג זיך אויף אַ שטוהל ביים טיש, האָט זי גע־נומען נערוועז זוכען מיט די הענד צווישען די ביכער מיט די צייטונגען, וואָס זיינען דאָרט געווען אָנגעוואָרפען.

זי האָט אין אַ קורצער ווײלע איבערגעבלעטערט עטליכע ביכער, דורכגעבליקט די צייטונגען אויף אַלע זייטען, און האָט זיי אַוועקגעוואָרפען.

עס האָט זיך איהר אָנגעטראָפען צו דער האַנד אַ קליין־ שע־רעלע.

זי האָט זיך צוגעכאַפּט צו דעם שערע און האָט מיט אַ מאָד־נער ליידענשאַפט גענומען פריהער אַרומשניידען די נעגעל פון די פינגער און נאָכדעם שניידען פּאַסעקעס פּאַפּיר.

ווען זי האָט שוין געהאַט צושניטען אַ גאַנצע צייטונג אויף דינינקע פּאַרפּעלעך, און האָט זיי געהאַלטען אין איין איבערשוי־טען פון איין האַנד אין דער צווייטער און צוריק, האָט זיך פּלוד־צים צו איהר דערטראָגען זאַלקין׳ס שטימע:

— דאָס וועט זיין אַ וויכטיגער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט! — האָט ער מיט בעגייסטערונג צו זיך אַליין אויסגעשריען — אָט־אָ־דאָ־אָ ביי דעם פּונקט, ווען זיי וועלען זיך בעגעגענען, און ער

וועט זיך בלינדערהייט נעהמען פאַרשטעלען די אַמאָליגע געליעב־טע, מיט די אַמאָליגע פייערדיגע, ברענענדיגע אויגען... און...

ער האָט נערוועז גענומען שנעל ארומשפּאַנען אהין און צו־ריק איבער דער שטוב און מאַכען מיט די הענד, דרעהען מיט דעם גראָבען פינגער.

— דאָס וועט זיין א געלונגענע שטיקעל ארבייט! אן „עפּאָ־כע מאַכענדע" זאַך! — האָט ער ווי א ווילדער גערעדט, און איז כמעט אונטערגעשפּרונגען פון בעגייסטערונג.

זי האָט א הויב געטהאָן דעם קאָפּ, האָט צועפענט אויף איהם ברייט די אויגען. די הענד מיט די דינע פארפעלעך פּאַ־פּיר האָבען אויפגעהערט ביי איהר צו ארבייטען, און זי האָט באַלד איבערגעטראַגען איהרע בליקען אויף די ארונטערגעצויגענע צו־וואָרפענע מלבושים, און צוריק אויף איהם, און די קאָלירען ביי איהר אין געזיכט האָבען זי גענומען בייטען.

— שמאַטעס! — האָט זיך ביי איהר ארויסגעריסען פון'ם הארצען. — עס איז פּשוט א שאַנדע אזעלכע טראַנטעס אויפ'ן לייב צו נעהמען! און ער איז א גליקליכער; עס וועט זיך איהם איינגעבען אן „עפּאָכע־מאַכענדע" זאַך. אָט באַלד וועט ער זיך אוועקזעצען, וועט אָבזיצען דריי שטונדען, צי אפשר גאָר א גאַנ־צע נאַכט, וועט אָנרויכערען אז מען וועט אין שטוב ניט קענען איינזיצען. אויף מאָרגען וועט דאָס גאַנצע הויז זיין פול מיט אָבגעברענטע שטיקלעך סיגאַרעטלעך, און ער וועט א גאַנצען טאָג שלאָפען. וואָס געהט איהם אָן א ווייב, וואָס געהען איהם אָן קינדער, ער שאַפט עפּאָכע־מאַכענדע זאַכען...

זי האָט גענומען דורכמישען איהר גאַנצען לעבען פון זינט זי האָט איהם דערקענט, און זי האָט ניט געפונען קיין איין טאָג קיין ליכטיגען. אימער ניט קיין גאַנצע שיך, אימער ניט קיין גאַנץ קליידעל, און אימער נאָר פערבאָרגט און פערשולדיגט, און ער האָדעוועט זי מיט עולם הבא. און וואָס וועט זי האָבען פון זיין עולם הבא? אויפ'ן חשבון פון איהרע שיך, פון איהר קלייד, וועט ער זיך ארויפּאַרבייטען א נאָמען...

זי האָט זיך גענומען דערמאָנען וואָס פאַר א פּנים זי האָט היינט געהאַט ביי די פריידיס'עס. זי איז געזעסען דאָרט ווי

אַן אויסגעפּאַטשטע, און אויף צו־להכעיס האָט איהר יענע אַלע מאָל געבראַכט צוטראַגען אַן אַנדער מלבוש, מיט אַן אַנדער העט, און זי אַרומגעפיהרט איבער אַלע חדרים און געצייגט דאָס מעבעל מיט די אַנטיקען...

זי האָט זיך גענומען אַרומקוקען איבער'ן הויז, בעטראַכטען די ווירטשאַפט איהרע און איז געקומען צום שלוס, אַז דאָס גאַנ־צע שרייבעריי, דער טאַלאַנט זיינער, מוז גאָר זיין אַ גוואַלדאָװ־נער גרויסער ליגען. אַ מאַן מיט טאַלאַנט, מיט עסטעטיק, קען זיך מיט אַזאַ ווירטשאַפט ניט צופריעדען שטעלען! אַ מאַן מיט עסטעטיק וואָלט ניט געקענט פערטראָגען אַז ווייב און קינדער זאָ־לען געהן קרוע, בלוע... אַן עסטעטיקער איז נאָך איהר מיינונג, גאָר אויסגעקומען פריידים. פריידים שרייבט פיליכט ניט קיין „עפּאָכע מאַכענדע" זאַכען, ער שרייבט אָבער אויף אַ גוטען טיש און בעוואָהנט ליכטיגע, גראַמע, מעבלירטע צימערען, און די ווייב און קינדער געהען אָנגעטהאָן אין די שעהנסטע קליידער, עסטע־טיש, ניט אין קיין טראַנטעס!

זי האָט ווידער אַ הויב געטהאָן דעם קאָפּ און זי האָט איהם דערזעהן ווי ער האָט זיך מיט בעגייסטערונג אַ כאַפּ געטהאָן צו דער טינט און פעדער, און עס האָט זיך איהר געוואָלט אויס־שרייען: אום גאָטעס ווילען, דו מערדער איינער, וואַרף אַוועק די פערשאָלטענע פען!

עס איז איהר איצט אַרויפגעקומען אויף'ן געדאַנק ווי נאַ־ריש, ווי אידיאָטיש זי איז דאָס אַמאָל געווען, אַז עס איז ביי איהר קיין גרעסערער גליק פון זיינע „עפּאָכע מאַכענדע" זאַכען ניט גע־ווען. דאָס מוז זיין אַ מין קראַנקהייט, אַ מאַניע, אַ מין שטראָף אַזעלכע פון דער נאַטור. בעגעגענסט זיך מיט אַ יונגען מענשען, וועלכען דו קענסט דוכט זיך, גאַנץ גוט, און דו ווייסט, אַז אַ חוץ זיינע מעשיות וואָס ער טענטעלט, — די עפּאָכע מאַכענדע זאַכען, ווי ער רופט זיי, טויג ער ניט צו גאָט און ניט צו לייט. דו ווייסט, אַז ווען דו געהסט זיך מיט איהם פערבינדען ביזטו פעראורטהיילט צו ליידען אַלע דיינע יאָהרען, דו און די אונגליקליכע קינדער וואָס דו וועסט ברענגען אויף דער וועלט, און עס שלעפּט דיך אַזוי, ווי דאָס פליגעל צום פייער.

זי האָט זיך גענומען דערמאָנען ווי יעדער האָט זי געוואָרענט, די עלטערען, די שוועסטער און ברידער, און אַלע בעקאַנטע, מען האָט איהר פאַרגעשטעלט וואס עס ערוואַרטעט זי, און ווי זי האָט זיך דענסטמאָלט אויסגעלאַכט פון דיזע „פּראַקטישע בעלי עצות". עס האָט זיך איהר גאַר ניט געקענט פאָרשטעלען אז עס קען אַמאָל קומען א צייט, אז מען וועט דאַרפען האָבען שיך און מען וועט דאַרפען צאָהלען דירה־געלד... נאַרישע יוגענד!...

זי האָט א שיט געטהאָן מיט די דינע פּאַרפּעלעך פּונ'ם פּאַפּיר אויפ'ן טיש, האָט נערוועז גענומען ארויסציהען די האָר־שפּיל־קעס פונ'ם קאָפּ, האָט ארויסגעצויגען דעם קאָרסעט פון אונטער דער בלוזקע, און האָט זיך וואַקלענדיג צוגעשאַרט צו דער זאָפע און אין א האַלב־ליעגנדיגער פּאָזע האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט.

זי איז געלעגען און האָט געקוקט אויף איהם, ווי ער איז גע־זעסען פערטיעפט און געקריצט מיט דער פען איבער'ן פּאַפּיר, און עס האָט זיך איהר געשטעלט א פראַגע, צי האָט אזא בריאה ווי ער גאַר געהאַט א רעכט חתונה צו האָבען און צו ברענגען קינ־דער אויף דער וועלט. אָט, למשל, איז פערוועהרט פון געזעץ, גע־וויסע קראַנקע צו הייראַטהען. ווארום איז דאָס? ווייל עס קען דורך זיי — אומשולדיגערוויייזע — ליידען א פרוי מיט קינדער. ווארום זשע זאָל ניט אָנגעווענדעט ווערען אויך אזא געזעץ פאַר די שרייבערס פון די „עפּאָכע מאַכענדע" זאַכען?...

— הער, זאַלקין! — האָט זיך איהר געוואָלט אויסשרייען — מיט וואס פאַר א רעכט, אין אמת'ען האָסטו חתונה געהאַט?... וואו איז דער יושר? וואו איז מאָראַל?!... וואו איז געווי־סען?!...

אין דער מינוט האָט ער זיך א דרעה געטהאָן נערוועז אויפ'ן זיץ, און איז אויפגעשפּרונגען מיט עטליכע פערשריעבענע זייטלעך פּאַפּיר אין די הענד.

— ס'ט... אָט... וואו ביסטו?... — האָט ער ארומקוקענדיג זיך אויף אַלע זייטען, א צומישטער גענומען שטאַמלען, — איב'ל דיר פאָרלעזען!...

און ניט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער, האָט ער באַלד מיט בעגייסטערונג גענומען לעזען איין בלעטעל נאָכ'ן צווייטען.

זי איז געלעגען א צוטומעלטע און צו די אויערען האָט זיך בלויז דערטראַגען א זשומען...

— דו... דו, פערשטעהסט? דאָס איז נאָך ניט געענדיגט — האָט ער נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט לעזען אויסגעלאָזט, — דער עיקר איז ערשט דער סוף. איך וועל איהם צופיהרען, דו פערשטעהסט, ביז'ן לעצטען קלימאַקס. דאָס וועט אויס־ומען, זאָג איך דיר, א זאַך אַ שטאַרקע, אַן עפּאָכע מאַכענדע!

— אַן עפּאָכע מאַכענדע! — האָט זי מיט גאַל נאָכגעזאָגט, — פיהר איהם, פיהר איהם צו ביז'ן לעצטען קלימאַקס!....

און זי האָט זיך אויסגעדרעהט אויף דער זאָפע און אומגע־קעהרט מיט'ן פּנים צו דער וואַנד...

אַ חלום.

אין א שעהנעם, אויסגעשטערענטען אויף דער נאַכט, איז גאָלד, אַן עלטערער בחור, געזעסען ביי די יונגע קאַדרושינס אויף דער וועראַנדע, און מען האָט זיך אונטערהאַלטען ביי א גלאָז טהעע.

מען האָט גערעדט וועגען פערשיעדענע ענינים: וועגען לי־טעראַטור, וועגען וויסענשאַפט, וועגען קונסט און מען איז איבער־געגאַנגען וועגען חלומות.

אי די קאַדרושינ'ס, אי גאָלד, האָבען ניט געגלויבט אין קיין חלומות.

גאָלד איז אָבער געווען מיט דער מיינונג, אז מאַנכע חלומות פלעגטען זיך עפּעס אַזוי צוזאַמען, אַז מען מוז זיך ווילענדיג, ניט ווילענדיג, אין זיי פערטראַכטען. און ער האָט אַלס ביישפּיעל דערצעהלט אַ פּאָר חלומות, וואָס זיינען ביי איהם פאָרגעקומען, און האָבען ווירקליך אָנגעדייטעט אויף עטוואָס, וואָס עס האָט נאָכדעם פּאַסירט אין זיין לעבען.

אויף איהם קוקענדיג, האָט די יונגע מאַדאַם קאַדרושין אויך דערצעהלט עטליכע אַזעלכע ציקאַווע חלומות.

און קאַדרושין אליין, וועלכער האָט זיך ערקלעהרט פאַר'ן

ערגסטען אפיקורס אין חלומות, האט פונדעסטוועגען אויך גע־האט עטליכע חלומות אויף זיין זכרון, וועלכע ער האט איבערדער־צעהלט מיט אלע איינצעלהייטען.

אזוי האט זיך פערצויגען דער ענין פון די חלומות, ביז גאנץ שפעט אין דער נאכט.

ווען גאלד איז דערנאך אוועקגעגאנגען, האט די יונגע מאדאם קאדושין דערצעהלט דעם מאן א חלום, וואס האט זיך איהר ערשט גע'חלום'ט פריהערדיגע נאכט און וואס האט ניט געפאסט צו דערצעהלען אין גאלד'ס אנוועזענהייט.

— וואס א חלום קען מאכען פון א מענשען — האט זי מיט א שמייכעל געטהאן א זאג — אט האט זיך מיר ערשט פריהערדיגע נאכט גע'חלום'ט, אז איך מיט גאלד'ן האבען זיך ערקלעהרט אין ליעבע... און...

— און וואס? — האט קאדושין זי נייגעריג געצויגען ביי דער צונג.

— און מיר האבען זיך געקושט — האט זי אויסגעלאזט מיט א שעהמענדיגען געלעכטער.

קאדושין האט בשעת מעשה אויך א לאך געטהאן. די ענדע פונ'ם לאך ביי איהם האט זיך אבער אויסגעלאזט, מיט עפעס א מין פערקרימטער גרימאסע אויף זיין געזיכט, אזוי ווי ערגעץ וואו וואלט איהם פלוצים עפעס וואס א ביס געטהאן...

— מסתמא האסטו פון איהם געטראכט ביי טאג — האט ער א זאג געטהאן ווי מיט א ווארוואורף, און האט זיך באלד פער־כאפט מיט א שמייכעל.

— גאר, אט האסטו דיר, איך האב שוין ניט פון ווערמען צו טראכטען נאר פון גאלד'ען — האט די פרוי'קע געשפאסט — אט, עס פלאנטעט זיך צוזאמען א חלום און גענוג.

— וואס הייסט עס פלאנטעט זיך צו צוזאמען? עס פלאנ־טעט זיך דיר פונדעסטוועגען ניט צוזאמען אז דו קושט זיך מיט'ן קוימען.... — האט ער איהר אריינגעזאגט מיט'ן זעלבען שמיי־כעל.

— טאקי גערעכט — האט די פרוי'קע געלאכט — נאך

קושען זיך מיט קומענס וואָלט זיך מיר בעדאַרפט חלום'ען. שוין געננג אז איך האָב מיך געקושט מיט גאָלד'ען.

און מאַן און ווייב האָבען פערנומען אלעס פונ'ם טיש און זיי־נען אריינגעגאַנגען אין הויז אריין.

די מאַדאַם קאַדושין האָט זיך גענומען אויסבעטען די בעט־טען און קאַדושין האָט זיך אוועקגעזעצט אויף א שטוהל און האָט זיך גענומען צוצובינדען די שיך, צום אויסטהאָן.

אין מיטען צובינדען א שוך, איז ער אַנגעבויגען, מיט אראָב־געלאָזטע הענד, געבליבען זיצען א פערטראַכטער.

דער חלום פון דער פרוי'קע האָט זיך איהם געפלאָנטעט אין קאָפּ, און האָט איהם ניט אָבגעלאָזט.

— וואָס פאַר אַן אונטערשיעד — האָט ער גענומען אנאַלי־זירען דעם ענין, — און אז מען ערקלעהרט זיך אין ליעבע און מען קושט זיך אין חלום, האָט מען דען ניט קיין פערגעניגען? הייסט דאָך עס פשוט, אז זי האָט געהאט פעגניגען... אז זי האָט זיך, הייסט עס, איבערגעגעבען צו גאָלד'ען...

און ער האָט בעת מעשה א קוק געטהאָן אויף דער פרוי'קע מיט א מינע ווי זי וואָלט איהם ווירקליך בעטראָגען.

— וואָס?... וואָס?... הייסט עס אזוי, אז דו האָסט זיך גע־קושט מיט גאָלד'ען! — האָט ער גענומען שטאַמלען.

— זעה נאָר, זעה, ווי עס קען איהם גאָר פון קאָפּ ניט ארויס. טהו זיך בעסער אויס און געה שלאָפען. עס איז דאָך שוין אזוי שפּעט! — האָט איהם די פרוי'קע געמונטערט — וואָס זיצטו וואָס?

קאַדושין האָט זיך פאַר זיך אליין פערשעהמט און ער האָט גענומען אראָבציהען איין שוך און דעם אַנדערען שוך. דער קאָפּ אָבער איז איהם אלץ געווען פערנומען מיט'ן חלום.

— טהו זיך אויס און געה שלאָפען! ווי זי איילט זיך דאָס אזוי צו שלאָפען — האָט איהם גענומען פערדריסען.

און ס'האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז ניט אַנדערש נאָר עס ווילט זיך איהר היינטיגע נאַכט נאָך אמאָל איבער'חזר'ען דער חלום מיט גאָלד'ען.

— וואָס... וואָס איילסטו זיך, וואָס?... מיר ווילט זיך

נאָך זיצען אביסעל... אזוי, אזוי, האָט זיך דיר גע'חלום'ט, הייסט עס, גאָלד !... א ציקאַווע מעשה !...

— ביזט א משוגע'נער ! — האָט די פּרוי'קע איהם מכבד געווען, — לעג זיך שלאָפען און הער אויף צו דרעהען א קאָפּ !

און זי האָט גענומען ארויסציהען די האָר־שפּילקעס פון קאָפּ און זיך צוגרייטען צום שלאָפען.

קאדושין איז געזעסען מיט די זאָקען אויף די פיס און האָט געקוקט אויף די פרוי'קע, ווי זי ציהט די שפּילקעס פון דעם קאָפּ, איהם האָט זיך אויסגעוויזען אז זי ציהט זיי מיט עפּעס א מאָדנע נערוועזיטעט און איילט זיך, אזוי ווי יעדע רגע וואָלט ביי איהר געווען א יאָהר...

— איך מיין... איך... וואס איז טאקי דאָס איילעניש מיט דיר ? — האָט ער ווידער גענומען שטאמלען, — איך וואָלט גאָר געטרונקען נאָך א גלעזעל טהעע.

— וואָס איז מיט דיר ? עס איז שוין באַלד איינס דער זיי־גער ! — איז די פּרוי'קע געוואָרען בייזלעך, — און האָסט דאָך א גאַנצען אויף דער נאכט געהאַלטען אין איין טרינקען. ביזט שוין אזוי אויך גענוג נערוועז. גענוג, גענוג טהעע. געה שלאָ־פען !...

און זי האָט פערנומען די האָר שפּילקעס מיט די קעמליך פונ'ם קאָפּ און איז אוועק אין שלאָף־צימער.

קאדושין איז געבליבען זיצען, און עס האָט זיך איהם אויס־געוויזען אזוי ווי די פרוי'קע וואָלט איהם אצינדערט פשוט בפשטות געזאָגט, אז זי אינטערעסירט זיך מעהר ניט מיט איהם, אָט זי געהט אוועק צו גאָלד'ען, און דו שלאָג זיך די קאָפּ אין וואנד, טרינק טהעע, זיץ דיר א גאַנצע נאכט, ווצמעם דאגה איז עס...

און איהם האָט זיך געוואָלט אויפשטעהן, ארייננגעהן צו איהר אין צימער אריין, און איהר זאָגען טאקי גאַנץ שאַרף : וואס איז, ווצסט קיין צייט ניט האָבען די גאַנצע נאכט זיך דאָרט צו קושען מיט גאָלד'ן ? ווי עס ברענט אין איהר !... אזא מין חוצפּה !...

און ער איז אויפגעשטאַנען פונ'ם שטוהל און האָט גענומען מיט די זאָקען ארומגעהן אהין און צוריק איבער'ן צימער.

אין מיטען ארוממארשירען אזוי איבער'ן צימער, האָט ער זיך פּלוצים פון זיך אַליין צולאַכט.

— דאָס איז דאָך פּשוט אַ משונעת — האָט ער זיך געגור־מען מאכען פאָרווירפע, — אַ מענש טשעפּעט זיך אין אַ חלום, און... און...

עס האָט אָבער אָנגעהאַלטען ניט מעהר ווי אַ מינוט. איהם האָט זיך געדאכט ווי ער הערט די ווייבעל זיינע, דאָרט אין שלאָף צימער זיך דרעהען אונרוהיג אין שלאָף.

עס האָט איהם אַ טראָג געטהאָן, און ער האָט זיך מיט שטילע טריט אריינגעשאַרט אין צימער אריין, אזוי ווי ער וואלט זיך פער־מעסטען זי צו כאַפּען ביי אַ פערברעכען...

די פרוי'קע איז געשלאָפען גאַנץ רוהיג.

אָבער איהם האָט זי אויסגעוויזען, ווי אויפ'ן געזיכט ביי איהר איז עפּעס צושפּרייט אַ שמייכעל, און די ליפּען זיינען אויפגע־שטעלט ווי צום קושען אימיצען...

ער איז געשטאַנען מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און מיט אָנגעשטרענגטע אויגען איבער'ן בעט און האָט געקוקט אויף יעדע מינע, אויף יעדע בעוועגונג וואס די פרוי'קע האָט געמאכט אין שלאָף, און ער איז געווען זיכער, אז אצינד אָ, אין דער מינוט, פערראַטה זי איהם. זי איז איבערגעגעבען אין גאַנצען, אין גאַנ־צען צו גאָלד'ען...

— דו!... דו!... דו בעטריגערין!... דו פאַלשע, לייכטזיני־גע פרוי וואָס דו ביזט! — האָט זיך איהם געוואָלט אויסשרייען און זי נעהמען רייסען ביי די האָר.

די פרוי'קע האָט אינסטינקטיוו דערפיהלט אין שלאָף אז אימיצער שטעהט איבער איהר, זי האָט זיך אַ דרעה געטהאָן און האָטביידע הענד צוזאַמענגעלעגט ביי זיך אויפ'ן בוזים.

— דאָס דריקט זי איהם אצינד צו זיך!... האָט קאדושין'ען אַ ביס געטהאָן אין מח און אַלע אברים האָבען ביי איהם גענומען ציטערען פון נערוועזיטעט.

— דו!... דו!... — האָט ער גענומען מיט איהר טרייסלען

— וואָס?... וואָס איז מיט דיר?!... וואָס?!...

די פרוי'קע האָט געעפענט אַ פּאָר צושראָקענע אויגען.

— מיט וועמען?.... איך מיין וואָס האָסטו געשריען פון שלאָף?! — האָט ער נערוועז ארויסגעזאָגט א ליגען.

— אי, לאָז מיך צורוה, לאָז מיך שלאָפען — האָט זיך די פרוי'קע ביי איהם געבעטען.

קאַדושין האָט אָבער גיט אָבגעטראָכטען פון איהר די גאַנצע נאַכט. ער איז געזעסען און האָט איהר דערצעהלט פערשיעדענע מעשיות, און יעדעס מאָל ווען די פרוי'קע האָט נאָר צוגעמאַכט די אויגען, האָט ער זי געמינטערט...

א פּראָבלעמע.

א טומאַנער, א פינסטערער טאָג.

די נאַכט האָט פערגעסען מיטצונעהמען מיט זיך דאָס פינס־טערניש, איינגאַנצען. זי האָט איבערגעלאָזען א ברודנע, געדיכטע געלקייט, וואָס האָט אין פריה מאָרגען די זון ניט ארויסגעלאָזט און אזוי איז דאָס פערבליבען הענגען איבער'ן קאָפּ א גאַנצען טאָג.

די גאַסען, די הייזער, די קראָמען, די טראַמוויים, פערד, קארעטען און מענשען. אַלעס, אַלעס איז געווען פערוויקעלט און איינגעהילט ווי אין א שווערען, געדיכטען, טונקעל־געלען שלייער.

די אַטמאָספערע איז געווען א שווערע, א דריקענדע.

דער רויך פון די הייזער, און פון די פאַבריקען, האָט זיך גע־לייגט פּאַמעלינקע איבער'ן צוקראָכענעם שנעע, וואָס האָט גע־כליאָשטשעט אונטער די פיס, ווי א לויזע קאַשע, די פערד און די שליטלעך, האָבען ווי פון א פינסטערען גרוב ארויס, געקלונגען מיט די גלעקלעך: מענשען האָבען ווי צושראָקענע האָזען זיך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטען, האָבען געטאַפּט מיט די אויגען, און זיך געפּלאָנטערט איינס פאַר'ן צווייטענס פיס.

דער גאַנצער גאַסען־פערקעהר, איז פערקריפּעלט געווען: שווערע, וועגענער, טראַמוויים, קארעטען, פערד און מענשען, האָ־בען זיך אויסגעמישט אין איין קאַשע. עס האָבען זיך געהערט קולות, געשרייען און געוואַלדען. עס האָט אויסגעציינט אזוי ווי

טייוואָלים וואָלטען זיך פערוועט ארויס צוברענגען דעם מענשען פון געדולד...

גרינבערג, אַן אגענט פון א לעבענס־פערזיכערונגס־געזעל־שאפט, א יונגער מאן מיט א מאָגען קאטאר, וואָס לעבט אויף א דיעטע, האָט נעבעך דעם טאָג געהאט זעהר א ביטערען.

אין אזא טאָג, ווען אין אלע הייזער ברענען ליכט, און די ליכ־טיגקייט, און אלעס וואָס עס צייגט זיך פאר'ן אויג, נעהמט אָן אזא משונה געלען קאָליר, זיינען מענשען שרעקליך אויפגערעגט, יע־דער פיהלט עפּעס אזוי ווי אימיצער וואָלט איהם אָפּגעטהאָן א שפּיצעל. אזוי ווי עס וואָלט איהם אימיצער צום נאר גע־מאכט.

אין א וואָסער א הויז דער אָרימער אגענט איז נים אריינגע־קומען, האָט ער בעגעגענט בייזע, אויפגערעגט געזיכטער. אזוי ווי ער וואָלט עס געווען דער שולדיגער אין דער גאנצער פינס־טערער מאכינאציע.

— אין אזא טאָג קומט מען נאָך געלד? איהר וועט קומען אַן אנדערש מאָל! — האָט איהם יעדערער בעגעגענט. מאנכע האָבען זאָגאר גאנץ גראָב פערשלאָסען די טיר אונטער זיין נאָז, פון קיין נייע געשעפטען איז קיין רעדע נים געווען און פון די אלטע חובות האָט ער נים אריינגענומען קיין דריטעל פון דער גע־וועהנליכער איינגאָהמע. ער איז ארומגעגאנגען מיט די קוויטי־גע צעטלען, וועלכע האָבען אין דעם דאָזיגען טאָג אויסגעזעהן א סך קויטיגער און האָט געמישט איין צעטעל נאָכ'ן אנדערען, גע־צייכענט מיט'ן בלייפעדער און אין קעשענע איז געווען פּוסט.

דעם גאנצען טאָג האָט ער אזוי ארומגעבליאָפּעט אינ'ם צו־קראָכענעם שנעע, געקראָכען אויף די טרעפּען, געלאָפּט אין די טירען. זיינע קליידער זיינען געווען נאס און פערשפּריצט פון די פערבייפאָהרער און פערבייגעהער. א פּאָר מאָל האָט ער גע־האט אין גאס צוזאמענשטויסע אז ער איז קוים מיט'ן לעבען ארויס...

פאר נאכט, האָט ער שוין געוואָלט א היים געהן. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אָן א פּאָר פּלעצער וואו ער האָט געהאט צו־

זאָגען און ער האָט גערעכענט, פיליכט וועט ער דאַרפען עפּעס קענען מאַכען.

ער האָט דאַרפען אויך גאָר נישט געמאַכט. און פערטיג געוואָרען איז ער ווען עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעטליך אין דער נאַכט.

מיעד, צובראָכען, הונגעריג, ניט פיהלענדיג קיין גאַנץ אבר אין זיך, איז דער אָרימער אגענט נעבעך געגאַנגען אהיים, זיין איינציגער פערלאַנג איז געווען אָפּצועסען, און אריינצוואַרפען זיך אין בעט אריין.

ווען ער האָט זיך מיט צרות און מיט וועהטאָגען ארויפגעשלעפּט אויף די טרעפּען און איז אריינגעקומען אין הויז אריין, האָט ער אין הויז קיינעם ניט געטראָפען.

— וואו איז די מאַמע? — האָט דער מיעדער אגענט אראָבלאָזענדיג זיך מיט א קרעכץ אויף א שטוהל א פרעג געטהאָן זיין טעכטעריל, א מיידעלע פון א יאָהר צוועלף, וועלכע איז געזעסען ביים טיש, און האָט גענעהט א קליידעלע פאַר דער קוקלע.

— די מאַמע איז אוועקגעגאַנגען צום לעקטשור. — האָט איהם די מיידעלע אָנגעזאָגט די בשורה.

— צו...ם לעקטשור?!... און עסען איז עפּעס דאָ?!...

— ניין, ניטאָ גאָר ניט... איך האָב גענעסען מילך מיט ברויט... פּאַפּאַ, זעהסט אָט דאָס קליידעלע? דאָס האָב איך אליין געמאַכט. א יאָ, א שעהן קליידעלע?

— טע... טע... יאָ, יאָ, א שעהנס.... אָבער גאָר ניטאָ וואָס צו עסען?...

— ניטאָ, פּאַפּאַ... זעהסט דאָס שליאַרקעלע, האָב איך אויך געמאַכט, זעהסט פּאַפּאַ?

— איך זעה... איך זעה!...

דער אָרימער אגענט האָט פערגעסען אינ׳ם גאַנצען מיעדקייט, און אינ׳ם הונגער. עס האָט איהם אויפגעטראָגען פון דעם שטוהל, און ער האָט גענומען ארומשפּאַנען איבער דער שטוב בייסענדיג די האָר פון די וואָנצעס, און די נעגעל פון די פינגער. ער האָט ארומגעשפּאַנט אזוי האַסטיג, אז ער האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך

די שטוהלען פון דער שטוב, און איז אריין מיט א פוס אין שפיי־קעסטעל...

ווען עס איז שוין געווען גאנץ שפעט, האָט ער דערהערט א הילכיגען פרעהליכען געלעכטער אויף די טרעפען.

— צום טייפעל, דאָס איז זי! — האָט ער א בורטשע געטהאָן נערוועז, — אָט זי געהט שוין!...

די פרוי'קע איז אריינגעלאָפען א לעבעדיגע, א פערפוצטע, און אויסגעפודערטע, נאָך איהר איז נאָכגעגאנגען א בלאָנדער, אויסגעוויקסטער יונגערמאַן, מיט א לאַנגער, אויסגעבויגענער נאָז.

— דאָס איז מיין מאַן... און דאָס איז הערר שפערלינג, דער בעוואוסטער לעקטשורער... — האָט זי זיי פאָרגעשטעלט איינס פאַר'ן צווייטען, און די אויגען האָבען ביי איהר געגלאַנצט פון פערגעניגען...

— איך... איך האָב די עהרע!... — האָט דער אגענט אויס־געשטרעקט א ציטערדיגע האנד צו שפערלינג'ען דעם לעקטשורער.

— עס פרעהט מיך זעהר!...

— אָך, האָט אונז היינט הערר שפערלינג געגעבן א לעק־טשור! — האָט איהם די ווייבעל גענומען לויבען מיט בעגייסטע־רונג. — איך זאָג דיר א מייסטערווערק! טהוט אייך אוים, הערר שפערלינג, ווערט היימיש. אָט וועלען מיר באלד טרינקען טהעע.

— וואָס מיר טהעע.... מאך בעסער... עפּעס עסען! — האָט דער הונגעריגער אגענט געמאכט א פאָרשלאַג. — איך... זיי... זיי מוזען דאָך וועלען עסען!...

— ניין, מיר האָבען ערשט געהאַט אַן אויסגעצייכענטען מאָהלצייט אין רעסטאָראַנט — האָט איהם די פרוי בערוהיגט. זיצט, אָט־אָ־דאָ־אָ, הערר שפערלינג... — איהר ווייסט דאָך, אז איך האָב שוין אמאָל אייך געהערט לעקטשורען, נאָך ווען מיר האָבען געוואָהנט אין פילאַדעלפיא, דאָס איז געווען מיט א יאָהר פינף צוריק...

די פרוי'קע איז אוועקגעלאָפען אין קיך אריין צושטעלען טהעע, און דער הונגעריגער, מיעדער אגענט, דורכשטעכענדיג זי מיט די בליקען, איז איהר נאָכגעגאנגען.

— איך... איך בין הונגעריג!... מיך ציהט צו דער ערד! —

האָט ער איהר אין קיך איינגערוימט א סוד — איך שטאַרב עסען!...

— עס איז נישטאָ גאָר ניט אין הויז און אַלע קראָמען זיי־נען שוין פערמאַכט — האָט זי זיך איילענדיג שטיל ענטשולדיגט.
— וואו זאָל איך דיר נעהמען אזוי שפּעט עסען?... גיה אריין אין זאַל, ווי לאָזט מען עס אזא גאַסט אַליין!....

דער אָרימער אגענט איז נעביך מיט צייהן־קריצעניש אריינ־געגאנגען צוריק אין זאַל און האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש.

מען האָט דערלאַנגט טהעע. שפּערלינג האָט דערצעהלט מעשיות, מיט אנקעדאָטען. די מאַדאַם גרינבערג האָט געלאַכט און געקוואַלען. פון די מעשיות איז ע ראַרויף אויף וועלט־פּראָ־גען, אויף וועלט־פּראָבלעמען.

און דער הונגעריגער, מיעדער אגענט איז געזעסען. עס האָט איהם געקלונגען אין די אויערען. די אויגען זיינען געווען ווי אנגעשאָטען מיט זאַמד.

דער מאָגען קאַטאַר האָט זיך איהם צושפּיעלט, ער האָט דער־פיהלט אָט־אָט און עס קעט זיך איהם דאָס חיות. ער האָט גע־זופּט א גלאָז טהעע. האָט זיך געהאַלטען ביים בויך און אין קאָפּ האָט זיך איהם געטומעלט די שווערסטע פון אַלע פּראָבלעמען: ווי אזוי ווערט מען פּטור פונ'ם לעקטשורער און ער זאָל זיך קענען אריינוואַרפען אין בעט אריין אָפּרוהען...

א מאָדנע חשבון.

די שטיינס זיינען מאַטעריעל גאַנץ געמיינע מענשען, גע־בעך.

שטיין אַליין — זאָל ניט אויסגערעדט זיין — איז א קנאָ־פּער פערדיענער: צעהן, צוועלף דאָלאַר א וואָך, און די פאַמיליע איז, קיין עין הרע, א היבשע, פינף קינדערלעך, זאָלען געזונד זיין...

פערשטעהט זיך, אז קיין איבריגס קען מען זיך ניט פערגי־

נען. אַלעם מוז זיין אויסגעמאָסטען, און אויסגערעכענט. מען מוז זיין אויף דער וואך...

און די שטיינס האָבען צווישען זיך כמעט יעדען טאָג רעכענונגען.

די רעכענונגען קומען פאָר אויף א גאנץ געוועהנליכען אופן: באַלד נאָך דער וועטשערע זעצט זיך מיסטער שטיין אוועק ביים טיש, און נעהמט זיך צו דער בוכהאַלטעריע. ער נעהמט ארויס א ביכעל מיט א בלייפעדער. די מאדאם שטיין זעצט זיך אוועק ביי דער זייט. מאדאם שטיין זאָגט, און דער מאן פערשרייבט: דעם שפייז־קרעמער, דעם קצב, דעם מילך־מאן, דעם אייזמאן, דעם קוילמאן, דעם פעדלער, דעם אגענט; דעם אזוי פיעל, יענעם אזוי פיעל... נאָכהער ציהט מיסטער שטיין אונטער די הוצאה, מאכט א חיסור פון דער הכנסה... און פונ׳ם באַלאַנס בעשליסט מען, ווי אזוי ווייטער אָנצוגעהן — א גאנץ געוועהנליכע רעכענונג...

עטליכע טעג אין מאָנאט האָבען אָבער די שטיינס צווישען זיך א גאנץ אַנדער רעכנונג. די רעכנונג קומט אוים הינטער פערשלאָסענע טירען, אָהן א בליי־פעדער, אָהן פאפיר, און כמעט אויף שטום־לשון...

זוען די שטיינס זיינען שוין אויסגעטהאָן צום שלאָפען געהן, און מען פערדרעהט שוין די גאַז, גיט שטיין א פרעג אין דער פינסטער, אָהן ווערטער: „וואָס הערט זיך?”...

די מאדאם שטיין פערשטעהט שוין, וואָס ער מיינט.

— גאָר ניט, נאָך ניט — ענטפערט זי...

— וואָס הייסט, נאָך ניט? ווערט שטיין ווי ברוגז׳לעך.

— איך וויים, וואָס הייסט, מסתמא זיך ניט געחים...

— וואָס ניט געהיט! אָט האָסטו דיר!...

— נו, זעהסטו דאָך...

— מסתמא נאָך ניט די צייט...

— אפשר...

— וואָרט, פון ווען?...

— דו ווייסט דאָך פון ווען...

— פון...

— פון...

און מאַן און ווייב פערקנייטשעןביידע די שטערענס אין דער פינסטער און רעכענען....

איפערזוכט.

קיין בעווייזע, קיין דירעקטע בעווייזע, הייסט דאָס, האָט ער ניט געהאַט. ער האָט געבויעט השערות, געצויגען שליסע, און אָט דיעזע השערות, דיעזע שליסע, האָבען עס איהם געבראַכט דערצו.

און בעשולדיגען האָט ער, איינענטליך, געהאַט נאָר זיך אליין. ער אליין, — האָט זיך איהם געדאַכט — האָט אויפגעוועקט אין איהר דעם גאַנצען אינטערעס צו איהם.

צום ערשטען מאָל, ווען זי האָט אָנגעהויבען צו ארבייטען פאַר דער לעבענס־פערזיכערונגס געזעלשאַפט, געדענקט ער, האָט זי געערדט וועגען איהם גאַנץ גלייכגילטיג. מסחר אנגעלעגענ־הייטען און ווייטער גאָר ניט. ער ארבייט, זי ארבייט, איז מען בעקאַנט, דאָס געשעפט פאָדערט עס. און ווען ער האָט איינמאָל אבענד צייט, דאָס ערשטע מאָל, אָבגעשטאַטעט א וויזיט, האָט דאָס אויך געטראַגען דעם זעלבען כאַראַקטער; דאָס צעטעל אי־בערנעהמען פון די קונדען, וועלכע זיינען אריבער אין זיין געגענד. געשעפט, דאָס אלעס.

נו, זיצט מען דערווייל, און מען טרינקט א גלאָז טהעע, ווערט א שמועס, און עס צייגט זיך ארויס, אז טראָץ זיין ניט אָנגעזעהענע פיגור, איז ער א זעהר אינטערעסאַנטער יונגערמאַן. בעלעזען און מיט א געזונטען פערשטאַנד. רעדט מען, דעבאַטירט מען וועגען פערשיעדענע זאַכען, פערשיעדענע אידעען, און מען פערזיצט זיך שפעט, גאַנץ שפעט.

ביים בעגלייטען, האָבען זיי איהם ביידע בעגלייט, ביידע גלייך. יאָ, ביידע האָבען זיי איהם געבעטען אָפט, גאַנץ אָפט אריינקומען. „קומט אריין יעדען אָבענד, ווען איהר האָט נאָר

צייט, ווילען מיר רעדען, פערברענגען אמאָל". ער האָט דאָס איהם געבעטען, געוויס ער, ער געדענקט דאָס, און זי האָט אויך נאָכ־געזאָגט, אבער בלויז נאָכגעזאָגט. יענעם אבענד, געדענקט ער, האָט ער זיך ניט געקענט אבוואונדערען פון איהם. דאכט זיך אויפ'ן אויסזעהן א גאָר ניט, און געה וויים, עס איז דאָך א חיות מיט איהם צו רעדען.

און זי האָט אויך אונגעפעהר דאָסזעלבע נאָכגעזאָגט, א טהיי־ערער יונגערמאן, א וואוילער...

און ער האָט אָנגעפאנגען עפטער אריינצוקומען, אפט, גאַנץ אָפט, כמעט יעדען אָבענד. און שפעט, גאַנץ שפעט אָבזיצען, ביז צוועלף, ביז איינס און מאנכעס מאָל נאָך שפעטער.

א טאָג נאָך א טאג, א וואך נאָך א וואָך. ביי איהם איז דאָס שוין איבערגעגאנגען: צוגעוואוינט געווארען און גאָר ניט. א פיינער יונגערמאן, אבער קנאפ פיינע יונגע לייט זיינען פאראַ־נען?

און זי, ביי איהר האָט ער בעמערקט, שטייגט דער אינטערעס פון מאָל צו מאָל, יעדען אבענד געפינט זי אנדערע מעלות.

— וואס זאָגסטו? וואס זאָגסטו? זי קען זיך גאָר ניט אָבוואונדערען. אזא טהייערער יונגערמאן! אזא וואוילער! און די ליפען, דערקענט ער, קלעפען זיך איהר אזש.

קומט ער ניט איין אָבענד, געהט זי ארום, זעהט ער אין איהר, ווי צומישט. זי קען זיך גאָר קיין ארט ניט געפינען. דאָס איז ניט גוט, דאָס איז ניט אם פּלאַץ, און זי איז אין כעס, ברוגז אויף דער גאנצער וועלט....

ער האָט דאָס ווייטער שוין ניט געקענט אריבערטראגען, ער האָט דאָס איהר געזאָגט, עס הייסט, ניט געזאָגט, אָבער כמעט ווי געזאָגט. זי האָט דאָס פערשטאַנען...

— נו, איז וואס? — האָט זי געענטפערט, — א פיינער יונ־גערמאן, ניט אמת? ביזט דאָך אליין געווען אזוי בעגייסטערט

פון איהם! — דאָס האָט געהייסען א שפּאַס אזעלכער, אָבער דער שפּאַס האָט איהם געשניטען ווי מיט מעסערס... נור גאר ניט, ער האָט אויך געשפּאַסט, זאָל הייסען א שפּאַס דער גאנצער עסק. ער האָט זיך פּשוט געשעהמט פאר זיך אליין. אייפער־זוכט? ער זאָל זיין אייפערזיכטיג? פוי, מיאוס, נידעריג!

און ער קומט אלץ אריין יעדען אבענד, אבער ער קען שווע־רען אז ער קומט שוין טאַקי נור צו איהר, צו איהר אליין...

ער בעמערקט אז ער שטעהט זיי שוין גאר אין וועג. ווען ער קומט אריין, זעהט ער, אז ער שלאָגט זיי איבער. א וועלט מיט רייד האָבען זיי... און די אויגען, די אויגען שפּראַך דאַרף מען איהם שוין ניט לערנען...

גאַנץ אָפט, ווען ער קומט אריין, בלייבען זיי אין א פער־לעגענהייט. ער גיט זיך דאן א זאָג אָב א איראָנישען וויץ, אזוי, אז זיי זאָלען דאָס פיהלען, און זיי פיהלען דאָס, ער בעמערקט דאָס אין זייערע קאָלירען, אבער ער שעהמט זיך בעת מעשה אליין פאר זיין איראָניע. פאר א פּאַיאַץ פערשטעלט ער זיך. אזוי קליינליך, אזוי נידריג... פוי, ווי עקעלהאַפט!

און עס איז געקומען אן אבענד, אן אומעטיגער, א מרה־שחורה'דיגער אבענד איז דאָס געווען. אויפ'ן הארצען האָט עפּעס גענאַיעט, געפּרעסט, געדריקט. און עס האָט זיך געוואָלט, אז די וועלט, די גאַנצע וועלט זאָל איינזינקען אין א מרה־שחורה...

און אין דעם אָבענד האָט ער זיי געטראָפען... גע־טראָפען! ער וואָלט געמעגט שווערען... און מעגליך אז דאָס האָט איהם זיך נאָר אויסגעדאכט... אָבער אזא מין לאַכען... אזוי חצופה'ש לאַכען!... און ער איז ארויס פון געדולד, ער האָט זיך פערלוירען... ער געדענקט ניט די ווערטער, אָבער שאַרפע, זעהר שאַרפע ווערטער, האָבען זיי געמוזט זיין...

פון דאַן אָן איז ער שוין מעהר ניט געקומען. פינף אבענדען זיינען שוין פון דאַן אוועק און מען זעהט איהם ניט, און אָט דאָס ערגערט איהם איצט מעהרער פון אלץ.

נאָך מעהר ערגערט איהם איהר גלייכגילטיגקייט, גלייך ווי עס וואָלט גאָר ניט פּאסירט... „גראָבער יונג" — דאָס אַלעס וואס זי האָט איהם אָנגערופען דאמאלסט. און זי האָט גאָר געלאכט. הייסט דאָס, עס קימערט זי גאָר ניט... אבער איהם וועט מען ניט נארען. ער בעמערקט שוין אין איהר בענעהמען זיך, אין איהרע אויגען, אינ׳ם געזיכט, ער בעמערקט שוין וואו זי האַלט...

אמאָל קומט זי אהיים א פערטראכטע, א פער׳מרה שחורה׳־טע, רעדט ווייניג און איז ברוגז...

און אמאָל קומט זי א פרעהליכע, מיט א פערפלאמט גע־זיכט, טאנצענדיג, שפּרינגענדיג, פול מיט רייד, און גוט, אזוי גוט...

אָפט מאָל קומט זי ניט אין צייט. זי פערשפּעטיגט זיך... די אויגען איהרע קוקען דאן אוים צומישט... די געזיכטס־ציגע זעהען עפּעס אוים מאָדנע צושראקען, ווי זי וואָלט זיך פיהלען אין א פערברעכען...

ווער ווייסט, ווער קען וויסען צו וואס ער האָט זיי געטרי־בען?... פרייע, פרייע מענשען זיינען זיי ביידע, ביידע אָנגע־שטעקט מיט פרייע געדאנקען, פאר גאָט, פאר א גיהנום האָבען זיי ביידע קיין מורא ניט...

און טענות, טענות צום פאמיליען לעבען האָבען זיי אויך גענוג. און פילייכט גערעכטע טענות...

איהרע טענות איבערהויפּט: די בעל הבית׳טע אין הויז איז זי, די קעכין, די דיענסט, א וועשערין, די מוטער צו די קינדער, און די פערדיענערין, די פרנסה־געבערין אויך זי...

די פרנסה, די פערדיענסטען איהרע, אָט אין דעם ליעגט, איי־גענטליך די גאנצע צרה, און ווער איז שולדיג? ער, ער אליין האָט דאָס איהר געצייגט די קראַפט איהרע...

א פעהיגע, זעהר א פעהיגע פרוי איז זי. פול מיט לעבען, מיט ענערגיע. פערטראַכט זי א זאך, מוז דאָס גלייך דורכגעפיהרט

ווערען... און ער האָט ניט בעדארפט, ניט געטאָרט דערלאָזען, אז זי זאָל זיך דערוויסען פון איהר קראַנקהייט. מעהר אָבהענגיג וואלט זי גענדארפט זיין, מעהר עקאָנאָמיש געבונדען...

און דאָס האָט געבראכט זיין פוילקייט און נאכלעסיגקייט. דער מסחר איז איהם ניט געפעלען. יענער האָט ניט געפּאסט, און דער ניט פאר זיינע כחות... איינגעשמועסטע תירוצים... אין אמת'ן ווייסט ער אליין ניט, עפּעס א פוילקייט ליעגט אין איהם, אינ'ם בלוט זיינעם. ער ליידעט, ער ליידעט שרעקליך דערפון, און דאָך קען ער זיך ניט העלפען...

און זיי האָבען געליטען. די גאנצע פאמיליע האָט געליטען דחקות, שרעקליכע דחקות...

און דאָס האָט זי געבראכט, געצוואונגען צו פּרובירען איהרע פעהיגקייטען... עס האָט איהר, ווי עס איז געווען צו ערווארטען, געלונגען. זעהר געלונגען, און זי האָט זיך דערפיהלט פריי, פאָל־קאָמען פריי...

און וואס? וועלכע פליכטען זאָל זי אָבהאלטען?...

ביים ווארט „פליכטען" רייסען זיך איבער זיינע געדאנקען און עס נעהמען זיך ניט וויסענדיג פון וואנען, ציהען ווי אויף א שנירעל, עראינערונגען פון זיין אייגענעם לעבען.

ער האָט אמאָל, קומט איהם אויף דער מחשבה, אויך ליעב געהאט א לעב צו טהאָן. אבי עס האָט זיך נאָר געמאכט א גע־לעגענהייט. געמאכט א געלעגענהייט? און אז עס האָט זיך ניט געמאכט, האָט מען שוין געפונען א געלעגענהייט. חברה האָט שוין איינער דעם צווייטען ניט געלאָזט פאלען...

דאן האָט ער נאָך געהייסען דער פּרנסה געבער... עס האָבען זיך, הייסט עס, נאָך געדרעהט אין קעשענע א פּאָר פערבליבענע הונדערטער פונ'ם נדן... און א לעב טהון פלעגט דאן שמעקען מיט געלד. מיט היבשע געלד טאקע... איבערהויפּט דאן, ווען ער האָט זיך פערטשעפּעט מיט דער לעצטער, מיט דער מאדאם טרוס־ניק, הייסט דאָס...

ביי דער מאדאם טרוסניק איז אויך געווען די זעלבע צרה. ער, דער הערר טרוסניק, איז געווען א מין זארט זיידענע שמאַטע, א גאנצער מושלם, און צו גאָר ניט געטויגט. א מויל־העלד. האָט ער גערעדט פון אלעס. געוואוסט פון אלעס, געזאָגט מיינונגען איבער אלעס, צוצופאסען זיך אָבער צום לעבען, וויסען פון וואַנען און ווי אזוי נעהמט זיך א קאָפּיקע פערדיענסט, דערצו איז ער געווען א לא יוצ לח,אן אמת׳ער טויגעניכטס...

און זי האָט דאָס געפיהרט די גאנצע אכסניא, געהאנדעלט מיט פריצים... א ווייבעל א קאָזאק...

חברה פלעגט זיך צוזאמען קומען, מען פלעגט שפּיעלען א זעקס און זעכציג מיט דער מאדאם, די מאדאם פלעגט זיך חן׳־דלען, און ער, דער גולם, פלעגט זאגען וויצען, אז אַך און וועה צו זיינע וויצען דענסטמאָלט.

יענע האָט אָבער פאר יעדען קלענסטען פערגעניגען זיך געלאָזט גוט בעצאָהלען... א קוש האָט געקאָסט געלד... ווער שמועסט אז...

אזוי נאָהענט איז ער, אמת, מיט איהר געווען בלויז איין מאָל, און דאָס האָט איהם אָבגעקאָסט א פינף און צוואנציגער, דער לעצטער פינף און צוואנציגער פונ׳ם ווייב׳ס נדן... דאָס האָט געהייסען אביסעל צו פיעל... אבער דער פערגעניגען, עס שמעקט נאָך אצינד, דאכט זיך איהם, דער לײדענשאפטליכער גערוך פון איהר קליין מײלכעל... ער פיהלט נאָך איצט אַרום זיך די ווייכקייט, די וואַרעמקייט פון איהר נאַקעטען שעהנעם קערפּער... דאָס בעוועגען זיך פון איהר רונדען בוזעם... דאָס לאַשטשען זיך, דאָס צופּרעסען זיך... וואס פאר א פערגעניגען, וואס פאר א טיפעלשער פערגעניגען...

עס גיט איהם פּלוצים א שלאָג א געדאנק, און ער גיט זיך א כאפּ ווי אן אונטערגעשאָסענער, און... און... נו, און זי ?! וואו איז זי דען ?! וואו איז זי אצינד ?!

ער גיט א בליק נערוועז אין גאס. ניטאָ! מען זעהט ניט!

מען זעהט זי ניט, אזוי שפעט!... ווי שפעט זאל יעצט זיין?...
ער גיט א קוק אויפ'ן וואנדזייגער, די ווייזערס מיט די ציפערען
נעהמען ארומטאנצען פאר די אויגען: זיעבען... אכט... נייו...
צום טייוועל! ער קאן קיין עק ניט דערגעהן... ער כאפט ארויס
דאס קעשענע זייגערל, האלב... ווארט, יא, האלב נאך זיעבען...
נייין, א טעות, שוין צוואנציג מינוטען צו אכט!... אזוי שפעט!
און וואו איז זי?!...

און איהם נעהמט זיך פארשטעלען א צימער אין א האטעל,
א בעט, קושען, קלינגענדע קושען... א האליובען זיך... לאשטשען...
דריקען... פרעסען... זיך איינעסען... איינגראבען... איינגראבען אין
קערפער.. או... אום... אום!... ער ווערט משוגע, וואו... וואו איז זי
— ער וועט זי דערשטיקען! דערשיסען!... ער מוז... ער מוז!...
און... און... אט... ווארט... אט... אט געהט זי... אט געהען זיי ביי־
דע!... זיין געזיכט ווערט צוזאמענגעצויגען, די אויגען שיסען מיט
פייער, ער פערקריצט מיט די ציינער, עס קרעמפפען זיך צוזאמען
די פויסטען... איכ'ל!... איך!...

אבער וואס פאר א הייסער שמועס צווישען זיי... ווי זיי טענה'ן
דאס ביידע מיט די הענד!... ער גיט א ריס האסטיג דאס פענס־
טער און שטעקט ארויס דעם קאפ אין גאס...

„מילא, נו", — טענה'ט זי אויפגערעגט, — „עס איז אלעס
כדאי, אבי צו האבען א לעסאן, זיך ריכטען אז איהר זאלט זיין
פעהיג אויף אזא קליינליכקייט, געהן זיך אונטערלעקען צו מיינע
קונדען און אזוי ארום ביי מיר ארויסרייסען דעם ביסען... פע.
איהר מעגט זיך שעהמען!... — זי גיט א שפיי, לאזט איהם אי־
בער און געהט אריין צארענדיג אין הויז...

עס לאזען זיך ביי איהם אב הענד און פיס, ער ווערט בלאס,
אויפ'ן הארצען ווערט עפעס גוט, אזוי גוט, עס ווילט זיך איהם
לויפען איהר אקעגען, זי ארומכאפען קושען, קושען... זיך ענט־
שולדיגען, פאלען אויף די קניע פאר איהר... אזא דומקאפ, אזא
אידיאט ווי ער איז געוועזען... איהרע טריט הערען זיך נעהענ־
טער, וואס אמאל נעהנטער. — און ווי — גיט איהם פלוצים ווי־

דער א בליץ א געדאנק, און ווי איז, אז דאָס איז בלויז אן אָנ־שטעל, אן אָבגעמאכטע זאך. נו יא, געוויס איז דאָס אן אָנשטעל. געוויס... — ווערט דער געדאנק וואס אמאָל שטארקער. — גע־וויס, געוויס. דאָס איז אן אָנשטעל. זיי נארען איהם. געוויס נארען זיי איהם. — ער נעהמט בייסען די נענעל, די עקען פון דער באָרד, דאָס געזיכט ווערט וויעדער פערוואלקענט, און אז זי קומט אריין. ווארפט ער אויף איהר א משונה'דיגען בליק און אנט־לויפט אין צווייטען חדר...

זיין וואפע.

א.

ווען זאלמאָנאָוויטש האָט שבת צו די שכרות געקראָגען זיין קאָנווערט מיט'ן אויפשריפט אויבען: 24 דאָלאר מיט 74 סענט, האָט זיך ביי איהם דאָס הארץ כמעט א הויב געטהאָן פאר שמחה.

— פיער און צוואנציג דאָלאר מיט פיער און זיבציג סענט! דאָס איז א מטבע, עס איז רוסישע פופציג רובעל און פילייכט נאָך מיט אן עודף. דאָס רוסישע רובעל זאָגט מען ליעגט היינט ניין היילען אין דער ערד.

זאלמאָנאָוויטש איז שוין אין אמעריקא, מיט זיין פאמיליע געוועזן ניט קיין נעכטיגער. בלויז ביי דער לעצטער מלאכה ביי זיינער, ביי די פרויען מאנטלען אליין, האָט ער שוין געהאט גע־ארבייט אן ערך פון פיער און א האלב יאָהר, חוץ די ערדשטע פאָר יאָהר וועלכע זיינען ביי איהם אוועקגעגאנגען גלאט אזוי אין אויס־פרובירען דאָס מזל... צוזאמען אלזא, האָט עס געהייסען א קימא לן פון א יאָהר זעקס, שטארקע זעקס יאָהר, און ווי קומט עס, וואָס נאָך אזא צייט, זאָל זאלמאָנאָוויטש זיך פלוצלונג דערמאָ־נען אויסצורעכענען די פערדיענסטען זיינע, נאָכ'ן קורס פון רו־סישען רובעל? איז אין דעם געוועזן שולדיג זיין „גרינער" לאנדס־מאן דודל הורוויץ?

אין דער היים האָט זאלמאָנאָוויטש, מיט דעם לאנדסמאן מיט

זיינעם, געהאַט גאָר אַ קנאַפּע שייכות. וואָרום, באמת, מה מחותני?

ער, זאַלמאַנאָוויטש, הייסט עס, איז זיך געווען אין דער היים אַ יונגער מאַן אַ סוחר, ארומגעפאָהרען איבער די דערפער קוי־פען תבואה, פלאַקס, מעהל, חזיר האָר — אַ סוחר, אַ וועלט מענש.

און יענער איז געווען אַ יונגער מאַן, ווי מען זאָגט, אַ לעדיג געהער, געלייענט גאַזעטען, ביכלעך, אין זינען געהאַט חברות, און נאָך אַזעלכע שמאָכטעס, אַ לעהרעריל אין שטעדטעל געווען, און מען האָט געשמועסט אַז ער שרייבט אריין אין די גאַזעטען — דאָס שטיקעל שייכות וואָס ער האָט מיט איהם געהאַט דאַרטען איז דאָס געווען צוליעב ברײינדלען.

זיין ברײינדעל האָט פון תמיד אָן געהאַט אַ טבע, ביי יעדער קלייניגקייט אריינצוקומען מיט'ן יחוס מיט איהרען. דער טאַטע, דער זיידע איהרער, סאַמע מיוחסים. וואָס מיינט איהר איז געווען דער יחוס מיט זיי? קבצנים, דלפנים, נאָר גדלנים. פּאָליאַקען, האָנאָר, הייסט עס, האָבען זיי געהאַט. און צווישען דעם יחוס פלעגט ברײינדעל אויך ליעב האָבען אריינצורעכען דוד'לען.

דוד'ל איז מיט איהר אַ שלישי ברביעי, אַ גליעד גליעד שוועס־טער קינד, דעם פערד'ס בייטש'ס שטעקעלע, הייסט עס. נאָר מיידעלוויז האָט ער איהר געגעבען אוראַקען און וואָס נאָך, ער האָט זיך גע'שרכנ'ט צו איהר, האָט זי זיך בעריהמט.

נו, אין דער היים, אַז ער האָט געוואָלט האָט איהם נאָך די מעשה הנאה געטהאָן. אַלץ מעהר יחוס ווי אַ שוסטער, אַ שניי־דער זאָל זיך געווען צו איהר שדכנ'ען און ער פלעגט צו צייטענס אַליין מיט אַ כיוון נעהמען פערציהען מיט ברײינדלען אַ שמועס אַז עס זאָל ארויפקומען אויף דוד'לען. וואָס האָט איהם געאַרט? ברײינדעל, האָט ער געוואוסט, איז זיינע. און ער האָט ליעב גע־האַט צו זעהען ווי זי פלעגט זיך אַזוי צורעדען וועגען דוד'לען מיט התלהבות, מיט אַ ברען, ווי די אויגען פלעגען נעהמען פינקלען, די באַקען פלאַמען, שעהן מאַדנע שעהן, פלעגט זי דעמאָלט אויסזעהן,

און ער פּלעגט זי בעת מעשה געבען אַ קניפּ, צי טאַקע גאַר אַ קוש, — אַ יאַ, דו זעהסט, אַז עס איז בעשערט — פּלעגט ער שפּאַסען — אַט האָב איך אויסגעכאַפּט דעם טאַטער, בעשערט איז בעשערט.

דאָס איז געווען אין דער היים.

דאָ אין אַמעריקאַ אָבער האָט דער ענין גענומען אַנדערש ווערען.

תחילת, ווען ער האָט געהערט פון פרעמדע, אַז עס איז אַ סברה, אַז דודל זאָל קומען קיין אַמעריקאַ, האָט איהם אדרבה, די זאַך אויך אַביסעל הנאה געטהאָן. ער איז שוין דענסטמאָל גע־ווען אַ גאַנצער אַמעריקאַנער. געאַרבייט, הייסט עס, מיט צוויי „גרינע" אַרויסהעלפערס, און ביים בעל הבית געווען אַ גאַנצער מיוחס... איז גאַר ניט, זאָל ער קומען. ער איז חלילה גאַר נישט אויסען געווען, זיך וועלען בעריהמען פאַר ברײנדלען, הייסט עס, אַז דודל וועט זיין ביי איהם אַן אַרויסהעלפען — חלילה וחס, נאָר גאַר ניט. אַזאַ יונגער מאַן גלאַט איז כדאי אַרויפצופיהרען אויף אַ שטיקעל דרך. אַז מען איז בכח, פאַר וואָס ניט? עס האָט איהם גאָר פערדראָסען אויף ברײנדלען וואָס זי האָט איהם געוואָלט אויסברענגען הייסט עס, אַז דוד וועט גאָר אין אַמערי־קאַ קיין בעל מלאכה ניט זיין.

נאָר נאָכהער, ווען ער האָט פּלוצים אין אַ שעהנעם פריה מאָרגען גאָר אַריינגעקראָגען אַ בריעף פון דוד'לען, אַז ער זאָל איהם קומען אַרונטערנעהמען פון דער שיף האָט איהם אָנגעפאַנ־גען דער עסק עפּעס ניט צו שמעקען! וואָס האָט ער איהם אָב־געזוכט אין אַמעריקאַ? קאַרג לאַנדסלייט פאַראַן? קאַרג קרובים?

בעזונדערס האָט איהם ניט געשמעקט וואָס ברײנדעל האָט זיך עפּעס אַזוי צוקאָכט. דער בריעף איז געווען געשריבען צו ביידען, צו איהם און צו ברײנדלען און ער האָט בעמערקט אין ברײנדלען אַ מין שמחה, גלייך ווי זי וואָלט עפּעס אַן אוצר געפונ־נען. זי האָט זיך גאַר מיט איהם קיין סך ניט גע'עקשנ'ט ווען ער האָט געפּרובט זיך אונטערזאָגען, אַז ער וועט קיין צייט ניט האָבען

פאהרען איהם ארונטערנעהמען פון שיף. נו, וועט זי אליין פאה־
רען, האט זי באלד געפונען אן עצה, און סע האט אויסגעוויזען,
ווי עס וואלט איהר נאך גאר הנאה געטהאן וואס ער וועט ניט קע־
נען פאהרען.

אין פאבריק, האט פון דעסטוועגען זאלמאנאוויטש, זיך גע־
האלטען אין איין ריהמען מיט'ן לאנדסמאן מיט זיינעם. א לאנדס־
מאן וואס וועט פערשטופען אלע אמעריקאנער שרייבער פון די
גאזעטען אין הרובע... א יונגערמאן א צאצקע.

פאר א פאר נאהענטע גוטע ברידער האט ער זאגאר דער־
צעהלט אז דער דאזיגער לאנדסמאן זיינער האט זיך א מאל גע'־
שדכנ'ט צו זיין ווייבעל.

ווארום ער האט דאס דערצעהלט, האט ער זיך קיין חשבון
ניט אבגעגעבען. פונקט ווי ער האט זיך ניט אבגעגעבען קיין
חשבון, ווארום ער האט בעת אין דערצעהלען אזוי געקוקט די גו־
טע ברידער אין די אויגען, ווי ער וואלט ערווארטעט פון זיי,
זיי זאלען איהם עפעס בעראטהען... ער האט געפיהלט אז עפעס
בעאונרוהיגט איהם, און ער מוז רעדען, ער מוז דערצעהלען.

און נאכהער, ווער ער איז געקומען א היים, און ברײנדעל
איז איהם גלייך אנטקעגען געקומען, אזוי בעגייסטערט וועגען
דוד'לען, האט ער זיך שוין מעהר ניט געקענט איינהאלטען.

— אן עק, א סוף, דודל און דודל! דער רב קומט קיין אמע־
ריקא, געזעהן אזעלכעס, זי קען גאר ניט פערגעסען — האט ער
זיך צובייזערט.

ב.

פאהרען ארונטער נעהמען דוד'לען פון שיף, איז טאקי זאל־
מאנאוויטש'ען אויסגעקומען שווערליך. ווייל ער איז גראדע דעם
טאג געווען פערווארפען מיט ארבייט איבער'ן קאפ. פון דעסט־
וועגען האט זאלמאנאוויטש אוועק געלעגט אלע ארבייטען, און איז
געפאהרען מיט ברײנדלען, אט גאר ניט, א ווייבעל אליין... עס
האט עפעס ניט קיין אויסזעהן עס איז... עך, כאפט עס דער טײ־
וועל, די ארבייט וועט ניט אנטלויפען!...

אויפ'ן וועג האט ער געפרובט געבען ברײנדלען צו פערשטעהן

אז עס וועט ניט זיין וואו זיך אהינצוטהאָן, ובפרט מיט א פרעמ־דען מענשען. עס וועט זיין ענג.

ברײנדעל האָט זיך אָבער געמאכט ניט וויסענדיג.

— מען וועט שוין זעהן שפּעטער — האָט זי געזאָגט.

דערווייל האָט מען דוד׳לען אריינגענומען אין הויז.

די ערשטע אכט טאָג, איז זאַלמאַנאָוויטש׳ען געוועז שרעק־ליך, לאַנגוויילִיג איינצוזיצען אין פאבריק. ניט חלילה מחמת עפּעס. נאָר גלאַט אזוי... ווײס איך, א לאַנדסמאַן, א גרוס פון דער היים, פונ׳ם שטעדטעל.

עס האָט איהם נאָר געוואונדערט, וואס כסדר טרעפט ער זיי פערשמועסט, עס שעפּט זיך ביי זיי גאָר ניט אוים די רעד.

נאָך די אכט טאָג, ווען זאַלמאַנאָוויטש האָט אריינגענומען דוד׳לען צו זיך אין דער פאבריק וואו ער האָט געארבייט, איהם צו לערנען די מלאכה, האָט זאַלמאַנאָוויטש באלד אָנגעהויבען נביאות זאָגען, אז פון דוד׳לען וועט קיין בעל מלאכה ניט זיין.

יעדען אבענד, ווען ער פלעגט קומען אהיים, פלעגט ער בסוד דערצעהלען ברײנדלען, אז עס איז אן עבירה די מיה, ער איז א לא יצלח... לעהמיגע פינגער, און הלואי זאָל ער ליגען זאָגען, אז דער בעל הבית וועט איהם סוף כל סוף אוועקשיקען.

דוד׳ל האָט אייגענטליך אויך מודה געווען אז עס וועט פון איהם קיין ארבייטער ניט זיין: „די פינגער לעגען זיך ניט עפּעס, צום טייפעל!”

און גראָדע האָט זיך ביי זאַלמאַנאָוויטש׳ען דענסטמאָל גע־יאוועט א מורא׳דיגער חשק צו דער ארבייט.

איבערהויפּט האָט זיך ביי איהם דער חשק גענומען פער־שטאַרקערען, ווען דער בעל הבית האָט אין א שעהנעם פריה מאָר־גען מקיים געווען זאַלמאַנאָוויטש׳עס נבואה, און האָט דוד׳לען געהייסען מחילה נעהמען דעם דרך.

— יונגער מאַן, זעהט אייך עפּעס אן אנדער בעשעפטיגונג — האָט איהם דער בעל הבית געזאָגט — איהר פערנעהמט נאָר אומזיסט א פּלאַץ, עס וועט פון אייך קיין ארבייטער ניט זיין.

נאַטירליך, האָט זאַלמאַנאָוויטש געבעטען סטאַנציע פּאָר

איהם, איינגע׳טענה׳ט, הייסט עס, מיט׳ן בעל הבית. נאָר וואָס קען מען העלפען? אז דער בעל הבית איז דאָך גערעכט, האָט ער צוגעגעבען נאָכדעם ווי דוד׳ל איז ארויסגעגאנגען פון דער פאַב־ריק ווי אַן אָבגעשמיסענער.

— אָט האָסטו דיר דיין יחוס — האָט זאַלמאַנאָוויטש, קו־מענדיג דעם אויפדערנאָכט פאר פריה אהיים דערצעהלט צו זיין ברײינדלען — דאָס קען נאָר פלאַפּלען, דערצעהלען מעשיות, שריי־בען שמורגאַליצעס, פערדיענען אָבער א דאָלאר, איז ניטאָ קיי־נער אין דער היים... דערצו דארף מען טאַקע זאַלמאַנאָוויטש׳ען, פערשטעהסטו מיך, טאַקע נאָר זאַלמאַנאָוויטש זאָל לעבען און געזונד זיין!...

און זאַלמאַנאָוויטש האָט זיך פון דאַן אָן גענומען צו דער ארבייט מיט אזא התמדה, אז גראָדע דאַן ווען ביי דוד׳לען האָ־בען די „גרינע" שיך, דער „גרינער" ראָק, און די תחתונים, מחילה, זיך גענומען וואָס א וואָך מעהר אָבטראָגען האָט ביי זאַלמאַנאָ־וויטש׳ען די שכירות זיך גענומען וואָס א וואָך פערגרעסערען.

— וואָס טויג מיר אייער פּראָלעטאַריאַט? שמאַלעטאַ־ריאַט? צאַציליזם? און ווייסט דער טייפעל נאָך וואָס, וואָס טויג מיר די פילאָסאָפיע, וואָס טויג מיר? מען דארף זעהן א לע־בען צו מאַכען. וויסען פון וואַנען עס נעהמט זיך א דאָלאר — פלעגט זאַלמאַנאָוויטש ארײינפּאַלען, ווען ער פלעגט טרעפען דוד׳־לען מיט ברײינדלען פערטיעפט אין א שמועס — מיט באַרוויסע פיס, אָהן תחתונים, קען מען אנטקעגנען משיח׳ן ניט געהן, ארבייט מיידעלע!

און זאַלמאַנאָוויטש האָט געאַרבייט, און די שכירות איז גע־וואַקסען אזוי לאַנג ביז ער איז צוגעקומען צו אַט אזא סומע ווי 24 דאָלאר מיט 74 סענט.

ג.

ווען זאַלמאַנאָוויטש איז ארונטער פון דער פאַבריק מיט׳ן

קאָנוווערט, האָט זיך ביי איהם אין מח גענומען ארבייטען פלע־נער ווי אזוי ער זאָל דאָס איבערראַשען אין הויז מיט די שכירות.

ער מוז אויסטראַכטען אזעלכעס, אז עס זאָל ביי זייביידען אָבנעהמען דאָס לשון, „פאַר א גאַנצער פילאָסאָפקע האָט ער זי שוין געמאַכט”.

עס וואָלט געווען א פּלאַן, איז איהם איינגעפאַלען, אז ער זאָל אזוי מיט'ן וועג קויפען פאַר איהם א פּאָר שיך. בלויז א דאָלאַר מיט א פערטעל. עס וואָלט געווען כדאי. אָט הייסט עס: זעה, אָבעדריאַנקע, באָסיאַק, א פּאָר שיך דאַרף דיר יענער קויפען!

אָדער אפשר גאָר א פּאָר הויזען! כא, כא, כא! א שעהנע זאַך וואָלט עס געווען, ווען ער זאָל זיך אריינטראָגען אין שטוב אריין מיט א פּאָר הויזען פאַר איהם. ער וועט זיי נאַטירליך ניט וועלען נעהמען. די חברה זיינען דאָך נאָך האָנאָרעוועסטע, צו די צרות, עס וועט איהם ניט אָנשטעהן.... שעהן אָבער וואָלט עס געווען. זיי וואָלטען ביידע געבליבען זיצען און וואָלטען זיך אָנגעקוקט ווי די הענער.

— אָבער צו וואָס ווילען זיי טויגען נאָכדעם, די שיך מיט די הויזען זיינע? — האָט איהם איבערגעשלאָגען א געדאַנק — סיידען אויף א קאָץ זיי אָנטהאָן. אויך מיר א נפש.

און עס איז איהם ארויפגעקומען אויפ'ן געדאַנק אַן אַנדער פּלאַן. ארויספאָהרען זונטאָג ערגעץ, פערברענגען... פערפּוצען זיך מיט ברייגדלען, און איהם אויך מיטנעהמען, איהם מיט די צורי־סענע הויזען, מחילה, און אין די שיך אָהן פּאָדעשוועס.

דאָ איז איהם אָבער איינגעפאַלען א ספק, צי ברייגדעל וועט ווילען. זי וועט איהם ניט ווילען מבייש זיין, און ער איז גע־וואָרען אויפגעקאָכט פון כעס:

— וואָס הייסט זי וועט ניט ווילען? איבער אזא טרעמפּ טאָר מען שוין ניט האָבען א מאָל א ביסעל פערגעניגען? — און איהם האָט זיך געדאַכט, אז איהם ווילט זיך גאָר אָהן א שום

פּניה האָבען א ביסעל פערגעניגען. ווארום ניט? א גאנצע וואָך ליעגט מען אין פאבריק...

— אָבער ער וועט זיי אזוי אויך געגוג דערגעהן די יאָהרען — איז ער צום סוף געקומען צום בעשלוס — פיער און צוואנציג דאָלאר מיט פיער און זיבעציג סענט, דער גרינהאָרן וועט דאָס אויפ׳ן רוסישען קורס גאָר ניט קענען צוזאמענרעכענען... א קליי־ניגקייט, דער גביר ביי אונז אין שטעדטעל מאכט דאָס ניט אין א וואָך.

און ער איז אריינגעקומען אין הויז אריין, ער האָט פאַנאנדער געעפענט די טיר, איז מיט שטאָלצע טריט, האַלטענדיג מיט דער רעכטער האנד דעם קאָנווערט אין די הויזען קעשענע, צוגעגאנגען צום טיש, האָט אראָפּגעוואָרפען די העט, און זיך גענומען ארומ־קוקען איבער די חדרים.

דודל איז ניט געווען און ברײנדעל איז געווען פערטהאָן מיט׳ן צופערטיגען מיטאָג, און מיט׳ן גרייטען צום טיש.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף א שטוהל, האָט האַלטענדיג די האנד אין קעשענע אויסגעצויגען די פיס, און האָט אָפּגעצויגען ברייטלעך דעם אָטהעם.

— וואו... וואו איז ער ערגעץ? — האָט ער פארפלענדיג מיט דער האנד אין קעשענע א פרעג געטהאָן.

— ווער, דוד? — האָט ברײנדעל דערלאנגענדיג עסען צום טיש איבערגעפרעגט — דוד?

— דודל, דודל, — האָט ער איבערגע׳חזר׳ט שפּאָטיש — וואו איז ער? אודאי ביי דער חברה ביי זיינער, פערזארגט מסתמא ערגעץ די וועלט... כי, כי, כי! פערזאָרגט די וועלט!...

— וואָס לאכסטו? פערזארגט די וועלט. נו, איז וואס זשע איז דאָ פאַראן צו לאכען?

— וואָס איז דאָ צו לאכען, גאָר ניט, טאקע ניטאָ וואָס צו לאכען, א בחור קען זיך אליין ניט פערזארגען מיט א פּאָר הויזען און זארגט, כי, כי, כי! זאָרגט פאר דער וועלט.

— האָב קיין דאגות ניט, טראָג איהם ניט אויפ'ן קאָפּ, ער וועט שוין זיינס געפינען, האָב קיין יסורים ניט!...

— ווער טראגט איהם אויפ'ן קאָפּ, ווער? גאָר ניט. איך וואָלט נאָר געוואלט וויסען וואָלט איך, וואס א שטייגער וואלט אזא בחור געטהאָן אז ער זאָל האָבען א ווייב... וואָס וואָלט ער געטהאָן, א? דאָס איז זאלמאָנאָוויטש מיינסטו? — און ער האָט זיך גענומען פּאָרען שטאַרקער אין קעשענע. ער האָט ארויס־געשלעפּט דעם קאָנווערט און האָט איהר איהם צוגעטראָגען אונ־טער די אויגען. — זעהסט וואָס זאלמאָנאָוויטש איז? לעז מיט אויגען, זעהסט וויפיעל דאָ איז אויפגעשריבען? 24 דאָלאר מיט 74 סענט! 24 דאָלאר!....

VI. קינדהייט און קינדער

איבער א גע׳שמד׳טען טאטען.

משה׳לע האט שרעקליך מקנא געווען די אינגלעך וואס האָ־בען א טאטען.

ערב שבת, אין מרחץ האט ער געזעהן אלע אינגלעך ווי עס פיהרען זיי זייערע טאטעס ארויף אויף דער אויבערשטער באנק, מען שמייסט זיי מיט א בעזעמעל, מען גיסט זיי אָב מיט א שעפּעלע וואסער, מען זייפט זיי ארום. און ער, אז די מאמע וויל איהם שיקען אין מרחץ, דארף זי בעטען ביים פעטער זלמן ליב, ער זאָל איהם מיטנעהמען.

שבת, יום טוב, האט ער געזעהן ווי אלע אינגלעך קומען אין שוהל, און זייערע טאטעס פיהרען זיי ארויף אויף די „שטעדט", זעצען זיי אוועק נעבען זיך, צייגען זיי ווי אזוי צו דאווענען, גלייכען זיי אויס די קאשקעטלעך, קנייפּען זיי אין די בעקלעך, און ער בלאָנקעט זיך ארום אליין, קיינער קוקט זיך אויף איהם ניט אום.

אין אזא צייט פלעגט משה׳לע צושטעהן צו דער מאמע, זי זאָל איהם זאָגען וואו איז זיין טאטע. ער פלעגט אבער פון דער מאמען גאָר ניט קענען ארויסקריגען. די אויגען איהרע פלעגען נאָר ווערען פערגאָסען מיט טרעהרען, און זי פלעגט איהם זאָגען, אז זיין טאטע איז ניטאָ, אז ז י איז זיין טאטע.

משה׳לע האט געוואוסט, אז דאס איז קיין ענטפער ניט, ווארים אז א טאטע איז ניטאָ, זאָגט מען נאָך איהם „קדיש." און א מאמע, האט ער געוואוסט קען קיין טאטע ניט זיין, ווארים טאטעס דאווענען נאָר אין דער מענערשער שוהל, און מאמעס אין דער ווייבערשער...

פונ׳ם חדר אבער, איז משה׳לע מיט דער צייט געוואָהר געווארען, אז ער האט יאָ א טאטען, נאָר זיין טאטע איז א משומד.

חוץ אברהם׳על ברוך מרדכי דעם גביר׳ס פלעגט דער רבי, אין חדר, שלאָגען און קללה׳ן אלע תלמידים: — אין דיין טא־

טען און אין דעם טאַטענס טאַטען, ביז אדם הראשון, — דאָס איז געווען דעם רבי'ס קללה. ביי איהם אָבער פלעגט דער רבי מוסיף זיין צו דער קללה נאָך דאָס וואָרט משומד, — אין דיין טאַטען דעם משומד — פלעגט ער מיט כעס צווישען די צייהנער ביי איהם אויסלאָזען.

ווען משה'לע פלעגט דערהערען דאָס וואָרט משומד פונ'ם רבי'ן, פלעגען זיינע אייגלעך ווערען ווילד ווי ביי אַ יונגען טיגער, ער פלעגט זיך ארומקוקען אויף אַלע זייטען, קריצען מיט די צייהנ־דלעך, רייסען די קנעפּלעך פון זיך, און ברומען אין זיך מיט אַ שרעקליכען כעס.

געוועהנליך פלעגט מען שוין משה'לען נאָכדעם ניט אָנזעהן אין חדר אַ צוויי דריי טעג ביז די מאַמע פלעגט איהם נאָכהער ברענגען און איינ'טענה'ן מיט'ן רבי'ן אויף נויעש, אַז ער זאָל איהם ניט טשעפּען.

— שלאָגט איהם ניט, ער איז שוין גענוג דערשלאָגען — פלעגט זי זיך בעטען, — אַ לעבעדיגער יתום נעבאַך, וועה איז דער מאַמען! — און די טרערען פלעגען איהר גלאַנצען אין די אוי־גען.

אין גאַס פלעגען איהם אויך דאָס וואָרט „משומד" אויס־וואַרפען גאַנץ אָפט די חברים, ווען זיי פלעגען שפּיעלען אין „גראָפּע" און „צייכען" אָדער אין „סאָלדאַטען" און ווען ער פלעגט זיך מיט זיי צוקריעגען, פלעגען זיי איהם אויסוואַרפען, אַז זיין טאַטע איז אַ משומד. „משה קאַפּוישע האָט אַ טאַטען אַ משומד", פלעגען זיי זיך אַלע צוזאַמעננעהמען, מאַכען יד־אחת און זיך רייצען מיט איהם.

משה'לע פלעגט דענסטמאָל אריין אין אַ שרעקליכען כעס. ער פלעגט רייסען, בייסען, דראַפּען מיט די נעגעל. פלעגט צור־שטערען, צוברעכען און צוּוואַרפען אַלע שפּיעלערייען. און אַז מען איז זיך צולאָפען, און ער האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקענט בע־רוהיגען, פלעגט ער אראָבכאַפּען זיין אייגען קאַשקעטעל, אָנכאַפּען זיינע אייגענע לאַצקענעס פונ'ם זשאַקעטעל און רייסען און ביי־סען מיט די צייהנער.

אַפט פלעגט ער הערען פאַרוואָרפען דאָס וואָרט משומד דער מאַמען.

אין קלייט, ווען די מאַמע פלעגט זיך צוקריגען מיט אַ שכנה איבער אַ קונה, פלעגט יענע איהר אויפוואַרפען: „מרשעת, דו האָסט דאָך דיין מאַן געטריבען צו שמד", און ער האָט פערשטאַנען אַז דאָ האַנדעלט זיך וועגען זיין טאַטען.

משה'לע פלעגט זיך דערנסטמאָלט אוועקשטעלען אַנטקעגען דער מאַמען און פלעגט איהר קוקען אין די אויגען. איהם פלעגט וואונדערען, ווארום די מאַמע קומט ניט אריין אין אַזאַ כעס, אַז זי זאָל רייסען, בייסען. ווען ער זאָל זיין אַ גרויסער, האָט זיך איהם אויסגעוויזען, וואָלט ער דאָס גאַנצע שטעדטעל צוריסען.

וואָס דאָס וואָרט „משומד" איז אייגענטליך, וואָס פאַר אַ חטא עס שטעלט מיט זיך פאָר, האָט משה'לע נאָך ניט פערשטאַנען, און ער פלעגט גאַנץ אָפט בעפאַלען די מאַמע מיט פראַגען, זי זאָל איהם זאָגען, וואָס איז אַזעלכעס אַ משומד. די מאַמע פלעגט בשעת מעשה ווערען בלאַס, בייסען די ליפען און איהם פרואווען פערדרעהען.

שפעטער האָט שוין משה'לע פערשטאַנען וואָס אַ משומד איז אַזעלכעס.

גריגאָרי, וואָס פלעגט פערלעשען די ליכט אין שוהל שבת נאָכ'ן דאַווענען, און הייצען ווינטער אין הרובע, האָט מען געזאָגט איז אַ משומד.

גריגאָרי האָט גערעדט שלעכטע אידיש. ער פלעגט זאָגען: „דו מיר געזאָגט", „איך געוועזן", און „וחלקלקות" פלעגט ער ניט קענען ארויסריידען. דעריבער פלעגען אַלע אינגלעך פון איהם לצנות מאַכען. „אָנו, זאָג נאָר וחלקלקות", און גריגאָרי פלעגט נאַריש אַ שמייכעל טהאָן און זאָגע בח־בח־מאַקמעס...

אַז עס פלעגט קומען שבת, אדער יום־טוב און גריגאָרי פלעגט אריינקומען אין שוהל, אין איין האַנד האַלטענדיג אַ שטיק חלה און מיט דער צווייטער אונטערהאַלטען, אַז די ברעקלעך זאָלען ניט ארונטערפאַלען, פלעגט משה'לע איהם נאָכגעהן טריט ביי טריט. עס פלעגט זיך איהם וועלען בעטען גריגאָרי'ן, ער זאָל אָנטהאָן אַ קאַפאָטע מיט אַ טלית און זאָל זיך שטעלען דאַוו־

נען. גריגאָרי, האָט מען גזוזאָגט, קען דאַווגען. ער קען א שטיק דאַווגען אויסענווייניג.

אין שוהל האָט ער געזעהן, פלעגט מען גריגאָרי'ן מקרב זיין. עלטערע אידען שוין, פלעגען צום מאָל גריגאָרי'ן א קלאַפּ טהאָן אין פּלייצע, און איהם פרעגען: געדענקסט נאָך עפּעס א אידיש־וואָרט, גריגאָרי? א־נו, זאָג נאָר „איזהו מקומן" — און בעת מעשה פלעגען זיי שמייכלען און שאָקלען מיט די קעפּ...

ביי אזא פאָל האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז ער וואָלט אויך געוואָלט זיין א גריגאָרי. מיט איהם רייצט מען זיך, די אינגלעך, דער רבי, וואַרפען איהם אוים דעם טאַטען דעם משומד, און די מאַמען וואַרפען דאָס אויס די שכנות אז זיי קריעגען זיך מיט איהר, און גריגאָרי איז אליין א משומד, און עלטערע אידען קלאַ־פּען איהם אין פּלייצע...

ער האָט זיך גענומען צוהערען צו די אלע מעשיות וואָס פלעגען ווערען דערצעהלט אין שוהל, אונטער דער הרובע, וועגען גריגאָרי'ן.

די מעשיות פלעגען ווערען דערצעהלט אין פערשיעדענע נוסחאות. א טהייל האָבען געזאָגט: אז ער האָט זיך פערקאָ־כעט אין א שיקסע, די שיקסע האָט איהם אָבגעטהאָן א כשוף, האָט איהם פערנאַרט צום גלח, און האָט איהם אָבגע'שמד'ט.

א טהייל האָבען געזאָגט: אז מען האָט איהם אָבגענעבען אלס קינד נאָך אין די קאַנטאָניסטען און מען האָט איהם געצוואונגען אז ער זאָל זיך שמד'ען. און נאָך, און נאָך מעשיות.

פון די אלע מעשיות, האָט משה'לע ארויסגעטראָגען, אז שמד'ען זיך מוז מען נאָר ביים גלח, א גלח טהוט אָן א צלם, און מען איז גע'שמד'ט...

אז משה'לע איז אַלט געוואָרען דרייצעהן יאָהר, און האָט בעדאַרפט ווערען בר־מצוה, אָנהויבען צו לעגען תפילין, האָט איהם דער רבי אָנגעזאָגט, ער זאָל פרעגען די מאַמע, ווי אזוי מען רופט איהם אויף צו דער תורה? הבחור משה בר' ווער?...

די מאַמע האָט איהם ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. דער פעטער זלמן־לייב איז אויך געווען דערביי, און זי האָט זיך צו־

מישט מיט איהם איבערגעקוקט. זי האט געהאלטען אפען דאס מויל און האט געשוויגען.

אויפ׳ן סוף האט איהם דער פעטער זלמן־לייב געזאגט, אז מען רופט איהם אויף: הבחור הכהן משה בר׳ יששכר מאניש.

משה׳לע, אז ער האט דערהערט אזא נאמען, האט ער געקוקט פערוואונדערט מיט די אויגלעך אויף דער מאמע און אויפ׳ן פעטער זלמן לייב׳ן. „בר׳ יששכר מאניש, בר׳ יששכר מאניש״, האט ער עטליכע מאל איבערגעפרעגט. עס האט זיך איהם ניט געגלויבט אז ער זאל האבען אמאל געהערט אזא נאמען, און עס איז איהם בשעת מעשה דורכלעאפען א מחשבה אז „יששכר מאניש״ מוז זיין א נאמען אזעלכער פאר משומדים. ווער עס האט א טאטען א משומד, רופט מען אויף צו דער תורה בר׳ יששכר מאניש.

אין שוהל איז דער פעטער זלמן־לייב ניט געקומען דאווענען, און יעדער האט זיך ביי איהם נאכגעפרעגט אויף דעם פעטער זלמן־לייב׳ן. „וואו איז דיין פעטער זלמן־לייב?״ — האט איהם יעדער געשטעלט א שאלה. „צו א בר מצוה, א פעטער, ער שעהמט זיך?״...

משה׳לע האט ארומגעבלאנזשעט מיט די אויגלעך, געקוקט צומישט און ווילד אויף די אידען וואס האבען איהם געפרעגט, און האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען.

ביי דער קריאה, אז דער בעל קורא האט איהם אויפגערופען און האט איהם א פרעג געטהון „הבחור הכהן משה בר׳... בר׳... זלמן״ איז איהם איינגעפאלען.

דער עולם האט זיך גענומען איבערקוקען און שמייכלען. „וואס רעדסטו?״ האט מען איהם איבערגעפרעגט, „דער פעטער הייסט דאך זלמןלייב. ער איז דאך א ברודער. צוויי ברידער זלמן״...

— בר׳... בר׳... יששכר מאניש — האט ער פעררריכט שטאמלענדיג, און מאכענדיג די ברכה איבער דער תורה, האט ער געפיהלט ווי אנצונעהמען די יריעות פון דער תורה, און זיי צורייסען אויף שטיקלעך פאר כעס...

נאכהער, ווען ער איז שוין געווארען בר־מצוה, און איז גע־

ווארען א איד, אז מען האט איהם שוין געמעגט מצרף זיין צום מנין און צו א מזומן, האט איהם דער רבי, ווען עס איז געקור־מען נאהענט צו ראש השנה, גענומען לערנען ווי אזוי צו דוכן'ען. „דו ביזט דאך א כהן", האט איהם דער רבי געזאגט, „א כהן דארף יום טוב דוכן'ען"...

צום דוכן'ען האט משה'לע שוין לאנג חשק געהאט. ער פלעגט תמיד מקנא זיין די אינגלעך וואס דוכן'ען. דעמאלט ווערט מען טאקי א גרויסער איד אויף אן אמת, א איד טאקי מיט א טלית, און נאך וואס'ער א איד, א קליינינקייט, א כהן. אלע טרעטען דאך איהם אב דעם מזרח...

און ער האט זיך גענומען פארשטעלען, ווי ער וועט דאס אויס־טהאן די שיך, צוגעהן מיט גדלות צום כיור אין די ווייסע זאקען, און די לויים וועלען זיך איבער איהם רייסען. אלע וועלען איהם וועלען בעדיענען, אבגיסען די הענד, נאכהער וועט ער צוגעהן צום שעהנסטען אידען, און ארויפנעהמען דעם טלית, — צום שעהנס־טען אידען מעג מען צוגעהן, אפילו צום רב. דעם רב'ס טלית איז טאקי א שעהנער טלית מיט אן „עטרה". ניט אנדערש נאר דעם רב'ס טלית וועט ער ארונטערנעהמען און ער וועט זיך מיט די ציצית פערבינדען די פינגער, און נאכהער ווען דער חזן וועט אויסשרייען: „כהנים", וועט ער א געשריי טהאן: „עם קדשך כאמור", און ער וועט זיך אומקעהרען מיט'ן פנים צום עולם, און ער וועט זאגען די ברכה אויף א קול, און נאכהער וועט ער דאס אויסזינגען דעם „ויחנך" — אי־אי־אי־אי — וועט ער אויסקא־טשען — „ויחנך", און קיינער וועט ניט טארען קוקען, אויף א כהן'ס הענד טאר מען ניט קוקען. אויף א כהן'ס הענד רוהט די שכינה. שלמה'לע האט אמאל, געדענקט ער, געכאפט א קוק, איז איהם געווארען א גערשטעל אויפ'ן לינקען אויג. קיינער טאר ניט קוקען ווען א כהן בענשט. און ער וועט בענשען גרויסע אידען....

ווער ער האט אבער דערלעבט דעם גליקליכען טאג איז זיין ערשטע ענטוישונג געווען זעהר א ביטערע. אלעס איז מיט איהם געווען ניט ווי מיט אנדערע אינגלעך כהנים: ער האט קוים אייג־נעבעטען א לוי ער זאל איהם די הענד אבגיסען, און א טלית האט

ער געקראַגען אַ צוריסענעם ביי בנימין הירש וואסער־פיהרער. אַפילו דער מזרח איז איהם אויך אָנגעקומען מיט צרות. יעדער האָט איהם אָבגעשטופּט ווייטער, מען האָט זיך געוואָרפען מיט איהם, קיינער האָט אנטקעגען איהם ניט געוואָלט שטעהן, קיינער האָט ניט געוואָלט זיין ברכה...

ווען משה'לע איז געגאַנגען פונ'ם דאַווענען אהיים, האָט אין איהם געקאָכט און געזאָטען. ער האָט געפיהלט אַ שרעקליכע שנאה צו אַלע אידען. עס איז איהם אויפגעקומען אויף דער מחשבה: אז ער זאָל זיך אָן זיי אַלעמען נוקם זיין, ער זאָל אַריינ־געהן צום גלח און אויף צו להכעיס זיך אָב'שמד'ען, אויף צו להכעיס אַלע אידען...

אויף מאָרגען, ווען משה'לע איז געקומען אין שוהל, האָט ער אויסגעפונען אַ זאַך אָן וועלכער ער האָט זיך גאָר פערגעסען. נעמליך, אז היינט איז הזכרות נשמות, מען איז מזכיר נשמות פון די טויטע. וועל עס האָט אַ טויטען טאַטען אָדער אַ טויטע מאַמע, דאַרף היינט מזכיר נשמות זיין.

פון אַ פּאָר יאָהר שוין אז פּאַר הזכרת נשמות פלעגט משה'לע זיך ארויס'גנב'ענען פון שוהל. ער פלעגט אַוועקגעהן צום טייך און זיצען אַזוי לאַנג, ביז דער עולם פלעגט געהן פונ'ם דאַווענען. ער האָט ניט געוואָלט מען זאָל אויף איהם קוקען, מען זאָל איהם איבערפרעגען, מען זאָל שפּאָסען פון איהם.

דאָס מאָל אָבער האָט איהם אַ מאָדנע עקשנות אָפּגעהאַלטען ער זאָל פערבלייבען. „זאָלען זיי שפּאָסען. ער וועט זיי!... ער וועט!... זאָלען זיי נאָר פּרובירען לאַכען!... זאָלען זיי... ער וועט!..." עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען אז ער וועט די וועלט חרוב מאַכען, אַזוי איז ער געווען אויפגעבראַכט פונ'ם נעכטיגען דוכן'ען, „ער וועט זיי שוין ווייזען"...

נאָך דער קריאה זיינען די אַלע וואָס האָבען געהאַט לעבע־דיגע טאַטע מאַמע ארויס אין פּאָליש, און די איבעריגע זיינען פערבליבען אין שוהל.

משה'לע האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טהאָן. ער האָט זיך געדרעהט אהער, אהין, און ער איז געבליבען שטעהן ביי דער טיר קוקענדיג אין אַלע זייטען צומישט.

— וואָס טהוסטו דאָ? — האָט איהם איינער פארבייגעהענ־דיג זאָטשעפּעט — ווילסט אפשר מזכיר נשמות זיין? און באלד האָבען זיך געיאָוועט נאָך עטליכע און מען האָט זיך צו־לאַכט.

משה׳לע האָט גענומען בייסען די פינגער, די אויגלעך האָבען גענומען שפּריצען מיט פייער.

— א רוח... א רוח אין אייערע טאַטעס!... — האָט ער אויסגעשריען מיט כעס און איז אַנטלאָפען אין פּאָליש.

אין פּאָליש האָבען זיך אָבער באלד אויך געפונען אייניגע און האָבען איהם בעשאָטען מיט פראַגען:

— ווארום געהסטו ניט מזכיר נשמה זיין? וואָס שטעה־סטו דאָ? דיין טאַטען וועט זיך דאָרטען שלוקערצען...

און אינגלעך האָבען איהם בעשטעלט פון אלע זייטען: „דיין טאַטע איז געשטאָרבען? האָסט ניט קיין טאַטע?" — האָט מען זיך ביי איהם נאָכגעפרעגט.

— זיין... זיין טאַטע איז א משומד! — האָט א אינגעל וואָס איז אויף איהם געווען ברוגז פון חדר שטיל ארויסגעזאָגט. — זיין טאַטע איז א משומד!

משה׳לעס אויגען זיינען געווארען ווילד ווי ביי א יונגען טיגער. ער האָט זיך געכאַפּט שלאָגען, בייסען, דראַפּען מיט די נענגעל...

דער עולם האָט איהם אָבגעריסען, און ארויסגעוואָרפען פון פּאָליש.

— איך... איך געה צום... גלח!.... — האָט ער אויסגעשריען מיט נקמה, און איז אוועקגעלאָפען מיט א כעס׳יגער און וויינענ־דער נשמה. — איך געה צום גלח!...

א קינדערשע תפלה.

אין „חדר".

אין א דינסטאָג איז דאָס געווען, עטליכע טאָג פאר ל״ג בעומר.

דער טאָג איז געווען אַ לויטערער, אַ שעהנער, אַ זוניגער.

די צוטריקענטע, מיט לייסטלעך און מיט שטרוי בעשלאָגענע טיר, און די פערגרינטע קליינע פענסטערלעך פונ׳ם „חדר” זיינען געווען אָפען.

אינ׳ם „חדר” האָט זיך געטראָגען אַ שאַרפער ריח פון דעם מיסט און בלאָטע וואָס האָט זיך געפּרעגעלט פון דער זון, אינ׳ם שמאָלען געסעל.

איבער׳ן חדר האָט גדלות׳דיג, מיט אַ פערריסענעם קאָפּ, ארומגעשפּאַנט די ווייסע באַבערדעלטע ביעג, און האָט געמעלה־גרה׳ט אַ מויל שטרוי וואָס זי האָט ארויסגעשלעפּט פון דער רביצינ׳ס בעט.

אין אַ ווינקעל האָבען צוויי אַנגעשטרודעלטע הענער, מיט אַראָבגעלאָזטע פליגעל און מיט רויטע קאַמען, געשאַרט וואוילױנגיש מיט די שטאָלצע פיס אין דער שוואַרצער פערבלאָטיגטער ערד, און האָבען זיך פערמאָסטען מיט רציחה צו ארויפּפאַלען אייגער אויפ׳ן צווייטען.

די הינער מיט אָנגעבלאָזענע פעדערען און מיט פעררימענע עקען, האָבען בעת מעשה געפּיקט מיט די פּיסקלעך, און וואַרפענדיג מיט די אויגלעך, ווי בגנבה, האָבען זיי זיך צניעות׳דיג געשאַרט איינע אָן דער צווייטער...

אויפ׳ן בעט זיינען צוויי מיידלעך דעם רבי׳ס, ביידע מיט צופּאַטעלטע שוואַרצע קעפּלעך און מיט פערשמירטע געזיכטלעך, — געזעסען איבער אַ רעשעטע און האָבען סאָרטירט פּאַסאָלים, צווישען די צוויי מיידלעך האָט אַלע ווײַלע אויסגעבראָכען אַ געשריי מיט אַ געקוויטשעריי: „בלינדע מאַריקע!” „אַבזי קינש!”

די רביצין האָט אויפ׳ן קאַסטען איבערגעלעגט די „מציאות” פונ׳ם מאַרק־טאָג. איבערגעקוקט און איבערגעוואויגען אויפ׳ן „בעזמען” (אזא וואָג) די בינטלעך תבואה, דאָס פלאַקס, געבלאָזען די געבונדענע הינער צווישען די פעדערען, געטאַפּט אונטער די פליגעל און געשאָלטען מיט טוידטע קללות: מרים ראַצי די „קאַראַלאַפּניצע”, פאַר וואָס זי האָט איהר אריינגעטריבען, — די „משומדת” — אַ גאַנצען זעקסער אויף אַ הוהן...

זלטע ציסי, דעם רבי׳ס אַ צוואוואַקסענע מויד מיט גראָבע

ליפּען און מיט א געעפּטער באַק האָט שטעהענדיג אין מיטען חדר געשוויַרען מיט א שערעל דעם מיט האָר פּערוואַקסענעם יחיאל משה'לען.

יחיאל משה'לע, א פּערסמאַרקעט אינגעלע פון א יאָהר זעקס, האָט געווישט מיט ביידע הענטליך דאָס נעזעל, געריבען מיט די אָנגעקלעפּטע האָר די אויגלעך, זיך געקראַצט און געדרעהט אויף אַלע זייטען און זיך געריסען, געוויינט און געמאַכט קולות, און זלאַטע־ציסי האָט איהם געשלעפּט, געקנייפּט און געצופּט מיט דעם שערעל...

פּנחס־אלי־קעל, א אינגעלע פון א יאהר פיער, האָט „געמיים־טרעוועט" מיט'ן אויבערשטען פונ'ם שטייסעל, איבער א הילצערן קעסטעל, ביי יעדען קלאַפּ מיט'ן אויבערשטען פונ'ם שטייסעל, האָט ער זיך געגעבען א האַק אין די פינגערלעך. ער האָט די פינ־גערלעך אריינגעכאַפּט אין מיילבעל, זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטען מיט פּערטרעהרטע אויגלעך, און האָט ווייטע „געמייסטרע־וועט" און געקלאַפּט.

ליפּא־יוסילע, דעם רבי'ס מוזיניקעל, א נפש'ל מיט אַן אונ־טערגעשטעקט העמדעל, מיט דינינקע פיסלעך און מיט אַן אָנגע־בלאָזען בייכעל, איז אַרומגעגאַנגען מיט א בלעכענער סקאָווראָדע און מיט א קאַטשעלקע. מיט דער קאַטשעלקע האָט ער געקלאַפּט איבער דער סקאָווריבע, און נאָך יעדען שפּאַן האָט ער איבערגע־לאָזט אונטער זיך א טייכעל...

דער רבי איז געזעסען ביים טיש און האָט זיך געקוויקט מיט שוואַרצע ציקאָריע. ער האָט מיט ביידע הענד געהאַלטען אַרומ־גענומען די גלאָז און האָט געזופּט, געווישט די וואָנצעס און גע'־האָ'קעט.

מיר, די תלמידים, זיינען געזעסען אַרום טיש, אריינגעגראַ־בען מיט די קעפּלעך אין די גרויסע צופליקטע און פערפּלעקט̈ע גמרא'ס, און אונטער'ן טיש האָבען מיר געמאַכט מסחרים: גע־קויפט איינער ביים צווייטען: בייטעלעך, מעסערלעך, טייסטער־לעך.

זאָגט די גמרא: „למה לי למתנא זה אומר אני מצאתיה" —

אזוי נאַטקע, א חכם! וואָס זשע וועסטו מיר צוגעבען? — אני מצאתיה... וזה אומר אני מצאתיה.

— וואס איז שוין דאַרטען, וואָס?! — האָט דער רבי אין מיטען זופען די ציקאָריע זיך א כאַפּ געטהאָן — וואָס היקעסטו דאָרטען וואָס?! נאַטקעלע מאַכט שוין מיט דיר מסחרים? דו פּויער! דו גוי'עץ!

— זה אומר אני מצאתיה — האָב איך געוואָלט גוט מאַכען דעם עסק — און אי איך, אי נאַטקע האָבען שוין דערוויייל בע־האַלטען די חפצים אין די קעשענעס — זה אומר אני מצאתיה...

נאָך אמל פון אָנהויב, דו פּויער! — האָט מיך דער רבי מכבד געווען מיט א „בוכץ" — זאָגט די גמרא: למה לי למתנא זה אומר אני מצאתיה...

— זאָגט די גמרא — האב איך מיט פערוויינטע אויגען נאָכ־געזאָגט — זאגט די גמרא: למה לי־לי למתני... זה אומר אני מצאתיה... — און האָב דערוויי'ל מיט די פערוויינטע אויגלעך ארויס־געקוקט דורך דעם אָפענעם פענסטערע'ל, ווי יצחק, לייבע דעם שוסטער'ס האָט אין אזא שעהנעם, ליכטיגען אין דרויסען, גע־שפּיעלט מיט א חבר אין גראפּע, — למה לי למתנא זה אומר אני מצאתיה... וזה אומר אני מצאתיה...

— נו, נו! וואס איז שוין ווייטער, וואָס? — האָט מיך דער רבי מיט כעם אונטערגעטריעבען און מיך מכבד געווען מיט א צווייטען „בוכץ" — וואָס שטעהסטו?! וואס היקעסטו?! זה אומר כולה שלי, וזה אומר כולה שלי, — דו פּויער'עץ!

— זה אומר כולה שלי, וזה אומר כולה שלי... — האָב איך נאָכגעזאָגט כליפּענדיג — און בעת מעשה האָב איך מיר גע־טראַכט וואס פאר א מין קרענק וואלט איך מיר געקענט א שטיינער אויסבעטען ביי גאָט, אז איך זאָל ניט דארפען געהן אין חדר און זאָל פונדעסטוועגען קענען זיין אין דרויסען און שפּיעלען אין „ציורקע" אדער אין „גראפּע"...

— זה אומר כולה שלי... וזה אומר כולה שלי... — א שטיי־נער דאָס היציגע שלאָפקייט?... ניין, מיט אזא שלאָאפקייט ליעגט מען אין בעט. — זה אומר כולה שלי... פּאָקען... חלירע... וזה

אומר כולה שלי... — אויסברעכען א פּוס... א האנד... קריי־
גען דאָס פּאַליגע... וזה אומר כולה שלי, לתנא חדא?... קדחת!...
קדחת! איז מיר אַרויף א גליקליכער געדאנק — לתנא חדא?
ענטפערט די גמרא: חדא קתנו... קדחת! קדחת!...

און איך האָב בליפענדיג געזאָגט די גמרא און די קראנקהייט
קדחת איז מיר אזוי געפעלען געוואָרען, אז עס איז ביי מיר ניט
אנדערש געבליבען, אז ביים דאַווענען, ביים בענשען און ביים
קריאת־שמע זאָל איך האַלטען אין איין בעטען גאָט, אז ער זאָל
מיר אויפ'ן גאַנצען זומער אָנשיקען די קרענק קדחת!

— חדא קתנו... קדחת איז דאָך אזא טהייערע קרענק! א
קרענק וואָס איז א טאָג איבער א טאָג, און מען קען זיין אין דרויי־
סען, חדא קתנו...

איך האָב פּאַר די מחשבות ווידער און ווידער געכאַפּט א
„בוכץ" פון'ם רבי'ן, און נאָך יעדע בוכץ האָט נאָכגעפאָלגט א
קללה. עס האָט אָבער ניט געהאָלפען. מיין קליין מחל' איז
אזוי געווען פערנומען מיט'ן ליכטיגען אין דרויסען, אז קיין אנ־
דער אויסוועג ווי קדחת האָב איך פּאַרט ניט געזעהן. — קדחת!
קדחת! האָט זיך מיר געפּלאָנטערט אין קעפּעל...

און פאַרנאַכט, ווען עס איז געקומען צו מנחה דאַווענען, האָב
איך דעם „רפאונו ד' ונרפא" פון דער שמונה עשרה אין גאַנ־
צען איבערגעהיפּט, און אנשטאָט דעם האָב איך פערגלאָצט די
אויגליך צו גאָט, און האָב איהם מיט א צובראָכען וויינענדיג
הערצעל געבעטען: גאָטעניו! רבש"ע! דערבאַרעם זיך אויף
מיר, דיין אייביגען קנעכט, און שיק אויף מיך אָן אויפ'ן גאַנצען
זומער — קדחת!

רחל'ע.

דאָן, ווען אַלע פלעגען זי לאַשטשען, גלעטען, קושען, האַלטען
אויפ'ן שויס און שפּאַסען מיט איהר, איז זי נאָך געווען גאָר א קינד,
קורצע קליידלעך האָט זי נאָך געטראָגען.

זאָגען האָט מען געזאָגט, אז זי איז א שעהנע; אָבער אז

צוליעב דעם זאָל מען זי קושען, האָט זי ניט פערשטאַנען, ביי איהר איז דאָס געוועזן גאַנץ נאַטירליך, ווי אַנדערש?

אמאָל פלעגט זי פאַר אַ קוש קריגען אַ קאָפּיקע, דאָס איז געוועזן פון פעטער אברהם־לייב, אַן אַלטער איד איז ער געוועזן, דער פעטער אברהם־לייב. טאַבאַקאַ פלעגט ער שמעקען און די וואָנצעס זיינען ביי איהם אימער פערגעלט געוועזן, פון איהם אַ קוש פלעגט זי ניט וועלען, און ער פלעגט איהר בעצאָהלען אַ קאָפּיקע דערפאַר. אַז זי פלעגט קריגען די קאָפּיקע פלעגט זי זיך ארויסרייסען און אַנטלויפען. פאַר דער קאָפּיקע פלעגט זי קויפען קאָנפעקטען, און פונ׳ם קוש פלעגט זי זיך רייבען די בעקלעך און שפּייען....

אַנדערע פלעגען זי קושען אָהן אַ קאָפּיקע, און פון זיי פלעגט זי ניט אַנטלויפען, זיך ניט ווישען און ניט שפּייען. זי פלעגט נור, אָדער אַ פּאַטשט טהאָן מיט די ווייכינקע, פעטע הענטעלעך איבער יענעמס מויל, אָדער זיך אריינפלאָנטען אין באָרד און זיך ווידער לאַשטשען, זיך ווידער טוליען, זיך ווידער שפּיעלען מיט די קנעפּלעך, מיט׳ן קייטעל פון זייגער׳ל, ביז זי האָט ווידער געכאַפּט אַ קוש...

און ניט נור קושען, קנייפּען פלעגט מען זי. קנייפּען אַז עס פלעגט זי צו מאָל פערכאַפּען ביים הערצעל, טרעהרען פלעגען זיך ביי איהם אין די אויגען שטעלען. זי איז פונ׳ם קנייפּען ווי פונ׳ם קושען גלייך געוועזן צופריעדען. זי האָט איןביידע געפיהלט דעם זעלבען טעם, דעם זעלבען אויסדריק...

דאָס קנייפּען האָט אָבער וועה געטהאָן און זי פלעגט אויסשרייען „פּאַפּאַ!" און פלעגט מאַכען אַ ברוגז׳דיגע מינע. איינגראָבען דאָס קעפּעל, צוהאַלטען יענעמס האַנד, אַזוי לאַנג ביז זי פלעגט ווידער כאַפּען אַ קניפּ. דאַן פלעגט זי צוריק קנייפּען, אַנטלויפען און זיך אָבשטעלען מען זאָל זי כאַפּען, און ווידער האָט זיך אָנגעפאַנגען דאָס זעלבע...

אַ שטיפערין, שפּיעלען זיך, דאָס איז געוועזן איהר לעבען, — אין „כאַפּערלעך" און „לאַפּקעס", אין „קאַץ און מויז". און לאַכען, לאַכען מיט׳ן גאַנצען הארצען, מיט דער גרעסטער הנאה...

און אַצינד איז זי שוין גרעסער. זי דערלאַנגט שוין מיט איהר האַנד אַליין אַ גלאָז פון דער גלעזער־שאַפע. „קיין עין־הרע, אַ מויד

שוין". — זאָג די מאַמע, און דער טאַטע זאָגט, אַז עס איז ניט שעהן. „אַ דערוואַקסענע בתולה".

אָבער וואָס בעגרייפט זי פון שעהמען זיך?

און זי קריכט נאָך אַלץ אויף יענעמס שויס. טוליעט זיך, לאַשטשעט זיך. און מען שטיפט, מען שפּאַסט מיט איהר. אָבער קו־שען קושט איהר שוין קיינער ניט. אפילו די מאַמע ניט.

און זי לויפט אַלץ פערשייט איבער'ן הויז, איבער דער גאַס. זי שוועבט, זי שפּרינגט, זי טאַנצט. זעהט זי אַ שטיין דאַרף זי אי־בער איהם אריבערשפּרינגען; זעהט זי אַ קלאָץ מוז זי אויף איהם אריבערגעהן; געהט דורך אַ ציעג, אַ קלעבעל, אַ הונד, אַ קאַץ — מיט אַלעם מוז זי אַ שטיפ טהאָן, בעגעגענט זי אַ בוימעל מוז זי אָב־רייסען אַ צווייגעל, אַ בלעטעל; אָדער גאָר ארויפקלעטערען. אַ סאראקע, אַ פויגעלע, אַ טויב, מיט אַלעם מוז זי פערטשעפּען, און אַלעם אזוי נאאיוו, אזוי נאטירליך, ווי עס וואָלט זיך אַלעם בעטען ביי איהר, חנ'דלען זיך, שמייכלען, אַז זי זאָל אַ שטיפ טהאָן מיט דעם.

עס רעגענט. אַ רעגען דאַכט זיך פאַר'ן גאַנצען שטעדטעל. יעדער קריגט אַ חלק פון די טראָפּענס. און דאָך זיינען, דוכט זיך, די טראָפּענס צו איהר נעהנטער, ווי זיי וואָלטען גנב'ענען זיך, ווי עס וואָלט אין זיי זיין אַ פערלאַנג, אַ באַגעהר, אַ ווילען, זיי זאָלען זיך אָבשטעלען ביי איהר אויפ'ן געזיכט, זיי זאָלען זיך אריינ־פּלאָנטען אין די קרייזעלעך פון איהרע האָר...

זי גיט אַ טרייסעל מיט איהרע זיידענע האָר, די קרייזעלעך נעהמען זיך גלעטען, פלעכטען זיך און צווישען די גרייזעלעך צי־טערען טאַנצענדיג, געהן אַ קאראהאָד די טראָפּענס, לאַשטשען זיך, קיצלען זיך, מילד, ווייך און צוגיסען זיך פאַר פרייד, פאַר שמחה...

עס שנעע'ט. דער שנעע בעדעקט אַלעס. די קלייטען, די שוה־לען, להבדיל. די חורבות, זעמליאַנקעס און סמעטניקעס. אָבער ווי שטאָלץ זיי זיינען די ווייסע שנעע פעדערלעך, וועלכע שטעלען זיך אָב אויף איהר. ווי גדלות'דיג, הרחבה'דיג, זיי קוקען אין דער וועלט אריין. ווי זיי וואָלטען זיך רייצען מיט די חברים מיט זייערע...

און זי! זי שפרינגט, זי טאנצט. מאכט פֿון די רעגען־ריטש־קעס — טייכלעך. מאכט פון דעם שגעע מויערען, בריקען. — א קונדס, א חברה־מאן, גאר ניט ווי קיין מיידעל. זאגען טאטע־מאמע און שוין קיין עין־הרע א בתולה א בוגרת... שוין דרייצעהן יאהר באלד!...

— פע! מיאוס! — מוסר'ט מען זי. — ביזט דאך שוין עפעס א מויד. די מאמע אין דיינע יאהרען האט שוין חתונה געהאט... א מיידעל דארף זיין שטיל, סאליד...

און מען טהוט איהר אן לאנגע קליידער, א קארסעט — אויפ'ן ארט שטאלצירט זי מיט דעם, שוין א גרויסע, ווי די מאמע...

אבער באלד ווערט איהר ענג. ווי געבונדען פיהלט זי זיך; שפרינגען, טאנצען, קלעטערען, פליהען, און עס ווילט זיך איהר ארויסשפרינגען פון די לאנגע קליידער, ארויפשפרינגען צום פעטער אברהם־לייב'ען אויפ'ן שויס, אריינגראבען זיך, איינפרעסען זיך. א קוש, בדאי אהן א קאפיקע, אומזיסט, און כאטש פון א פער־געלטע וואנצעס, א קוש, א גלעט, א לאשטשע, א קניפ פון אימי־צען...

און דאס טייכעל, דער שנעע, די בוימלעך, די ציגען, די קעץ, יעדעס ווי עס מאניעט, ווי עס רופט, ווי עס בעט זיך. א שטיפ, א לאך, א טאנץ, א שפרונג...

און בגנבה, שבת ביי־טאג ווען דער טאטע שלאפט, די מאמע לייענט די סדרה, כאפט זי זיך ארויס אונטער'ן שטאדט אדער אויפ'ן הויף צווישען קליינע מיידלעך און קורצע קליידלעך, און זי שפרינגט, טאנצט. קומט אן דער טאטע, גיט ער א בייזען קוק, גיט א געשריי, די מאמע מוסר'ט, און זי שעהמט זיך. א מויד מיט א קארסעט מיט לאנגע קליידער...

און גאר אנדערע אויגען נעהמען אויף איהר קוקען און בע־גלייטען זי אין די לאנגע קליידער. ברענענדיגע, שרפה'דיגע אוי־גען, אויגען פון בחורים, פאניטשעס, גימנאזיסטען. „וואס'ר א שעהנע", „וואס'ר א קראסאוויצע", הערט זי הינטער זיך. און די באקען אהירע פלאמען, די בלוטען קאכען...

און איינער האלט ניט אויס, געהט צו און פערציעהט מיט איהר א שמועס, ער פאנגט אן זייטיג, מיט אן אויסרייד: ער וויל

זי עפּעס פרעגען. דאַכט זיך, ער האָט זי ערגעץ געזעהן, א בע־קאַנטע...

און זי קוקט ניט אין די אויגען, אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ. דעם קלענסטען פינגער פון דער לינקער האַנד ביים זייט מויל, ענט־פערט צושראָקען, צומישט, מבויש׳דיג, און דער שמועס פערציהט זיך ווייטער. לאַנג, גאַנץ לאַנג...

און זי דערפיהלט, אַז ער רעדט אַזוי זיס, אַזוי גוט, אַזוי מילד און אַזוי פריינדליך, און עס דוכט זיך איהר אויך, אַז זי האָט איהם ערגעץ געזעהן, — א בעקאַנטער, א היימישער. אַזוי היימיש, ווי אויסגעוואַקסען צוזאַמען...

און ער גיט א טריט, און בעט זי, זיי זאָלען געהן אביסעל צו־זאַמען, און מען געהט און מען רעדט, און מען שמועס׳ט און מען שמייכעלט. און עס פיהלט זיך אַזוי גוט, אַזוי זיס, אַזוי מחיה׳דיג...

און אין גאַס טייטעלט מען מיט די פינגער. אַלע קוקען אַלע ווינקען. מען רעדט, מען שושקעט זיך, רחלה׳ע, אברהם יוסעל׳ס מיט ברוך׳קע אַפּיקורס, א וועלט!.....

און עס קומט אָן צום טאַטען. דער טאַטע לויפט, אַלע אברים ציטערען, אַזאַ חרפה! אַזאַ בזיון!

— רחל! — גיט ער א געשריי און גיט זי א ריס ביי דער האַנד.

רחל׳ע געהט נאָך דעם טאַטען צוטומעלט, צומישט. זי זעהט ניט און הערט ניט...

אין דער היים זידעלט דער טאַטע: „פערשוואַרצט מיר דאָס פּנים, די מויד!" און די מאַמע מוסר׳ט... און זי פערשטעהט ניט פאַר וואָס, פאַר ווען, פאַר וועלכען...

און רחל׳ע טאָר שוין ניט געהן אין גאַס אַליין. דאַרף אָבגעבען רעכענונג טאַטע־מאַמע. די חבר׳טע איז צופיעל פערשייט, יענע איז ניט איהר גלייכען... און עס ווערט איהר ענג, ענג צו דער־שטיקט צו ווערען...

און ביי־נאַכט, ווען טאַטע־מאַמע שלאָפען איין, גנב׳ט זיך רחל׳ע ארויס דורך דער הינטער־טיר. און הינטער׳ן שטעדטעל און וועלדעל ,בעגעגענט זי זיך מיט ברוך׳קע אַפּיקורס, און זיי געהן אריין טיעף, אין וועלדעל און געהן וואָס אַמאָל ווייטער ,טיעפער....

און א קוש, גאָר אַן אַנדער קוש דערפיהלט רחל׳ע, א לאַנגען, א גאַנץ לאַנגען קוש, וואָס פערשלעפערט זי, וואָס פערטויבט זי און בערוישט זי פון פערגניגען... די וועלט פערגעסט זיך, אַלעס און אַלעס פערגעסט זיך. א שמערצליכער זיסער פערגניגען!...

און אומעטיגער, וואָס א טאָג אומעטיגער. א שטילע, א סאָלידע קינד ווערט רחל׳ע!...

שלוח מנות.

פונ׳ם חנוכה־געלד, האָט שמערעלע, לוי דעם סטאָליער׳ס, צוזאַמענגעשטעלט א סומע פון אכט און צוואַנציג גראָשען.

די דאָזיגע סומע פון גראָבע, גרויסע מטבעות, האָטער צוזאַמענגענומען פון דער משפחה: א זעקסער, פונ׳ם טאַטען, צוויי גרויסע דרייערס פון ביידע פעטערס, פונ׳ם פעטער איציק און פון פעטער יונה, צוויי צעהנערס פון ביידע זיידעס, פונ׳ם זיידע שמעון דעם ליכט־ציהער און פון דעם זיידען שמואל צדוק דעם שמש, און א צווייער פון דעם עלטערען ברודער פיני, דעם דרדקי מלמד.

פונ׳ם אָנפאַנג, ווען שמערעלע האָט אריינגעקראָגען די דאָזיגע מינצען, האָט ער פון קיין שום תכלית ניט געטראַכט, די מינצען אַן און פאַר זיך זיינען געווען א גענוגענדער תכלית.

ער האָט זיי פריהער א מאָל הונדערט דורכגעטאַשעוועט אין די הענטלעך אויף פערשיעדענע אופנים, די דרייערס פון אויבען, די דרייערס פון הינטען, די דרייערס אין מיטען, און דאָס זעלבע מיט די זעקסערס און מיט׳ן צווייער.

ווען דאָס האָט איהם אביסעל צוגעגעסען האָט ער זיי גענומען אויסלעגען אין פערשיעדענע פאָרמען: פריהער אויפ׳ן טיש, נאָכדעם אויף די שטוהלען.

נאָכדעם, האָט ער זיך גענומען צוקוקען צום יאָהר פון יעדער מטבעה, און האָט זיי גענומען טאַשען און אויסלעגען אויף דאָס ניי, נאָך די יאָהרען נאָך, פריהער עלטער, נאָך עלטער, נאָכדעם יונגער נאָך יונגער.

נאָכדעם ווען דאָס האָט זיך ביי איהם אויך צוגעגעסען, האָט

ער גענומען אויסבײַטען ביי דער מאַמע׳ן די מטבעות. פריהער די גראָבע זעקסערס אויף קליינע זעקסערלעך און די דרייערס אויף קאָפּיקעלעך, נאָכדעם די קאָפּיקעלעך אויף אַ זעקסערעל און דעם צווייער אויף גראָשענס, נאָכדעם אויף צוויי זילבערנע פינף קאָפּי־קענע. און אין סוף אויף אַ זילבערנעם צעהן קאָפּיקעדיגען. גאָר צום סוף, צוריק אויף די פריהערדיגע גראָבע זעקסערס און דרייערס.

ווען ער האָט שוין אַלעם געהאַט איבערגעברובירט, האָט ער זיך גענומען זוכען אַ פּלאַץ פאַר די מטבעות. פריהער האָט ער זיי איבערגעגעבען צו דער מוטער, נאָכדעם האָט ער זיי אָפּ־גענומען פון דער מוטער, און זיי איבערגעגעבען צום פאָ־טער, פונ׳ם פאָטער האָט ער זיי איבערגעגעבען צו דער שוועסטער, און אויפ׳ן סוף האָט ער זיי מיט אַ שטריקעלע איינגעבונדען ביי זיך אין דער רעכטער קעשענע פון די הויזקעס און אלע מאָל טאַפּענ־דיג זיך ביים קעשענע, מיט׳ן הענטעל, האָט ער גענומען טראַכטען וועגען אַ תכלית...

תכליתים האָט שמערעלע געהאַט פאַר די אַכט און צוואַנציג גראָשען אַ סך. פאַר אַכט און צוואַנציג גראָשען האָט מען גע־קענט קויפען אַ פעשעל קוויטלעך, געמאָהלט מיט רויטען און שוואַרצען, מיט געצוקטע למד׳ען און מיט בוימעלעך אַרום. פאַר אַכט און צוואַנציג גראָשען האָט מען געקענט קויפען אַ מעסער׳ל, מיט אַ הירשען האָרן שטילעכעל, מיט צוויי קלינגלעך. אמת׳ע זאַ־וויאַלעווע און מיט אַ גרייצער. אָדער אַ בייטעלע מיט צוויי שלע־סער און מיט אַ קייטעלע.

ווען שמערעלע איז אָבער אויף מאָרגען געקומען אין חדר אַריין, און האָט גענומען אויפבינדען דאָס קעשענקעלע, און זיך בעריהמען מיט זיין חנוכה־געלד פאַר זיין חבר זעליק, אברהם־יודעל דעם גביר׳ס, האָט איהם זיין חבר זעליק געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז דער בעסטער תכלית אַז זיי זאָלען האַלטען דאָס חנוכה־געלד פאַר שלוח מנות.

— פערשטעהסטו, — האָט איהם זיין חבר זעליק איהם גע־זאָגט — איכ׳ל... איכ׳ל פאַר מיין חנוכה־געלד קויפען שלוח מנות און... וועל שיקען דיר, און... און דו וועסט פאַר דיין חנוכה־געלד קויפען שלוח מנות און שיקען צו מיר...

ווען שמערלע האָט דערזעהן זיין חבר'ס חנוכה־געלד איז ער אפילו ביי זיך היבש אראָבגעפאַלען, ווייל ביי יענעם איז געווען זילבערנע צוואַנציג קאָפּיקע'דיגע, און אַ בילעטעל אויך.

— וויפיעל האָסטו חנוכה־געלד — האָט איהם שמערלע, מיט פינקעלדיגע אויגעלעך, אַרומלויפענדיג איבער די ווייסע מטבעות — אַ פרעג געטהאָן.

— צוויי רובעל מיט זעכציג קאָפּיקעס — האָט איהם זיין חבר זעליק געענטפערט, מיט גדלות.

שמערלע האָט איינגעגראָבען דאָס קעפּעל און האָט מיט ציטערענדיגע הענטלעך גענומען איבערצעהלען זיין חבר זעליק'ס חנוכה־געלד. און ער איז בעת משעה געווען צוטומעלט.

— ווערסטו... ווערסטו פאַר מיר אין גאַנצען... פאַר וויפיעל מיין איך... ווערסטו מיר שיקען שלוח מנות.. פאַר וויפיעל?... — האָט ער זיך שטאַמלענדיג אָנגעפרעגט.

— פאַר... פאַר... וואַרט... לאָם איך זעהן וויפיעל האָסטו?... וויפיעל האָסטו חנוכה־געלד?... — האָט איהם זיין חבר זעליק געפרעגט — און האָט זיך גענומען צעהלען זיינע גראָבע מטבעות.

— אַכט... אַכט און צוואַנציג גראָשען, האָסטו... — האָט זעליק צוזאַמענגערעכענט, און בעת מעשה האָט זיך ביי איהם פערקנייטשט דאָס שטערענדעל...

— אַ... אַ.... זוי.... אָט... דער גראָבער צווייער, דאָס איז אַן אַלטער, זעהסטו פון וואָסער יאָהר? ער איז ווערטה, אפשר אַ קערבעל... אפשר צוויי קערבלעך... — האָט איהם שמערלע געגעבען צו פערשטעהן, אַז דער חשבון איז אַ סך אַ גרעסער.

זיין חבר זעליק האָט אָבער דעם חשבון ניט אָנגענומען.

— ווייסטו וואָס? איכ'ל... איכ'ל פערשטעהסטו, איכ'ל בעהאַלטען אַכט און צוואַנציג גראָשען... וועל איך... וועלען מיר האָבעןביידע גלייך. וועלען מיר האָבען — האָט זעליק אַן עצה געגעבען.

שמערלע האָט זיך נערוועז אַ קראַץ געגעבען אין דער פאה, די עצה פון זיין חבר זעליק צו בייטען אַכט און צוואַנציג גראָשען אויף אַכט און צוואַנציג גראָשען, איז איהם ניט זעהר געפעהלען געוואָרען. מחמת אין חדר, האָט זיך שמערלע געהאַלטען אַ סך העכער פון זיין חבר זעליק. ער איז געווען פון דער גרויסער

ביתה, האָט שוין געלערנט אַליין אַ עמוד גמרא, און זעליג האָט נאָך אַפּילו ניט אָנגעהויבען לייענען. ער האָט אָבער געפיהלט, אַז צו האָבען זעליק׳ען אברהם־יודעל דעם גביר׳ס, פאַר אַ חבר, וואָס שיקט שלוח מנות, איז אַ כבוד.

הערסטו? וואָס־זשע? איז די מעצאָצע, וואָס־זשע? — האָט ער זיך געפּרובט אָפּוועגדען — ממה נפשך, אַז איך... מיין חנוכה־געלד... און דו דיינס... גלייך אויף גלייך.

אַז ער האָט אָבער געזעהן אַז זיין חבר זעליק וויל בשום אופן ניט איינשטימען אויפ׳ן בייט, איז ער משוה געוואָרען נאָר מיט דער בעדינגונג: אַז צום ערשטען זאָל זעליק שיקען זיין שלוח מנות צו איהם, נאָכדעם, וועט ער איהם אָבשיקען...

— פערשטעהסט, איך בין.. איך בין פון דער גרויסער ביתה, בין איך — האָט ער איהם געגעבען צו פערשטעהן, מיט שטאָלץ.

— דאַרפסט מיר, פריהער שיקען, ניט אפשר?... אַ?...

נעגען דעם האָט זעליק ניט געהאַט וואָס אויסצוזעצען.

— טאָ גיב זשע אַ רעכטע האַנד, גיב אַ תקיעת כף...

זעליק האָט איה סגעגעבען אַ רעכטע האַנד און עס איז גע־בליעבען אַז די צוויי חברים, זאָלען זיך פורים שיקען די אַכט און צוואַנציג גראָשעדיגע שלוח מנות׳ן.

פון חנוכה ביז פורים איז שמערעלע אויסגעשטאַנען געגוג נסיונות, מיט די אַכט און צוואַנציג גראָשען, די רבי׳צענס מאָן־פּלעצלעך און די רעטשענע לאַטקעס, האָבען איהם גערייצט אַזוי יצר הרע׳דיג, אַז ניט איינמאָל האָבען זיינע הענטלעך זיך שוין געפּאַרעט ביים שטריקעל פונ׳ם קעשענקעלע, ער האָט אָבער העל־דיש בעזיעגט דעם יצר הרע, און די אַכט און צוואַנציג גראָשען זיי־נען געבליעבען גאַנץ...

אסתר תענית, האָבען ביידע חברים זיך אוועקגעלאָזט צו־זאַמען, איינהאַנדלען די שלוח מנות...

שמערעלע האָט אויפגעבונדען זיין קניפּעל, און האָט זיך אוועקגעלאָזט מיט זיינע אַכט און צוואַנציג גראָשען איבער די קראָ־מען פון איין זייט, און זעליק מיט זיינע אַכט און צוואַנציג גראָ־שען — פון דער אַנדער זייט.

געבליעבען איז, אז איינער זאָל ניט וויסען וואָס דער צווייטער וועט איינהאַנדלען.

שמערעלע האָט איינגעהאַנדעלט אַ מאַראַנץ, אַ מלכות־ברויטעל, צוויי מאַנדלען און צוויי צוקערקעס, פון וועלכע איינע פון זיי איז געווען אַ פייפעל.

די גאַנצע נאַכט פון אסתר תענית ביז פּורים, איז שמערעלע ניט געשלאָפען. אַלע ווײַלע איז ער אַרונטער אַכטונג געבען אויפ׳ן שלוח מנות.

דער פאָטער, לוי דער סטאָליער, האָט זיך אַ פּאָר מאָל אויפגעכאַפּט פון שלאָף ווען שמערעלע האָט זיך גענומען ביי־נאַכט, אין דער פינסטער אויספּרובירען דאָס צוקערנע פייפעלע...

— ממזר, וואָס לאָזטו ניט שלאָפען — האָט ער שלעפעריג געבורטשעט — אָט גייה איך אַראָב וועל איך דיר אָברייסען אַן אויער וועל איך דיר!...

פּורים, באַלד נאָך דער מגילה, האָט שמערעלע אָנגעהויבען אַרויסקוקען אויף זיין חבר זעליק׳ס שלוח מנות. ער האָט געקוקט דורכ׳ן פענסטער, געלאָפען אַלע מאָל אין גאַס. וועמען ער האָט בעגעגענט מיט שלוח מנות איז ער געלאָפען אַנטקעגען. עס איז שוין אָבער געוואָרען באַלד נאַכט, און קיין שלוח מנות פון זיין חבר זעליק איז ניט געקומען.

שמערעלע איז געוואָרען טרויעריג, זיינע אויגעלעך זיינען אַרומגעלאָפען הין און צוריק. ער האָט געקלאַפּט מיט די טיר אַריין און אַרויס, ער האָט אויף איין אָרט ניט געקענט איינשטעהן...

ווען מען האָט זיך שוין אין הויז גענומען צוגרייטען צו דער סעודה, איז שמערעלע געוואָרען אַזוי צומישט, אַז ער האָט שוין פערגעסען אָן דעם גאַנצען אָבמאַך, און איג׳ם תקיעת כף. ער האָט גענומען אַרומבלאָנזשען מיט די אויגעלעך, זוכענדיג אימיצען.... ער האָט אָבער ניט געפונען. צום סוף האָט ער צוטומעלט, מיט ציטערענדיגע הענטעלעך, אַליין צוזאַמענגעלעגט זיין שלוח מנות אויף אַ טעציל, און איז פערשוואונדען.

שמערעלע איז געלאָפען מיט׳ן שלוח מנות איבער די בלאָטעס, דאָס הערצעל האָט געבושעוועט, די אויגעלעך האָבען געברענט און אין קעפעל האָט געזשומעט...

ער איז צומישט און צוטומעלט צוגעקומען צו אברהם יודעל'ס דירה. און איז דאָ פּלוצלים געבליעבען שטעהן... ער איז געשטאַנען מיט'ן הענט'ל אויף דער קליאַמקע און האָט געציטערט...

פּלוצלים האָט זיך א עפען געטהאָן די טיר און ער האָט דערזעהן פאר זיך די אברהם־יודעל'כע און זיין חבר זעליק...

זיין חבר זעליק האָט זיך איבער אהם דערפרעהט, און ער איז איהם געלאָפען אנטקעגען, מיט א פול מויל...

די אברהם־יודעל'יכע האָט איהם אָבער אָבגעשטופּט צוירק, און ער איז געבליעבען שטעהן פון ווייטענס מיט פערוואסערטע אויגעלעך.

— ווער ביזטו אינגעלע? פון וועמען איז דער שלוח מנות?

— האָט די אברהם־יודעל'יכע א פרעג געטהאָן, און איהם בעטראכט פון קאָפּ ביז די פיס.

— איך... איך בין... איך בין שמערעל, לוי דעם סטאָליער'ס... עס איז מיין שלוח מנות.. צו צו זעליק'ען... — האָט ער געציטערט.

— געה, געה אינגעלע אהיים, זעליקעל איז ניט דיין חבר, שיק איהם ניט קיין שלוח מנות — האָט זי איהם געענטפערט מיט א שמייכעל און האָט פערמאכט פאר איהם די טיר... און שמערעלע איז נעבאך געבליעבען שטעהן פון יענער זייט מיט זיין שלוח מנות...

די קליינע סוחר'טע.

ביילקע כאפּט זיך אויף באַנינעַן ווי אַן אָבגעבריהטע. זי וויל זיך ראַפּטאם אָברייסען פון קישען, און זי פיהלט, אז דאָס קעפּעל איז ביי איהר שווער ווי בליי, זי קען דאָס פון אָרט ניט ריהרען.

זי גיט א וואָרף מיט איהרע פערשלאָפענע אויגעלעך אויפ'ן פענסטער, און זי זעהט אז דער הימעל איז שוואַרץ פערוואָלקענט, און א גראָבער רעגען קלאַפּט אין די שויבען.

— אז עס איז כמארנע שלעפערט זיך אזוי — זאָגט זי פערשלאָפען. זי גיט זיך פויל א דרעה אויפ'ן געלעגער, און די אויגען קלעפּען זיך צוזאמען.

זי גיט זיך אָבער באלד נאָך אמאָל א ריס, און גיט ווידער א

בליק אין פענסטער. אין דרויסען איז שוין גרויליך, בעמערקט זי. אך, כאטש נאך א ביסעל א דרעמעל טהאן, — דאכט זיך איהר, וואלט זי זיך מחיה געווען, און זי שטרעקט אויס די פיסלעך, און נארעט זיך איין אינ'ם געלעגער.

זי הערט ווי די יונגע ביינדעלעך איהרע קנאקען.

— אוי, — גיט זי א זיפץ, און עס דוכט זיך איהר, אז דאס קנאקען איז צוליעב דעם וואס זי איז געלעגען אזוי צוזאמענגע־קארטשעט.

זי שטרענגט זיך אן צו ערינערען ווי אזוי זי האט זיך געלעגט.

— ניין, עס איז גאר ניט דאס — זי דערמאהנט זיך, אז ביים לעגען ציהט זי זיך תמיד אויס, ווייל די מאמע זאגט, אז מען שלאפט צוזאמענגעקארטשעט וואקסט מען ניט, און זי וויל וואק־סען, זי וויל זיין א גרויסע, א גרויסע מויד. אט איז חנה א קליי־ניטשקע, קען זי ניט ווערען קיין כלה, א קליינע וויל מען ניט.

עס מוז זיין, פראסט, איבער דעם, וואס זי האט זיך נאך ניט אויסגעשלאפען גענוג. די נאכט פליהט עפעס איבער, דאכט זיך איהר. ערשט זיך אניעדערגעלעגט און עס איז שוין טאג.

און עס פערדריסט זי פאר וואס זי איז נעכטען פערזעסען זיך שפעטליך ביי מיימי'ן, מאכענדיג צוזאמען די אוראקען.

— זי איז א גרויסע פלאפלערין, אט די מיימי, אין מיטען די אוראקען פלאפעלט זי, און עס געהט אוועק דער גאנצער אבענד. מעהר געהט זי ניט צו איהר מאכען די אוראקען.

און נאך די אוראקען מאכען, דערמאהנט זי זיך, אז זי האט זיך נאך געשפיעלט מיט די חבר'טעס אין גאס. זי האט אזוי ליעב זיך צו שפיעלען, אז זי פערגעסט אז זי דארף אויפשטעהן גאנץ פריה.

מעהר ניט! מעהר שפיעלט זי זיך ניט נאך די אוראקען.

זי גיט זיך ווייטער מיט אלע קרעפטען א ווארף אויפ'ן גע־לעגער. גיט מיט די הענטלעך א רייב איבער די אויגלעך, און זי זעהט, אז דער טאג ברעכט זיך וואס אמאל מעהר אריין אין פענס־טער.

זי כאפט זיך אראב פון בעטעל און גיט א קוק אויפ'ן זייגער. צייט אויפצושטעהן.

— אַ פּערטעל נאָך פינף — מורמעלט זי פערשלאָפען. —

זי ציהט אויס איהרע יונגע ביינדעלעך און געהט זיך איינוואַשען.

זי וואשט זיך און שאָקעלט זיך דרעמלענדיג, און דער רעגען קלאַפּט אין די פענסטער וואָס אמאָל שטאַרקער.

— אַ שלעכטער וועטער — זאָגט זי צו זיך אליין, און נעהמט זיך פונאַנדערטשוכען פון'ם שלאָף.

זי נעהט טראַכטען וואָס פאַר אַ קליידעל זי זאָל אָנטהאָן.

אין אַזאַ שלעכטען וועטער ווערען די קליידלעך פערנעצט שטעהענדיג אין גאַס, און נאָכדעם האָט די מאַמע ארבייט צו וואַשען און פּרעסען.

זי זוכט אויס אַן אַלט קליידעלע, בעטראַכט דאָס פון אַלע זייטען.

— ניש־קשה, אין אַזאַ וועטער איז דאָס אויך גוט. אָרימע מאַמע, אַ רחמנות!

זי נעהמט זיך אָנטהאָן און זי פיהלט, אַז זי איז נאָך ניט אין גאַנצען וואַכענדיג.

זי גיט אַלע ווײַלע אַ געניץ און ביים פערשפּיעלען די שיך נעהמט זי ווייטער שלעפערען.

אָבער זי דערלאָזט ניט. זי רייבט אויס די אויגען און אָט איז זי שוין פאַרטיג אָנגעטהאָן.

גוט וואָס זי האָט זיך פערקעמט נעכטען אבענד. זי וועט שוין אימער אַזוי טהאָן.

זי גיט אַ קוק אין שפּיעגעל. גאַנץ גוט. די האָר זיינען אין אָרדנונג. דאָס איז דערפאַר, ווייל זי האָט פערבונדען דעם קאָפּ מיט אַ פאַרטוכעל.

זי גיט נאָך אמאָל אַ בליק אויפ'ן רעגען וואָס שמייסט די שויבען, און עס פאַלט איהר איין, אַז זי זאָל מיטנעהמען מיט זיך די ביכער. אין אַזאַ שלעכטען וועטער וועט זי פערשפּאָרען נאָך אַמאָל ארויפצוקומען. פון די צייטונגען וועט זי שוין געהן גלייך אין שול.

זי פּאַקט צוזאַמען די ביכער, קוקט זי ארום צו זי האָט ניט עפּעס פערגעסען, און לאָזט זיך געהן. ביים טיר בלייבט זי שטעהן.

— מען דארף מיטנעהמען דאָס מיסט מיט זיך — דערמאָהנט זי זיך. די מאַמע געהט אוועק פיער אַ זייגער צו די צייטונגען. דעמאָלט שטעהען נאָך די מיסט־קאַסטענס ניט, און קומען צוריק קומט זי צעהן אַ זייגער איז דאָס מיסט שוין צוגענומען, דערווייל ליעגט שוין דאָס מיסט צוויי טעג אין הויז.

אונטער איין הענטעל נעהמט זי די ביכער און אונטער דעם צווייטען — דאָס מיסט. פערשליסט די טיר. זי פּרובירט אַ פּאָר מאָל אָבשטופּען פון זיך, ביז זי איבערציינט זיך, אַז זי איז גוט פערשלאָסען. דאַן שטעקט זי אַריין דעם שליסעל אין דער קליי־נער קעשענקי פונ׳ם פּאַרטוכעל אין וועלכען זי האַלט דעם פּדיון פון די צייטונגען, און געהט אַרונטער.

זי מוז געהן שנעלער, טראַכט זי זיך, באַלד דארף דורכגעהן דער קונה וואָס נעהמט די „שטאַאַטס־צייטונג״. יאָ, אָט באַלד געהט ער דורך, אַ פערטעל צו זעקס.

זי לויפט אָהן אָטהעם צום טישעל מיט די צייטונגען וואו די מוטער שטעהט. דאָרט איז שוין אָנגעגרייט אַ פּעקעל מיט צייטונ־גען פערבונדען מיט אַ שטריקעל.

איילענדיג כאַפּט זי די צייטונגען פון דער מוטער. די מוטער גיט איהר מיט צוויי זעמעל פאַר איבערבייסען, און ערגערט זי, ווארום זי האָט ניט אָנגעטהאָן די קאַלאָשען, אין אַזאַ נאַסען וועטער קען זי זיך נאָך, חלילה, פערקיהלען.

— ניש־קשה, מאַמע — ענטפערט זי איילענדיג, און זי גיט אַ שפּרונג קאָקעטיש מיט די צייטונגען אונטער׳ן אָרעם און לויפט צו צו דעם פּלאַץ וואו זי דארף שטעהן מיט די צייטונגען.

איהר פּלאַץ איז ניט ווייט פון דער מוטער׳ס, בלויז איין גאַס איבערצוגעהן — דאָרט טרעפט זי שוין אויסגעשטעלט דאָס טי־שעל. דאָס האָט צוגעגרייט דער פאָטער, ער איז אוועק פערטיילען די צייטונגען.

זי צולעגט די צייטונגען אויפ׳ן טישעל, וויקעלט צוזאַמען דיע־זע וואָס זי דארף האָבען פאַר שטענדיגע קונדען, און זי דערמאָהנט זיך, אַז נעכטען האָט ביי איהר אַ נייער קונד בעשטעלט אַ „הערלד״.

— גאָר פערגעסען צו זאָגען דעם פּאַפּאַ וועגען דעם — האָט

זי צו זיך טענות. זי כאַפּט אַ „העראַלד" און לאָזט זיך לויפען, אומקוקענדיג זיך אַלע מאָל צו עס קומט ניט אָן דער קונד פון דער „שטאַאטס־ציימונג".

— שוין דאכט זיך שפּעט, — טראכט זי זיך — פיליפּכט האָט ער זיך היינט פערשלאָפען. אין אַ שלעכטען וועטער געהט ער אמאָל דורך שפּעטער.

זי קעהרט זיך אום, וויקעלט צוזאַמען אַ „שטאַאטס־ציימונג", שטעקט זי איין אויף דעם פּלאַץ וואו זי האַלט זי אימער, ווען זי געהט אמאָל אויף מינוט אַוועק.

— ער וועט זי שוין אויסגעפינען — זאָגט זי צו זיך אַליין — ער ווייסט שוין דעם פּלאַץ — און לויפט אַוועק.

זי גיט אָב דעם „העראַלד" צום נייעם קונד. די „העראַלד"־קונדען, זאָגט דער פּאַפּאַ, זיינען די בעסטע קונדען. לעצטע וואָך האָט זי אויך געקראָגען אַ קונד אויף אַ „טיימס", און זי בערעכענט אַז זינד זי שטעהט ביים טישעל האָט זי שוין צוגעקראָגען אַ היבשע ביסעל קונדען...

ווען זי קומט צוריק טרעפט זי אויפ'ן טישעל עטליכע סענט פּדיון.

זי נעהמט איבעררעכענען די ציימונגען, און עס קומט אויס, אַז עס פעהלט צוויי סענט. עס פעהלט, הייסט עס, פיער סענט, נאָר צוויי סענט פעררעכענט זי אויפ'ן קונד פון דער „שטאַאטס־ציימונג וואס איז נאָך ניט געוועזען איבערגעגאַנגען, אָבער די אַנדערע צוויי סענט לאָזען איהר ניט רוהען.

זי נעהמט זיך ברעכען דאָס קעפּעל, ווער האָט געקענט נעהמען אָהן געלד? אין דער צייט האָט זי ניט אַזעלכע קונדען. און עס קומט איהר אויף דער מחשבה, אויב דער מילך־יונג איז ניט דורכגעגאַנגען און האָט אַוועקגע'גנב'ט די צוויי סענט. ער איז אַ גנב, דער מילך־יונג. זי האָט איהם שוין געכאַפּט, ווען ער האָט געוואָלט צונעהמען אַ סענט פון טישעל.

ענדליך דערמאָהנט זי זיך אַז דער גראָבער איירישמאַן מיט דער רויטער נאָז, געהט דורך אין דער צייט און ער נעמט אַ „סאָן" אָהן געלד.

זי קוקט איבער די „סאַנס" און זי זעהט אז עס פעהלט איהר טאקע א „סאַן".

— אַט דאָס איז דאָס — בערוהיגט זי זיך, וואָס דער חשבון שטימט, און זי שפּרינגט כמעט אונטער פאַר שמחה.

זי נעהמט ברענגען אין אָרדנונג אויפ'ן טישעל, פערדעקען די צייטונגען, אז זיי זאָלען ניט פערנעצט ווערען פונ'ם רעגען.

זי גיט א בליק אָן דער זייט, און זי דערזעהט דעם בעזעם אָנ־געשפּאַרט אָן דער וואַנד.

זי ווערט אויפגעקאָכט און דאָס גאַנצע בלוט קומט איהר אין געזיכט אריין.

— וואָס פאַר אַן עזות! — מורמעלט זי בייז צו זיך אליין — אין אזא שלעכטען וועטער וויל זי איך זאָל קעהרען דעם טראָטואַר,

— ניין, איך וועל דאָס ניט טהאָן ! — זאָגט זי ענטשלאָסען.

זי שטעלט זיך אוועק ביים טישעל אראָבגעלאָזט דאָס קעפּעל, און דאָס הערצעל קאָכט אין איהר.

זי דערמאָהנט זיך אָבער, אז דערפאַר וואָס זי קעהרט אָב דעם טראָטואַר לאָזט מען זיי שטעהן דאָרט מיט'ן טישעל צייטונגען. דער פּאַפּאַ האָט איהר אָנגעזאָגט, אז זי זאָל יעדען טאָג קעהרען דעם טראָטואַר.

זי נעהמט דעם בעזעם און נעהמט זיך אָהן חשק קעהרען, אלע וויילע מוז זי זיך אָבשטעלען און צולויפען צום טישעל דערלאַנגען די קונדען די צייטונגען, און אז זי דאַרף צוריקנעהמען דעם בייזעם מורמעלט זי בייז צו זיך אליין.

דאָס קעהרען אַארט זי ניט. וואָס פאַר אַן ארבייט איז דאָס קעהרען ? אין דער היים קעהרט זי אלע חדרים, און וואַשט נאָך אָב די דילען. די מאַמע לאָזט זי ניט, אָבער שבת, ווען זי געהט ניט אין שול, בעט זי זיך איין ביי דער מאַמע'ן זי זאָל איהר ער־לויבען. און אז די מאַמע ערלויבט איהר ניט, פער'גנב'עט זי זיך, ווען די מאַמע געהט ערגעץ אוועק און וואַשט זיי אָב. זי האָט ליעב אזא ארבייט. אָבער ניט דעם טראָטואַר. דעם טראָטואַר ניט !

און ווארום טאקע ? דזשעסי, דעם בעל־הבית מיידעל פונ'ם הויז, איז גרעסער פון איהר, ווארום זאָל זי דאַרפען קעהרען דעם טראָטואַר פון זייער הויז ? אין שול קאָפּירט זי אָב פון איהר

אַלע אוראַקען. זי מוז נאָך דערצעהלען אַלע מיידלעך, אַז זי קעהרט זייער טראָטואַר...

—בעלא, אָט, נאַ, נעהם אַ קאָפּע קאָפּע — דערהערט זיך פּלוצלים אונטער זיך.

זי קוקט זיך אום, און זי דערזעהט ווי דעם בעל הבית׳ס מיי־דעל שטעהט פאַר איהר מיט אַ קאָפּע קאָפּע. — די מאַמע — זאָגט זי — האָט פאַר דיר אַרויסגעשיקט אַ קאָפּע קאָפּע.

זי ווייסט ניט וואָס זי זאָל טהאָן. עס ווילט זיך איהר מיט׳ן בעזעם געבען איהר אַ האַק איבער׳ן האַנד. דאָס בלוט קומט איהר אין געזיכט און זי נעהמט אַזש ציטערען פאַר כעס.

— אי... איך האָב שוין געהאַט מיין קאָפּע. מיר האָבען בע־סערע קאפּע — זאָגט זי צו איהר מיט אַ גיפטיגען כעס.

זי קעהרט זיך אָב מיט פעראַכטונג און נעהמט אויפגערעגט קעהרען דעם טראָטואַר. די הענטליך ציטערען און די אויגעלעך שפּריצען מיט פייער.

דזשעסי קעהרט זיך אום ווי בעליידיגט מיט דער קאפּע, און ביי ביילקע׳ן שטורמט דאָס הערצעל פאַר כעס.

— אַזא עזות — מורמעלט זי בייז — זי מיינט אַז מיר האָבען גאָר קיין קאפּע ניט. אָט די פוילע זאַך. זי איז דאָס ערשט אויפגעשטאַנען. זי איז נאָך פערשלאָפען. די אוראַקען האָט זי נאָך ניט געמאַכט און זי וועט היינט וועלען קאָפּירען מיינע אוראַ־קען וועל איך דערצעהלען דעם לעהרער...

און אַז דזשעסי קומט נאָכהער אַנגעטהאָן מיט די ביכער אונטער׳ן אָרעם, דרעהט זי אָב דעם קאָפּ, זי וויל אויף איהר ניט קוקען.

— זעה נאָר, ווי זי האָט זיך אויסגעפּוצט! — זאָגט זי מיט פעראַכטונג — אַ מעצאָצע, איך האָב אויך אַזא קליידעל, נאָך אַ שעהנערס, מיין ראָזאָווע קליידעל איז שעהנער... און די אוראַקען קען זי ניט...

און אַז דער פאָטער קומט, נאָכ׳ן פערטיילען די צייטונגען, נעהמט ביי איהר אָב דעם פדיון, און נעהמט זי אויספרעגען איי־ניגע זאַכען, ווייסט זי ניט וואָס צו ענטפערען. דאָס גאַנצע קער־פּערעל ציטערט, און די אויגעלעך זיינען צומישט פון אויפרעגונג.

— פּאפּא, זי איז א נארישע ציעג, זי קאפּירט פון מיר די אוראקען,
— און איהר שטימע ציטערט וויינענדיג.

זי לויפט אין שול אריין, און דאס הערצעל קען זיך ניט איינ־שטילען.

— זי איז אן אבגעריסנער נאר, א פערשטאפּטע קאפּ, — האלט זי אין איין מורמלען און דאס הערצעל וויינט איהר. — זי קען איהרע אוראקען ניט !...

משה'לע און שלמה'לע.

ברכה און שרה זיינען צוויי שוועסטער. ברכה איז אן אלמנה. איהר מאן איז א פּאר יאהר נאך זייער חתונה געשטארבען. שרה האט ערגעץ יא א מאן, נאר זי וואוינט ניט מיט איהם שוין אריבער פינף יאהר אין דעם אז זיי זיינען בעזונדער.

אוןביידע שוועסטער האבען א בשותפות'דיגען קלייטעל, א קלייטעל פון וועלכען זיי ציהען זייער חיונה, א קלייטעל פון סאָדע וואסער, קאנפעקטען, שרייב־געצייג, צייטונגען, ביכער און זא ווייטער.

וואוינען, וואוינען ביידע שוועסטער אין צוויי הינטערשטע חדרים'לעך נעבען קלייטעל, צוויי קליינע אלקערלעך.

אין איינע בשטעהט ברכה'ס בעטעל מיט בעט־געוואנד, א טי־שעל א פּאר שטוהלען און א קאסטען; און אינ'ם צווייטען — שטעהט שרה'ס בעטעל מיט בעט־געוואנד און אויך א טישעל, א פּאר שטוהלען און א קאסטען. דאס זעלבע מעבעל.

קאכען, קאכען ביידע שוועסטער אין איין קיך, א קליינע, אויך נעבען דעם קלייטעל הינטען.

אן אויווען, א קליין טישעל, א שוהל אהן א פּארענטשע, א בעזעם אנגעשפּארט אן וואנטעל, אן עמער מיט א לאפּעטקעלע פּאר קויהלען אין א ווינקעל, א פּאר טעפּלעך מיט א פּאר סקאוואָ־ראדעס אויסגעהאנגען אויף דער וואנד. מעהר קיין זאכען איז אין קיך ניטא, און מעהר קען טאקע, כמעט, אהינצו ניט אריין.

אויפ'ן אויווען קאכען ביידע שוועסטער יעדען פריהמארגען

זייערע מאָהלצייטען. אמאָל אין צוויי טעפּלעך און אַמאָל, אז עס איז אויפגעלעגט אויפ'ן הארצען, ניט מעהר ווי אין איין טעפּעל, א שותפות'דיגען מאָהל־צייט.

אויפפּאַסען אויף די טעפּלעך ביים אויווען איז ווי עס מאַכט זיך. אמאָל פּאַסט אויף ברכה און שרה שטעהט אין קלייטעל און אמאָל פּאַסט אויף שרה און ברכה שטעהט אין קלייטעל.

גאַנץ אָפט, ווען עס איז זעהר א שפּעטיגער פריהמאָרגען, שטעהען זיי ביידע אין קלייטעל, און פּאַסען ביידע אויף ביים אויווען. אָט רייסט זיך אָב דיעזע און גיט א לויף און אָט רייסט זיך אָב יענע.

דאָס זעלבע איז ביים פערבעטען און אויפראַמען. זיי טיילען זיך איין, די שוועסטער, און זיי קומען דורך. צוויי שוועסטער און ביידע, נעבעך מיט געבראָכענע הערצער, פיהלט איינע מיט די צווייטע.

און צוויי קינדערלעך פערמאָגען זיי די שוועסטער. צוויי אינ־געלעך, ביידע אין די זעלבע יאָהרען. ביידע אַלט א יאָהר זיעבען.

משה'לע איז ברכה'ס, דער אַלמנה'ס פערמעגען און שלומה'לע איז שרה'ס, דער עגונה'ס פערמעגען, און ביידע קינדערלעך זיינען ביי דער מאַמען דאָס לעבען מיט דער נשמה, דער גאַנצער נחת זייערער.

און ביידע אינגלעך ווערען פון די צוויי שוועסטער ערצויגען אויף דעם זעלבען שטייגער.

ביידע טראָגען זיי די זעלבע מלבושים'לעך. ביידע געהן זיי אין איין שול און אין איין קלאַס, ביידע געהן זיי אין איין חדר און צו איין רבי'ן. ביידע האָבען זיי די זעלבע ביכלעך צום לערנען, די זעלבע טעטראַטען און די זעלבע פּענם און הענטלעך צום שריי־בען, און ביידע האָבען די זעלבע שפּיעלעכלעך צום שפּיעלען.

ווען ברכה געהט אין מאַרק אריין און קויפט עפּעס א שפּיע־לעכעל אָדער א מלבוש'על פאַר איהר משה'לען, מוז זי דאָס זעל־בע שפּיעלעכעל, דאָס זעלבע משלבוש'על, פּונקט דאָס זעלבע, אויך קויפען פאַר שלמה'לען, און דאָס זעלבע מיט שרה'ן.

קרובים און פערוואַנדטע האָבען משה'לע און שלומה'לע אויך די זעלבע.

דעם זעלבען אָנקעל מאיר, די זעלבע טאַנטע דבורה, דעם זעל־בען קאָזין דזשעקי און די זעלבע קוזינע בעסיע. אוןביידע האָבען זיי איין זיידען אַ בשותפות'דיגען: די מאַמע'ס טאַטע.

ווען דער אָנקעל, די טאַנטע אָדער די קאָזינס קומען אַמאָל, לאָזען זיי זיי איבער צו קופּערנע מטבעות אַ פּרעזענט: איינע פּאָר משה'לען און איינע פּאָר שלמה'לען, און משה'לע מיט שלמה'לען לויפען ביידע גלייך צו צום קאַנטער (סטאָיקע) שלעפּען צו ביידע צוזאַמען — איינער ביי דער פאַרענטשע און איינער ביי אַ פּיסעל — אַ שטוהל צום שאַר־קיים (גלעזערנע סטאָיקע) שטעלען זיך ביי־דע אַרויף און נעהמען איינהאַנדלען קאָנפעקטען ביי די מאַמעס.

שלמה'לע איז בטבע אַ ריהרעווודיגער און אַ מעהר נאָכגעבענ־דער; און משה'לע איז ערנסטער, איינגע'עקשנ'טער און מעהר אַמביציעז..

— לאָמיר קויפען אָט די דאַ — צייגט אָן דער ערשטער שלמה'לע, אַרומשוועבענדיג מיט די אויגעלעך אינ'ם שאַר־קיים (גלע־זערנע סטאָיקע) — אָט די..

— ניין. ניט אָט די, אָט... אָט יענע... אָט יענע, האַ.. שפּאַרט איבער משה'לע, נאָך אַליין ניט וויסענדיג וואָסערע...

— וואָסערע? - - פרעגט איבער שלמה'לע און קוקט נאָך אויף משה'לעס הענטעל וואָס טאַנצט אַרום איבער'ן שאַר־קיים (גלעזער־נע סטאָיקע) פון איין פּלאַץ אויפ'ן צווייטען...

— אָט, אָט יענע... אָט יענע, דאָ... אָט די — בלייבט ענדליך משה'לעס הענטעלעך שטעהן אויף איין פּלאַץ — אָט די דאָ...

— אָט די אָ... — איז שלמה'לע אויך מסכים, און ביידע קינ־דערשע הענטעלעך ווייזען אָן אויף איין פּלאַץ — אָט די אָ, — צייגען זיי אָן די מוטערס.

— ניט אָט די אָ! — מישען זיך אריין ביידע מאַמעס — פע! קויפט בעסער אָט די, אַ שאָקאָלאַט קויפט!...

שלמה'לע וואָלט אפשר בעשטאַנען און ער קוקט משה'לען אין די אויגעלעך, וואָס יענער וועט זאָגען — שאָקאָלאַט? — פרעגט ער זיך אָן.

משה'לע בעשטעהט אָבער אויף זיינע — אָט די אָ... אָט די

א — וויל ער ניט נאָכגעבען, און שלמה׳לע העלפט איהם אויך אונ־טערטאָנצענדיג: אָט די א... אָט די אָ...

ווען די מאַמעס האַלטען אין אויסצעהלען זיי די קאָנפעקטען אין פּאַפּירענעם זעקעל אריין, שטעהן משה׳לע און שלמה׳לע, ביי־דע מיט אויסגעשטרעקטע הענטעלעך און האַלטען זיך אין איין דינ־גען: — נאָך איינע... נאָך איינע... נאָך אָט די געלע.. נאָך, אָט די רויטע... נאָך, אָט נאָך איינע, מאַמע.

און ווען די מאַמעס פערדרוקען שוין בייז די שאַר־קיים און נעהמען שוין פערדרעהען דאָס פּאַפּירענע זעקעל, געבען דאָס גלייך ביידע קינדער א כאַפּ: איינער אויבען און דער אַנדערער אונטען; גליטשע זיך, אזוי האַלטענדיג צוזאַמען דאָס זעקעל, מיט אמאָל, אויף די בייכלעך, אראָב פון שטוהל, און ביידע צוזאַמען נעהמען זיי אויסשיטען די קאָנפעקטען.

ווען זיי שיטען אוים די קאָנפעקטען טרייסלען זיי פריהער ביידע צוזאַמען דאָס פּאַפּירענע זעקעל.

נאָכהער קוקט יעדער בעזונדער אריין אינעווייניג צו עס איז דאָרט עפּעס ניט פערבליעבען, און נאָכדעם שאַרען זיי צוזאַמען ביידע אויף איין קופּקעלע און נעהמען זיך טיילען:

— מיר א ווייסע און דיר א ווייסע, מיר א געלע און דיר א געלע... מיר א רויטע און דיר א רויטע, — משה׳לע איז דער מחלק און שלמה׳לע שטעהט אונגעדולדיג, שאַרט אַלע מאָל צוזאַמען דאָס קופּקעלע, און טראָגט איהם אונטער די קאָנפעקטען, די חלוקה זאָל צוגעהן שנעלער...

— וואַרט... וואַרט... אָ וואַרט, די רויטע איז א גרעסערע, דו, דו זעהסט — גיט זיך פּלוצלים משה׳לע א כאַפּ.

— איז, איז דערפאַר... דיין געלע א גרעסערע — אָט זעהסטו זעה! — צייגט ער איהם מיט׳ן פינגער פון וויטענס, ער זאָל איהם חלילה ניט חושד זיין אז ער וויל זי צונעהמען...

אויפ׳ן סוף צעהלען זיי ביידע איבער די חלקים. ווען איינער צעהלט, האַלט דער צווייטער צו זיין חלק מיט׳ן הענטעל און היט מיט די אויגעלעך יענעמס יעדע בעוועגונג, און אז עס בלייבט איין קאָנפעקטעל ניט צו דער פּאָר, בייסט מען זי איבער אויף צווייען מיר א האַלבע און דיר א האַלבע.

ווען דער זיידע קומט לאָזט ער זיי ניט איבער קיין געלד, נאָר ער לאָזט זיי זאכען. א סך, א סך זאכען האָבען זיי שוין פונ'ם זיידען... אונטער'ן בעט, אין א קעסטעל, האלטען זיי זיי. משה'לע אונטער זיין מאמע'ס בעט און שלמה'לע — אונטער זיין מאמע'ס...

ווען ער קומט דער זיידע, לויפט איהם דער ערשטער אנטקעגען שלמה'לע, און מיט שמחה שרייט ער אוים: — דער זיידע קומט!... — און ער ווארפט זיך אויף איהם ארויף, כאפט איהם ארום מיט די הענטלעך און נעהמט אויף איהם קלעטערען...

דער זיידע נעהמט איהם אָבער ניט ארום, ביז וואנען משה'לע לויפט צו. דאן נעהמט ער זיי ביידען ארום און צוקושט זיי. דעם ערשטען גיט ער משה'לען.

— דער איז ביי זיך א יחסן — זאָגט דער זיידע אויף משה'לען — ער ברוגז'ט זיך אָן באלד...

ווען ער טיילט זיי ארום מיט די קושען, פיהרען זיי איהם ביידע צו. ביי די פּאָלעס, צו א שטוהל, זעצען איהם אוועק און נעהמען ארום איהם ארומטאנצען.

— מיין זיידע! מיין זיידע! — רייסען זיך ביידע איינעקלעך.

דער זיידע נעהמט זיי ביידע ארויף אויף דער קניה, איינעם אין איין זייט און דעם צווייטען אין דער צווייטער זייט. — ביידענס זיידע, ביידענס זיידע — גלייכט ער זיי אוים, און ער נעהמט זיי אויספרעגען וואָס פאר א סדרה עס געהט? און צו זיי פאָלגען די מאמעס?...

די ענטפערס וואָס די קינדער גיבען דעם זיידען זיינען אייּלענדיגע, איינער וויל אויסכאפּען ביי דעם צווייטען.

— ויצא... ויצא געהט היינט — טארעט שלמה'לע דעם זיידען, און שלעפט איהם ביי איין זייט באָרד... — היינט געהט די סדרה ויצא...

— שא, שא...— שלאָגט איהם משה'לע איבער — איך ווייס אויך... ויצא... ויצא געהט היינט. דו הערסט זיידע? ויצא... און ער שלעפט איהם ביי דער צווייטער זייט באָרד.

— איהר ווייסט ביידע, ביידע ווייסט איהר, — גלייכט זיי

אוים דער זיידע — איהר זייט וואוילע קינדערלעך, און זיי נעהמען זיך פאַר איהם בעריהמען מיט זייערע זאכען.

— זיידע, האָסט שוין געזעהן מיין פערדעלע? — גיט שלמה׳־לע דער ערשטער א שלעפּ דעם זיידען, און כאַפּט זיך אראָב פון דער קניה — טאַקע אַן אמת פערדעלע, וואַרט, איכ׳ל דיר ציינען... די מאַמע האָט מיר געקויפט... מיט א ווײדעלע... און... מיט א צאַמעל...

— מיר... מיר האָט אויך די טאַנטע געקויפט אזא פערדעלע, אויך מיט א ווײדעלע.. און.. אויך מיט א צאַמעל. — שפּרינגט נאָך משה׳לע — איכ׳ל דיר אויך ציינען, זיידע.

ביידע קינדער קריכען ארונטער אונטער די בעטען און ברענ־גען באַלד צוטראָגען די פערדלעך.

— זעהסטו, זיידע? זעהסטו דאָס פערדעלע... און דאָס ציימעל, זיידע? א רויט ציימעל... אַן אמת׳דיגס, א יאָ זיידע?

— און מיינס, זעהסט זיידע? זעהסט מיין פערדעלע? אויך מיט א רויט ציימעל, אויך אַן אמת׳דיגס, אָ יא, זיידע?

— זיינס — שלאָגט איבער שלמה׳לע — איז אָהן א פיסעל, זעהסט זיידע? עס האָט קיין פיסעל ניט זיין פערדעלע...

— מיינס האָט אויך געהאַט א פיסעל, — פערענטפערט זיך שלמה׳לע מען האָט עס אָבגעבראָכען. וואַרט... זיידע איך... איכ׳ל דיר ציינען — און ער לויפט אוועק און ברענגט דאָס פיסעל.

— זעהסטו זיידע, זעהסט? מען קען דאָס צוקלעפּען. א יא, זיידע, מען קען דאָס צוקלעפּען?...

— געוויס, געוויס קען מען דאָס צוקלעפּען — פּאַטאַקאַוועט דער זיידע.

— און.. און... און מיין מיאַטש... וואַרט, זיידע, האָסט שוין געזעהן מיין מיאַטש, וואָס די טאַנטע האָט מיר געקויפט? אָט אזא גרויסען... אָט אזא — צונעהמט שלמה׳לע די הענטלעך און ציינט וואָס פאַר א מיאַטש די טאַנטע האָט איהם געקויפט.

— און... און מיר האָט אויך די מאַמע געקויפט אזא מיאַטש, אויך אָט אזעלכען... אָט אזא א... — צונעהט משהלע אויך די הענט־לעך און ציינט.

אוןביידע קינדער ווערען וויעדער נעלם אונטער די בעטען און בעוויייזען זיך באלד מיט די מיאַטשעס.

— זעהסטו זיידע — שרייט משה'לע — זעהסט ווי הויך?... זעהסט ווי ער שפּרינגט? — און גיט אַ וואָרף דעם מיאַטש אויף דער ערד.

— און... און מיינער... זעהסט זיידע, זעהסט ווי מיינער שפּרינגט אויך אַזוי הויך... — און משה'לע גיט מיט אַלע כחות אויך אַ וואָרף זיין מיאַטש.

— האַ!...האַ! מיינער... מיינער שפּרינגט העכער — שרייט שלמה'לע אויס מיט נצחון.

— ניין, ניין, זיידע... זיינער... זיינער שפּרינגט ניט העכער... ער האָט שטאַרקער אַ וואָרף געטהאָן, אַ יאַ, זיידע, ער האָט שטאַרקער אַ וואָרף געטהאָן?

— שאַ... שאַ... ווייסטו וואָס גאָר, לאָמיר וואַרפען גלייך — גיט שלמה'לע אַן עצה.

— נו, לאָמיר! — בעשטעהט משה'לע.

— קוק... קוק... זיידע...

— יאַ, יאַ, זיידע, קוק — לאַדען זיי איין דעם זיידען.

— שטעל זיך אָט דאָ, אַ... — קאָמאַנדעוועט שלמה'לע.

— משה'לע שטעלט זיך אוועק.

— הויב אויף די האַנד — קאָמאַנדעוועט ער ווייטער.

משה'לע הויבט אויף דאָס הענטעל.

— זיידע צעהל... צעהל, איינס, צוויי, דריי...

דער זיידע צעהלט: איינס, צוויי דריי...

און ביידע קינדער גיבען אַ וואָרף מיט אַלע כחות ביידע מיאַטשעס.

— האַ! האַ! האַ! — שרייגט שלמה'לע אויף — מיינער... איז העכער... זעהסט, זעהסט, זיידע?

— אַ יאַ, זיידע, זיינער איז ניט העכער? — עקשנ'ט זיך משה'לע.

— זיי זיינען ביידע העכער — מאַכט דער זיידע אַ בשרה.

און ווען דער זיידע געהט אוועק, טיילט ער זיי ביידען איין צו קוש, און מיט נייע זאכען צו שפיעלען זיך, ביידע די זעלבע זאכען. עס זאל צווישען די קינדער ניט זיין קיין קנאה....

איזי, טשארלי און ביל.

איזי, טשארלי און ביל.

דריי קינדער כמעט אין די זעלבע יאהרען, — א יאהר צוועלף־דרייצעהן.

זיי וואהנען אין איין גאס. א הויז ביי א הויז.

איזי'ס פאטער, מיסטער זאלקאוו, א לעבענס פערזיכערונגס אגענט איז א מענש מיט אידעאלען, א ראדיקאל און א פערברענ־טער אסימילאטאר.

טשארלי'ס פאטער, מיסטער לעוויט, איז אויך א אידעאליסט א ראדיקאל, און אן איבערגעגעבענער נאציאנאליסט.

און ביל'ס פאטער, מיסטער מעק'לעלען, א בילדער, פון היי־זער, איז א גוי אהן שום אידעאלען, א פערברענטער „ספארטס־מאן."

א שעהנער זומערדיגער פאר נאכט.

איזי איז ארויסגעלאפען אין גאס מיט'ן „בעטה", (שטע־קען וואס שלאגט אב דעם מיאטש), מיט'ן „בייז באל", און מיט דער אנגעבער הענטשקע אויף דער האנד, קייענדיג דעם ביסען אין מויל, און שרייענדיג פון די טרעפען ארויף צו דער מוטער: אל רייט! אל רייט! איך וויל שוין מעהר ניט עסען. „אי גאד ענאף". (איך האב גענוג).

ער שטעלט זיך אוועק אין מיטען גאס, גיט א ווארף אפ פון זיך דעם בייז באל, און קוקט זיך ארום פון אלע זייטען זוכענדיג א גוטען ברודער וועלכער זאל אונטערכאפען די שפיעל

קיין גוטער ברודער יאוועט זיך ניט אבער עס קומט אן אנט־קעגען א גרייז גרויער אלטער, מיט אן אלטיטשקער אונטער'ן ארעם.

דער אַלטער לאָזט ארויס דעם אָרעם פון דער אַלטעטשקער, בויגט זיך אָן מיט אַ יראת הכבוד, אזוי ווי ער וואָלט דאַרפֿען מקיים זיין עפּעס אַ דבר מצוה, און דערלאַנגט איזי'ן דעם באָל.

איזי גיט בעת מעשה אַ שמייכעל מיט גדלות, און גיט וואויל־יונגיש נאָך אַמאָל אַ וואַרף אָפּ דעם באָל.

מיט אַמאָל דערזעהט ער פון דער ווייטענס טשאַרלי'ן אָנקו־מענדיג מיט די ביכער אונטער'ן אָרעם.

— סעי, טשאַרלי, טשאַרלי! — שרייט ער אויס מיט שמחה, — „קעטש טהי באָל" (כאַפּ דעם מיאַטש).

טשאַרלי וואַרפֿט אַרונטער די ביכער אין מיטען גאַס, כאַפּט אונטער דעם באָל און עס הויבט אָן צו געהן אַ גאַנג. דער באָל לויפֿט אַהין און צוריק, אוןביידע חברה לייט לויפֿען אַרוים פֿערשמייעט און פֿערפֿלאַמט, און פון זייערע קולות ווערט פֿערהילכט די גאַס.

דער אַלטער נעמט די אַלטעטשקע צוריק אונטער'ן אָרעם, און ביידע קוקען זיי געהענדיק צו מיט הנאה און שמייכלען דעם גאַנ־צען וועג, ביז זיי ווערען פֿערשוואונדען.

— סעי, איזי, — גיט שטאַרלי פּלוצים אַ וואַרף דעם באָל, אזוי ווי שוין צום לעצטען מאָל, און בויגט זיך אָן צוזאַמענעהמען זיינע ביכער — איך... איך... מוז געהן אַהיים... איך מוז מאַכען מיינע „לעסאָנס" (אוראָקען). מיין טאַטע... מיין טאַטע, פֿער־שטעהסט?... איך מוז מאַכען די „לעסאָנס"...

— וואָס? — פֿרעגט איזי ווי ניט פֿערשטעהענדיג.

— די לעסאָנס, די לעסאָנס מאַכען... פֿערשטעהסט גאָר ניט?

— וואָס פֿאַר אַ לעסאָנס?... „יו פֿול" (דו נאַר), עס איז דאָך „וואַקיישאָן", איז דאָך... וואָס פֿאַר אַ לעסאָנס? קאָם אָן, דאָנט מייק נאָ פֿול אָף יוהר סעלף! קעטש טהי באָל!... (מאַך זיך ניט פֿאַר קיין נאַר, כאַפּ דעם באָל!)

— דו... דו ביסט אַליין אַ פֿול! — ערקלעהרט איהם טשאַר־לי — „דאַט איז טהי דזשואיש לעסאָנס, יו אָנדערסטענד?" (דאָס איז די אידישע אוראָקען, פֿערשטעהסט?)

— טהי דזשואיש לעסאָנס? האַו איז דהאַט? (די אידישע אוראָקען, ווי אזוי איז דאָס?) אַר יו עי דזשו? (ביזט אַ איד?)...

— געוויס בין איך אַ איד... און דו? דו ביסט אויך אַ איד... דו רעדסט דאָך אידיש רעדסטו דאָך...

— דהאַט דאָזענט מעטער (דאָס מאַכט ניט), איך רעד אידיש, רעד איך... אָבער מיין פּאַפּאַ זאָגט אַז... אַז ס'איז ניטאָ קיין אי־דען, איז ניטאָ... און עס איז ניטאָ קיין קריסטען, ס'איז דאָ מענ־שען איז דאָ, דאַטס אָל (דאָס אַלעס). דאָנטשיו בעליוו (גלויב ניט), עס איז ניטאָ קיין אידען... און עס איז ניטאָ קיין קריס־טען, מיין פּאַפּאַ ווייסט.

— וואַט אַר יו טאָקינג אַבאַוט? (וואָס פּלוידערסטו?) זעהסט ניט אַז ס'איז דאָ אידען? איז דיין פּאַפּאַ ניט אַ איד? און, און.... „ווקאָס" (ס'פּערשטעהט זיך) דו האָסט ניט געלערענט קיין „דזשואיש" (אידיש), איך מיין.... ווייסטו ניט „עבאַוט די דזשואיש האָלידייס" (וועגען די אידישע ימים טובים). „אַבאַוט" (וועגען) חנוכה, פּסח, שבועות?

— „עבאַוט וואַט?" (וועגען וואָס?) „דאָנט טאָק נאָנסענס" (רעד ניט קיין נאַרישקייטען) „לעט אָס גאָ אָן וויטה דהי גיים" (לאָמיר אָנגעהן מיט דער שפּיעל), האַו דו יו קאָל איט? (ווי רופסטו דאָס?)

— חנוכה, שבועות, און פּסח — ערקלעהרט איהם טשאַרלי.

— איך וויים... איך וויים... אָבער דאָס איז אַ „האָלידיי" (יום טוב) פאַר, פאַר „יו נאָו" (דו ווייסט) פאַר די אידען מיט די „וואָהיסקערס" (בערד) „ביקאָז", ווייל זיי געהען אין שוהל... באָט דיין פּאַפּאַ טראָגט דאָך ניט קיין „וואָהיסקערס" און געהט ניט אין שוהל....

— דאַט, דאַט דאָזען, דאַט דאָזענט מעטער (דאָס מאַכט ניט)

— היקעט צו טשאַרלי — מיין „דזשואיש טיטשער" (אידישער לעהרער) געהט אויך ניט אין שוהל... און... און „הי איז אַ גוט דזשו, מיינד יו" (און ער איז אַ גוטער איד, פערשטעהסטו). ער ער איז געווען אין ארץ ישראל, איז ער געוועזן.... און ער רעדט „היברו", רעדט ער. מיין טיטשער זאָגט אַז מען דאַרף זיין אַ איד... „דו יו נאָו ענימהינג" (ווייסט עפּעס) „עבאַוט" (פון) די „מאַקאַבעער?" דו ווייסט גאָר ניט, ווייסטו ניט!....

— „באָט" (אָבער) מיין פּאַפּאַ ווייסט. מיין פּאַפּאַ ווייסט

בעסער פאַר דיין טיטשער.... מיין פּאַפּאַ ווייסט בעסער פאַר „טהי האָל וואָירלד" (פאַר דער גאַנצער וועלט)... מיין פּאַפּאַ זאָגט מען דאַרף ניט זיין קיין „דזשו"... און מען דאַרף ניט זיין קיין קריסט...

— „באָט יו מאַסט בי סאַמטינג"! (אָבער דו מוזט דאָך זיין עפּעס) — קען טשאַרלי ניט פערשטעהן.

— „נאָטהינג, נאָטהינג!" (גאָר ניט, גאָר ניט), מען דאַרף זיין א מענש, זאָגט מיין פּאַפּא און „דאַטס אָל" (דאָס אַלעס)... דו פערשטעהסט, מיין פּאַפּא ווייסט בעסער פאַר דיר, מיט דיין פּאַ־פּא, מיט דיין טיטשער...

— באָט, די גאַנצע וועלט איז דאָך עפּעס... איך מיין יעדער איינער, דו זעהסט ניט אז יעדער איז עפּעס, „פּראָטעסטענס" (צום ביישפּיעל) ביל'ס פּאַפּא איז א קריסט... „איזנ'ט הי?" (איז ער ניט?)

— ביקאָז זיי זיינען פולס, זאָגט מיין פּאַפּא... זיי זיינען „איגנאָראַנטס"... זיי פערשטעהען גאָר ניט... זאָגט מיין פּאַפּא.

— איך, איך דענק אז דיין פּאַפּא פערשטעהט ניט... „בע־ליוו מי" (גלויב מיר).

— „וואַט?" (וואָס?) מיין פּאַפּא... מיין פּאַפּא פערשטעהט ניט?... — ווערט איזי אָן אָנגעצונדענער — „א'ל קרעק יוהר פּייס אין עי מינוט!" (איך'ל דיר צופּראַסקען די צורה אין א מינוט), מיין פּאַפּא!... „יו בלעדי דזשו, וואַט יו אַר!" (דו פּאַסקודנער איד וואָס דו ביסט).

— „אָל רייט, קאָם אָן, יו!" (גוט, קום), איכ'ל דיר ווייזען וואָס א „דזשו" קען!

און איזי וואַרפט אַוועק דעם באָל מיט'ן שטעקען און טשאַר־לי — די ביכער און ביידע חברה ליַיט שטעהען שוין מיט פער־קאַטשעטע אַרבעל, אָנגעשטרודעלט ווי די הענער איינס אַקעגען צווייטען...

— „סעי! סעי!" (דו! דו!) — לויפט אָן ביל אויף א פּאָר „סקייטס" אין מיטען דערינען — „לוק דהי שינים אַר פייטינג" (זעה ווי די „שינים" שלאָגען זיך).

און איזי מיט טשאַרלי'ן פערגעסען ביידע אינ'ם וכוח, דרעהען

זיךביידע אוים מיט די פּאַרקאַשערטע אַרבעל, און שטעהען שוין ביידע אַקעגען ביל׳ען.

— הו איז איי „שיני״? יו בלעדי אייריש!...

ווילי.

ווילי, דער קליינינקער ווילי, מיט׳ן רונדען פּוכינקען פּנים׳ל, מיט׳ן קליינעם מיילכעל, מיט די רויטע שמייכלענדיגע ליפּלעך, און מיט די פּאָר בלויע, בולט׳ע, גוטע אויגעלעך — דער דאָזיגער ווילי איז מיינער א קונה.

זינד איך האַלט אין דעם געגענד מיין געשעפט, קומט ווילי צו מיר קויפען צייטונגען פאַר׳ן פּאַטער.

זומער צייט, ווען די טהיר פון מיין קראָם פלעגט זיין אָפען, פלעג איך זעהר זעלטען בעמערקען, ווען ווילי פלעגט קומען נאָך די צייטונגען, אימער, כמעט, פלעג איך מיך אומקוקען ווען ווילי איז שוין לאַנג ארומגעגאַנגען צווישען די טישען מיט די קינדער־שע שפּיעלערייען, איבערטאַפּענדיג יעדע שפּיעלעכעל, און אומ־קוקענדיג זיך מיט די בלויע אויגעלעך אין אלע זייטען, ווי ער וואָלט מיט זיי בעטען אַן ערלויבניש.

— איך׳ל ניט צוברעכען, איך׳ל בלויז בעטראַכטען, דורכ־קוקען — פלעגט ער זיך בעטען — שעהנע זאַכען! איך האָב ליעב שעהנע זאַכען, אזוי ליעב!

ווען עס איז אָבער אָנגעקומען דער ווינטער, און די טהיר פון מיין קראָם איז געוואָרען פערמאַכט, האָט ווילי יעדעס מאָל, ווען ער איז געקומען נאָך די צייטונגען, געמוזט אָנקומען מען זאָל פאַר איהם עפענען די טהיר.

דער קליינינקער, זעקס יעהריגער ווילי, האָט ניט געהאַט קיין קראַפט אין זיינע קליינינקע הענטלעך אליין די שווערע טהיר צו עפענען, ער פלעגט קומען אַן אָנגעפּעלצטער, מיט׳ן פוטערנעם מאַנטעלע, מיט׳ן פוטערנעם היטעל איבער די אויערען, מיט דער וואָלענער רויטער שאַרפע ארום האַלז, פערבונדען אונטער די פּאַכוועס, אויף הינטען מיט א שלייף, זיך אוועקשטעלען מיט׳ן

פון פראָסט פערוויטעלטען פּנים׳ל, און מיט די וואָלענע הענטש־קעס ביי דער גלעזערנער שויב פון טהיר און האַלטענדיג אין הענ־טעל שטייף די סענטען פאר די צייטונגען פלעגט ער אזוי לאנג קלאַפּען הינטען מיט די פיסלעך און אויבען אָן א שויב מיט די הענטלעך, ביז אימיצער פלעגט איהם עפענען.

איך האָב דאן אָנגעפאנגען בעמערקען אז ווילי קומט נאָך די צייטונגען אימער מיט א שטונדע פאר דער צייט, און די גאנצע שטונדע ביז די צייטונגען קומען אָן, האַלט ער אין איין ארומ־קלעטערען צווישען די שפּיעלערייען.

— איך וויל א קוק טהאָן אויף די שפּיעלערייען — פלעגט ער גלייך, ווען מען האָט געעפענט פאר איהם די טהיר, פערררייסען די בלויע אויגעלעך מיט א געבעט — איכ׳ל דאָ ווארטען ביז די צייטונגען וועלען אָנקומען... איכ׳ל בלויז קוקען.

און ער פלעגט זיך באלד א לאָז טהאָן צווישען די טישען.

אן אנדערען וואָלט איך פיליכט ניט געווען געלאָזט זיך אזוי צו באַלעבאַטעווען ביי מיר אין קראָם. איך בין איבערהויפּט א מענש, וואס איך קען ניט דולדען אז יענער דרעהט זיך מיר ארום אומזיסט און אומנישט פאר די פיס, ווילי׳ן אבער, האָב איך דאָס ניט געקענט אפּזאגען, אז ער פלעגט אויף מיר א קוק טהאָן מיט זיינע בלויע אויגלעך, פלעג איך דערפיהלען אז דער קליינע ווילי ווערט איבער מיר דער בעל הבית און קען מיט מיר טהאָן וואס ער וויל.

— ווילי, וואָס קומסטו אזוי פריה? — אהיים! ועסט קומען שפּעטער מיט א שטונדע! — פלעג איך צו צייטענס ווערען שטרענג מיט א מינע, אזוי ווי איך וואָלט, הייסט עס, זיך אליין וועלען נעהמען אין די הענט אריין, איך פלעג אבער באלד דערפיה־לען אז מיין גאנצע שטרענגקייט האָט א פּנים פון חוזק. ווילי האָט מיך שוין געקענט, ער פלעגט שטעהן מיט׳ן פערריסענעם קעּ־פּעל מיט די בלויע אויגעלעך און זיך אויסלאכען פון מיר. ער האָט געוואוסט, אז נאָך מיין גאנצען שטרענגקייט וועט ער מנצח זיין. איך וועל איהם באלד א גלעט טהאָן איבער׳ן קעפּעל, אדער א קניפּ טהאָן אין בעקעל, און וועל איהם אליין צופיהרען צו די שפּיעלערייען.

פאַר קריסטמעס, ווען די קינדערשע שפּיעלערייען האָבען גע־נומען ביי מיר אין קראַם וואס אמאָל צוקומען, אלע מאָל אנדע־רע און שעהנערע, האָט ווילי אָנגעהויבען קומען נאָך די צייטונ־גען וואס אמאָל פריהער, באַלד נאָך מיטאג פלעגט ער שוין שטעהן ביי דער טהיר און קלאַפּען.

— קריסטמעס זאכען! יעזוס! וויפיעל קריסטמעס זאכען!

— פלעגט ער צופּענגען ברייט די בלויע אויגלעך, און ארומלויפען פון איין שפּיעל צייג צום צווייטען. — קריסטמעס זאכען!

און וואס אמאָל נעהענטער צו קריסטמעס צו איז ווילי גע־ווארען צו מיר מעהרער צוגעוואקסען און האָט מיך אָנגעהויבען אויספרעגען פערשיעדענע זאכען וועגען די שפּיעלערייען.

— וואו קריגסטו אזוי פיעל שעהנע זאכען? — האָט ער גע־וואָלט וויסען.

— איך קויף — האָב איך איהם ערקלערט.

— קויפסט? — האָט ווילי פערקנייטשט דאָס שטערענדעל און ארומגעלאָפּען מיט די בלויע אויגעלעך — זיי מוזען קאָסטען א סך, א סך געלט!

— געוויס קאָסטען זיי.

— און... און ערב קריסטמעס ועט... וועט קומען „סאנטע קלאוז" און וועט אויסקויפען ביי דיר די אלע, אלע שעהנע זאכען? — האָט ער זיך ווייטער אָנגעפרעגט.

— געוויס, געוויס וועט ער זיי אויסקויפען — האָב איך צוגעשטימט צו זיין מיינונג.

— און וועט אָנלעגען פולע בעסקעטס און זעק, און... און קאסטענס און וועט זיי ארויפלעגען אויף א גרויסען, גרויסען שלי־טען — האָט ווילי ווייטער מיר דערצעהלט און געקוקט מיט די אויגלעך, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף מיין הסכמה.

— געוויס — האָב איך מסכים געווען.

— און ער וועט קריסטמעס נאַכט ארומפאָהרען און וועט אריינקומען אין אלע הייזער דורכ'ן קוימען און וועט אריינלעגען גוטע זאכען אין די זאָקען פון אלע, אלע קינדער, א יאָ ער וועט אריינלעגען? — האָט ווילי ווייטער געפאַנטאזירט.

— ניט פון אלע, בלויז פון די גוטע — האָב איך איהם פער־

ריכט — צו שלעכטע קינדער וועט „סאנטע קלאוז" גאָר ניט ברענגען.

ווילי האָט אויף מיר אַ קוק געטהאָן מיט די אויגעלעך, האָט פערקנייטשט דאָס שטערענדעל, און אַ וואָלקען האָט זיך איהם פלוצים פערצויגען איבער'ן פּנים'ל.

— צו שלעכטע וועט ער ניט ברענגען? ! — האָט ער מיט אַ זיפץ פון הערצעל זיך אָנגעפרעגט — „סאנטע קלאוז" קומט ניט צו קיין שלעכטע? ער האָט זיי פיינט?

אויף דער פראגע האָב איך קיין צייט ניט געהאט צו ענט־פערען איהם, ווייל עס איז אריינגעקומען אַ קונה, און איך בין געווארען פערנומען, איך האָב נאָר בעמערקט ווי ווילי איז געבליבען שטעהן אַ פערטראכטער, די בלויע אויגעלעך האָבען גענומען ארומ־לויפען, שנעל, שנעל, ער איז צוגעגאנגען צו די שפּיעל צייג, האָט זיי בעטראַפּט, זיך אומגעקעהרט אלע מאָל צו מיר, און ארומגע־גאנגען הין און צוריק ווי צומישט. מיט אַ מאָל איז ער פון מיינע אויגען פערשוואונדען.

אין אַ פּאָר מינוטען ארום איז ווילי געשטאַנען ביי דער טהיר און האָט געקלאַפּט מען זאָל איהם אריינלאָזען.

איך האָב געעפענט פאר איהם די טהיר, און ווילי איז גע־בליבען שטעהן פאר מיר מיטביידע העטלעך אין דער לופטען, אין איין הענטעל האָט ער געהאַלטען אַ ביקסעל, און אין צווייטען אַ פייפעלע, ער האָט געמאכט עפּעס מיט די ליפּלעך, און האָט ניט געקענט ארויסזאגען.

— אָט דאָס... דאָס איז דיינס! — האָט ער מיט טרעהרען אין די אויגעלעך קוים ארויסגעשטאַמעלט און מיר דערלאנגט ביי־דע זאכען. — דאָס האָב איך... דאָס האָב איך גע'גנב'עט!... גע'־גנב'עט ביי דיר!...

איך האָב אויסגעשטרעקט די אויגען אויף דעם קליינעם ווילי און איך האָב איהם ניט פערשטאַנען.

— נעהם, נעהם! — האָט ער מיר געשטופּט די זאכען מיט אראבגעלאָזטע, פערטרעהרטע אויגעלעך — נעהם, זיי זיינען דיי־נע! איך וויל ניט זיין שלעכט! איך האָב גע'גנב'עט! עס איז דיינס!...

ווען איך האָב צוגענומען ביים קליינעם ווילי די זאכען, האָב איך געזעהן ווי ער האָט פרייער אָבגעאַטהעמט. ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף מיר מיט אזעלכע דאנקבארע אויגעלעך, אזוי ווי איך וואָלט איהם פון אַ שווערער משא בעפרייט.

און ווען ער איז דערנאָך מיט די צייטונגען אהיים געגאנגען האָט ער זיך ביי מיר אָנגעפרעגט: „אַ יאָ איך בין שוין אצינד ניט קיין שלעכט קינד? „סאַנטע קלאוז" וועט שוין קומען צו מיר! וועט ער ניט?

און ווען איך האָב איהם פערזיכערט אז יא, האָט ער אַ טאַנץ געטהאָן און געשמייכעלט גליקליך מיט די אויגען.

זי פערשטעהט איהם ניט.

(א בילד.)

א גאַס ביי א גאַס.

איין גאַס, א שטילע פערבויט פון לויטער פריוואַט הייזער, וועלכע ווערען בעוואָהנט פון אייגענע בעלי בתים.

און די צווייטע א רעש'יגע פערבויט מיט גרויסע הויכע געביידעס, וועלכע ווערען בעוואָהנט פון מיטעלע און אָרימע קלאסען שכנים.

אין איינע פון די פריוואַט הייזער, א צוויי שטאָקיגע וואוהנונג, א גרויסער גאָרטען מיט כוימער, און בלומען — וואָהנען מיימי'ס עלטערען. דער פאָטער איז א פערוואלטער פון א גרויסען פאבריק געשעפט.

און אין איינעם פון די הויכע געביידעס, אויפ'ן פינפטען שטאָק, דריי חדרים. צום הויף צו, — וואָהנען העררי'ס עלטערען, דער פאָטער איז אַ קאַמאַשען שטעפער, א הוסטענדיגער...

דער הויף פון דער געביידע וואו העררי'ס עלטערען וואָהנען, און דער גאָרטען פון דעם הויז, וואו מיימי'ס עלטערען וואָהנען, קומען זיך צוזאמען און גרענעצען זיך דורך א נידעריגען פּאַרקאַן.

העררי און מיימי, זיינען ביידע די זעלבע יאָהרען, ביידע א

יאָהר אכט. און הערדי האָט שטארק חשק מיט מיימי'ן זיך שפּיעלען.

איין פריה מאָרגען בעמערקט הערדי מיימי'ן דורכ'ן פענסטער, און עס טראָגט איהם אראָפּ פון די טרעפּ.

לויפענדיג ציינט זיך איהם אויס, אז ער וועט גלייך אריבער אויף יענער זייט פּארקאן צו מיימי'ן. אָבער קומענדיג אונטען, אז ער גיט מיט די אויגלעך א בליק, ווי מיימי געהט אזוי שעהן אָנגעטהאָן, אזוי ריין ארומגעוואשען און פערקעמט, און ער — די קליידער אָבגעטראגען, די שיכלעך צוריסען, בלייבט ער שטעהן פון דער ווייטענס. א ווייל'ע בויגט ער זיך, דרעהט זיך, זוכט פון פערלעגענהייט מיט די הענטלעך אין די קעשינקעס פון די פּלו־דערלעך. עס קומען איהם אין די הענטלעך א פּאָר קנעפּלעך. ער שלעפּט זיי ארויס, און זיי פאלע איהם ארויס פון ציטערניש אויף די שטיינער.

ער נעהמט זיי נאָכפּויזען, ווארפענדיג אלע מאָל פערשעהמ־טע בליקען אויף מיימי'ן, און פויזענדיג קומט ער וואס א מאָל נעהענטער צו מיימי'ן.

ביים פּארקאן שטעלט ער זיך לאנגזאם אָב, און נעהמט מיט ציטערענדיגע הענטלעך איבערלעגען זיינע „זאכען" פון איין קע־שענקע אין דער צווייטער.

ער לעגט אריבער די זאכען לאנגזאם, פארזיכטיג, איבערטאַ־פּענדיג: דאָ, דעם מיאטשיק, דאָ דאָס פייפעלע, יעדעס ווי ער וואָלט עס צום ערשטען מאָל ערשט דערזעהן, אוןווארפט יעדעס מאָל א פערשעהמטען בליק דורך די שפּארינעס פון די גראַטעס.

מיימי, אז זי בעמערקט דאָס, נעהמט זי אויך שעמעוודיג, אָהן ווערטער, בעריהמען זיך מיט איהרע זאכען, זי נעהמט איבערלע־גען איהר קערבעלע מיט בלומען, נעהמט ארויס די ליאלקע פון וויעגעלע, און נעהמט אויסטרייסלען דאָס זיידענע צודעקעל.

און הערדי נעהמט זיך אָן מיט מוטה, ער דערצעהלט איהר אויף זיין קינדערשער שפּראַך, האלב שעמעוודיג, מיט בעריהמע־ריי, אז ער האָט נאָך אין הויז א סך, א סך זאכען, שעהנע זאַ־כען, ער קריעגט זיי פון זיין טאנטע מאלע, און ער שלאָגט איהר פּאָר: צו בייטען זיך אויף איהרע זאכען.

— גיב מיר דיינע „צאַצקעס" און איך.. וועל דיר געבען

צוויי קאָקעסענע קנעפּ, צוויי קנעפּ, זעהסטו די קנעפּ? און אַ, אַט דאָס, אַט דאָס פּיפּעלע... זעהסט ווי ער פּייפּט... עס קאָסט פינף, אפשר צעהן קאָפּיקעס... קאָסט עס...

מיימי ווערט מרוצה, דער מסחר ווערט געשלאָסען, און הערדי ווערט היימישער. ער ערלויבט זיך אַ קלעטער צו טהאָן אויף דעם פּארקאן, מיימי ציינט איהם וואו עס איז לייכטער אריבערצוקריכען. אַ פּאָר מאָל געהט דאָס ניט, ענדליך קלעטערט ער אריבער.

אויף יענער זייט בלייבט ער פון אָנפאַנג שטעהן, אביסעל צומישט. ער קוקט זיך ארום אויף אַלע זייטען: אויף די בלומען, אויף די בייטען מיט גרינס, אויף דעם גרויסען הונד, וועלכער בעטראַכט איהם אַ ווײַלע משונה, און נעהמט איהם ארומשמעקען, און דרעהען מיט'ן עק.

מיימי נעהנט גלעטען דעם הונד, נעהמט איהם שטופּען דאָס קליינע הענטעל אין מויל אריין.

— ער בייסט ניט, „פּרינץ״ בייסט ניט... קיין מאָל בייסט ער ניט... — פערזיכערט זי איהם.

און די קינדער ווערען היימיש.

הערדי נעהמט באַלד ארוממארשירען איבער'ן גאָרטען, איבערטאַפּען יעדע גרעזעל, יעדע בלעטיל, דאָ גיט ער אַ צופּ, דאָרט אַ ריס, אומקוקענדיג זיך יעדער ווײַלע צו קיינער זעהט ניט...

מיימי העלפט איהם ארויס און ווען זיי האָבען שוין אַ היבשע ביסעל פון די אָבגעריסענע גרעזלעך און בלעטלעך, שלאָגט הערדי פאָר מיימי'ן: אז זיי זאָלען זיך שפּיעלען אין „טאַטע מאַמע.״

— עס איז אַ שעהנע שפּיעל — נעהמט ער איהר ריהמען — וועסט זעהן, אזא שעהנע שפּיעל! דו, דו וועסט זיין די מאַמע, וועסטו זיין און איך, איכ'ל זיין דער טאַטע... און די ליאַלקע וועט זיין דאָס קינד, וועט דאָס זיין... פערשטעהסטו? וועסטו נעהמען אָנזויגען דאָס קינד...

— ווי אזוי זויגט מען אָן אַ קינד? — פרעגט מיימי פערוואונדערט — איך, איך ווייס ניט ווי אזוי.

— ווי אזוי? ווייסט ניט ווי אזוי? אַט אזוי:

הערדי צושפּיעלעט דאָס העמדיל, לעגט צו די ליאַלקע צום

נאקעטען ברוסטעל, און ציינט איהר, ווי אזוי מען זוינט אן א קינד.

— דאס טהוט דאך גאר ניט די מאמע — קען מיימי ניט פער־שטעהן — דאס טהוט דאך די מאדאם... ליזא הייסט זי... די מא־דאם, וואס זויגט מאקסען.

— ניין, ניין, דאס טהוט א מאמע, א מאמע טהוט דאס — זאגט הערבי מיט א טאן פון אן אויטאריטעט.

— און... און אז דאס קינד וועט וויינען, זאלסטו דאס אנ־פאטשען אט אזוי... — זאגט ער איהר ווייטער, און ציינט איהר ווי אזוי מען פאטשט א קינד...

— ניין, טוה דאס ניט — פערקרימט זיך מיימי, און טרעה־רען שטעלען זיך איהר אין די אויגעלעך, — טהו דאס ניט, א רחמנות...

— א מאמע טהוט אזוי— גיט ער איהר צו פערשטעהן — דאס איז גאר נישט, דאס טהוט א מאמע...

— נאכדעם — זאגט ער איהר ווייטער — זאלסטו אוועק־לעגען דאס קינד אין וויענעל אט אזוי — און ער ציינט איהר, ווי אזוי אוועקצולעגען דאס קינד מיט כעס און מיט קללות.

— וואס איז דאס? — פרעגט זי איהם, ניט פערשטעהענדיג די קללות.

— דו ווייסט ניט וואס „די ניכפה זאל דיר אויסכאפען" איז? דאס איז א קללה — גיט ער איהר צו פערשטעהן.

— אזוי שילט א מאמע.

— די מאמע זאגט דאס ניט—פערשטעהט ניט מיימי.—די מא־מע קושט מאקסען גוט אן, און גיט איהם אוועק גאסי'ן... גאסי טראגט כסדר ארום מאקסען.

— ניין, ניין, איך ווייס בעסער — שפארט איבער הערבי — די מאמע זאגט דאס יא.

— נאכדעם זאלסטו נעהמען אט די בלעטלעך — ציינט ער איהר אן — דאס וועט זיין וועש, און זאלסט זיך נעהמען וואַ־שען. זאלסט צושויבערען די האר, — ציינט ער איהר — אט אזוי! זאלסט אויסשמירען די נאז, פערקאטשען די ארבעל, און... און דאס וועט זיין דאס וואש ברעטעל, און דאס א וואש קעסעל, און

אַט דאָס דער אויוון, אויפ׳ן אויוון זאָלסטו ארויפשטעלען דעם קעסעל, און, און אַט דאָ, אין דער צווייטער זייט, זאָלסטו קאָכען מיטאָג...

— דאָס טהוט דאָך גאָר מארטהא — פערשטעהט ווייטער ניט מיימי — מארטהא קאָכט און וואשט, און ווען די מאַמע שטעהט אויף איז שוין אלעס פארטיג. א מאמע בייזערט זיך נאָר, א מאמע טהוט ניט...

— ניין, ניין, דאָס טהוט א מאמע — איך וויים בעסער, — פערזיכערט הערריי.

און אַט דאָ זאָלסטו לייגען די הייזקעס צום איינגנעהען קנעפ־לעך — צייגט ער איהר אָן אויף א פלאץ.

— וואָס מיינסטו? — פרעגט איהם מיימי איבער.

— הייזקעס, קליינע הייזקעס, אָנצונעהען קנעפלעך. א מאַ־מע נעהמט ארויס הייזקעס פון פאבריק און זי נעהט אָן קנעפלעך, וויסט גאָר ניט?

מיימי ציהט אויף מיט די אקסלען, — הייזקעס גאָר, צו וואס?

— און איך, איך וועל אוועקגעהן ארבייטען — זאָגט ווייטער הערריי.

— דו מיינסט צום געשעפט — פעררוכט איהם מיימי.

— ניין, ארבייטען. א טאַטע ארבייט אין פאבריק, ביי הענד־דער.

און הערריי נעהמט א פאפיר, וויקעלט איין א ביסל גראז — דאָס איז הערינג מיט ברויט, דאָס נעהמט א טאַטע מיט אין פאב־ריק, פאר איבערבייסען.

— איבערבייסען, עסט א טאַטע קאָטלעטען, אייער, פוטער, קאַקאָ מיט מילך, אין עס צימער, אַט דאָרט אָ, —צייגט זי איהם אָן מיט׳ן פינגערעל.

— ניין, ניין, איך וויים בעסער — פערזיכערט הערריי.

— און דאָס וועט זיין א טיש. דאָס א שטוהל. און דאָ וועלען מיר עסען, ווען איך וועל קומען צו מיטאָג — זאָגט ער איהר צו לעצט.

ער געהט כלומר׳שט אוועק צו דער ארבייט, זאמט זיך אָב

אביסעל אין א ווינקעל, טהוט אוים דאָס רעקיל, און נעהמט דאָס אויף דעם הענטעל, און לאָזט זיך הערען אז ער געהט פאר מי־טאָג.

ער הוסט עטליכע מאָל, א טרוקענעם, הילכיגען הוסט, שפייט נאָכהער אוים די שליים אין הענטעל, בעקוקט גוט, און ווארפט אוועק... לעגט צו דאָס רעכטע הענטעל צו דער ברוסט און פער־קרימט זיך מיט א קרעכץ.

נאָכהער שטעלט ער אָן א ביטערע מינע, געהט מיט הארטע טריט צו צום טישעל, גיט א רוק בייז די שטוהל, ווארפט אראב דאָס קאשקעטעל, און זעצט זיך אוועק ברוגז.

— נו, און וואו איז שוין דיין מיטאג, וואו איז שוין! — גיט ער בייז א זאָג.

די קליינע מאמע קוקט איהם אָן צושראָקען.

ער שטעהט אויף, גיט מיט כעס א טופע מיט'ן פיסעל, די אויגעלעך ווערען גרוים, פול מיט פייער.

— וואו איז דער מיטאָג דיינער! דו... דו שטיק שפילה! דו, דו גאָר נישט! — דונערט ער מיט זיין קינדערשען קול'כעל.

מיימי נעהמט זיך קרימען, עס שטעלען זיך איהר טרעהרען אין די אויגעלעך, און זי פלאצט ארוים מיט א געוויין.

אויף איהר געוויין בעווייזט זיך א מאדאם מיט א ווייסען פארטוך.

הערריי, דערשרעקט זיך, כאפט דאָס קאשקעטעל און נעהמט קלעטערען איבער'ן פארקאנדעל. פאר שרעק פאלט ער אריבער די שטיינער און צוקלאפט זיך די זייטלעך.

ער שטעהט אויף מיט א געוויין.

— זי איז א נארישע ציעג — כליפעט ער וויינענדיג פון יענער זייט פארקאן, זיך האלטענדיג ביים זייטעל — זי ווייסט ניט ווי צו שפיעלען זיך אין טאטע־מאמע!...